STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00626

DER KEYSER IN GETO

Rachmil Bryks

Permanent preservation of this book was made possible by
Michael E. & Susan C. Goldman
in memory of
Mary & Louis Goldman and Anna & Samuel Shafran

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דער „קייסער״ אין געטאָ

„זאַנאַבענד אַרכיוו״ פון „ייוואָ״

יידיש געלט פון לאָדזשער געטאָ

צוויי „רומקעס" (מאַרק) מיט דער אונטערשריפט פון „קייסער"

מ. ח. רומקאָווסקי

„זאַנאַבענד אַרכיוו" פון „ייוואָ"

דער „קייסער" פון לאָדזשער געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, פאָרט אויף אַ „ריקשע", געשלעפּט פון געטאָ-אידן, געהיטן פון זיין לייבוואַך, אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר (פון „קייסער'ס" פּאָליציי).

זאַנאַבענד-אַרכיוו פון „ייוואָ"

אַ פּאָסט מאַרקע פון לאָדזשער געטאָ (פאַרגרעסערט)
מיט דעם בילד פון „קייסער", מרדכי חיים רומקאָווסקי
„זאַנאבענד אַרכיוו" פון „ייוואָ"

ירחמיאל בריקס

דער „קייסער" אין געטאָ

נאָוועלע

מיט אַ הקדמה פון

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אַרויסגעגעבן פון „ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט", ניו יאָרק, נ. י.
מיט דער מיטהילף פון „יוסף ווינעצקי־פאָנד",
ביים „יידישן פ.ע.נ.־קלוב".

ניו יאָרק, 1961

THE "KING" OF THE GHETTO

By

RACHMIL BRYKS

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּלאַרן

Copyright 1961

RACHMIL BRYKS
860 Columbus Avenue
New York 25, N. Y.
Tel. MO. 3-3436

הויפּט־פאַרקויף „ציקאָ״ ביכער־צענטראַלע, ניו יאָרק

Printed in the United States of America
by FUTURO PRESS, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.
209

דאָס „דאָזיקע בוך ווידמע איך מיין ליבער פרוי הינדע עטל, וואָס האָט אַזוי ווי איך נסימדיק דורכגעלעבט גהינום-אוישוויץ, און מיינע ווונדער-לעכע ליבע קינדערלעך מרימ׳ל סע-רעלע און בילה׳לע רבקה׳לע, פאַר זייער טיילן זיך מיט מיינע ליידן און פריידן.

דער מחבר

ווערק פון ירחמיאל בריקס:

1. „יונג־גרין־מאַי", לירישע לידער, לאָדזש, פּוילן, יוני, 1939
2. „אויף קידוש השם", „אַ קאַץ אין געטאָ" און „בערעלע אין געטאָ", נאָוועלן, ניו יאָרק, 1952

   2־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1953

   3־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1954

   4־טע אויפלאַגע, ניו יאָרק, 1956
3. דער „קיסר" אין געטאָ", ניו יאָרק, 1961

ע נ ג ל י ש

"A CAT IN THE GHETTO"

by

RACHMIL BRYKS

With a letter by Eleanor Roosevelt

New York, N. Y. 1959

Bloch Publishing, New York, N. Y.

דער ירחמיאל בריקס בוך־קאָמיטעט, דריקט אויס אַ דאַנק דעם „ייוואָ" פאַר אַרויסבאָרגן די אויטענטישע בילדער פון לאָדזשער געטאָ, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך.

ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן מחבר

ירחמיאל בריקס איז געבוירן אין סקאַרזשיסקאָ-קאַמיעננא, פוילן, ביי אָרעמע עלטערן. ער איז געווען דאָס דריטע קינד צווישן פיר שוועסטער און פיר ברידער. זיין פאָטער, ר׳ טוביה, איז געווען אַ חסיד און אַ תלמיד חכם. ער איז אויך געווען אַ האַרציקער בעל תפילה און בעל קורא. ער האָט ירחמיאלן געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג: חדר און בית המדרש און אויך וועלטלעכע בילדונג. צו פערצן יאָר האָט ער שוין געמוזט אַרבעטן צוצוהעלפן צו דער פרנסה. ער האָט געאַרבעט אַלס היטלמאַכער און אַלס שטובן-מאָלער.

אין שמחת תורה 1942 האָבן די דייטשן אויף אַן אכזריותדיקן אופן ליקווידירט די סקאַרזשיסקער געטאָ און דאָס גאַנצע שטעטל יידן אומגעבראַכט אין טרעבלינקע, וווּ עס איז אויך אומגעקומען י. בריקסעס משפחה.

אַלס יינגל איז י. בריקס געקומען קיין לאָדזש און דאָ אין דער פראָלעטאַרישער שטאָט, האָט ער געזען דעם געראַנגל פון אונטערדריקער און אונטערדריקטע. דאָס האָט אויף אים געווירקט: ער פאַרטיידיקט די באַעוולטע און דאָס ציט זיך ווי אַ פאָדעם אין זיינע שאַפונגען. — די יידישע מאָראַל פון יושר און גערעכטיקייט.

ירחמיאל בריקס האָט שטודירט און געשפילט טעאַטער אין דער טעאַטער סטודיע „אויפגאַנג״ און אין דער „לאָדזשער יידישער טעאַטער סטודיע״ אין „הזמיר״, וווּ עס איז שטודירט און אויפגעפירט געוואָרן נאָר קלאַסישער רעפּערטואַר.

אין יאָר 1937 דעביוטירט ער מיט אַ ליד א. נ. „אַלייען״, אין „אינדזל״ אין לאָדזש, אונטער דער רעדאַקציע פון זישע באַגיש ע״ה.

אין יאָר 1939 דערשיינט אין לאָדזש זיין ערשטלינג, לירישע לידער א. נ. „יונג-גרין-מאַי״, וווּ ער מאָלט אימאַזשן פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. די ליט. קריטיק און די לייענער האָבן דאָס ביכל זייער וואַרעם אויפגענומען. איין קריטיקער האָט געשריבן: „י. בריקס באַזינגט די וועלט און ער שילט דעם וויסטן צעשויבערטן מצב אונדזערן, אָבער אַן ביליקע עפּיטעטן. אין דער ליריק פאַרמאָגט ער אַ באַהאַלטענע ליידנשאַפט״.

ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן פּוילן, גייט בריקס פאַרטיידיקן וואַרשע. ער ווערט געפאַנגען פון די דייטשן. נאָך אַכט וואָכן געפאַנגען־לאַגער, ווערט ער באַפרייט.

ער געפינט זיך אין לאָדזשער געטאָ און דאָ, ביי די שווידער־לעכסטע באַדינגונגען זעצט ער פאָר זיין ליטעראַרישע אַרבעט. ער העלפט אָרגאַניזירן די אונטערערדישע שרייבער־גרופּע פון 24, ווו די ערן־פאַרזיצערין איז געווען די טיף־יידיש־טראַדיציאָנעלע פּאָעטע־סע מרים אולינאָווער ז״ל, וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

אין אויגוסט 1944 ווערט ליקווידירט די געטאָ און ירחמיאל בריקס ווערט מיט אַ טראַנספּאָרט יידן פאַרשלעפּט אין דעם גרעסטן טויטן־לאַגער אוישוויץ, ווו די דייטשן האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן מענטשן פון גאַנץ אייראָפּע. אַזוי ווי די דייטשן האָבן זיך שוין דעמאָלט גענויטיקט אין אַרבעטער, איז בריקס, אַלס יונגער מענטש, אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַרבעט און ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, צו שקלאַפן אין אַ פאַבריק. אַזוי ווי אין אוישוויץ זיינען פאַרניכטעט געוואָרן זיינע אַלע שאַפונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון לאָדזשער געטאָ, און שרייבן האָט מען נישט געטאָרט און קיין בליי און פּאַפּיר האָט מען נישט געטאָרט האָבן, האָט בריקס ביינאַכט אויף זיין שמוציק געלעגער, אַ הונ־געריקער, איבערגעשריבן אין געדאַנק זיינע שאַפונגען.

איינמאָל האָט בריקס געפונען אַ פּיצל בליי, און אַ צווייט מאָל אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט ער געפּרוווט פאַרשרייבן זיין ליד „דער געהאָנגענער״ — ווייל ער האָט מורא געהאַט ער וועט חלילה עס פאַרגעסן — האָט דאָס פונדערווייטן באַמערקט דער בלאָקן עלטסטער, האָט ער אים געשלאָגן מיט אַ בעזים איבערן פּנים אַזוי לאַנג ביז ער האָט אים צעבלוטיקט.

יידן האָבן שטענדיק בכבודיק געהאַלטן און געשטיצט זייערע פאָלקסשרייבער. אין געטאָ און אין קאָנצענטראַציע לאַגערן האָבן די יידן געשטיצט ירחמיאל בריקסן און דאָס האָט אים אַ סך געהאָלפן איבערצולעבן דעם נאַציזם.

דעם 2־טן מאַי 1945, האָט אים די אַמעריקאַנער אַרמיי באַפרייט אַ האַלב־טויטן. ער איז באַלד גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל אַריין. און אין יולי האָט אים דער רויטער קרייץ גענומען פון שפּיטאָל אין בערגען בעלזען קיין שוועדן צו היילן. אין די שפּיטעלער און אין די סאַנאַטאָריעס האָט בריקס פאַרגעזעצט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט און ער האָט געזאַמלט פאָלקלאָר און דאָקומענטן. ער האָט אויך געפירט אַ קולטור טעטיקייט ביי דער שארית הפליטה.

ירחמיאל בריקס איז געווען דער אָפיציעלער „ייוואָ"-קאָרעס־פּאָנדענט אין שוועדן, ווו ער איז עטלעכע יאָר געשטאַנען אין בריוולעכן אויסטויש מיטן פּראָפ. מאַקס ווײַנרײַך אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן אַרבעט פאַרן „ייוואָ". ער האָט צוגעשיקט וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם יידישן לעבן אין סקאַנדינאַוויען. דעם וויכטיקסטן אַרכיוו, וואָס דער „ייוואָ" פאַרמאָגט וועגן די נאַציסטע געטאָס, דאָס איז דער „זאָנאַבענד־אַרכיוו" (וועגן לאָדזשער געטאָ), דאָס האָט ירחמיאל בריקס פאַרשאַפן פאַרן „ייוואָ".

אין מערץ 1949 האָט אים דער „ייוואָ" אַראָפּגעבראַכט קיין ניו־יאָרק צוזאַמען מיט זײַן פרוי און צוויי קינדערלעך.

אין נאָוועמבער 1946 האָט י. בריקס דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „קינדער זשורנאַל" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, א. נ. „בערעלע אין געטאָ". די דערציילונג האָט געמאַכט אַן איינדרוק און איז איבערגעדרוקט געוואָרן כמעט אין אַלע לענדער, ווו עס דערשיינט דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט, אַפילו אין פוילן.

זײַן באַרימטע נאָוועלע „אַ קאַץ אין געטאָ" האָט קיין שום רעדאַקציע, — אפילו „די צוקונפט" נישט געוואָלט דרוקן. נאָך לאַנגע, און שווערע באַמיאונגען פון קלאַסיקער אברהם רייזען ז"ל האָט זיך אין „טאָג" אין ניו יאָרק אין אָקטאָבער 1949 די נאָוועלע געדרוקט אין פאָרזעצונגען, רעדאַגירט פון אהרן צייטלין. זי מאַכט אַ רושם אויף ליטעראַטור מבינים און ווערט באַלד אָנערקענט אַלס איינציק אַרטיק אין דער חורבן ליטעראַטור. טיילן ווערן אויפגעפירט אויף דער יידישער בינע אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון הבימה־קינסטלער ר. בן־ארי. שפּעטער ווערט דאָס ווערק אויפגעפירט אויף דער ראַדיאָ. די צוהערער ווערן פאַרכאַפּט פון דער דראַמע אַרום דער קאַץ, און וואַרטן אומגעדולדיק אויף די פאָרזעצונגען.

אין יאָר 1952 דערשיינט י. בריקסעס ערשטע בוך נאָוועלן, א. נ. „אויף קידוש השם" מיט אַ פאָרוואָרט פון ד"ר א. מוקדוני. דאָס בוך מאַכט אַ גרויסן רושם איבער גאָר דער יידישער וועלט. צענדליקער און צענדליקער יידישע און העברעאישע פּאָעטן, עסייאיסטן, דערציילער און ליט.־קריטיקער האָבן געשריבן מיט גרויס לויב וועגן דעם בוך. עס זײַנען אפילו אויך געווען עטלעכע רעצענזיעס אין ענגליש. הונדערטער און הונדערטער לייענער האָבן צוגעשיקט צום מחבר באַגייסטערטע בריוו, ווו זיי האָבן אויסגעדריקט זייער התפעלות פאַר דעם ווערק. מיר וועלן נאָר ציטירן עטלעכע ווערטער, וואָס האָט געשריבן דער צאַרטער, רעליגיעזער העברעאישער פּאָעט דוד שמעוני ז"ל, פון מדינת ישראל:

„דאָס ספר „אויף קידוש השם", פון ירחמיאל בריקס האָט אויף

מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט דעם אוממיטלבאַרן אמת, וואָס קוועלט אַרויס פון יעדן זייטל און זייטל. צום אוצר פון די מאַרטי-ראָלאָגישע כתבים פון יידישן פאָלק וועט אויך דאָס ספר „אויף קידוש השם" איינגעזאַמלט ווערן, ווי איינע פון די טייערסטע און חשוב'סטע שאַפונגען. ירחמיאל בריקס האָט מצליח געווען צו אַנט-פּלעקן וווּנדערפולע ניצוצות פון קדושה אין דער יידישער נשמה, וואָס איז ניט פאַראומרייניקט געוואָרן אפילו אין די מאוים'דיקסטע ליידן און טאָרטורען".

יצחק באַשעוויס האָט געשריבן: „אַ קאַץ אין געטאָ", פון ירחמיאל בריקס, באַזיצט אַ טראַגישן הומאָר וואָס מען קען קיין ענלעכן נישט געפינען אין דער וועלט-ליטעראַטור".

דאָס בוך איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון אָרטאָדאָקסישן ייד ביז דעם פרייִדענקער, און עס איז אין אַ קורצער צייט דערשינען אין פיר אויפלאַגעס. דאָס איז אַ זעלטענע-זעלטענ-הייט אין אונדזער צייט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1959 איז דאָס בוך דערשינען אין ענגליש א. נ. "A Cat In The Ghetto" איבערזעצט פון ד"ר ס. מאָרים ענגעל. עס הייבט זיך אָן מיט אַ פאָרוואָרט פון עלינאָר רוזוועלט און עס איז באַגלייט מיט צוויי עסייען פון פּראָפ. סאָל ליפּצין און פון אַמעריקאַנעם ליטעראַטור-קריטיקער פּראָפ. אוירווינג האַו. דאָס בוך האָט געמאַכט אַ רושם אויף דעם בעסערן ענגלישן לייענער, און אין אַ ריי ענגליש רעדנדיקע לענדער האָבן ליט.-קריטיקער וועגן אים געשריבן מיט גרויס לויב.

חוץ דיכטער און נאָוועליסט, איז ירחמיאל בריקס אויך אַ פאָלקלאָריסט. ער האָט געהערט צום „פאָלקלאָר קלוב" אין „ייוואָ" וווּ דער מורה דרך איז געווען פּראָפ. מאַקס ווײַנרייך.

ירחמיאל בריקס לידער, נאָוועלן און פאָלקלאָר-איבעראַרבעטונגען זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש, שוועדיש, ענגליש, פויליש, דייטש, איטאַליעניש און טשעכיש.

די נאָוועלע „דער „קייסער" אין געטאָ" איז זיין צווייט פּראָזע בוך.

ירחמיאל בריקס בוך-קאָמיטעט

דער „קייסער" און די „קאַץ"

פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

דאָס דאָזיקע בוך „דער „קייסער" אין געטאָ", אַזוי ווי ירחמיאל בריקס ערשט בוך „אַ קאַץ אין געטאָ" פירט אונדז אַריין, ווי די נעמען אַליין זאָגן שוין, אין דער „שחיטה-שטאָט", אַריבער דער פייער פאַרסאַרפּעטער שוועל פון אַ וועלט, וואָס איז חרוב געוואָרן.

געטאָ — דאָס שרעק-וואָרט פאַר יידן נישט אין 14-טן יאָרהונ-דערט, נאָר אין סאַמע מיטן 20-סטן יאָרהונדערט. די לאָדזשער געטאָ, וווּ דאָרט האָט גע„קייסער"ט מיטן כּוח פון די דייטשן, דער יידנ-ראַטלער, מרדכי חיים רומקאָווסקי, איז דאָך אַ גלייך-בילד צו דער געטאָ אין ווילנע, וואַרשע, לובלין און נאָך און נאָך געטאָס, — ברידער און שוועסטער אונדזערע, אַריינגעוואָרפענע אין טאָל פון טויט, אין דעם גיא צלמות; אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן; אַרומגענומענע מיט הונגער, אויסצערונג און אויס„צער"ונג; געיאָגט און געפּלאָגט פון די טויזנט אויגן פון מלאך-המות.

אָבער זעט ווי דורך די בלעטער פון דער נאָוועלע — גייען זיי, איילן זיך, בינדן, פאַרבינדן און בינדן-אָפּ; ווונדן אויף ווונדן, אַזוי ווי משיח ביי די טויערן פון דער לעגענדאַרישער רוים...

טויט — און דאָך לעבן זיי. עפּעס סקרוכיקעס, נישט-דאָיקעס אָטעמט אַרוים פון זייער טאָן, פון זייערע פּיצלעך מעשים. טויט, — און דאָך האָוועז זיי, האָפן זיי, און דאָך חלומ'ען זיי.

זיי פירן אַפילו פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס; זיי שאַפן קינ-דער-שפּילן; זיי האָבן גרייטע אויסגעחשבונטע גימטריאות, ווען משיח וועט קומען דורכן סאַמע מיטלסטן טויער פון געטאָ!...

דאָס דאָזיקע בילד שווימט אויף פאַר אונדז פון דער נאָוועלע „דער „קייסער" אין געטאָ".

איך לייען און עס איז מיר שווער צו באַנעמען: ווי אַזוי האָט דער יונגער פּליט-שרייבער, וואָס גזירת-היטלער איז אים באַפאַלן אין זיין פריער יונגשאַפט, ווי האָט ער און פון וועמען האָט ער געירשנט דעם זין פון הומאָר אין מיטן פון דעם גרויסן צער; דעם

זין פון גראַטעסק אין מיטן חורבן? אַוודאי איז צו אים דער־גאַנגען דורך די דראָטן פון דער געטאָ, און אַפילו דורך די פייערן פון אוישוויץ, (וואָס אויך דאָרט איז ער געווען) דאָס גראַטעסקע חלומען פון מענדעלעס „בנימין השלישי"; די האַפענונג פון שלום עליכמס „גאָלד־גרעבער"; דאָס טראַגיש האַלב־משוגענע געלעכטערל פון יודקען אין דוד פינסקים „אוצר"... אַז ניט, טאָ ווו זשע דען האָט ירחמיאל בריקס פאַרירשנט אין זיך דאָס גראַטעסקע פון „אַ קאַץ אין געטאָ", וואָס די לעצטע יידן הענגען אָן אויף איר זייערע האָ־פענונגען; און דעם הומאָר, איראָניע און גראַטעסקע שטיקער לעבן פון „דער „קייסער" אין געטאָ"? איך האָב ענלעכס נישט געזען אין די אַנדערע חורבן־ביכער.

ירחמיאל בריקסעס געטאָ־ביכער זיינען גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט זיין אייגענעם וועג.

בריקס באַשרייבט אַלץ זייער פּרטימדיק, מיט אַלע איינצלהייטן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, אָפט איז עס כראָניק, אָבער גלייך ווערט עס מעשה. אָבער אויך אין דער כראָניק זיינער, אין די באַשרייבונגען, איז דאָ אָטעם; דורך אַלץ בליצט אַדורך דער צער און דער חן פון גראַטעסק. אַז ער באַשרייבט די מאָדנע בגדים, וואָס מען האָט גע־טראָגן אין דער געטאָ; די אויסגעטראַכטע מאכלים, וואָס מען האָט דאָרט געגעסן; די מאָדנע אַרבעט, וואָס מען האָט דאָרט געטאָן; די פאַרשיידענע יענע־וועלטיקע דערפינדונגען, וואָס מען האָט דאָרט דערפונדן — — — פון דעם אַלץ, פון אַלע זיינע כראָניקעס און קינסט־לערישע באַשרייבונגען הערט זיך ווידער אַ מאָל דער שלוכץ פון גראַטעסק. אָט דאָס דאָזיקע באַלעבט דאָס בוך. דאָס איז בריקס'עס אייגנאַרט, זיין נוסח און סגנון (סטיל).

נישטאָ דער אַנגענומענער דרך פון דערציילונגס־קונסט. דאָ און דאָרט איז דער שטאָף נישט אָרגאַניזירט. אָבער אין דער נישט אָרגאַניזירטקייט ליגט דער אמתער געטאָ־שטעמפּל. דער אמת פון דעם, וואָס בריקס האָט געזען און אַליין מיטגעמאַכט. ער וויל גאָר הפנים נישט זיין אַנגענומען דערציילעריש. ער האָט מורא, אַז דער־ציילערישקייט וועט ווערן אויסגעטראַכט. ער וויל עס נישט. און פונדעסטוועגן האָבן זיך יאָ אויף דער לענג פון בוך אַרויסגעכאַפּט זייטן און גאַנצע קאַפּיטלעך, וואָס זיינען עכט דערציילעריש, ווי אַ שטייגער: „די שאַנק", „אַ קינדער־שפּיל", „דער „קייסער" פּאַרט", „אַ קינד", „אַ פערד בריין", „אינדערפרי אין געסל", און נאָך, און נאָך.

אַז איך באַטאָן דאָס גראַטעסקע אין דעם בוך קומט, נאַטירלעך, קודם־כל אַנטקעגן דעם „קייסער" אַליין: אַלץ איז זיינס! „ס'איז

מיינס!" ליאַרעמט ער; „מיין מלוכה!"; „אין גאָט געטאָ גיבט ניט קיין פּריוואַט אייגנטום — אַלץ איז מיין!" די שמאַטעס זיינען זיינע; די ליידיקע גרויפּן זיינען זיינע; די מענטשן זיינען זיינע — אַלץ איז זיינס. נישטאָ וואָס צו ריידן: אַ „גרויסע מלוכה!" און אוודאי איז זיינס די אויסגעדאַרטע קליאַטשע, וואָס די דייטשן האָבן אים צוגע־וואָרפן: „נעם זי און רייט ווי אַ מלך!"

איינדרוקספולע טראַגי־קאָמישע סצענעס, ווי „דער „קייסער" פּאַרט" אָדער ווי „דער „קייסער" גיט אַרוים באַפעלן" זיינען דאָ אַ סך אין דעם דאָזיקן בוך.

פּאַרט דער „קייסער" און פּאַרוים, דוכט מיר, לויפט די „קאַץ", וואָס ווייזט און מיאוקעט מיט דעם לעצטן חלום פון דעם טראַגישן בינטל יידן; די „קאַץ", וואָס טראָגט אויף זיך דאָס לעצטע ביסל האָפענונג פון די צום טויט־פאַרמשפּטע, ווי אַ פּוסט־הילכנדיק גלעקל...

פּונקט ווי זיין ערשט בוך נאָוועלן האָט מיך דאָס איצטיקע שטאַרק באַווירקט און אפשר נאָך מער ווי דאָס ערשטע. דאָ איז די קאַנווע אַ ברייטערע. אַלץ ווערט דאָ באַשריבן. אָט אַזוי האָבן יידן, מיינע ברידער און שוועסטער, זיך געראַנגלט ביז זייער לעצטן אָטעם! אויף דעם וועג צו די גאַז־און פייער־אויוונס האָבן זיי אין טרוים אויך געזען היטלערס מפּלה. זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן. אָבער זייער „אני מאמין" איז מקוים געוואָרן...

איך האָב אין „דער „קייסער" אין געטאָ" געזען די גאַנצע טראַגישע עדה. אָבער אויך אַ סך איינציקע געשטאַלטן, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון:

דער „קייסער" און אַרום אים —

אָט איז דער חבר זיידע, דער אידעאַליסט, וואָס וואַרפט מיט זיינע האָפענונגען, ווי מיט קאָלירטע זייפן־בלאָזן. זיי פּלאַצן, אָבער ער האָט שוין נייע האָפענונגען: „ניין, אַ וועלט ווערט דאָך נישט אונטערגיין!" שרייט ער. אַ ייד, געטראָגן אויף דאָן קיכאָטישע פליגלען.

און אָט נעבן אים דער גוטהאַרציקער בלושטיין, וואָס ער איז נישט סתם אַזוי אַ דאָן קיכאָט, נאָר אַ ייד, וואָס כאָטש ער איז מאָדערן, איז ער דאָך פאַרוואָרצלט אין דעם אַלט־יידישן בטחון; „די רשעות מוז פּלאַצן, די וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן. אָבער דערווייל: בדמיך חיי!..."

און אָט איז דער „לינקער" פישעלע, וואָס אויך ער האָט זיך זיינע גוטע חשבונות און זיינע אַלעמאָליקע „נייעסן", ווי גוט אַלץ

גייט אויף דער מלחמה־ליניע... און ער מונטערט די יידן, אז באלד, באלד וועט מען באפרייט ווערן.

און ווי באלד — האפענונגען, קומט שוין אויך „דער פריילעך־מאכער פון געטא" מיט זיינע גראמען און מיט זיינע לידעלעך.

און אט איז דאס יינגעלע משהלע, וואס ער גיט זיך אפ מיט מאכן גראטעסקע־לידעלעך אנטקעגן „רומקאווסקי מרדכי חיים, וואס גיט נישט קיין ברויט און נישט קיין מים"".

און פון א זייט קומט אן מיט א גרויסער „גנבה", מיט א ברעקעלע האלץ אונטערן קלייד, די גוטע איידעלע שרהלע, בלושטיינס ווייב, מיט איר איידעלער יידישער ליבשאפט. זי דערמאנט שטארק אן דער מאמע דבורה לאה אין בריקס׳עם דערציילונג: „אויף קידוש השם".

צווישן בריקסעם פאראיינצלטע געשטאלטן זעט זיך אויך שטארק אן די „חברטע רעגינע", וואס איז געווען איינגאנצן אסימילירט, נאר אין דעם צער פון געטא האט זי אירע ברידער דערקענט און איז געווארן טיף־יידיש אין אירע איבערלעבונגען און מחשבות.

ס׳קומען אויך טיפן פון דער אונטערוועלט, וועלכע האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער געטא; און עס קומט אויך דער אידעאליסטישער, גוטער פישביין, א שטיקל באאמטער ביים „קייסער", וואס, אז ער קען עמיצן טאן כאטש א קליינע טובה די גרוים פון א קרישקעלע, איז ער איבערגליקלעך... מען דארף ראטעווען א נשמה, אבער, אז מען קאן ראטעווען א האלבע נשמה, א פערטל נשמה, איז אויך א גרויסע זאך...

אלע צוזאמען — איינגעוויקלטע אין צער און ארומגענומען מיט א דינעם פאדעם פון א סקרוכיקן גראטעסק, דאס איז דער נוסח פון בריקס׳עם שרייבן. דערביי רייסן זיך דורך הומארפולע אויסרופן און שארפע איראניע.

מען טאר ניט אויפהויבן קיין ברעקעלע האלץ אפילו פון דער ערד. די דייטשן דארפן עס פאר זיך.

שרייען יידן: „ווו איז דאס געהערט געווארן, אז האלץ זאל זיין טריף און פערד־פלייש זאל זיין כשר?..."

און אט דערציילן יידן, אז דער גזלן סוטער, פון דער דייטשער קרימינאל־פאליציי, האט זיך שדיש געחכמעט: „איך בין גרעסער פון אייער משה רבנו, ער האט געשלאגן אין א שטיין און ארויסגעצויגן וואסער, — איך שלאג אין הינטער־חלק און ציה ארויס באהאלטן גאלד."

און אַט קומט צו לויפן אַ יידל, אויך מיט אַ שאָטן פון האָפענונג, און ער פרייט זיך: „היטלער האָט געזאָגט, אַז ער האָט די שענסטע ראַסע, און טשוירטשיל האָט געזאָגט, אַז ער האָט די גרעסטע קאַסע, און סטאַלין האָט געזאָגט, אַז ער האָט די גרעסטע מאַסע, טאָ ווער וועט זיגן? אַוודאי, לאָזט ער אויס, וועט זיגן די מאַסע!..."

רופט זיך אָן אַ ייד, וואָס פּאַכעט שוין מיט דער נשמה: „אונדז קען נאָר העלפן רוזוועלט." זאָגט אים אַ צווייטער: „דיר וועט שוין נישט העלפן: נישט די וועלט, נישט יענע וועלט און אפילו נישט רוז־וועלט..."

אַט איז דער פריילעכער מאָדזשיצער חסיד, וואָס האַלט אין איין זינגען אַ פריילעכן שמחת תורה ניגון און ער זעט אין אַלעם אַ סימן, אַז די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאַדע מינוט.

און הינטער זיי שטייט דער אַלטער פרומער ר' איציק, וואָס קוקט אַריין אין די נביאים, אין דניאל, חבקוק, און ער מאַכט זיך זיינע חשבונות און צרופים, אַז משיח מוז קומען אַ ליאַדע וואָך.

און ביי זיין רעכטער האַנט שטייט אַ ייד, וואָס זינגט זיך אונטער אַ לידל: „מנחם מענדל פון יהופּעץ".

אַט־אַזאַ מאָדנע געזעמל מאַלט פאַר אונדז דער שרייבער — סאַטירע געמישט מיט בטחון. ווי טראַגיש איז די פּשוטע באַשרייבונג פון דעם „יום טוב", ווי אַ הונגעריקע משפּחה פּראַוועט אַ סעודה הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר, — כדי עס זאָל נישט ביי די שכנים אַרויסרופן קיין קנאה־שנאה — מיט אַ צוגעטיילטן פערד־ביין. אַ שמחה, אַ פרייד! שרהלע האָט עס געכשרט לויטן יידישן דין, אויסגעווייקט, אויסגעזאַלצן. דערנאָך האָט מען דעם ביין גוט איינגעפּאַקט און אים ערגעץ ווייט אַוועקגעוואָרפן, כדי שכנים זאָלן נישט דער־קענען, אַז עס איז אין דעם הויז געווען „פלייש". געוואַלד געשריגן: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן. אַז ביי יידן זאָל אַ פערד־ביין זיין כשר און האַלץ טריף?!"

און אַט לויפט אָן דער „קייסער" „ווער מאַכט די דעמאָנסטראַ־ציעס אין מיין מלוכה!?"

און אַט זע איך:

דער זעלביקער מרדכי חיים רומקאָווסקי, דער יודענראַטלער, האָט דערוויל דערזען פון ווייטן אַ דין רויכל אויפגיין פון אַ קוימען. יאָגט ער אַוועק גלייך אַהין: „וואָס פאַר אַ רויך איז עס? האָט מען ערגעץ געמאַכט אַ נייע דערפינדונג? האָבן „מיינע יידן" אויסגע־טראַכט עפּעס אַ ניי מאכל? וואָס קאָכט מען דאָרט, וואָס באַקט מען דאָרט?" און ער יאָגט זיך נאָך דעם רויכל...

לייען איך די באַשרייבונגען פון דער „טיי־האַלע"; פון דער „פּלאַצווקע"; פון די געסלעך; פון די קאַרשן־ביימער, וואָס בלושטיין מוז היטן זייערע קאַרשן; זע איך, ווי ער ציטערט ווען אַ מחנה הונגעריקע פייגל זיינען באַפאַלן די קאַרשן. וואָס זאָל ער טאָן? — לייען איך דאָס אַלץ און דאָס גאַנצע בילד פון מיינע ברידער און שוועסטער דערטראָגט זיך צו מיינע אויגן. און דאָך בלייבט אין האַרצן נישט נאָר חורבן נאָר אויך אַ טעם פון הומאָר, אַ טעם פון לעבן, אַ ליכטיקער טאָן פון „אני מאמין."

יידישע פּסיכיק: בטחון געבונדן מיט הומאָר אין די סאַמע טראַגישסטע מינוטן.

איך וויל דאָ אויך פאַרצייכענען, אַז אין דער נאָוועלע זיינען דאָ איידעלע נאַטור שילדערונגען און אַז דאָס לשון פון דעם בוך איז אַ גרונטיקס. עס הייבן זיך אַרויס אַ סך נייע ווערטער, וואָס זיינען אין יידיש אויפגעקומען אין דעם געטאָ־חורבן. י. בריקס האָט אויך אָנגעקליבן און אויפגעהיט דעם פאָלקלאָר פון דער געטאָ. אַלץ צו־זאַמען גיט דאָס בוך אַ רירנדיק בילד און האָט חוץ אַ קינסטלערישן אויך אַ היסטאָרישן ווערט.

און ס'איז מיר אויך געווען אַ טרייסט צו וויסן, אַז נישט נאָר די אַלטע ספרים האָבן געוועקט און געמונטערט אונדזערע ברידער אין דער צייט פון גרויסן צער, נאָר אויך די ספרים און ביכער פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור. די יינגערע מענטשן האָבן זיך געטוליעט צו מענדעלען, צו פּרצן, צו ביאַליקן, צו שלום עליכמען, און צו אַנדערע, פּונקט ווי צו די נביאים.

זאָלן מיינע ווערטער אַרויסבאַגלייטן דאָס בוך צום יידישן לייע־נער.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

בראָנקס, נ. י., 21סטן אָקטאָבער 1960.

„אַ מעשה וואָס איז אַ כראָניק —
אַ כראָניק, וואָס איז אַ מעשה״.

שמואל ניגער

וועגן „אַ קאַץ אין געטאָ״.

יידן, אין געטאָ אַריין!

דער צוויי-און-דרייסיק-יאָריקער, מיטל-ווּוקסיקער, שמחה בלו־שטיין, איז געווען אַן אָרגאַניזירטער האַנדלס-אַנגעשטעלטער. אַזוי ווי ער האָט אָנגעפירט מיט אַ סטרייק אין געשעפט פון זיין באַלע־באָס אַ פריינט, און יענער האָט געמוזט נאָכגעבן זיינע אַרבעטער, האָט דער באַלעבאָס, דורך אַ דיפּלאָמאַטיש דריידל, אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע, און בלושטיין האָט אינערגעץ נישט געקענט באַ־קומען קיין אַרבעט. אַלע באַלעבאַטים האָבן פאַר אים מורא געהאַט, עטלעכע יאָר האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויף צרות, געהונגערט, נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. חברים האָבן אַפילו אים געשטיצט, אָבער זיי אַליין זיינען אויך געווען גרויסע קבצנים. שפּעטער האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ צעלניק־קראָם אויפן „גרינעם מאַרק״, אונטערן פרייען הימל, טאַקע אין זיין שטאָט לאָדזש, און זיי האָבן חתונה געהאַט.

בלושטיין האָט געשטרעבט צו דערשלאָגן זיך צו אַ געוועלב, ער זאָל זיצן אונטער אַ דאַך, כדי ער זאָל נישט געפּייניקט ווערן פון היצן און רעגנס אום זומער און פון דער קעלט אום ווינטער. ווי שווער עס איז אים געווען, האָט ער דאָך נישט געהונגערט און געהאַט אַ בעט צו שלאָפן. אָבער לאַנג האָט דאָס ביסעלע מנוחה נישט אָנגעהאַלטן. באַלד האָבן די פּוילישע סטודענטן „געפּיקעוועט״ זיין „סטראַגאַן״, מיט שטעקנס אָוועקגעטריבן זיינע קונים, שרייענ־דיק: „פּאָליאַקן, ווי שעמט איר זיך נישט היינט צו קויפן ביי זשידעס? גייט צו אייגענע! סוווי דאָ סוועגאָ! זשידעס, קיין פּאַ־לעסטינע!״ נישט איינמאָל האָט מען בלושטיינען איבערגעקערט דעם סטראַגאַן און צעריבט די סחורה און דערצו אים נאָך שטאַרק צעשלאָגן. האָט ער שוין מורא געהאַט צו שטיין אויפן מאַרק און ער איז געבליבן אָן פּרנסה. האָט ער געטראַכט אָוועקצופאָרן פון פּוילן. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ-ישראל. אָבער צו אַ סער־טיפיקאַט האָט ער זיך נישט געקענט דערשלאָגן.

עס האָבן זיך דערטראָגן שוידערלעכע ידיעות וועגן יידן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, און אין פּוילן זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען

אויף יידן אין אַ רײַ שטעטלעך און שטעט. אין זײַן אייגענער שטאָט לאָדזש שטעכן אַנטיסעמיטן יידן אין יידישן קוואַרטאַל. דורך דער ראַדיאָ העצט מען קעגן יידן טעג און נעכט. אַנטיסעמיטישע צײַטונ־גען פּאַרקויפט מען צו צוויי גראָשן, אָדער מע צעטיילט זיי אומזיסט, כּדי זיי זאָלן דערגיין אין יעדן פּוילישן הויז. די צײַטונגען זײַנען קאָפּיעס פון שטרײַכערס „שטירמער", נאָר דאָ איז עס איבערגעזעצט אין פּויליש. יידן פילן וואָס עס רוקט זיך אָן אויף זיי. די פּוילישע רעגירונג גרייט זיך יידן אײַנצושליסן אין געטאָס און אײַנפירן די נירענבערגער געזעצן. יידן פילן, אַז די וועלט איז זיי ענג. בלושטיין הערט זיך צו ווי די פּוילישע באַאַמטע זאָגן: „מיר נעמען זיך אַראָפּ אַ בײַשפּיל פון „קולטורעלסטן" לאַנד אויף מערב־זײַט — דײַטש־לאַנד". אַ סך יידן האָבן געזאָגט: „מיר האָבן נישט קיין אויסוועג, עס מוז קומען אַ מלחמה, אפשר דעמאָלט וועלן די פּאָליאַקן קליגער ווערן." בלושטיין האָט אַלץ אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: „ע־ע,— האָט ער געזאָגט, —מען האָט זיי אַלע טיף אין דר'ערד! עס וועט גוט זײַן!" ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה... די דײַטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט, עס זײַנען געקומען נאָך גרעסערע צרות און בלושטיין, ווי אַלע יידן, האָט געמוזט אָנטאָן געלע לאַטעס.

בלושטיין מיט זײַן אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער שרהלע, זײַן ווײַב, האָבן געוווינט אין יידישן קוואַרטאַל, אין אַ פינצטערע, נאַסע שטוב, ווי סובלאָקאַטאָרן. די גאַנצע דריי יאָר זינט נאָך זייער חתונה, האָבן זיי אַלץ געטרוימט צו האָבן אָן אייגענע וווינונג; אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט צו דעם דערשלאָגן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט צו געבן קיין שליסל־געלט. און ביז אַצינד זײַנען זיי געבליבן אין דער זעלבער שטוב. אַזוי ווי די דײַטשן האָבן געלאָזט וויסן דורך זייער פּרעסע, אַז אין פיר חדשים אַרום וועלן אַלע יידן מוזן זײַן אין געטאָ, און זיי אַליין וועלן זיי העלפן איבערציען אין געטאָ אַרײַן, האָט שרהלע געעצהט: „אַליין, וואָס שנעלער גיין אין געטאָ אַרײַן." אָבער בלושטיין האָט זיך אויסגעלאַכט: „גיי שוין, גיי, ווער וועט פירן די געשעפטן, די פאַבריקן? כאַ־כאַ־כאַ, אַ שיין פּנים קען לאָדזש האָבן אָן יידן. און ס'אַנדערע — ביז „יעקע נאַר" וועט אָפּרײַניקן אַזאַ שטח יידן, קיין עין הרע נישט, וועט זיך פריער ענדיקן די מלחמה!"

אָבער פּלוצלינג אין מיטן דער נאַכט זײַנען טויזנטער דײַטשן באַפאַלן דעם קוואַרטאַל, אויפגעבראָכן יעדער טיר וואָס איז באַ־צייכנט געווען מיט אַ געלער לאַטע אין מגן־דוד פאָרעם. אויסגע־קוילעט טויזנטער יידישע משפּחות אין די בעטן. מטמא געווען יידישע טעכטער, איידער זיי האָבן זיי דערמאָרדעט, און האָבן

אויך פאַרלאָדנט טויזנטער יידן אין טויט-וואַגאָנען. די דאָזיקע נאַכט האָבן יידן אָנגערופן: „דער בלוטיקער דאָנערשטיק". אַזוי ווי בלושטיין האָט געוווינט אַ גאַס ווייטער ווו די „בלוטיקע אַקציע" איז פאָרגעקומען, האָט אים דער טויט אויסגעמיטן און באַלד צו-מאָרגנס איז בלושטיין מיט שרהלען, צוזאַמען מיט די לעבנגעבלי-בענע יידן געלאָפן אין איין העמד אין געטאָ אַריין.

דאָס איז געווען אַן אויסרעכענונג פון די דייטשן, כדי יידן זאָלן אַליין לויפן אין געטאָ אַריין און זאָלן גאָרנישט באַווייזן צו באַהאַלטן אָדער מיטצונעמען.

ווען בלושטיין און שרהלע האָבן פאַרלאָזט די פינצטערע, נאַסע שטוב, איז זיי דאָס ווינקל טייער געוואָרן. שרהלע האָט זיך צע-וויינט, ווען זי האָט געוואָרפן די לעצטע בליקן אויף די שטוביקע זאַכן, וואָס זיינען איר אָנגעקומען ממש מיטן טויט דאָס איינצו-קויפן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז די חפצים און דאָס צימער וויינען מיט איר מיט. בלושטיינען האָבן אויך טרערן געשטיקט: „וואָס וויינסטו, נאַרעלע, — האָט ער זיך געמאַכט האַרץ, — גאָר אינגיכן וועט „ער" איינעמען אַ מיתה משונה! און מיר וועלן אַהיימקומען אין אַ שענערער, אין אַ גרעסערער, אין אַן אייגענער וווינונג אַריין!"

שמחה בלושטיין האָט אָבער באַוויזן מיטצונעמען אַ סך יידישע ביכער מיט עטלעכע ספרים און נאָך אַ פאָר קלייניקייטן, צווישן דעם אַ שאַכטל אַלטע טשוועקעס. דאָס האָט שרהלען שפּעטער גרויס נוצן געבראַכט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען; כדי די דייטשן זאָלן בלושטיינען נישט כאַפּן אויף אַרבעט, אָדער רעווידירן, האָט ער אין איין האַנט געטראָגן אַן עמער מיט נאַסע פאַרב און אַ באַרשט — עס זאָל הייסן, אַז ער אַרבעט ביי אַ דייטש ווי אַ שטובן-מאַלער, און אויף דער אַנדער זייט פּלייצע האָט ער געטראָגן דעם זאַק.

עס איז געפאַלן אַ נאַסער שניי. די קעלט האָט זיך איינגע-פרעסן אין די ביינער. אין מיטן וועג, אויפן בלאָטיקן שניי, האָט זיך אין אומות-מות געשלעפּט אַ גלות-מאַרש מיט יידן אין געטאָ אַריין; מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט אָנגעפּאַקטע וועגעלעך, שלי-טעלעך, מיט קעסטלעך, מיט איבערגעדרייטע טישן און טאַבורעטן, אָנגעפּאַקט מיט דעם ביסל נוייטיקסטע „בעבעכעס"; מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, איינגעהילטע אין פאַטשיילעס. די דייטשן נעמען כסדר אַראָפּ די בילדער מיט פאָטאָ-אַפּאַראַטן. בלושטיין איז געגאַנגען אויפן טראָטואַר און באַטראַכט דעם גלות-צוג. פּלוצלינג זיינען אָנגעקומען אַ סך מונדירטע דייטשן. זיי האָבן פאַרהאַלטן די וואָס זיינען באַצייכנט געווען מיט געלע לאַטעס, געכאַפּט זיי, ווי

היצלעם כאפן הינט, און אוועקגעפירט אין לאסט־אויטאָס. איין דייטש האָט אָפּגעשטעלט בלושטיינען. האָט ער אים געוויזן דעם עמער מיט פארב און געזאָגט, אז ער ארבעט ביי א דייטש. האָט יענער אים געלאָזט ווייטער גיין.

שרהלע האָט זיך אָפּגערוקט פון בלושטיינען: זאָל ער צוליב איר נישט אריינפאלן. בלושטיין איז געגאנגען אָן מורא. ער האָט געזען ווי עס שטייען לאסט־אויטאָס ביי די יידישע געשעפטן, און יידן, וואָס די דייטשן האָבן זיי געכאפּט אויף ארבעט, לאָדענען ארויף סחורות. בלושטיין האָט שוין פארשטאנען: אז דאָ זיינען נאָר־וואָס די דייטשן באפאלן די יידישע וווינונגען און געשעפטן, רע־ווידירט די באלעבאטים, אראָפּגעצויגן פון זיי די בעסערע מלבושים, געהייסן זיך אָפּגעבן די שליסלען פון די וווינונגען, געשעפטן און פאבריקן, — און אָט די גרויסע גבירים זיינען אין איין מינוט געבליבן בלוטיקע ארעמעלייט. בלושטיין האָט צו זיך א זאָג געטאָן: „ע־עט, מיר יידן וועלן „אים" איבערלעבן! „יעקע נאַר" וועט דאָס אַלץ אויסקרענקען!" ער האָט זיך אויסגעדרייט, געזוכט שרהלען. ער איז געבליבן שטיין א צוויי מינוט. זי האָט זיך אַלץ נישט באוויזן. זי האָט אים געלאָזט גיין פארויס. איז ער פאראומרויקט געוואָרן וועגן איר. עס זיינען אָנגעפאָרן צוויי אָפיצירן, זיינען ארויס פון אַן אויטאָמאָביל. זיי האָבן אָפּגעשטעלט פון גלות־צוג א מאמע מיט דריי קליינע קינדער, וואָס זיינען געגאנגען האלב באָרוועס און איינגעהילט אין שמאטעס. זיי האָבן געציטערט אי פון קעלט, אי פאר די דייטשן. די מאמע איז געווען איינגעשפאנט צום איבער־געדרייטן טיש, וואָס האָט געדינט פאר א שליטן. צוויי קינדער האָבן נאָכגעשטופּט הינטן ביי די פיס און ס'קלענסטע קינד האָט זיך אָנ־געהאַלטן אָן דער מאמען. ווען די דייטשן האָבן זיי אָפּגעשטעלט און געהייסן צופאָרן צום טראָטואַר, זיינען אַלע קינדער צוגעלאָפן זוכן שוץ ביי דער מאמען. דער אויבער־אָפיציר האָט זיי צוריק אויסגעשטעלט אין דער פּאָזיציע ווי זיי זיינען געפאָרן; ער האָט זיך אויסגעגלייכט, פארשטייפט דעם פּאַסיק, ווײלעריש זיך אוועקגע־שטעלט לעבן זיי. דער צווייטער אָפיציר האָט אָנגעשטעלט דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט און גענומען א בילד.

בלושטיין האָט באטראַכט דעם אויסגעפרעסענעם, אויסגערוטן אָפיציר לעבן דעם איבערגעדרייטן טיש מיטן ביסל אָרעמקייט: עטלעכע אַלטע טעפּ, שיסלען, א קליין קינדער־בענקעלע און דער־נעבן א צעבראָכענע אלמנה מיט יתומימלעך ,וואָס זיינען דורכ־געפרוירן און ציטערן אימת־מות פאר דעם שיין געקליידעטן דייטש, וואָס האָט א פּנים פון בלוט און מילך. „דאָס בילד," — האָט דער

דייטש געזאָגט מיט פרייד, — וועט ער אַהיימשיקן צו זיין משפּחה אין פאָטערלאַנד".

„נעבעך אַ רחמנות אויף „זיי"; ווי איז צו זייער שכל און קולטור", — האָט בלושטיין געטראַכט און ער איז ווייטער גע־גאַנגען באַומרואיקט וועגן זיין ווייב שרהלע. עטלעכע צענדליק טריט צום געטאָ האָט אים שרהלע דעריאָגט. זי איז געווען אַ האַלב נאַקעטע, פאַרווייגט און אַ האַלב טויטע פון בושה און שרעק. זי האָט קוים געקענט אַ וואָרט אַרויסריידן: „צוויי ציווילע פאָלקס־דייטשן האָבן זי אַריינגעשלעפּט אין אַ טויער און אַלץ פון איר אַראָפּגעצויגן".

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין געטאָ איז שרהלע צוגעפאַלן צו בלושטיינען. זי האָט אין אים איינגעגראָבן איר קאָפּ און זי האָט לאַנג לאַנג געוויינט. בלושטיין האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ: „נעם דיך נישט איבער, שרהלע, — האָט ער זי געטרייסט, — דאָס איז זייער שאַנד! זיי וועלן נישט דערלעבן פון דעם נהנה צו זיין! אָ, זעסטו, דאָס איז אַ סימן, אַז עס איז שוין אַ מינוט פאַר זייער טויט! איך האָב זיי טיף אונטער דר'ערד! זעסט דאָך, עס איז מיר געלונגען דעם זאַק אַריינצוברענגען אין געטאָ. איך האָב „אים" אָפּגענאַרט, דעם „יעקע נאַר"!

מען כאַפּט אויף אַרבעט

צו מאָרגנס אין דער פרי איז בלושטיין אַראָפּגעגאַנגען עפּעס איינקויפן צום עסן. די גאַסן זיינען פול געווען מיט יידן, אָבער אַלע געוועלבער זיינען געווען אויסגעליידיקט און פאַרהאַקט אויף שלע־סער. אין די טויערן האָבן פּוילישע פרויען אונטער פאַטשיילעס, מיט שרעק פאַרקויפט אַ ביסל געבעקץ. בלושטיין איז אַריין אין אַ טויער און געקויפט אַ פּאָר זעמל. די קריסטין האָט צו אים געזאָגט: „מען גייט אייך פאַרמאַכן אין אַ געטאָ — אונדז, פּאָליאַקן, וועט שלעכט זיין, אָבער אייך, יידן, וועט אויך נישט גוט זיין." בלושטיין האָט זי באַטראַכט און איר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע: „די פּאַני איז נאַיוו — פאַרקערט: אונדז יידן וועט שלעכט זיין און אייך פּאָליאַקן וועט אויך נישט גוט זיין". די קריסטין האָט זיך פאַרטראַכט — ס'איז איר שווער געווען תופס צו זיין: „איר האָט כאָטש אַ געטאָ, אָבער וואָס האָבן מיר?" האָט זי געפרעגט. בלושטיין איז אַרויס פון טויער.

כמעט אַלע יידן זיינען מעקלערס געוואָרן: איין ייד האָט בסוד פאַרגעשלאָגן דעם צווייטן: ער ווייסט, וווּ מען קען קויפן אַן אַנצוג

פּאַר צוואַנציק מאַרק. האָט דער צווייטער אים צוגעזאָגט צו שאַפן אַ קונה. יענער האָט אויך בסוד פאַרגעשלאָגן אַ דריטן, דער דריטער —דעם פערטן און אַזוי ווייטער. יעדער האָט געהויבן דעם פּרייז, ווייל ער האָט דאָך געוואָלט פאַרדינען. קיינער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן און קיינער פון די סוחרים האָט די סחורה נישט געזען. אָט אַזאַ „סוחר" האָט אַצינד בלושטיינען אָפּגעשטעלט: „פּעטער, אפשר דאַרפט איר אַן אַנצוג, אָדער אַן אַנדער מלבוש? איך קען אייך העלפן." אָדער „אפשר דאַרפט איר אַ פּיצל ווינקל דעם קאָפּ אַנידערצולייגן?" ווי בלושטיין האָט נאָר אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן, איז אָנגעפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ. באַלד זיינען אַרויס־געשפּרונגען מונדירטע דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און רעוואָלווערן: „שטיין בלייבן, דרעקישע יודען! האָפּ, האָפּ, האָפּ!" האָבן זיי פאַרהילכט די גאַס, באַוועגנדיק מיטן געווער.

בלושטיין האָט באַוויזן אַריינצולויפן אין אַ הויף (פון שרעק האָט ער פאַרלוירן די עטלעכע זעמל) און ער איז אַריין אין אַ בית־הכסא. ער האָט געהערט ווי די דייטשן שלעפּן אַרויס יידן פון די שטובן מיט זידלעריי. עס האָבן זיך צו אים דערנענטערט שווערע טריט פון געקאָוועטע שטיוול. אַ דייטש האָט אויפגעריסן די טיר, ווו בלו־שטיין איז געזעסן, און מיט קלעפּ און ווילדע געשרייען בלושטיינען געיאָגט איבערן הויף. בלושטיינען האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די אַראָפּ־געלאָזענע הויזן. ער האָט זיי געוואָלט אַרויפציען אָבער דער דייטש האָט אים אַלץ געשלאָגן מיט דעם רעוואָלווער איבער די הענט און געדראָט צו דערשיסן אויב ער וועט וואָגן אָנצורירן די הויזן. „לאָופען! לאָופען! דרעקיקער יודע! האָפּ! האָפּ! האָפּ!" האָט אים דער דייטש אונטערגעיאָגט. נאָכן אָפּלויפן אַ שטיקל וועג האָבן זיך די הויזן פאַרפּלאָנטערט אין די פיס און בלושטיין האָט אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד. דער דייטש האָט זיך צעלאַכט. „לאָופען! שנעללער! אופ־שטיין! האָזען נישט אָנרירען! האָפּ! האָפּ! האָפּ!" — בלושטיין האָט זיך אויפגעשטעלט, געלאָפן אַ פּאָר טריט און ווידער געפאַלן. אַזוי האָט זיך דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אויפן הויף און אויף דער גאַס, ביז ער איז ענדלעך צוגעקומען צום אויטאָ. די דייטשן און פּאָליאַקן האָבן געקוואָלן.

ווען בלושטיין איז אַרויפגעקראָכן אויפן לאַסט־אויטאָ האָבן זיך זיינע הויזן און אונטערהויזן אויסגעצויגן אַראָפּהענגענדיק פון די שיך. ער איז געבליבן האַלב נאַקעט, דאָס האָט ביי די דייטשן מיט די פּאָליאַקן אַרויסגערופן נאָך אַ שטאַרקערן געלעכטער. בלושטיין איז אַריינגעפאַלן אין אויטאָ אויף אַ קופּע יידן און דאָס לאַכן און די גראָבע וויצן אויף זיין חשבון האָבן געבייטשט זיין נשמה.

די דייטשן האָבן די דאָזיקע יידן נישט ווייט אַוועקגעפירט. זיי האָבן זיי גענומען צו דער אַרבעט אויף דעם שטח פון געטאָ. בלושטיין האָט אַ גאַנצן טאָג ביז ביינאַכט געשלעפּט שווערע משאות. ער האָט אויפגעלאָדן מאַשינען אויף אויטאָס, אַ פאָלקסדייטש, אַ רשע, האָט מיט דעם אָנגעפירט און געשלאָגן מיט אַ גומענעם שטעקן. נאָך דער אַרבעט האָט ער בלושטיינען אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער.

איידער די דייטשן האָבן געשלאָסן די לאָדזשער געטאָ, האָבן זיי פון דעם שטח אַרויסגערויבט אַלע מאַשינען פון די פאַבריקן און וווינונגען, אַלע סחורות פון די מאַגאַזינען, געוועלבער און וווינונגען. פון די שפּיטעלער און אַפּטייקן האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט נאָר ליידיקע ווענט. זיי האָבן אויך צוגערויבט אַלע כלים פון באַלמעלאָכעס, פערד און וועגענער און דעם גאַנצן לעבעדיקן אינווענטאַר, אַפילו הינט און קעץ. אויף צו שלעפּן די שווערע משאות האָבן די דייטשן יעדן טאָג, ווי די היצלעס, געכאַפּט די יידן און נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, הונגער און קלעפּ, האָבן די דייטשן באַצאָלט מיט צעמימתן, אַ סך געמאַכט פאַר קאַליקעס: צעבראָכן אַ האַנט, אָדער אַ פוס, אונטערגעהאַקט אַ זייט, די לונגען אָדער ס'האַרץ. אַזוי האָט נאָך בלושטיין גוט אָפּגעשניטן.

*　*　*

שרהלע איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן געוויר ווערן ווו בלושטיין איז אַהינגעקומען. זי האָט געהערט, אַז מען האָט אים געכאַפּט אויף אַרבעט. זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז נישט איין ייד איז שוין פון זייער „אַרבעט“ אויף אייביק פאַרשוווּנדן און מען ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען. אין אָוונט איז שרהלע געשטאַנען ביים טויער און די אויגן זיך אויסגעקוקט. ענדלעך האָט זיך בלושטיין באַוויזן אַ צעמימתטער, אין צעריסענע מלבושים. ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. שרהלע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַרויפגעפירט אין שטוב. זי האָט אים געוואָלט געבן עפּעס צו עסן. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „גאָרנישט! כ'דאַרף גאָרנישט!“ בלושטיין האָט געפילט: טאָמער רעדט ער אַרויס נאָך אַ וואָרט מוז ער אויסברעכן אין אַ געוויין, דערפאַר האָט ער געשוויגן. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אין די מלבושים אויף זיין „קויקע“*) אויסגעדרייט צו דער וואַנט. ער האָט נישט געוווסט פון וואָס עס טוט אים מער וויי: פון די קלעפּ אָדער פון דער דערנידעריקונג.

*) אַ שלעכט געלעגער.

שרהלע האָט אים געלאָזט אַליין . . . „אפשר וועט ער כאַפּן אַ דרימל," האָט זי געטראַכט.

בלושטיין איז געלעגן שטיל, געקוקט צו איין אָרט, די אויגן נישט באַוועגן. ער האָט זיך אַלץ געזען ווי ער לויפט מיט די אָראָפּגע־לאָזטע הויזן, אונטערן רעוואָלווער פון דייטש, און אין זיינע אויערן הילכט יענעמס געשריי: „לאַוף, לאַוף יודע! האָפּ! האָפּ! האָפּ! דרעקיקער יודע!" און דאָס לאַכן פון די דייטשן און פּאָליאַקן שניידן אים ווי מעסערס... „ניין!" האָט עס אין אים געשריגן, — „איך טאָר דאָ מער נישט בלייבן! אַנטלויפן! אַנטלויפן!" אָבער באַלד האָט ער זיך באַטראַכט: „וווּ? וווהין לויפן? מיט וואָס? מיט וועלכע כוחות?" בלושטיין איז אַלץ געלעגן שטיל. אפשר מיט אַ שעה שפּעטער האָט ער געפילט טרערן אויף זיין פּנים. ער האָט לאַנג, לאַנג שטילערהייט געוויינט און געהאַלטן אין איין ווישן זיך די אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעשנייצט די נאָז, גוט אָפּגעווישט זיך דאָס פּנים און די אויגן און ער האָט צוגערופן שרהלען. ער האָט איר אַלצדינג דערציילט, וואָס די דייטשן האָבן היינט מיט אים געטאָן, און ער האָט צוגעגעבן: „מיר טוט נישט ווי די אַרבעט, מיר טוט נישט ווי דאָס שלאָגן, מיר טוט ווי די באַליידיקונג, די דערנידערי־קונג! פאַר וואָס קומט דאָס אונדז, פאַר וואָס?! כ'פיל ווי מיין האַרץ, מיין נשמה וויינט, וואָס איין מענטש קען אַזוי טאָן מיט אַ צווייטן מענטש!"

שרהלע האָט אים געטרייסט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן, די מלחמה וועט זיך באַלד ענדיקן. זי האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטיקל ציבעלע מיט זאַלץ: „נאַ, שלמה, דערכאַפּ דיר ס'האַרץ, אַ ציבעלע איז דאָך דיך מחיה נפשות. כ'בין היינט אויס־געלאָפן אַ שיין ביסל גאַסן ביז כ'האָב באַקומען דאָס ציבעלע". בלושטיין האָט זיך טאַקע דערפאַר געוווּנדערט. ער האָט געפּרוּווט עסן, אָבער דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז: „כ'בין זאַט, שרהלע, מאָרגן וועל איך עסן. דאָס וועט פאַר מיר זיין אַ באַל," האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט.

שרהלע האָט אַראָפּגערוימט פון טיש מיט גרויס האַרצווייטיק: זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געגעסן; און „אויב ער האָט נישט קיין אַפּעטיט צו קיין ציבעלע, קען איך מיר שוין פאַרשטעלן, וואָס עס טוט זיך אין זיין האַרצן", האָט זי געטראַכט.

באַלד נאָך דעם שליסן די געטאָ, זיינען די דייטשן אָפט אַריינ־געפאַלן מיט אויטאָס, אַדורכגעפירט רעוויזיעס, צוגענומען וואָס עס איז זיי געקומען אונטער די הענט, אַראָפּגעצויגן די מלבושים און די יידן באַצאַלט מיט קלעפּ אָדער מיט דערשאָסן ווערן.

די געטאָ האָט זיך געפונען אויף אַ נאַסן שטח און קוים אַ קליינע צאָל הייזער זיינען געווען עלעקטריפיצירט. וואָסער האָט מען געמוזט אַרויפציען פון ברונעמס, און אויך נישט אויף יעדן הויף האָט זיך געפונען אַ ברונעם. אויף דעם אופן האָט זיך די געטאָ, באַלד ביים שליסן, געפונען נישט נאָר אין אָרעמקייט, נאָר אויך אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד. בכלל: אויסגעשטעלט אויף אַ טויט פון הונגער און עפּי-דעמיעס. האָט בלושטיין געזאָגט: „אַז עס איז שוין אַזוי פינצטער — וועט באַלד ליכטיק ווערן! ווייל עס ווערט נישט פריער ליכטיק ביז עס איז גוט פינצטער!"

* * *

בלושטיין האָט אַצינד פאַרמאָגט עטלעכע מאַרק, קוים אַ צוויי וואָכן דורכצושטופּן מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט. ער האָט זיך אַריינ-געקוועטשט אין אַ בוידעם-שטיבל, אויפן פינפטן שטאָק, ווו עס האָבן שוין געוווינט ניין נפשות און אויף איין קיך האָבן באַדאַרפט קאָכן פינף ווייבער. וואָסער האָט מען געמוזט אַרויפשלעפּן פון אַ דריטן הויף. מחמת דער פּלומפּ איז קאַליע געוואָרן און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו פאַרריכטן. ס'איז נישט געווען ווו זיך צו וואַשן. שמוץ, לייז און וואַנצן האָבן זיך געמערט. פון די פאַרקילונגען און דיזענטעריע זיינען די בעטן איבערגעפּאַקט געווען מיט חולאים. יידן זיינען דאָך געבליבן האַלב נאַקעט, האָבן זיי זיך צוגעקילט, און פון דעם פּלוצימדיקן איבערגאַנג צו הונגער און שלעכטע שפּייזן זיינען זיי קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו העלפן. נישט קיין מעדיצין, נישט קיין ביסל שפּייז ווי: רייז, קאַשע, אַ פּיצל פּוטער אָדער געבעקץ. עס איז נאָר געווען פאַרדומפּן ברויט, וואָס האָט געקלעפּט ווי ליים. האָט בלושטיין זיך אַרומגע-פּאָרעט ביי די קראַנקע: דעם האָט ער געשטעלט באַנקעס, דעם האָט ער איינגעריבן מיט ברען-שפּירט און אַן אַנדערן האָט ער צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס. איינעם האָט ער איינגעגעבן אָפּצופירן, דעם צווייטן איינצוהאַלטן. בלושטיין איז געוואָרן פאַר די קראַנקע אַ גאַנצער דאָקטאָר. מען האָט אים טאַקע גערופן „דאָקטאָר". אָבער דער „דאָקטאָר" מיט זיין ווייב האָבן נעבעך נישט געהאַט ווו זייערע קעפּ אַנידערצולייגן.

אַביסל שפּעטער האָבן די דייטשן פאַרגרעסערט די געטאָ: זיי האָבן צוגעגעבן די פאַרשטאָט „מאַרישין" (דאָס איז געווען אַן אויס-רעכענונג, אַז יידן זאָלן האָבן אַ דירעקטן וועג צום בית-עולם, זאָלן נישט דאַרפן פירן די מתים מחוץ דער געטאָ, און אויך כדי זיי זאָלן קענען מאַכן אַ באַן-רעלס, וואָס זאָל פירן דירעקט צו די טויט-לאַגערן). בלושטיין האָט דורך פּראָטעקציע באַקומען אַן אייגענע שטוב, נאָענט

צו „מאַרישין”, זיין פּראָטעקציאָנער איז געווען רומקאָווסקים אַ מקורב. בלושטיין איז געווען מרדכי חיים רומקאָווסקים אַ „וויכאָוואַ־נעק”. היות ער איז קליינערהייט געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום, האָט ער זיך דערצויגן אין יתומים־הויז אין העלענוווּעק, ווו רומקאָווסקי וואָס איז געוואָרן: „קייסער” פון געטאָ, איז געווען פּרעזידענט.

דעם „קייסערס” ערשטע טעג און זיין „מלוכה”

ווער איז געווען דער „קייסער” פון לאָדזשער געטאָ? דאָס איז געווען מרדכי חיים רומקאָווסקי, אַ ליטווישער ייד, אַ געוועזענער אַגענט פון אַן אַסעקוראַציע געזעלשאַפט. ער איז אויך געווען אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַזוינער, וואָס האָט געהאַט טאַלאַנט יענעם איינצורעדן און צו פאַררעדן די ציין. זיין קרייז איז באַשטאַנען פון באַנקירן, פאַבריקאַנטן, גרויסהענדלער און סתם „דרייערס”, וואָס האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון יענעמס פּראַצע. אויף אַרבעטער און אויף אָרעמע מענטשן האָט רומקאָווסקי געקוקט פון אויבן אַראָפּ, און אַלעמאָל האָט ער געהאַט אַ מאַניע צו הערשן און צו דיקטירן.

אין יתומים־הויז, אין העלענוווּעק הינטער לאָדזש, ווו ער איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פּרעזידענט, איז רומ־קאָווסקי געווען אַ דיקטאַטאָר. שוין דאָרטן האָט ער געהאַט איינ־געשטעלט אַ טאָטאַל מלוכהלע; די יתומים זיינען געפּייניקט געוואָרן אונטער זיין שטאַרקער דיסציפּלין. זיי האָבן געהונגערט און געקריגן געשלאָגן.

אַ מיטאַרבעטער פון דעם אַנשטאַלט האָט ספּעציעל וועגן דעם אַרויסגעגעבן אַ בראָשור, ווו ער האָט דערציילט וועגן רומקאָווסקים שוואַרצע מעשים.

ווען רומקאָווסקי איז געוואָרן דער פּרעזעס איבער די געטאָ־יידן האָט ער געוואָלט זיך נוקם זיין אָן דעם שרייבער פון דער בראָשור; אָבער יענער האָט שוין געהאַט עוקר געווען.

רומקאָווסקי האָט ליב געהאַט זיך צו קאָכן קהליש: ער האָט זיך אומעטום געמישט, מען האָט אים דערפאַר גערופן „קאָכלעפל”. אויף יעדער פאַרזאַמלונג, ווו ער איז געקומען האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט רעדן, אַז מען זאָל „אים” זען, אַז מען זאָל „אים” הערן. אומעטום האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן זיין דעה. האָט ער זיך נישט איינמאָל אַרויפגעכאַפּט אויפן „פערדל”. עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז רומקאָווסקין געלונגען צו ווערן דער פאַרטרעטער פון זיין פּאַרטיי (אַלגעמיינע ציוניסטן) אין לאָדזשער יידישער קהילה.

ער איז שפּעטער צוריקגעצויגן געוואָרן צוליב נישט שיינע מעשים.

די דייטשן האָבן פאַר דער מלחמה אַריינגעשיקט זייערע אַגענטן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר יידן. זיי האָבן פּערפעקט געקענט יידיש און העברעאיש. זיי האָבן געקענט דעם יידישן שטייגער און די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. אויף אַזאַן אופן האָבן די דייטשן געוווּסט ווער רומקאָווסקי איז. דעריבער טאַקע האָבן זיי אים געמאַכט פאַר **„דער עלטעסטער דער יודען"**.

רומקאָווסקי האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום סענטימענטן. ער האָט מיט זיין שטאָלענער האַנט אַראָפּגערוימט יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ צווייטע מיינונג, ווי ער; די דייטשן האָבן אויך באַשטימט אַ „בייראַט" (אַ יידישער ראַט, לעבן דער געטאָ-פאַרוואַלטונג), אָבער רומקאָווסקי האָט פון „בייראַט" נישט געוואָלט הערן קיין שום עצה.

רומקאָווסקי איז געווען אַן איבערגעגעבענער געגעראַל פאַר די דייטשן. פאַר זיין געטרייער אַרבעט האָט ער אַזוי נושא חן געווען ביי דער ווערמאַכט, אַז ער איז געוואָרן אומבאַרירלעך — ער האָט באַקומען אַן „אייזערנעם בריוו" פון בערלין.

ווען רומקאָווסקי איז אַריינגעקומען אין געטאָ, איז ער אַלט געווען דריי און זעכציק יאָר. איינגעהויקערט און איינגעשרומפּן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבערן געטאָ און מיט זקנישע טריט צוגעהיט אַז די יידן זאָלן אויספירן אַלע זיינע באַפעלן.

אויף דעם ערשטן מאַי, טויזנט ניין הונדערט און פערציק, איז דער גאַוליטער איבער „וואַרטעגאַו" אָדער „נויער רייך" (לאָדזש האָט געהערט צו „וואַרטעגאַו" וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין „נייעם רייך") האַנס גרייזער, ימח שמו! געקומען קיין לאָדזש. האָט אים די געשטאַפּאָ צוגעטראָגן די מתנה: אַרומגעצוימט די יידן מיט שטעכנדיקע דראָטן, און איין נאַכט פריער אויפגעריסן מיט דינאַמיט די ווענט פון אַלע שולן און בתי-מדרשים, וועלכע זיי האָבן געהאַט אונטערגעצונדן, באַלד ביים אָקופּירן די שטאָט. דעם פאַרנאַכט איז רומקאָווסקי אַרומגעלאָפן איבער דער געטאָ מיט זיין פּאָליציי און געוואָרנט: אַז יידן זאָלן זיך פאַרשטעקן אין די שטובן און אָפן האַלטן די פענצטער, כדי די שויבן זאָלן נישט צעבראָכן ווערן פון די דינאַמיט אויפרייסן. דאָ האָט שמחה בלושטיין ס'ערשטע מאָל געזען רומקאָווסקין אין געטאָ. שמחה בלושטיין האָט אים גוט אָנגעקוקט. דער אַלטער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן צילינדערהוט, אַ שוואַרצן פוטער, מיט אַ גרויסן פוקסענעם קאָלנער, ער איז באַשפּריצט געווען מיט בלאָטע פון אויבן ביז אונטן. אויף דער לינקער ברוסט און רעכטער זייט פּלייצע זיינען געווען קאָרעקט צוגענייט שיינע, געלע-לאַטעס,

אין מגן-דוד פאָרם. אויפן לינקן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ געלע באַנד מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט אין דייטש: „דער עלטעסטער דער יודען, ליצמאַנשטאַדט געטאָ". דער אַלטער איז געווען גרוי, איינגעהויקערט און איינגעשרומפּן. (רומקאָווסקי איז געווען פון העכערן וואוקס, האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים, אַ קליין שפּיציק, גע־שטופּלט נעזל, האָט געטראָגן ברילן מיט טונקעלע ראַמען). ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. בלושטיין האָט געזען זיין פאַרמרה־שחורהט פּנים, דער זקן האָט ביי אים אַרויסגערופן רחמנות. ער האָט געזען פאַר זיך אַ גלות־ייד, אַן אויסגעמאַטערטן, אַ צעבראָכענעם פון יידישע צרות. בלושטיין האָט אים באַדויערט: „נעבעך אויף זיינע אַלטע יאָרן האָט אים דאָס צוגעפּעלט — צו מוזן זיין דער שליח ציבור פון די לאָדזשער יידן ביי די נאַצים".

מרדכי חיים רומקאָווסקי איז געווען אַן אַלמן און ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט געהאַט אַ משפּחה־קבר אויף דעם נייעם לאָדזשער בית־עולם: אַ טאָפּלטע מצבה מיט אַ טאָפּלטער רעם, אונטער איין רעם איז געלעגן זיין פרוי, איר האַלבע מצבה איז געווען אויסגעקריצט, און די צווייטע רעם מיט דער אַנדערער האַלבער מצבה האָט געזאָלט זיין רומקאָווסקיס.

דאָס, וואָס רומקאָווסקי האָט נישט געהאַט קיין קינדער און דאָס, וואָס ער איז געווען פּרעזידענט איבער אַ יתומים־הויז, האָט אים געמאַכט גלייבן, אַז ער איז אַ טאַטע פון יתומים; און די געטאָ־יידן זיינען דאָך פאַריתומט געווען, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר זייער „פאָטער."

דעם צווייטן מאַי האָט בלושטיין, ווי אַ סך אַנדערע יידן, אָפּגע־נאַרט די דייטשן און רומקאָווסקין: ער האָט פאַרגעלייענט פאַר זיינע שכנים פון אַן אַריינגעשמוגלטער דייטשער ציַיטונג. (רומקאָווסקי האָט שטאַרק געקעמפט קעגן שמוגל, ווייל די דייטשן האָבן דאָס פאַר־באָטן). בלושטיין האָט פאָרגעלייענט די נעכטיקע רעדע צו דער היטלער־יוגנט, פון גאַולייטער גרייזער, ימח שמו!: „די יודען זענען געבענדיקט! — האָט ער געזאָגט — פון הונגער וועלן זיי פאַר־וואַנדלט ווערן אין משוגענע הינט: איינער פון צווייטן וועט אָפּבייסן שטיקער פליישׁ, זיי וועלן זעלבסט זיך אויפפרעסן, די יודען! אויף דעם אָרט, וווּ עס איז היינט די געטאָ, וועט אין צוואַנציק יאָר אַרום זיין אַ פּרעכטיקער גאָרטן... ווען אַ דייטש וועט דאָ שפּאַצירן מיט זיינע קינדער וועט ער פאַר זיי מוזן אָפּשילדערן, ווי אַזוי די „וויל־דע־חיות" האָבן אויסגעזען..." בלושטיין האָט אוועקגעשליידערט די ציַיטונג: „כאַ־כאַ־כאַ — האָט ער זיך צעלאַכט — די יידן זענען געבענדיקט — געשמענדיקט! גלייבט מיר, יידן — האָט ער זיך

אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן, ווי ער וואָלט געשווירן — „ער" איז שוין געבענדיקט!"

— מיר יידן האָבן שוין נישט איין המן איבערגעלעבט! — האָט איין שכן נאָך האָפערדיקער אונטערגעהאַלטן.

— אַ הונט בילט צו דער לבנה — איראָניזירט אַ צווייטער — נו, איז וואָס? בילט ער! קאָן ער צעבייסן די לבנה?

— זאָל נאָר ענגלאַנד אַרויס אין קריג וועט ער דעם הונט טויטן אין געציילטע טעג!

— זיכער, אַז „יעקע נאַר" האָט איינגענומען דאָס ק"ק פּוילן אין צען טעג, איז ווי לאַנג דאַרף עס דויערן ביי ענגלאַנד?

— עס שפּילט עפּעס אַ ראָלע ביי אַ לייב צו צערייסן אַ הונט? האַא? — עפּעס אַ קליינִיקייט די הייגטיקע טעכניק? האַאַא? — פרעגט בלושטיין נאָך האָפערדיקער מיט נאָך אַ לענגערן האַ? מען האָט אים אין דר'ערד צוזאַמען מיט רומקאָווסקים מלוכה!

— „יעקע נאַר" וועט אַנטלויפן, מיר וועלן אַהיימגיין און איבער־לאָזן דעם „קייסער" רומקאָווסקי מיט זיין „מלוכה"!

אַזוי האָבן יידן קאָמענטירט די נייעס — און דערווייל האָבן הונגער און עפּידעמיעס געהאַלטן אין איין פאַרשניידן לעבנס. אַ בר־מנן האָט געמוזט וואַרטן עטלעכע טעג אויף זיין ריי, ער זאָל קענען קומען צו קבורה. שפּייז און מעדיצין איז אוממעגלעך געווען צו קריגן, און גראָד אין דעם האָבן יידן באַשיימפּערלעך געזען אַז די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאַדע טאָג. און אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט היטלערס מפּלה אין דעם זענען אַלע יידן זיכער געווען.

אַזוי איז שוין די מענטשלעכע — און דער עיקר די יידישע נאַטור: דער ווילן צו לעבן מאַכט האָפענונגספול, וואָס גרעסער עס איז די געפאַר אַלץ מער קלאַמערט ער זיך אין דער האָפענונג. קיין אַנדער געווער האָבן זיי נישט געהאַט, האָבן יידן געזען די שנעלע מפּלה פון שונא, דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט דערלעבן.

אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָט רומקאָווסקי געשאַפן פון זיין געטאָ אַ טאָטאַל־מלוכהלע: אייגענע מיניסטאַרן, מיט אַן אויסערן מיניסטער, אַן אייגענע פּאָסט, אייגענע פּאָסט־מאַרקן מיטן „קייסער" רומקאָווסקיס בילד, אייגן געלט מיט רומקאָווסקיס אונטערשריפט. (יידן האָבן טאַקע דאָס געלט גערופן: „רומקעס"), אייגענע נאַטשאַל־ניקעס, באַאַמטע, אייגענע פּאָליציי, מיט קאָמיסאַרן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון געוועזענע פאַבריקאַנטן, „גאָלדענע יוגנט" און פון דער אונטערוועלט, אַן אייגענע תפיסה מיט אַן עקסטרער תפיסה־פּאָליציי, אייגענע פייערלעשער און קוימענקערער. די פייערלעשער האָבן קיינמאָל נישט געדינט צו לעשן אַ שׂרפה. (די קוימענקערער

האָבן יאָ אַמאָל געפּוצט די קוימענס). זיי האָבן באַקומען שפּייז-טאַלאָנען, ווי די פּאָליציי. זייער עובדה איז געווען צו העלפן די פּאָליציי און די דייטשן ביי יעדער „אַקציע" קעגן יידן. אַלע אַמטן זיינען באַזעצט געווען פון יידן. און רומקאָווסקי האָט געמוזט קענען יעדן באַאַמטן, וואָס ער האָט צוגענומען. רומקאָווסקי האָט נאָר צוגענומען מענטשן פון זיין קרייז, קודם-כל פון זיין פּאַרטיי, דערנאָך געוועזענע פאַבריקאַנטן, באַנקירן, גרויסהענדלער און אונטערוועלט-ניקעס. און „זיינע" מענטשן האָבן געגומען פון זייער קרייז. נישט זיינע מענטשן האָבן ביי רומקאָווסקין געהייסן: ממזרים! „קיין ממזרים דאַרף איך ניט!" האָט דער „קייסער" זיך צעשריגן אויף זיין ליטווישן אַקצענט, טאָמער האָט מען געוואָלט אַנשטעלן אַ מענטש נישט פון זיין סביבה. אויף די מלוכה-פּאָסטנס האָבן געאַרבעט גאַנצע משפּחות: מאַן, ווייב, קינדער, שוועסטער און ברידער. אַזוי אַרום האָט רומקאָווסקי געשאַפן אַ כנופיה, וואָס איז געזעסן איבערן פאָלק, געטרונקען זיין בלוט, געלעבט און געלאַכט, ווייל רומקאָווסקי האָט זיך באַמיט, אַז זיינע מענטשן זאָל גאָרנישט פעלן.

די דייטשן האָבן אינערלעך אין געטאָ זיך נישט געמישט, זיי האָבן געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

די יידן האָבן געמוזט אַלץ אויספירן וואָס דער „קייסער" מ. ח. רומקאָווסקי מיט זיינע יוצר משרתים האָבן פאַראָרדנט. אַזוי אַרום האָט רומקאָווסקי איינגעשטעלט אַ מלוכה פון אַן אויסדערוויילטער קאַסטע; די רעשט געטאָ-יידן זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן ווי נידעריקע מענטשן, אַזוי ווי די דייטשן האָבן געוואָלט.

די העכערע באַאַמטע האָבן אויסער דער „ראַציע" (שפּייז-צוטייל) באַקומען „בייראַט-צוטייל": דאָס בעסטע און שענסטע:

וווינונגען מיט גאַז און עלעקטרע. בעת דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַלייכטן די שטובן און מיט וואָס אונטערצוהייצן די קיך.

דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי, האָט געעפנט אַ „דיעטע לאַדן" כלומרשט פאַר קראַנקע. דאָרטן זיינען געווען די בעסטע שפּייזן. אין די „דיעטע לאַדן" האָבן די באַאַמטע אָפּגענומען די „ראַציעס" און זייערע „צוגאַב-ראַציעס", וואָס דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט עקסטרע פאַר זיי צוגעטיילט. דאַקעגן אין די קאָאָפּעראַטיוון האָבן די יידן באַקומען נאָר ערזאַץ.

די איינציקע וואַלוטע מיט וואָס דער „קייסער" האָט געדעקט פאַר דעם ביסל שפּייז, זענען געווען די „שניידער-רעסאָרטן" (פאַבריקן). די מאַשינען, וואָס די שניידער האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן פון די דייטשע רעוויזיעס, האָבן זיי פון נויט געמוזט

ברענגען צו רומקאָווסקין און פון זיי האָט מען געשאַפן די „שניידער רעסאָרטן". דער „קייסער" האָט אויך מיט זיין פּאָליציי דורכגעפירט רעוויזיעס און קאָנפיסקירט מאַשינען, ווי אויך יעדע באַלמעלאָכישע כלי. די דייטשן האָבן זיך געניוטיקט אין דער אַרבעט, אָבער די שניידערס האָבן געמוזט אַרבעטן און הונגערן. נישט-ווו-נישט-וועט איז אַ שניידער אַוועקגעפאַלן פון הונגער ביי דער אַרבעט.

די וואָס האָבן נישט געאַרבעט האָבן נישט געקענט אויסקויפן דעם הונגער-צוטייל. און די שניידערס האָבן געשריגן: „מיר שניידערס מוזן אויסהאַלטן רומקאָווסקיס קליקע און די גאַנצע געטאָ!" אָבער דער „קייסער" האָט מיט זיין טראַר צוגעמאַכט זיי די מיילער.

דער „קייסער" פּאָרט

אַ פּאָר חדשים נאָך דעם שליסן די לאָדזשער געטאָ איז שוין דער פיר און זעכציק יאָריקער מרדכי חיים רומקאָווסקי געגאַנגען אויסגעגלייכט ווי אַ סאָלדאַט. ער איז געוואָרן ברייטער און העכער. ער האָט אָנגעטאָן גלאַנציקע אָפּיצערסקע שטיוול. שמחה בלושטיין, האָט זיך געוויצלט: „דער אַלטער איז אַריין אין אַ בלאָטע האָט ער אָנגעטאָן שטיוול".

אַזוי ווי רומקאָווסקין איז אויסגעקומען גאַנצע טעג אַרומצו־לויפן איבער דער געטאָ, האָבן זיך די דייטשן „דערבאַרעמט" איבער דעם יידישן „קייסער" און זיי האָבן פּאָר אים אַריינגעשיקט אַ קאַטש: אַן אַלטע אָפּגעריבענע דראָשקע. פון צעריסענעם געזעם זיינען אַרויס־געקראָכן די שפּרינג-פּעדערס און די „וואָלד-האָר". די צעריסענע לייוונט האָט געהאַט אַ משונהדיקע קאָליר, ווייל זי איז געווען אָפּגע־קראָכן פון דער זון, רעגן, שניי, פּראָסט און ווינט. עס איז שווער געווען צו דערקענען וואָס פּאַר אַ פאַרב די לייוונט האָט געהאַט אין די יונגע יאָרן.

געשלעפּט האָט די דראָשקע אַן אַלט פערד, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין איין צאָן אין דער מאָרדע. איין אויג איז געווען אויסגערונען און ס'צווייטע איז בלינד געווען. די שפּיציקע ביינער האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער אָפּגעריבענער פעל. עס איז שווער געווען צו דערגיין וואָס פּאַר אַ קאָליר דאָס פערד האָט אַמאָל געהאַט. עס האָט קוים געשטעלט טריט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט פּגרט עס אַוועק. דאָס איז דעמאָלט געווען דאָס איינציקע פערד און דער איינציקער וואָגן אין געטאָ.

צו פרעסן פּאַר דעם פערד האָבן די דייטשן נישט אַריינגעשיקט. האָט מען דאָס פערד געפּאַשעט מיט אַלט ברויט און מיט רויטע

בוריקעס פון „קייסערס" גאָרטן. האָט דאָס פערד אומעטום איבער־געלאָזט רויטע סימנים.

ווען בלושטיין האָט אָנגעקוקט דעם „קייסער" אויף דער „שיינער" דראָשקע, האָט ער זיך צעלאַכט, אָבער באַלד האָט אים אַ שניט געגעבן אין האַרצן. האָט ער אַ שווערן זיפץ געגעבן און אַ זאָג געטאָן: „אַ שיין טעאַטער האָבן די דייטשן מיט אונדז געמאַכט — „קרול זשעבראַקאָוו" (דער קייסער פון די שנאָרער).

אָט אויף דער דראָשקע איז דער „קייסער" אַרומגעפאָרן. דער „קייסער" איז געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ. דאָס זומערדיקע ווינטל האָט געקעמט זיין זילבערנע פּאַטעטישע „פּאָלקע". דאָס פּנים איז שוין נישט געווען פּאַרמרה־שחורהט. אויף דעם קורצן שפּיציקן, געשטופּלטן נעזל זיינען געזעסן לוקסוס־ברילן דורך וועלכע די טיפע שוואַרצע אויגן האָבן הוצפּהדיק אַרויסגעקוקט. דער „מלך" האָט געטראָגן אַ העלן אָנצוג פון טייערן שטאָף, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַוועק. איןביידע לאַצן האָבן געשטעקט רויזן, וואָס אַ יונגע געליבטע האָט אים אַריינגעשטעקט, און אין ביידע הענט האָט ער געהאַלטן גרויסע בו־קעטן בלומען, וואָס אַ צווייטע געליבטע האָט אים געשענקט.

ס'איז דעמאָלט געווען חודש תמוז. אויף „מאַרישין" (אַ פּאָר־שטאָט אין געטאָ) האָבן געבליט די גערטנער און די פעלדער. דאָרטן האָט דער „קייסער" געהאַט זיין זומער־רעזידענץ: אין אַ קליין פּאַ־לאַצל אָפּגעלאַקירט אויף אַ פאַרב פון יונגע באַנאַנעס. אַרום די ווענט זיינען געוואַקסן פּוילישע וויינטרויבן. אין גאָרטן זיינען געוואַקסן ירקות און פּירות. דער גאָרטן האָט זיך געגרענעצט מיט דער ציגל־רויטער בית־עולם־מויער. פאַרנט ביים אַריינגאַנג זיינען געוואַקסן רויזן. ביים טויער פון „קייסערס" הויף איז געשטאַנען זיין לייב־וואַך — געטאָ־פּאָליציי.

דער „קייסער" איז געווען ראָמאַנטיש: ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, בלומען און — שיינע יונגע פרויען.

דער „קייסער" איז געווען אַ מענטש מיט שטימונגען. ער האָט שטענדיק געמוזט האָבן עפּעס נייעס, פרישעס. דערפאַר האָט ער געהאַט יונגע מיידלעך, וואָס האָבן אים געשאַפן פרישע שטימונגען. נאָך יעדער שלעכטער גזירה, וואָס דער „קייסער" האָט אויסגעפירט איבער זיינע שוועסטער און ברידער, איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות, און אין די אָרעמס פון אַ יונג שיין מיידל האָט ער געוואָלט פאַרגעסן זיין פאַרראַט.

איז דער „מלך" אַזוי געפאָרן אויף זיין „שיינער" דראָשקע מיטן „שיינעם" פערדל. פון אַ זייטיקער גאַס איז אָנגעפאָרן די עגלה, אַ

ראָל־וואָגן (גרויס און ברייט ווי אַ טראָק), אָנגעפּאַקט מיט צענדליקער מתים. דער „מלך" האָט מורא געקראָגן, ער האָט שנעל אָוועקגע־דרייט דעם קאָפּ און מיט די בוקעטן בלומען זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און ער איז ווייטער געפאָרן איבער די געטאָ־גאַסן, ווו עס האָבן זיך געוואַלגערט טויטע, געשוואָלענע פון הונגער און קראַנקע.

זייערע געשרייען, קרעכצן און קללות האָבן זיך דערטראָגן צום „קייסער". ער האָט געהייסן אונטערטרייבן, אָבער דאָס פערדל האָט קוים, קוים געשטעלט אַ טריט. איינער דעם צווייטן האָט איבער־געגעבן:

— דער „קייסער" פאָרט!

— דער „מלך" פאָרט!

קינדער זיינען נאָכגעלאָפן דער דראָשקע שרייענדיק:

— ע־ע־ע! דער משוגענער פאָרט; ע־ע־ע!

— משוגענער! משוגענער!

צוויי פּאָליציאַנטן, דעם „קייסערס" לייבוואַך, זיינען אַראָפּגע־שפּרינגען פון דער דראָשקע און מיט די גומענע „פּאַלקעס" צעטריבן די קינדער.

ווען בלושטיין האָט דאָס געזען האָט ער זיך כלומרשט צעשריגן אויף די קינדער:

— לאָבוסעס! עכברושים! איר ווייסט נישט, אַז מען מוז דרך־ארץ האָבן פאַר אַ קייסער? נו, יאָ — האָט ער גלייך מיט אַ זיפץ צוגעגעבן — פון וואַנען זאָלן מיר יידן דאָס ווייסן, אַז מיר האָבן שוין צוויי טויזנט יאָר נישט זוכה געווען צו האָבן אַ קייסער מיט אַ מלוכה!...

דעם „קייסערס" משרתים

רומקאָווסקי האָט אָבער געוואָלט, אַז יידן זאָלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווייסן, אַז פאַר אַ קייסער מוז מען דרך ארץ האָבן. האָט ער דאָס געמאַכט אויף עטלעכע אופנים: ערשטנס איז דער „קיי־סער" אַרומגעפאָרן אויף זיין „שיינער" קאַרעטע און ער האָט גע־וואָרפן צוקערלעך פאַר די קינדער, כדי זיי זאָלן אים ליב קריגן; און די פרויען האָט ער געוואָרפן טאַלאָנען אויף פינף דעקאָ פוטער, אָדער פינף דעקאָ צוקער. דער צווייטער אופן איז געווען טעראָר: די פּאָליציי־קאָמיסאַרן האָבן געוויזן, ווי געטריי זיי דינען דעם „קייסער" און ווי זיי קענען אָרדענונג מאַכן. זיי האָבן פאַראָרדנט: אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס וועט אַרויסווייזן אַ ביטולדיקע באַציאונג צום

„קייסער" און זיין מלוכה. די פּאָליציי האָט אויסגעפּאָלגט דעם באַפעל און יידן האָבן זיך טאַקע געהיט. טייל פּאָליציאַנטן האָבן אויך מיטגעהאָלפן. דער דריטער אופן: דער „קייסער" האָט געשאַפן אַ „פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום", וואָס האָט אויף אַ פּסיכאָלאָגישן אופן פאַרבלענדט, מען זאָל גלויבן, אַז רומקאָווסקי איז טאַקע אַ גרויסער פירער פון יידישן פאָלק, שיער נישט אַ משה רבינו. גלייכצייטיק האָבן די פּראָפּאַגאַנדיסטן אים איינגערעדט, אַז „ער איז פון גאָט געשיקט געוואָרן צו זיין דער פירער פון יידישן פאָלק; און אַז דאָס איז אַ גרויסע, הייליקע מיסיע: גאָט וויל, אַז רומקאָווסקי זאָל זיין דער טאַטע פון די געפּלאָגטע, פאַריתומטע לאָדזשער יידן, פּונקט ווי ער איז פאַר דער מלחמה געווען דער טאַטע איבער יתומים". מיט די ווערטער האָבן זיי אים צוגעטראָפן, זיי האָבן געקענט זיין נאַטור, אַז ער האָט ליב חניפה. פאַר דעם האָט ער זיי באַלוינט מיט שפּייז-טאַלאָנען.

דאָס „פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום" האָט שוין אפילו געהאַט געמאַכט אַ פּאָרם אויף אַ זשעטאָן פון רומקאָווסקיס קאָפּ. דאָס האָט מען געזאָלט אויסגיסן אין מעטאַל-רעסאָרט, און די געטאָ-יידן זאָלן טראָגן דעם „קייסערס" בילד אויף דער ברוסט. די מתנה האָט מען דעם „קייסער" געוואָלט צוטראָגן לכבוד זיין געבוירנטאָג. פון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, ווייל די געטאָ האָט אויף דעם נישט געהאַט קיין מעטאַל.

דער „קייסער" האָט אויך געהאַט זיין הויף-שרייבער, פּרויטשע לעקמאַנאָוויטש, אַן אויסגעפּרעסענער, מיט אַ גראָבן בויך. ער האָט פאַר דער מלחמה געשפּילט אַ ראָלע אין אַ טאָג-צייטונג. ער האָט געשריבן: „פּאָעזיע", „קריטיק" און „פּובליציסטיק" און אויך געשריבן בסוד רעקלאַמעס פאַר אָרגאַניזאַציעס און געשעפטן. ער האָט זיך געקאָכט אין אַלע אינסטיטוציעס און געהאַלטן רעדעס אויף באַנקעטן און פאַרזאַמלונגען און אומעטום פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן. פּרויטשע לעקמאַנאָוויטש האָט פאַר דער מלחמה אויך אַרויסגעגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע פון סוחרים און פאַבריקאַנטן. ער האָט פון זיי צונויפגענומען געלט, דאָס אַרויסגעגעבן אויף גלאַנציק פּאַפּיר, מיט שיינע פאָטאָגראַפיעס און רעקלאַמעס פאַר זייערע געשעפטן. אין געטאָ האָט לעקמאַנאָוויטש זיך צוגעהנפעט צום „קייסער", געשריבן וועגן אים לויב-לידער. רומקאָווסקי האָט דאָך פאַרקערט אין די סוחרישע קרייזן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער פאַרשוין מוז זיין אַ גרויסער שרייבער, האָט ער אים געמאַכט פאַר זיין הויף-שרייבער.

לעקמאַנאָוויטש האָט געוווינט אין „קייסערס" ווינטער-רעזידענץ. ער האָט געשריבן דעם „קייסערס" טאָגבוך. ער האָט פאַר-

שריבן יעדעס וואָרט, יעדן געדאַנק, וואָס דער „קייסער“ האָט אַרויס־געזאָגט. ער האָט געשריבן פאַר דעם „קייסער“ אַרטיקלען אין „געטאָ-צייטונג“.

דער הויף־שרייבער איז שפּעטער משוגע געוואָרן. האָט אים רומקאָווסקי אַרויסגעשיקט פון געטאָ מיט אַ טראַנספּאָרט קראַנקע. אויף זיי האָבן די דייטשן אויספּרובירט די גיפטיקע גאַזן.

* * *

דער „קייסער“ האָט אויך געהאַט זיין פּריוואַטן פאָטאָגראַפיסט. זיינע פאָטשערס און בראַוואָ־שרייערס. דאָס „פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטע־ריום“ האָט אָרגאַניזירט אַ רעדע פון „קייסער“ און זיי האָבן: אַפּלאָ־דירט, געשריגן „הוראַ! בראַוואָ!“ ביי יעדן געדאַנק, וואָס דער „מלך“ האָט אַרויסגעזאָגט; דער פאָטאָגראַפיסט האָט אָראָפּגענומען דעם „מלך“ אין אַלערליי פּאָזעס און מען האָט די בילדער אַרויסגעהאַנגען אין פראָנטאָווע פענצטער.

דער „קייסער“ האָט אויך געהאַט זיין פּריוואַטן קונסט־מאָלער, וואָס האָט פון אים געמאָלן בילדער מיט אַ טענדענץ. ער האָט אים פאַרהערלעכט: בילדער, ווו רומקאָווסקי וואַקסט אויס איבער דעם געטאָ־פאָלק מיט אַ רחמנותדיק פּנים, אַנגעטאָן אין אַ פּאַלערינע אַלאַ בעטהאָווען, און זיין פּאָעטישע פאָלקע (לאַנגע האָר) שטורעמט אַזוי ווי מען זעט בעטהאָווענען אויף טייל בילדער. די „מאַסן“ אויף די בילדער זיינען נישט געוואָרן אויסגעמאָלן, אַז זיי ליידן, ווייל דאָס וואָלט רומקאָווסקין נישט געפעלן געוואָרן. דער „קייסער“ האָט נישט געהאַלטן, אַז יידן איז שלעכט אין זיין „מלוכה“. פאַר דעם האָט דער מאָלער נישט געהונגערט. עס האָט אים ביי רומקאָווסקין גאָרנישט געפעלט, ער האָט אויך געהאַט אַ בעסערע וווינונג. דער זעלבער מאָלער האָט זיך נאָך פאַר דער מלחמה געהאַט פאַרקויפט צו אַ גרויסן פאַבריקאַנט, רומקאָווסקים אַ פריינט; דער „קייסער“ האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז ער זאָל פאַראייביקט ווערן אין אַ שיינעם ליכט. און ער האָט געוווסט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, אַז ער זאָל אים טריי דינען.

דער „קייסער“ האָט אויך אַ לענגערע צייט אַרויסגעגעבן אַ יידישע וואָכנצייטונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם „קייסער“ און געענדיקט מיט דעם „קייסער“. רומקאָווסקי איז פאַרהערלעכט געוואָרן אין יעדן אַרטיקל פאַר זיין ענערגיע, שטאַרקער האַנט און פאַר זיינע „אויפטוען“ פאַר דעם יידישן פאָלק. יעדע וואָך האָט מען דאָרטן אויך געשריבן וועמען דעם „קייסערס“ געריכט האָט פאַרמשפּט צו שמייסן, פאַר „גנבענען“ אַ קאַרטאָפל, אָדער אַ רעטעכל, אָדער

א מייערל. עס זיינען אויך אָנגעגעבן געווען די גענויע נעמען מיט די אַדרעסן און דער עלטער פון דעם פּאַרמשפּטן, און אויך וואָס פאַר אַ „פאַרברעכן" ער איז באַגאַנגען. נאָכדעם איבערלייענען די צייטונג האָט מען שוין מורא געהאַט איינצורייסן מיט רומקאָווסקין און זיין „מלוכה".

אין אַלע עפנטלעכע פּלעצער, אין אַלע אַמטן, ביוראָען איז גע־האַנגען דעם „קייסערס" בילד.

דאָס „פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום" האָט אַרויסגעגעבן אַ קאַ־לענדאַר מיט רומקאָווסקיס בילד. אויף יעדן זייטל זיינען געווען שפּריכווערטלעך, וואָס דער „קייסער" האָט „געזאָגט" אין דעם און דעם טאָג. דאָס זיינען געווען ווערטלעך פון רבנים, דיכטער און דענקער. דער „מלך" האָט זיי קיינמאָל אַפילו נישט נאָכגעזאָגט.

אַלע דאָקומענטן, באַקאַנטמאַכונגען און גזירות, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעשיקט האָט רומקאָווסקי אָפּגעדרוקט אין זיין דרוקעריי און ער האָט אָנגעהויבן: „איך פאַראָרדער אַזוי:" און ער האָט געגעבן זיין אונטערשריפט: דער עלטעסטער דער יודען, מ. ח. רומ־קאָווסקי. דער אַלטער האָט הנאה געהאַט, וואָס ער קען אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען און מען מוז אים פאָלגן, און יידן האָבן אים געשאָלטן, וואָס ער גיט אַרויס שלעכטע גזירות. עס איז זיי גאָרנישט געקומען אויפן זינען אַז ער פירט אויס אַלץ, וואָס די דייטשן פאַראָרדנען.

כדי דער „קייסער" זאָל אויסזען יינגער האָט ער געהאַט אַ מאַסאַזשיסטקע, וואָס האָט אים טאָג־טעגלעך מאַסאַזשירט. און אַ מלך טאָר דאָך נישט זיין אָן אַ מלכה — האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין עטלעכ־און־דרייסיק יאָריקע סעקרעטאַרין.

דער „קייסער" האָט זיך מיט קיין שום זאַך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזט: אין געטאָ זיינען פאָרגעקומען אַ סך חתונות, ווייל אין צווייען איז תמיד לייכטער און אויף אַ חתונה האָט רומקאָווסקי גע־געבן אַ „חתונה־טאַלאָן" — אַ ספּעציעלע „ראַציע": אַ גאַנץ ברויט, אַ ביסעלע צוקער, אַ ביסעלע קונסט־האָניק און מאַרגאַרין. האָט מען חתונה געהאַט. „זאָל מען זיך כאָטש איין מאָל זאַט אָנעסן", האָבן חתן־כלה אויסגערעכנט. ביי רומקאָווסקין האָט מען אָבער געמוזט מאַכן חתונה־אַקטן, און ער אַליין האָט זיי געמוזט באַשטעטיקן מיט זיין אונטערשריפט. די חופה האָט נאָר געקענט פאָרקומען אין „איינ־מעלדונגס־אַמט". דאָרטן, ווו ער האָט אַרויסגעגעבן די חתונה־אַקטן. און ער אַליין האָט באַשטימט אין וועלכער שעה די חופה זאָל גע־שטעלט ווערן און דער „מלך" בכבודו ובעצמו האָט געגעבן חופה וקידושין.

דער חבר זיידע

בלושטיין איז יעדן טאָג געגאַנגען צו דער גמינע זוכן אַ טאָג אַרבעט. ביים איבערבויען הייזער, אויף פאַרשידענע אָמטן פון רומ־קאָווסקים „מלוכה", האָט מען געדאַרפט האָבן שוואַרץ־אַרבעטער: צו גראָבן גריבער, צו מאַכן ליים, שלעפּן שטיינער און ציגל, רייניקן נאָך דעם רעמאָנטירן. אָבער די אַרבעט האָט באַקומען דער, וואָס האָט געהאַט „פּלייצעס" (פּראָטעקציע) האָבן זיך די אַרבעטער אַליין אָרגאַניזירט, און אין שפּיץ זיינען געשטאַנען דער חבר זיידע מיט בלושטיינען.

דער חבר זיידע איז געקומען קיין לאָדזש פון קאַליש, באַלד אָנהייב מלחמה. די שטאָט קאַליש האָבן די דייטשן געמאַכט „יודען ריין" באַלד נאָכן אָקופּירן.

זיידע איז געווען אַ הויכער, אַ ברייט־ביייניקער. ער האָט געהאַט אַ ברייט, רויט פּנים, אַ הויכן, ברייטן שטערן, גרין־בלויע אויגן, געדיכטע געלע ברעמען, אַ ברייטע נאָז, קליינע, רויטע וואָנצעס און אַ קאָפּ רויט־ברוינע, געקרייזלטע קודלעס. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אין מויל אַ קורצע ליולקע, צי ער האָט יאָ געהאַט וואָס צו פּיפּקענען אָדער נישט. געטראָגן האָט זיידע אַ קורטקע, אַ פּאָר רייט־הויזן, אַ פּאָר שווערע שיך און ווינקלעס — מעשה סאָלדאַט. אַלט געווען איז ער עטלעכע און פערציק יאָר. דער חבר זיידע האָט ביז צו דער מלחמה געשפּילט יידיש טעאַטער. ער איז געווען דער רעזשיסאָר אין דעם דראַמאַטישן קרייז. ער האָט געהאַט אַ דונערנדיקע שטימע, ער האָט גערעדט מיט ברען. זיידע האָט געוואָלט אויסבעסערן די וועלט. זיין טאַטע איז געווען אַ חסיד, האָט ער גערירשנט פון אים זיין התלהבות. זיידע האָט שטענדיק געבראַנגט אויסצוגן פון די פּיעסעס, וואָס ער האָט מיטגעשפּילט. ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַן אַקטיאָר, און אַזוי ווי ער האָט דאָס נישט דערגרייכט, האָט ער אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן געשפּילט טעאַטער. זיידע האָט פון זיין פאַנטאַזיע אינסצענירט און רעזשיסירט גאַנצע פּיעסעס און די אַרטיסטן זיינען געווען די מאַסן. זיידע איז געווען ערלעך און אויפ־ריכטיק און ער איז שטענדיק געבליבן אָפּגענאַרט. די גאַנץ נאָענטע האָבן אים אויסגעלאַכט. זיי האָבן שוין געקענט זיינע פאַנטאַזיעס און זייער סוף.

זיידע האָט געהאַט אַ ווייב מיט ניין קינדער, דאָס עלטסטע — אַ טאָכטער פון זיבעצן יאָר. אַלע קינדער זיינען געגאַנגען באָרוועס און האַלב־נאַקעט. ער האָט געהאַט אַ וווינונג פון איין שטוב מיט אַ קיך, אַן מעבל. (ער האָט געוווינט אין זעלבן הויף ווו בלושטיין)

די קינדער האָבן זיך אָנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע נעבן דער וואַנט, האָבן זיך פון די קעפּלעך אויספּאָרמירט טרעפּן, און זיי האָבן זיך איינגעהערט אין טאַטנס רייד: „הער אוים מיין ווייב, דו זאָלסט גאָרנישט זאָרגן: עס גייט אַצינד צום געבורט פון אַ נייער וועלט. די אַלטע וועלט האָט שוין אָפּגעלעבט, מוז זי פּגרן! אָבער זי וויל זיך ראַטעווען מיט אַן איינשפּריצונג — דאָס איז מלחמה. און נאָך דער מלחמה מוז קומען די רעוואָלוציע. די וועלט גייט צום געבורט פון אַ נייער וועלט און עס איז אַזוי ווי אין ש. אַנסקים אַ פּיעסע, „טאָג און נאַכט", וואָס איך האָב מיטגעשפּילט: עס איז דאָ איין נשמה. ווערט דאָס קינד קומען אַ טויטס — ווערט די מאַמע בלייבן לעבן, ווערט דאָס קינד לעבעדיק געבוירן ווערן — מוז די מאַמע שטאַרבן! דו פאַרשטייסט, סערעלע, נאָר איין נשמה!... די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט שוין אָפּגעלעבט. די אָרדענונג מיט די היטלערס און רומקאָווסקים ווערט איינגעמען אַ שוואַרצן פינצטערן סוף! מיר וועלן לעבן ווי מענטשן, וועסט האָבן אַ גוטע וווינונג מיט מעבל, דיינע קינדער וועלן האָבן צו עסן און טרינקען, שיינע קליידער, באָרוועס וועלן זיי שוין נישט אַרומגיין."

סערל, זיין ווייב, אַ שטילע, אַ צוגעלאָזטע, שאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַן איראָניש שמייכעלע, און באַלד ווערט איר פּנים צוריק פאַרביטערט און פון איר בליק קאָן מען אָראָפּלייענען, וואָס זי טראַכט: זי באַדאַרף שוין שפּייז פאַר די הונגעריקע קינדער, דאַרף קליידער און שיך — און ער האַלט זי אין איין שפּייזן מיט זיינע פאַנטאַזיעס. זיידע פּילט זיך אַ ביסעלע געפאַלן און סערל דערקענט דאָס: „הער דיך גוט צו, וואָס איך זאָג דיר — רעדט זי געלאַסן — וואָס פאַר אַ רעגירונגען עס זאָלן נאָר נישט זיין, וועלן אייביק זיין „רומקאָווסקים"... און ס'וועלן אייביק זיין חברים „זיידעס"... אומעטום זיינען די בעסטע פאַסטנס פאַרכאַפּט פון גאַנצע משפחות. ווי זאָגט די וועלט: „דאָס לייב איז נענטער ווי ס'העמד", און אַזוי אַרום שאַפּט זיך אַ קליקע!"

— גיי שוין, גיי! — האָט זיך דער חבר זיידע אָנגעצונדן — גיי, מיט דיינע נאַרישע רייד! עס מוז און עס וועט קומען אַ יושרדיקע וועלט! דאָס האָבן נאָך אונדזערע נביאים געזאָגט.

— ווען?! נאָך ביי אונדזער לעבן?!

— יאָ, יאָ! ביי דיין לעבן! גאָר גאָר אינגיכן! נישט געזאָרגט. נו, אונטערדריקטע חברימלעך! — ווענדט ער זיך צו די קינדער, וואָס האָבן זיך גוט איינגעהערט, — זייט נישט טרויעריק. ס'הונגערט ענק? זינגטס! זייט פריילעך! זינגטס „רומקאָווסקי חיים"!

איין קינד הייבט אָן, דערנאָך האַלטן אַלע אונטער, אַפילו זיידע מיטן ווייב:

„רומקאָווסקי חיים, דער עלטסטער יודע
ער איז געשעצט פון דער געשטאַפּע,
ער איז טאַקע אונדזער ברודער
און „באַזאָרגט" אונדז מיט פּאַפּע".

ביים רעפריין פּאַטשן עטלעכע צו מיט די הענטלעך, איינער פייפט אונטער, עטלעכע טופען צו מיט די פיס:

רעפריין:

„רומקאָווסקי חיים, האָט גוט געטראַכט,
געאַרבעט שווער ביי טאָג, ביי נאַכט,
ער האָט געמאַכט אַ געטע,
מיט אַ דיעטע,
און ער שרייט אַז ער איז גערעכט."

טאַטע מאַמע קוועלן פון נחת פון דעם געראָטענעם כאָר.

דער הונגער ביים חבר זיידע איז שוין דעמאָלט געווען אין לשער. זיידע האָט נישט געקענט פאַרדינען אַפילו אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט, וואָס מען האָט נאָך דעמאָלט געקאָנט קריגן בלויז פאַר געלט (קיין קאַרטן זיינען נאָך נישט איינגעפירט געווען.) בלו־שטיין, מיט זיידען, זיינען יעדן טאָג געגאַנגען צו דער גמינע („יודענ־ראַט") נאָך אַ טאָג אַרבעט, און זיינען אַהיימגעקומען מיט גאָרנישט. איז זיידען איינגעפאַלען דער פלאַן: ער האָט גענומען בלושטיינען צום גמינע־פּלאַץ, האָט אים געגעבן אַ העפט מיט אַ בלייפעדער, און זיידע איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ טרעפּל און געהאַלטן פאַר די אַרבע־טער אַ הייסע רעדע: „חברים! — האָט ער גערעדט מיט זיין לייבן־שטימע — עס איז דאָ שוואַרצע אַרבעט אין „אַרבעטס־אַמט", און די באַאַמטע גיבן די אַרבעט זייערע מענטשן. די אַרבעט מוז איינגעטיילט ווערן גלייך אויף גלייך! זאָל זיין איין טאָג אָדער צוויי טעג אין וואָך, אָדער אַפילו אין אַ חודש! מיר, יידן, זיינען אַלע אַרעסטאַנטן, דאַרפן מיר אַלע עסן ס'זעלבע — דאַרפן מיר אַלע עסן פון איין קעסל! מיר אַרבעטער מוזן קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט! אַלע זאָלן זיך פאַררעגיסטרירן ביים חבר בלושטיין, מיר דאַרפן אויס־קלייבן אַ קאָמיטעט און אַריינגעבן די ליסטע אין „אַרבעטס־אַמט", פאָדערן פאַר אַלע צו צוויי טעג אַרבעט אין דער וואָך, און אויב ס'וועט זיין מער אַרבעט, זאָל מען איינטיילן גלייך אויף גלייך!"

— ריכטיק! ריכטיק! — האָבן די פאַרזאַמלטע אונטערגע־האַלטן.

זיי האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, און אַלע האָבן זיך פאַר־שריבן ביי בלושטיינען.

בלושטיין איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאָמיטעט. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר סעקרעטאַר.

דער קאָמיטעט, בראש מיט דעם חבר זיידען, האָבן אַריינגעגעבן די ליסטע מיט אַ מעמאָראַנדום אין „אַרבעטס־אַמט״. דער באַאַמטער האָט זיידען צוגעזאָגט, אַז מען וועט דעם ענין באַהאַנדלען און ער איז זיכער, אַז מען וועט נאָכקומען זייערע גערעכטע און לאָגישע פאָדערונגען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן זיי האָבן אַן ענטפער.

דער קאָמיטעט איז אַוועק אַ צופרידענער.

דער חבר זיידע האָט התלהבותדיק באַריכטעט די אַרבעטער, וואָס ער האָט שוין אויפגעטאָן: „פאַר אַלע וועט מען איינטיילן די אַרבעט גלייך אויף גלייך!״

די אַרבעטער האָבן אים אויפגעהויבן און מיט פרייד געשריגן: „זאָל לעבן דער חבר זיידע! הוראַ! הוראַ!״

עס זיינען אַוועק דריי וואָכן און דער קאָמיטעט האָט אַלץ נישט באַקומען קיין ענטפער. די באַאַמטע האָבן ווייטער זייערע אייגענע מענטשן געגעבן צו גאַנצע וואָכן־אַרבעט. דאָס האָט די שוואַרץ־אַרבעטער מיטן חבר זיידען בראש נאָך מער אויפגעקאָכט.

איינמאָל אַן אינדערפרי, ווען בלושטיין, מיט הונדערטער הונ־געריקע זיינען געקומען אויפן גמינע־פּלאַץ, אין „אַרבעטס־אַמט״, נאָך אַ טאָג אַרבעט און מען האָט זיי נישט געגעבן, האָט דער חבר זיידע אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע.

די דעמאָנסטראַציע איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן. די הונגעריקע האָבן זיך געהאַלטן אין איין אָנשליסן. דער חבר זיידע האָט געדונערט מיט זיין לייבן־שטים: „מיר ווילן אַרבעט און ברויט! „זאָל פון יעדער משפּחה אַרבעטן נאָר צו איין מענטש!״ „איינטיילן די אַרבעט און דאָס עסן גלייך אויף גלייך!״

אַנדערע האָבן געשריגן:

„נידער מיט רומקאָווסקיס הערשאַפט!״

„נידער מיט דעם משוגענעם און זיין קליקע!״

„נידער מיט די „פלייצעס״! (פּראָטעקציע).

„אַ טויט די „בענדער״! (יעדער באַאַמטער האָט געטראָגן אַ געלע אָדער אַ געל־ווייסע באַנד אויפן לינקן אָרעם.)

בלושטיין איז געגאַנגען נעבן זיידען און ער האָט געשריגן: „מיר ווילן נישט הונגערן, מיר ווילן אויך קענען אויסקויפן די „ראַציעס״!

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן און אונטערגעהאַלטן די לאָזונגען.

ווען דעם „קייסערס" פּאָליציי מיט די באַאַמטע האָבן דאָס געזען, האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעריסן די „בענדער" און האָבן זיך באַהאַלטן. און די, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן דאָס צו טאָן — האָט די מאַסע מיט זיי זיך אָפּגערעכנט.

נאָך מיטיק איז פאָרגעקומען אַן אַנדער מין דעמאָנסטראַציע: אַ גרויסע מאַסע, מיט קאַריקאַטורן און אויפשריפטן קעגן „קייסער" רומקאָווסקי און זיין קליקע. די דעמאָנסטראַנטן זיינען צוגעגאַנגען צום געטאָ-צוים, ווו עס האָט זיך געדרייט די געטאָ-וואַך: באַהעלמטע סאָלדאַטן מיט ביקסן, טייל האָבן געטראָגן גרינע און טייל טונקלבלויע מונדירן, און אויפן וועג זיינען דורכגעפאָרן אויף דראָשקעס און אויף אויטאָס דייטשע „באַהערדן".

די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן גרויסע פּלאַקאַטן געשריבן אין דייטש:

„מיר ווילן נישט קיין יידישע רעגירונג!"

„מיר בעטן די דייטשן זאָלן איבערנעמען די מאַכט אין געטאָ!"

דער „קייסער" האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די דעמאָנסטראַנטן. האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צו די דייטשן. ווען די דייטשע פּאָליציי איז אָנגעקומען איז שוין לאַנג געווען נאָך דער דעמאָנסטראַציע. די דייטשע פּאָליציי איז אַרומגעפאָרן איבער דער געטאָ און האָט נישט באַנוצט קיין היים געווער — זי האָט עקסטרע באַקומען אַזאַ באַפעל — זי האָט נאָר געגעבן גאַנץ לייכטע קלעפּ, גאָרנישט אויף דעם דייטשישן שטייגער. דאָס האָט די מאַסע צוגעגעבן מוט און די דייטשן האָבן דערגרייכט זייער ציל:

„אָ, זעט איר, די דייטשן האַלטן מיט אונדז!"

„זיי האָבן גאָרנישט געוווסט וואָס דאָ טוט זיך!"

„אין אַלץ איז דער משוגענער רומקאָווסקי שולדיק!"

„ביי די דייטשן וואָלטן מיר באַקומען דאָס וואָס זיי שיקן אַריין!"

אַזוי האָבן יידן געטענהט.

די אַרבעטער-טוער האָבן די מאַסע נישט דערגרייכט. זיי האָבן מורא געהאַט עפנטלעך צו קומען מיט זייער אַקטיוויטעט און זיי אויפקלערן. האָט די אונטערוועלט אויסגענוצט די געלעגנהייט: עס האָט זיך גענומען צו דעם ענין דער אונטערוועלט-יונג שמערקע פּויטע, וואָס האָט געהאַט אַ „גן-עדן"-הייזל, געהאַנדלט מיט לעבעדיקע סחורה, און אויך זיין ווייב געשיקט אין „גאַס" אַריין, זי זאָל אים ברענגען פּרנסה. מען האָט אים גערופן „רב", ווייל ער האָט געפּסקנט

„דין תורות" ביי זיינע קאַלעגן. ער, שמערקע פּויטע, האָט אָרגאַ־ניזירט זיינע מענטשן, ער איז מיט זיי אַרויף אויף דעם גמינע־פּלאַץ, צווישן די הונגעריקע מאַסן. צוויי קאַלעגן האָבן אים אַרויף־גענומען אויף די אַקסלען און ער האָט מיט זיין הייזעריקער שטים געהאַלטן אַזאַ רעדע: „כאַוויירים הונגעריקע! עס זאָל אַ ריעך אין ענקער טאַטענס און מאַמעס זין אַריין!" — זיין רויט פּרצוף איז נאָך רויטער געוואָרן, די העל־בלויע אויגן זיינען פאַרלאָפן געווען פון דער כּוסה, וואָס ער האָט נאָר ערשט געמאַכט. — דער משוגענער! — האָט ער אויפגעהויבן זיין קול — מיט זיינע זונות, פּרעסן און זויפן אויף אונדזערע פּלייצעס, און אונדז לאָזן זיי פּגרן ווי די הינט! זיי לאָבן פון אונדז וויטישע יאַטן! זאָל אַ פּאַפּלעקציע אַריין אין זייערע בליאַדסקע מאַדזשיאַרישע הערצער אַריין! די קאָאָפּעראַטיוון זיינען פול מיט פּרעסנוואַרג, וואָס די דייטשן האָבן פאַר אונדז אַריינגע־שיקט. דער משוגענער וויל אייך נישט אויסטיילן, ווייל איר האָט נישט קיין געלט און איר האַלט די הענט אויף די טעכעסער?! אויב מיר ווען זיך אליין נישט נעמען וועלן די „בענדער" דאָס צולאַק־בענען! אַי, ביי מיר קענען זיי לעקן און שמעקן פּערץ! די גאַנצע שפּייז געהערט צו אונדז! קומט, לאָמיר זיך אַליין נעמען! לאָמיר ראַבירן! איך, שמערקע פּויטע, גיי דער ערשטער! ווער גייט מיט מיר?!

— איך! איך!

— ער איז גערעכט!

— קומט אַלע!

— אַלע! אַלע! — האָבן זיינע קאַלעגן אונטערגעהאַלטן.

די מאַסע איז מיטגעריסן געוואָרן און ווי ברויזנדיקע כוואַליעס געשטורעמט די קאָאָפּעראַטיוון, צעבראָכן די טירן, די שויבן, די טישקאַסטנס, די שענק. שרייעדיק: „נידער מיטן „קייסערס" הער־שאַפט! נידער מיט די „בענדער"! נידער מיט די „פּלייצעס!" זיי האָבן געכאַפּט פולע היטלען צוקער, היטלען אייער, פּעקלעך פּוטער. וואָס זיי האָבן געקענט האָבן זיי געפּאַקט אין די מיילער און געגעסן. זיי האָבן אויסגעגאָסן די קאַנען מילך, וואָס עס איז אַריינגעקומען פאַר די זויגקינדער. דאָס וואָס עס איז באַקוועם געווען צו טראָגן האָט מען געכאַפּט. די רעשט שפּייז האָבן זיי צעטראָטן, שיטנדיק קללות אויף רומקאָווסקין און זיין קליקע. אַ סך פּאָליציי און באַ־אַמטע האָבן פון זיך אַראָפּגעריסן די בענדער, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער מאַסע און ראַבירט. זיי, ווי די אונטערוועלט־יונגען מיט זייערע „כלות" און ווייבער, זיינען ניכטער געווען — זיי האָבן ראַ־בירט לויט אַלע זייערע כּוחות, אָבער די גרעסטע טייל הונגעריקע

האָט נאָר אויסגעלאָדנט דעם צאָרן מיט צעברעכן די איינריכטונגען, טירן, פענצטער און מיט צעטרעטן און פאַרניכטן די שפּייז.

אַזוי האָט דאָס געדויערט צוויי טעג, און די דייטשן האָבן זיך אַלץ נישט אַריינגעמישט.

דער „קייסער" האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן אים באַשולדיקן אַז ער איז נישט בכוח צו האַלטן אָרדענונג אין געטאָ. האָט ער אויף דעם דריטן טאָג געלאָזט רופן צו זיך דעם חבר זיידען. דער אַלטער האָט אים געפרעגט אין זיין ליטווישן אַקצענט: „זשאָג מיר, דו פירשט דאָש די מאַשע ראַבירן?!" זיידע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס פון די רייט-הויזן האָט זיי פלינק אַרויסגעכאַפּט און אַ זאָג געטאָן מיט זיין לייבן-שטים: „איך בין נישט אַזאַ משוגענער צו הייסן ראַבירן און צו ברעכן פענצטער, טירן און איינריכטונגען! ניין דאָס איז נישט דער וועג פון אַרבעטער. דאָס „שטיקל אַרבעט" האָט געמאַכט די אונטער-וועלט!"

דאָ האָט דער „קייסער" זיך פאַרטראַכט און נאָכגעדענקט זיידעס לעצטע ווערטער: די אונטערוועלט... היטלערן האָט דאָך באַשיצט די אונטערוועלט...

זיידע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן: „איר האַלט זיך דאָך פאַר אַ טאַטע פון די פאַריתומטע געטאָ-יידן, פאַרוואָס מאַכט איר אונדז פאַר שנאָרערס און רויבער?"

דער „קייסער" האָט זיידען פאַרגעוואָרפן: „דו האָשט דאָך אויך די מאַשע אַרוישגעפירט אין גאַש?"

„יאָ — האָט זיידע זיגעריש באַשטעטיקט, — אָבער נישט צו רויבן נאָר פאָדערן אַרבעט און ברויט!"

„טשו וואָש טויגן דיר די אַלע נאַרישקייטן? — האָט דער „קייסער" גערעדט מיט אַן אינטימען טאָן — וואָס האָבן דיר אָנטשוגיין פרעמדע געשעפטן? פרעמדע דאגה'שם? דו האָשט אַ ווייב מיט קינדער וואָש הונגערן, האַ? עש איזש נעבעך אויף זשיי אַ גרויש רחמנוש, איך וועל דיר געבן אַ גוטן פּאָשטן און דו וועשט רויק לעבן."

„איך וועל מיך נישט לאָזן אונטערקויפן! — איז דער חבר זיידע אויפגעשפּרונגען — איך בין נישט קיין „פּאַרטיי-מענטש". איך וועל די חברים. די אַרבעטער, וואָס האָבן מיך אויסגעקליבן און מיר געשענקט דעם צוטרוי, נישט פאַרראַטן! פאַר אַלע שאַפט אַרבעט! וויפיל אַרבעט עס איז דאָ טיילט איין! וויפיל עסן עס איז דאָ טיילט איין גלייך אויף גלייך! מיר, יידן, זיינען אַלע אין איין תפיסה, דאַרפן אַלע עסן פון איין קעסל! דערווייל עפנט קיכן — האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן ווי מען גיט אַ גוטע עצה. — דאָס

פאָלק גייט אויס פון הונגער. איר דאַרפט הערן ווי קינדער וויינען: „ברויט, ברויט!" און טאַטע-מאַמעס הערצער צעגייען פון יסורים. — האָט זיך זיידע צעוויינט און טרערן זיינען גערונען אויף זיינע באַקן — און אייער קליקע לעבט און לאַכט אויף אונדזער חשבון! די אונטערוועלט נוצט אויס די הונגעריקע פאַר זייערע נוצן! דערווייל מישן זיך די דייטשן נישט אַריין. אָבער, הערן פּרעזעס, דאָס וועט סוף כל סוף דערפירן צו אַ בלוט-באָד!"

דער חבר זיידע איז אַוועק אַ צופרידענער פון דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט אַריינצוזאָגן דעם אַלטן דאָס, וואָס ער און דער גרעסטער טייל יידן אין געטאָ טראַכטן.

דער „קייסער" איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט, דער הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט וועגן דעם, וואָס זיידע האָט פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז די אונטערוועלט פירט דאָס אָן מיט דער „גרענדע".

„אַזוי גאָר, די אונטערוועלט? — האָט דער „קייסער" צו זיך גערעדט גייענדיק הין און צוריק איבערן צימער. מיט אַ מאָל האָט זיין פאַרמרה'שחורהט פּנים זיך צעשמייכלט — איך האָב אָן עצה, זייער אַ גוטע עצה. עס וועט באַלד שטיל זיין אין מיין מלוכה. אין מיין געטאָ מוז זיין אָרדענונג! מיין געטאָ מוזש גיין ווי אַ זשייגערל! האָט ער געקלאַפּט מיט דער האַנט אין טיש און אָנגעקוואָלן פון זיין נייעם פּלאַן.

* * *

דער „קייסער" האָט געלאָזט רופן צו זיך די פאָרשטייער פון „בונד", „לינקע פועלי ציון" און די קאָמוניסטן. ער האָט זיי געפרעגט צי זיי פירן דאָס אַרום די מאַסן אין גאַס אַריין. די פאָרשטייער האָבן אים געענטפערט, אַז נישט זיי נאָר די אונטערוועלט טוט דאָס. זיי האָבן רומקאָווסקין אויך געראַטן צו עפענען קיכן און שאַפן אַרבעט.

ווען די פאַרטיי-טוער האָבן פאַרלאָזט זיין קאַבינעט האָט דער „קייסער" צופרידן געשמייכלט: „יאָ, מיין פּלאַן איזש גוט — האָט ער צו זיך גערעדט גייענדיק איבערן קאַבינעט הין און צוריק — היישט עס, אַז דער חבר זשיידע האָט יאָ געוווסט, וואָש ער זשאָגט, די אונטערוועלט מאַכט מיר די „גרענדע"! אין מיין מלוכה מוזש זשיין רויק, מוזש זיין אָרדענונג! מיין געטאָ וועט גיין ווי אַ זשייגערל!"

— האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן זיין ווערטל, קלאַפּנדיק מיט דער האַנט אין טיש פון התלהבות. און ער האָט זיך ווייטער געדרייט הין און צוריק אַ שמייכלענדיקער, שעפּנדיק נחת פון זיין פּלאַן, איבערחזרנדיק: „מיין לאָזשונג איזש: רו, אָרדענונג מוזש זשיין אין מיין געטאָ!"

* * *

די אונטערוועלט האָט אָצינד צעראַבירט די שפּייז, וואָס מען האָט צעפירט פאַר די קראַנקע אין די שפּיטעלער. די הונגעריקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט פון זיי פירן, האָבן אויסגעלאָזט דעם צאָרן צום „קייסערס“ פּאָליציי, וואָס האָבן געהיט די וועגענער און צו די צוויי־פיסיקע „פערד“, וואָס האָבן געשלעפּט די וועגענער — זיי האָבן זיי צעשלאָגן און פאַרטריבן. די מאַסע האָט אויך צעבראָכן די וועגענער, אויסגעגאָסן די קאַנען מילך, וואָס די צוויי־פיסיקע פערד האָבן געפירט אין די מילך־פּונקטן און די זויג־קינדער האָבן נישט געקענט באַקומען דעם מילך־צוטייל (איין פערטל־ליטער אַ טאָג).

דער חבר זיידע איז געווען אויסער זיך פון דער „קאַשע“, וואָס ער האָט דאָ פאַרקאָכט. ער האָט געוואָלט די מאַסע גוט פירן און דאָ האָט זיך אויסגעלאָזט אַזאַ אומגליק. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט זיין סעקרעטאַר שמחה בלושטיין, מיט זיין דערוואַקסן יינגל דער קונסט־מאָלער, און נאָך עטלעכע חברים. דעם חבר זיידעס שטים האָט געהילכט:

„חברים! חברים! וואָס לאָזט איר זיך פאַרפירן פון דער אונ־טערוועלט?!

„ער איז אַ פאַררעטער! רומקאָווסקים מענטש! — האָט דער אונטערוועלט־יונג שמערקע פויטע זיך געריסן אויף זיין הייזעריקער שטים. — כאַווײרים, מאַכט אים צו זיין מיסטקאַסטן!“

„איר מאַכט צו אייער געמיינעם פּיסק! — האָבן זיידעס מענטשן געשריגן, — חבר זיידע וועט רעדן!“

שמערקע פויטעס מענטשן האָבן געהייבן הענט און ביידע צדדים האָבן זיך געאָמפּערט און געשלאָגן. שמערקע פויטע, מיט זיינע אונטערוועלטניקעס, האָבן זיך אָפּגעטראָגן און זיידע איז ענדלעך געקומען צום וואָרט:

„חברים! איר צעברעכט די טירן און שענק פון די קאָאָפּעראַ־טיוון, און די אונטערוועלט רויבט פון אַלעם גוטן! איר גיסט אויס די מילך, צעטרעט די אייער און פּוטער פון אייערע קינדער, פון אייערע קראַנקע! וועט איר פון דעם זאַט ווערן? וועלן אייערע קינדער פון דעם זאַט ווערן? וועט איר אייערע קראַנקע מיט דעם געזונט מאַכן? איר דאַרפט אַרבעט, איר ווילט דאָך אַרבעטן. קומט מיט מיר צום אַרבעטס־אַמט, וועט איר קריגן אַרבעט!“

„ריכטיק! ריכטיק! — האָבן זיידעס מענטשן אונטערגעהאַלטן.

„קומט! מיר וועלן באַקומען אַרבעט!“ — האָט זיך זיידע אַ לאָז געטאָן און די מאַסע מיטגעריסן.

דער באַאַמטער פון אַרבעטס־אַמט האָט היינט י אַ געטאָן, ווי דער חבר זיידע האָט געהייסן.

אצינד ווען די וועגענער מיט שפייז זיינען געפאָרן אין די שפּי־טעלער און אין די קאָאָפּעראַטיוון, האָט זיי נישט באַוואַכט דעם „קייסערס" פּאָליציי, קיינער האָט נישט געהיט; ייִדעם מענטשן האָבן געשלעפּט די וועגענער, און אַרויפגעלאָדנט און אַראָפּגעלאָדנט די שפּייז און עס איז געווען רויק אין געטאָ. און דער חבר ייִדע האָט זיך געפרייט מיט זיין זיג: „זעסטו! — האָט ער זיגעריש אַ זאָג געטאָן צו בלושטיינען, — אַזויערנאָך דאַרף מען קעמפן פאַר דער גערעכטיקייט!"

„דער אמת מוז זיגן!" — האָט בלושטיין צוגעגעבן.

ייִדע האָט איינגעטיילט די אַרבעט און אין געטאָ איז געווען רואיק.

* * *

צומאָרגנס האָט דער „קייסער" געלאָזט צו זיך רופן די חברה פון דער אונטערוועלט, בראש מיט זייער פירער שמערקע פויטע.

„הער טשו, שמערקע, — האָט דער „קייסער" צו אים געזאָגט — איך וויל דיר און דיינע קאָלעגן געבן אַרבעט."

„זייער גוט, פּאַניע פּרעזעשע, — האָט שמערקע אים געענט־פערט מיט הכנעה און זיך געבויגן אין דרייען. — אָבער נישט קיין שווערע אַרבעט."

„דיין אויפגאַבע וועט זשיין טשו האַלטן די אָרדענונג אין מיין געטאָ. האָשט פאַרשטאַנען? מיין געטאָ מוזש גיין ווי אַ זשייגערל!"

„אויף מיר און אויף מיינע יאַטן קען זיך דער פּאַניע פּרעזעס פאַרלאָזן, — איז ער געבליבן שטיין ווי אַ סאָלדאַט פאַר זיין גענעראַל. — איך וועל זיי אָנלערנען, די בליאַדיעס! — האָט ער געוויזן מיט דער פויסט. — עס וועט אַ רוח אין זייערע בליאַדסקע מאַדזשאַרישע הערצער אַריין!"

דער „קייסער" האָט מיט דער אונטערוועלט געשאַפן אַ נייע פּאָליציי: א. נ. „איבערפאַלקאָמאַנדע". שמערקע פּויטע איז געוואָרן דער קאָמיסאַר. זייער אויפגאַבע איז געווען: איבערפאַלן שטובן, דורכפירן רעוויזיעס, שלאָגן, אַרעסטירן און היטן, אַז עס זאָל זיין רויק אין געטאָ.

ווי נאָר די „איבערפאַלקאָמאַנדע" האָט אָנגעטאָן די פּאָליציי־שע היטלען און גענומען די פאַלקעס אין די הענט אַריין, האָבן זיי געהיט די וועגענער שפּייז און די, וואָס האָבן געהאַט פּראָטעקציע, האָבן ווידער געשלעפּט די וועגענער; און דער חבר ייִדע, מיט בלו־שטיינען און די אַרבעטער זיינען ווייטער געבליבן אָן אַרבעט.

ייִדע האָט זיך געטרייסט: „הער צו, בלושטיין, בעת אַ שטו־רעם איז דאָס מיסט פון אויבן!"

„דאָס מיסט וועט אויסגערוימט ווערן!" האָט בלושטיין צו־געגעבן.

„מען האָט זיי טיף טיף אין דר'ערד! קיין איינער פון זיי וועט די מלחמה נישט איבערלעבן!" האָט אים זיידע ווױלעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און געזאָגט: „קום, לאָמיר טראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן." זיי זיינען אַרויס פון גמינע־פּלאַץ און נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען זייער גאַנצע גרופּע אַרבעטער.

* * *

רומקאָווסקי איז געפאָרן אויף זיין „שיינער" דראָשקע מיט זיין „שיין" פערדל באַוואַכט פון זיין לייב־וואַך. קיינער איז אים אַצינד שוין נישט נאָכגעלאָפן. פאַרקערט, ער האָט געזען ווי די קינדער און דערוואַקסענע אַנטלויפן פון מורא: „עס איזש רו אין מיין געטאָ! מיין געטאָ וועט גיין ווי אַ זשייגערל!" האָט ער געזאָגט צו דער לייב־וואַך און דער „קייסער" איז געפאָרן שמעלצנדיק זיך פון נחת.

די פּאַרטיי קיכן

דער „בונד" און „לינקע פּועלי ציון" האָבן שוין לאַנג געעפנט קיכן מיט געשמאַקע זופּן, געקאָכט אויף ביינער. פאַר דרייסיק פעניק האָט מען באַקומען אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט און פאַר נאָך דרייסיק פעניק האָט מען באַקומען אַ שטיקל געמאָלן פלייש.

אין דער „בונדישער קיך" איז געווען שיין, זויבער. אין עטלעכע גרויסע צימערן זיינען געשטאַנען קליינע טישלעך צוגעדעקט מיט ווייסע טישטעכער. די באַהאַנדלונג איז געווען אַ סאָלידע, ווי אין אַ בעסערן רעסטאָראַן עסנדיק פאַר די עטלעכע פאַר גראָשן אויף די וויים־געדעקטע טישלעך אַזאַ געשמאַקן מאַלצייט, פילנדיק די וואַרעמע אַטמאָספערע, האָט מען אין דעם מאָמענט פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין רומקאָווסקים „מלוכה", אָבער זעלטן האָט זיך ווער געקענט דערלויבן אַזאַ „לוקסוס", אַחוץ די אייגענע חברים, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרן, אָדער די פאַרמעגלעכע יידן.

אין דער „לינקער פּועלי־ציוניסטישער קיך" איז שוין נישט גע־ווען אַזוי שיין און אַזוי אַנגענעם. דאָרטן זיינען אין איין זאַל געשטאַנען עטלעכע לאַנגע נישט צוגעדעקטע טישן.

שפּעטער צו האָבן אַט די קיכן אָפּגעקאָכט קעסלען שפּייז און כמעט קיינער איז נישט געקומען. די פּאַרטיי־פירער, האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז: אַזוי ביליק און מען קומט נישט? די פּאַרטייאישע קיכן האָבן באַקומען ספּעציעלע צוטיילונגען פון

„קייסער". זיי האָבן אויך געהאַט זייערע מענטשן אין דער אַפּראָוויזאַציע (שפּייז-אָפּטיילונג). אָבער נאָך די אַלע דעמאָנסטראַציעס, ווען רומקאָווסקי איז געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן אומזיסטע טאַלאָנען אויך אין די פּאַרטיי-קיכן, און שלשלתדיקע רייען האָבן זיך געצויגן אויף אַ מהלך אַרום די קיכן, האָבן ערשט דעמאָלט די פּאַרטיי-פירער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מען איז נישט געקומען עסן צוליב דעם, ווייל עס זיינען שוין אויך נישטאָ די קליינע פּאַר פעניק. זיי האָבן אָנגעהויבן זען דעם גרויסן הונגער און די גרויסע אָרעמקייט, וואָס עס הערשט ביים פאָלק אין געטאָ. די וועלט זאָגט: „דער זאַטער קען נישט פילן . . . און קען נישט זען."

* * *

דער „בונד", „לינקע פּועלי-ציון" און די קאָמוניסטן אַלע צוזאַמען, האָבן געשאַפן אַ „טיי-האַלע" דאָרטן האָט מען צוויי מאָל אין טאָג אַרויסגעגעבן אַ פּאַרציע ברויט אָנגעשמירט מיט געקינצלטן האָניק, מיט אַ האַלבן ליטער געצוקערטע שוואַרצע קאַווע אויף אַ קאָפּ. די קיך האָט געהאַט אַ לאַנגן עס-זאַל, מיט טיש און בענק. מען האָט געקענט עסן אויפן אָרט אָדער אַהיימנעמען דעם צוטייל.

די באַהאַנדלונג איז דאָ געווען אַ חברישע. די חברים האָבן געאַרבעט איבער די כוחות צו קענען אַרויסגעבן דאָס עסן אין צייט. אָפּצוקאָכן דאָס ביסל קאַווע (ערזאַץ פון געבראָטענע גערשטן) איז אָנגעקומען מיט קריעת ים-סוף, ווייל עס איז נישט געווען מיט וואָס צו ברענען.

מיט דער טיי-האַלע האָבן די דריי פּאַרטייען קוים געקאָנט פאַרזאָרגן זייערע אייגענע מענטשן. דער חבר זיידע און בלושטיין האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן צו דער טיי-האַלע, אָבער זייערע באַמיונגען זיינען געווען אומזיסט. האָט זיידע ווידער געצאָרנט: „די וואָס זיינען נישט קיין פּאַרטיי-מענטשן — דאַרפן נישט עסן? ! מען דאַרף איינטיילן פאַר אַלע גלייך אויף גלייך!"

„און דאָ — האָט בלושטיין צוגעגעבן, — האָט איר שוין צו טאָן מיט אַרבעטער-פּאַרטייען — מיט „סאָציאַליסטן"!

און די צוהערער האָבן צוגעגעבן, אַז זיי זיינען גערעכט. און זיידע און בלושטיין האָבן ווידער גערופן צו דעמאָנסטראַציעס.

נאָך די דעמאָנסטראַציעס האָט דער „קייסער" געעפנט „ברויט-פונקטן" פאַר די נישט-פּאַרטייאישע און פאַר די שוואַרץ-אַרבעטער, וווּ מען האָט אויף אַ טאַלאָן באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט. די טאַלאָנען האָבן אויסגעטיילט די „הויז-קאָמיטעטן". אויף וועמען דער קאָמיטעט האָט געטראָגן אַ בייז הארץ — דעם האָט ער נישט צוגעטיילט.

די מעשה איז געווען אַזוי: איידער דער „קייסער" האָט איינ־געפירט ברויט־קאַרטן און שפּייז־קאַרטן, האָבן די קאָאָפּעראַטיוון דאָס ברויט און די „ראַציעס" אַרויסגעגעבן נאָר די „הויז־קאָמיטעטן" פאַר אַלע איינוווינער פון זייערע הייזער, און זיי האָבן אויסגעטיילט פאַר יעדן קאָפּ. ביים אָפּנעמען אין די קאָאָפּעראַטיוון האָבן די אַרויס־געבער אַראָפּגעגנבעט צו עטלעכע דעקאָ פון יעדן קאָפּ. זיי האָבן געטענהט: „אַז עס וועגט זיך איין, אַז עס ווערט „פאַרשיט". און הינטן אַרומעט האָט מען זיך אַהיימגעפירט האַנטוועגעלעך מיט שפּייז. דער „הויז קאָמיטעט" האָט דאָך געדאַרפט אויסוועגן אַ סך „ראַציעס", האָבן זיי געהאַט אַ גערעכטע טענה, אַז עס וועגט זיך איין און עס פאַרשיט זיך. האָבן זיי אויך אַראָפּגענומען פון יעדער זאַך, אויף יעדן קאָפּ צו עטלעכע דעקאָ, דאָס האָט זיי געעפנט אַ וועג צו גנבענען. די געטאָ האָט אויף דעם געזונגען אַזאַ לידל:

„איינס, צוויי, דריי, פיר,
געטאָ־יידן זיינען מיר.
ס'איז אַ הונגער, ס'איז אַ נויט,
מיט דעם צוגעטיילטן ברויט,
ס'איז אַ לאַנד, ס'איז אַ מעלעקע (מלוכה),
יעדער גנבעט דאָך אַ דעקע (דעקאַ — צען גראַם).

זיידע און בלושטיין האָבן ביי זייער „הויז־קאָמיטעט" געפאָ־דערט ערלעכקייט. זיי האָבן זיי געקוקט אויף די פינגער. דערפאַר האָט זיך דער הויז־קאָמיטעט אין זיי נוקם געווען. דעריבער זיינען זיי ווידער געבליבן אָן טאַלאָנען.

זיידע מיט בלושטיינען האָבן אַפילו געוואָלט אָנהייבן וועגן דעם אַ קאַמף מיטן „הויז־קאָמיטעט" אָבער זיי זיינען געקומען צום שלום, אַז עס לוינט נישט; עס איז נישטאָ מיט וועמען צו קעמפן, ווייל דאָ האָבן זיי נישט די מאָסע.

* * *

דער „קייסער" האָט אויך געעפנט אַ „מיטיק־קיך", וווּ מען האָט אויף טאַלאָנען אַרויסגעגעבן אַ „מיטיק": אַ טעלער האַלב־רויע, פאַרדומפּענע גרויפּן, געקאָכט בלויז אויף וואַסער און זאַלץ און דערצו צוגעגעבן אַ שטיקל ברויט. די דייטשן האָבן אַריינגע־שיקט אין געטאָ פאַרלעגענע גרויפּן, די גרויפּן האָט מען געווייקט אין וואַסער מיט טיי־סאָדע צו עטלעכע מעת־לעת, און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּקאָכן. און דער דומפּיץ איז אַלץ נישט אַרויס, און דערצו איז אויך נישט געווען ביי וואָס צו קאָכן. (די דייטשן האָבן בכלל נישט געגעבן קיין ברען־מאַטעריאַל). די גאַנצע געטאָ איז פול געווען מיט די גרויפּן. יידן האָבן פון די גרויפּן געמאַכט אַלערליי

מאכלים און געטראַנקען: לאַטקעס, פיש, פלייש, באָרשט, קוואַס, אַפילו „וויין" און „ספירט". איינער דעם צווייטן האָט מכבד געווען מיט אַ „לחיים" און מען האָט זיך אָנגעוואונטשן.

אַזוי ווי עס איז נישט געווען ביי וואָס און מיט וואָס אָפּצוקאָכן די גרויפּן, האָט מען זיך געריסן נאָך אַ טאַלאָן אין „רומקאָווסקיס קיך" אין דער „קייסערלעכע קיך": די קיך האָט אויך נישט געהאַט מיט וואָס צו ברענען, האָבן לאַנגע רייען הונגעריקע באַלאַגערט די קיך פון פאַרטאָגס אָן און געצאַרנט, האָט מען געמוזט אויסליידיקן די קעסלען, כדי נאָכאַמאָל צו קאָכן און, מען האָט אויסגעטיילט פאַסטנע, הארטע, נישט דערקאָכטע גרויפּן (די קעכין האָט איינגעזען, אַז מען זאָל אַפילו קאָכן די גרויפּן עטלעכע מעת-לעת וועלן זיי אויך זיך נישט אָפּקאָכן.) דאָס איז שווער געווען אין מויל צו נעמען, אָבער מען האָט אין זיך דאָס אַריינגעגעסן ווי אַ ביטער איינגעמאַכץ און דערנאָך האָט ערשט דאָס האַרץ נאָך מער געצויגן. די קיך האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן קינאָ-זאַל. עס זיינען דאָרט געשטאַנען לאַנגע שמוציקע טישן. דער זאַל איז געווען טונקל באַלויכטן. דער קוכער איז אַרומגעפאָרן מיט אַ שוואַרצן בלעכענעם קעסל און איינגעטיילט אין בלעכענע שיסלען. יעדער האָט זיך געמוזט מיטברענגען אַ לעפל. דער זאַל איז פאַרהילכט געוואָרן פון די געשרייען און געוואַלדן, ווייל יעדער האָט זיך געריסן מיט די שיסלען צום קעסל, יעדער האָט געוואָלט וואָס פריער באַקומען; ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט ווידער אויספעלן און ער וועט ווידער מוזן וואַרטן אויפן אַנדערן קאָך. מען האָט אויך אַהיימגעטראָגן פון דער קיך דאָס „מיטיק" פאַר גאַנצע משפחות. האָט זיך אויפן הויף געצויגן אַ לאַנגע ריי מיט טעפּ, עמערס, שיסלען און מאַנאַשקעס, נישט איינער האָט אָוועקגעחלשט אין דער ריי.

די יידן, וואָס האָבן אָפּגעגעסן דאָס „מיטיק", און דער מאָגן איז אַ ביסל אָנגעפילט געוואָרן, האָבן געלייגט דעם דייטש אויף די „לאָפּאַטקעס". זיי האָבן געמאַכט אַ חשבון, אַז „זיין" מפּלה קומט אַ ליאַדע טאָג, זיי האָבן געהאַט די גאולה אויף דער האַנט. אַלע יידן האָבן געזאָגט: „אַזוי בלייבט עס נישט! די רוסן וועלן קומען! עס וועלן איינגעשטעלט ווערן די זעלבע גרענעצן, ווי פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה! די רוסן קומען ליאַדע טאָג!"

און דער חבר זיידע האָט געזאָגט: „די רויטע אַרמיי וועט איינגעמען בערלין! און ערשט דעמאָלט ווען די רויטע אַרמיי וועט צעטרעטן דעם נאַציזם וועט די מלחמה זיך ענדיקן; אָבער דאָס איז נאָך נישט די לעצטע מלחמה!" האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען מיט זיין לייבן-שטימע.

דעם חבר זיידען מיט בלושטיינען איז אויך אויסגעפאַלן אין דער קיך צו נעמען מיטיק, עס איז זיי ממש פאַרמיוסט געוואָרן ס'לעבן פון דער קיך. און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי מוזן עפּעס טאָן צו דעם.

* * *

איינמאָל, ווען די שוואַרץ-אַרבעטער האָבן אויפן גמינע-פּלאַץ געוואַרט מען זאָל זיי אויסטיילן טאַלאָנען אין דער „קייסערלעכער קיך", איז דער חבר זיידע אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ גרויסן שטיין און געהילכט מיט זיין לייבן-שטימע:

„חברים! חברים שוואַרץ-אַרבעטער! דערפאַר וואָס מיר האָבן נישט קיין „פּלייצעס" (פּראָטעקציע) מוזן מיר עסן אין אַ שנאָרע-רישער קיך, ווו די גרויפּן זיינען רוי?! וואָס?!... מיר זיינען דאָך אויך אַרבעטער! אונדז קומט אויך צו עסן אין אַן אַרבעטער-קיך! חברים, קיינער פון אונדז זאָל נישט מער נעמען קיין טאַלאָנען אין „רומקאָווסקים קיך", נאָר אין דער בונדישער אָדער אין דער פּעצעקישער קיך!"

„ריכטיק! ריכטיק! — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן. — מיר זיינען נישט קיין שנאָרער נאָר אַרבעטער!" — האָט בלושטיין גע-שריגן, שטייענדיק נעבן זיידען.

„אין דער בונדישער און אין דער פּעצעקישער קיך עסט מען אין טאָפּלטע טעלער! (אַריינגעשטעלט דעם טיפן טעלער אין אַ פלאַטשיקן) אויף טישן מיט ווייסע טישטעכער!"

„אין „רומקאָווסקים קיך" איז ווי אין אַ מיסטקאַסטן!"

„איך האָב נעכטן געפונען שלאַנגען אין דער זופּ!"

„די גאָספּאָדיניע (באַלעבאָסטע) איז אַ געמאַליעוועטע ליאַלקע! איר דאַרפט אָנקוקן אירע מאַניקירטע נעגעלעך. אַז זי האָט אין איר לעבן קיין קיך פאַר די אויגן נישט געזען — קען זי דען זויבער האַלטן? אוי, די „פּלייצעס", די „פּלייצעס!" אַן אַרבעטערין דאַרף מען מאַכן פאַר די גאָספּאָדיניע. וועט זי ריין האַלטן, קאָכן געשמאַק, און נישט אויסטיילן קיין רויע גרויפּן!"

„ריכטיק! ריכטיק!" — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן.

„גרויפּן, גרויפּן! אַ, זיי קריכן מיר שוין פון האַלדז!"

„אין די אַרבעטער קיכן, — האָט בלושטיין געשריגן — קאָכט מען זופּן מיט קאַרטאָפל! און צוגערייכטט מיט אייל; און דאָ אין דער „קייזערלעכער" קיך — יעדן טאָג דאָס זעלבע: פּאָסטנע גרויפּן און גרויפּן!"

„חברים! געדענקט! — האָט זיידע נאָך אַ מאָל געוואָרנט, —

קיינער פון אונדז זאָל נישט נעמען קיין טאַלאַנען אין „קייסערס" קיך! מיר זיינען נישט קיין שנאָרער, נאָר אַרבעטער!"

„ניין! ניין! קיינער! קיינער!" — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן.

ווען רומקאָווסקים מענטש איז אָנגעקומען האָט ער שוין געווסט וואָס דאָ טוט זיך. האָט ער געמאָלדן, „אַז ער האָט נאָר געברענגט אַ קליינע צאָל טאַלאָנען. נישט פאַר יעדן איינעם וועט אויסקומען. זאָלן זיך אַלע שטעלן אין דער ריי, וועט ער אויסטיילן." ווער עס וועט שטיין פריער דער האָט אַ שאַנס צו באַקומען אַ מיטיק.

האָבן זיך אַלע אַ לאָז געגעבן צום פענצטערל. יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, זיי האָבן זיך אַזוי געשטופּט און געשטויסן מיט געשרייען און געוואַלדן, אַז זיי האָבן שיעור דאָס הילצערנע ביידל מיט דעם באַאַמטן צעטראָגן. עס האָט געסטייעט פאַר אַלעמען, און אַלע האָבן גענומען. נאָר ביידע מיט בלושטיינען זיינען געשטאַנען אין דער זייט און שווייגנדיקע מיט פאַרביסענע ליפּן זיך צוגעקוקט צו דעם צעווילדעוועטן הונגעריקן עולם.

ווען דער באַאַמטער האָט זיי אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און אָפּמאַרשירט אויף אַ מיליטערישן אופן צו דער קיך, האָט זיך בלושטיין אָנגערופן:

„וועסט גאָרנישט אויפטאָן. דאָס איז אַ סטאַדע אויסגעהונגערטע בהמות, פערד! זיי זיינען שוין אַזוי אויסגעהונגערט און צעווילדעוועט, אַז מען קען שוין מיט זיי גאָרנישט אויפטאָן!"

„נאָך ערגער! — האָט אים זיידע אויסגעבעסערט, — אַ פערד ווען עס איז הונגעריק אָדער מיד בלייבט עס שטיין. האַק און האַק און עס רירט זיך נישט. אָבער דער מענטש האָט אַפילו צו דעם אויך קיין שכל נישט!"

ביידע זיינען אַהיימגעגאַנגען פאַרביטערטע אויף רומקאָווסקים „מלוכה" און אויף דער גאַנצער וועלט.

דער הונגער האָט זיך נישט פאַרקלענערט, עפּידעמיעס האָבן געבושעוועט. די שטערבלעכקייט האָט זיך פאַרגרעסערט, אָבער צוליב רומקאָווסקים טעראָר האָט די מאַסע מורא געהאַט צו פּראָטעסטירן, נאָר אין דער שטיל האָט זי געצאַרנט און געדורשט נאָך נקמה אין די דייטשן און זייערע משרתים. און יידן זיינען זיכער געווען אַז די רוסן קומען אַריין אַ ליאַדע טאָג, אַ ליאַדע שעה.

* * *

עס האָט זיך אויך אויפגעעפנט אַן „אינטעליגענטן קיך" פאַר דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ: געוועזענע בוכהאַלטערן, באַנקאָנגעשטעלטע, וכדומה. דאָרטן האָט מען געקאָכט געשמאַקע און גוטע זופּן מיט יאַרשינקעס. די וואָס האָבן געהאַט פּראָטעקציע האָבן

יעדן טאָג אויף אַ בכבודיקן אופן אַהיימגענומען אַ מיטיק פאַר דער גאַנצער משפחה. אָבער די תמימותדיקע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו דרייען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע, נישט געהערט צו קיין פּאַרטיי, זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער.

זיידע האָט געפּרוווט מזל: ער איז אַהינגעגאַנגען, אין דער „אינטעליגענטן־קיך", זיך פאַררעגיסטרירן. האָט אים אָנגעקוקט די קאָנטראָל קאָמיסיע און געזאָגט, אַז זיי קענען אים נישט. מען האָט אים געפרעגט: „אין וועלכער באַנק אָדער אין וועלכן ביוראָ ער האָט געאַרבעט?" האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַן אינטעליגענט, ער איז אַן אַרטיסט, ער האָט געשפּילט טעאַטער. האָבן זיי אים געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין קיך פאַר אַרטיסטן נאָר פאַר ביוראָליסטן.

אינדערפרי אין געסל

איינמאָל אַן אינדערפרי, ווען בלושטיין איז אויפגעשטאַנען און ער האָט נישט געהאַט וואָס אין מויל אַריין צונעמען, איז ער אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר אין געסל הערן נייעס. דאָ האָט ער שוין געטראָפן זיידען און דעם הויזוועכטער שמואליק, שטיין אין אַ קרענצל שמועסן פּאָליטיק. שמואליק, אַ געוועזענער בוכהאַלטער אין אַ גרויסער לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריק ביי זיינס אַ פעטער, האָט ער אין דעם זכות, וואָס זיין געוועזענער באַלעבאָס איז היינט אין „בייראַט" (יודענראַט) באַקומען דעם פּאָסטן צו זיין הויזוועכטער.

שמואליק האָט געלערנט אין חדר און ישיבה און ער האָט אויך געענדיקט אַ הויכשול. ער איז געקומען אין געטאָ אַריין מיט אַ ווייב און קינד. איז אים ס'ווייב געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקייט. ער האָט באַלד געמוזט חתונה האָבן כדי זיין קינד זאָל האָבן אַ מאַמע. דאָס ערשטע ווייב האָט ער גענומען פון אַן אָרעמען באַלוטער האַנט־וועבער, צו להכעיס זיין משפחה, וואָס האָט זיך געשעמט מיטן באַלמעלאָכעשן שטאַנד. דאָס צווייטע ווייב, וואָס ער האָט גענומען, איז פריער געווען אַ דינסטמיידל. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שיינע, געזונטע דאָרפישע שיקסע, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע געלאָקטע האָר און אויגן אין קאָליר פון קאָרן־בלומען. זי איז געווען אַן אידעאַלע מאַמע צו זיין קינד. און זי האָט אים געהאָלפן ריין האַלטן דאָס הויז, דעם הויף און די גאַס.

שמואליק האָט געהאַט זיין אייגענע רייכע ביבליאָטעק פון ספרים און ביכער. אין זיין גאַנצער פריער צייט האָט ער געלערנט אָדער געליינט. ער האָט אויך געהאַט די ערשטע ידיעות פון דער

אונטערערדישער ראַדיאָ, וואָס ער האָט לעבעדיק איבערגעגעבן. שמואליק האָט שוין אַצינד געהאַט אויסגעקערט און אויסגעוויישט מיט קאַלך די רינשטאָקן.

די זון פון לויטערן הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם נאַסן קאַלך און אין די לויפנדיקע רינשטאָקן. שמואליק האָט אויך געשאָטן אין רינשטאָק פרישן קלאָרעק (כלאָר) און דאָס לינדע ווינטל האָט עס צעבלאָזן. דער קאַלך און קלאָרעק האָט געריסן אין די אויגן און אין נאָז. טייל שכנים מיטן הויז־וועכטער האָבן זיך צעהוסט און צעניסט פון דעם קלאָרעק, וואָס האָט זיך זיי אַריינגעגנבעט אין די אויגן, מויל און נאָז, טייל האָבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.

שמואליק איז צוגעגאַנגען צום קרענצל. דער שמועס איז אַצינד געגאַנגען, אַז דאָס איז געזונט, עס עפנט די קאַנאַלן און מען קען לייכטער אָטעמען און פון די אויגן טוט אַרויסגיין דער שמוץ. דערנאָך האָט מען אָנגעוויזן, ווי לייטיש יידן זיינען; אַבי מען האָט געזאָגט, אַז יידן טויגן צו גאָרנישט. די גאַסן אין געטאָ זיינען היינט ריינער און ציכטיקער ביי די יידישע סטרוזשעס, ווי פאַר דער מלחמה ביי די פּוילישע. מען האָט געקרעכצט פאַרוואָס מען האָט פאַר דער מלחמה נישט צוגעלאָזט קיין יידן צו דער דאָזיקער אַרבעט.

די גאַסן זיינען דעמאָלט זעלטן געווען אויסגעקערט. די רינ־שטאָקן זיינען שטענדיק איבערגעלאָפן און עס האָט שטאַרק געשטונ־קען. אָבער דעם סטרוזש האָט זיך פאָרט בעסער און רויקער גע־לעבט ווי זיין יידישן באַלעבאָס. מען האָט געהאַלטן אין איין רימען דעם יידישן הויז־וועכטער: „דאָס אַליין איז אַ ראיה, אַז יידן קענען אַלצדינג! „אָ, ווען מיר וואָלטן געהאַט אונדזער אייגן לאַנד ארץ ישראל, וואָלטן מיר ערשט דעמאָלט געוויזן דער וועלט וואָס מיר יידן קענען."

שמואליק האָט צונויפגענומען דעם בעזים, דעם שפּאַדעל, די בערשט מיטן קובעל קאַלך און דעם קובעל קלאָריק. אויף זיינע אויס־געקרימטע פיס און איינגעבויגענע פּלייצעס (וואָס איז אים געבליבן פון קוועטשן די באַנק), האָט ער זיך אָנגעלענט אויפן בעזים, נעבן דעם קרענצל שכנים, איינהערנדיק זיך אין זייער שמועס, ווי מען לויבט די יידישע הויז־וועכטער. האָט ער אַ צופרידענער איראָניש אַריינגעוואָרפן: „נו, וואָס זאָגט איר צו דעם, וואָס „ער" האָט איינגענומען בעלגיע, פראַנקרייך, לוקסעמבורג, ליכטענשטיין און דענעמאַרק, כמעט אָן אַ ווידערשטאַנד?"

„ער" שלינגט מלוכות ווי קאַפּסולן".

„ער" וועט זיך איבערפרעסן, וועט ער פּלאַצן."

„די צייטונגען האָבן פאַר דער מלחמה געשריבן, אַז „ער" איז נישט צוגעגרייט צו מלחמה, האַ ?"

„זיכער איז „ער" נישט גרייט געווען צו מלחמה, — האָט זיך זיידע אַריינגעמישט, — נאָר דאָס, וואָס מען האָט „פאַרמינכבעני-זירט" דאָס רייכע און מוסטער-דעמאָקראַטישע טשעכיע, דאָס איז געווען דאָס אומגליק פאַר דער וועלט. מיטן טשעכישן רייכטום איז „ער" געקומען צו די כוחות; פוילן האָט „ער" באָמבאַרדירט מיט די טשעכישע עראָפּלאַנען. מיר האָבן געמיינט ווען „ער" איז אויף אונדז אָנגעפאַלן, אַז ענגלאַנד וועט האַלטן וואָרט, אַז זי וועט אונדז קומען צו הילף — און ביז היינט ליגט זי אין הינערפּלעט. און ווו איז אַמעריקע ?"

„גייט שוין, גייט שוין ! — איז אים שמואליק אַריינגעפאַלן אין די רייד — ק"ק פוילן איז אַזוי גרייט געווען צו פאַרטיידיקן זיך, אַזוי ווי עטיאָפּיע קעגן די איטאַליענער. נאָך ערגער : די אַביסיניער האָבן כאָטש געקעמפט קעגן פאַשיסט מיט דער ביקס, מיט אַ מעסער; און דאָ האָבן די דייטשן אויף עראָפּלאַנען מיט מאַשין-געווער און באָמבעס געמאָרדעט קינדער, מאַמעס, רויקע פאַסטעכער ביי דער שאָף, דעם פּויער ביים אַקער, ציווילע מענטשן ! און די פּוילישע פאַררעטערישע רעגירונג האָט דיך געהייסן קעמפן קעגן באָמבעס און גיפטיקע גאַזן מיט אַ „טאַמפּאָן" — מיט אַ שטיקל וואַטע איינ-געטונקט אין וואַסער מיט טיי-סאָדע, זיך צו האַלטן די נאָז. און אויפן פראָנט האָט מען געשיקט זעלנער אין ענגע שיך, אָדער באָר-וועס, אָן ביקסן, אָן מונדירן ; און פאַר די סאָלדאַטן, וואָס האָבן גע-האַט ביקסן, האָט מען געשיקט אָנשטאָט קוילן — קאַסטנס ביכער, אָדער קוילן, וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט צו די ביקסן. אונטן זיינען געווען פּוילישע זעלנער אָן געווער, און די דייטשן, אויבן פון די עראָפּלאַנען, האָבן זיי באַהאָגלט מיט צינד-באָמבעס און אויפרייס-באָמבעס."

„און נאָך עפּעס — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופן — די פּוילישע רעגירונג האָט מאָביליזירט פּערצן יאָריקע יינגלעך און איבער פופציק יאָריקע זיידעס, אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי מען האַלט אַ ביקס אין האַנט. זיי האָט מען געשיקט אויפן ערשטן פייער „איינצוהאַלטן" דעם שונא. איך האָב דאָס גוט געזען בעת איך בין געלאָפן קיין וואַרשע. און די, וואָס זיינען יאָ געווען פעיק צו קעמפן האָט מען נישט מאָביליזירט — די פּוילישע רעגירונג איז געווען פאַרקויפט צו די נאַציס. זיי האָבן פאַרקויפט זייער לאַנד און פאַר-שקלאַפט זייער פאָלק. ביי אַ געהעריקער פאַרטיידיקונג וואָלטן די נאַציס נישט אַזוי שנעל געווען איינגענומען פוילן. דאָס האָבן מיר

געזען ביים פּאַרטיידיקן װאַרשע. אויך מיט די רייכטימער פון פּוילן פירן די דייטשן היינט מלחמה. אַפילו די ראַדיאָ איז בעתן קריג געװען באַהערשט פון שונא: בעת מיר זיינען געלעגן אין די קעלערן, װען די דייטשן האָבן באָמבאַרדירט, האָט די ראַדיאָ געפירט גרויל פּראָפּאַגאַנדע...״

„איר זעט דאָך — איז בלושטיין אַריינגעפאַלן — אַז ער נעמט אויך איין אַנדערע לענדער אין געציילטע טעג.״

„פון דעם צופיל איינגענעמען װעט עס „אים״ צופיל אָפּפירן!״

„איך פרעג נאָר איין זאַך: — האָט זיך אַ ייד צעשריגן — פאַרװאָס ליגט ענגלאַנד אין הינערפלעט?!״

„פאַרלאָסען זי זיך אויף ענגלאַנד, — ענטפערט אים הויך אַ „יעקישער״ ייד, װאָס האָט זיך דאָ אַריינגעראַטעװעט פון דאַנציג, איבערלאָזנדיק אַ גרויס געשעפט און הייזער — דויטשלאַנד קאָן ני עמאָל אין לעבן די קריעג געװונען און ענגלאַנד קאָן ניעמאָל די קריעג פאַרשפּילען. דיעזע קריעג, װעט גאַנץ לאַנגע דאַוערן, ליבע פרוינדע״, האָט ער זיך געװענדט צו אַלע אַרומיקע מענטשן.

„מיך דאַרפט איר אין דעם נישט איבערצייגן — ענטפערט אים זיידע — „ער״ װעט איינעמען אַלע לענדער, אָבער ביי דייטשלאַנד אַליין װעט ער אַפילו אויך נישט בלייבן. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן; די מלחמה װאָלט זיך גאַנץ גיך געקענט ענדיקן, נאָר ענגלאַנד און אַמעריקע דאַרפן װעלן. עפּעס אַ קלייניקייט ביי אייך די היינטיקע טעכניק? ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן זיכער גרעסערע טעכניק פון „אים״.

אויפן לויטערן בלויען הימל איז די זון אַרויפגעגאַנגען העכער, און זי האָט די גרופּע שמועסער פאַרטריבן אויפן שאָטן פון דער צװייטער זייט געסל. די געקאַלכטע רינשטאָקן האָבן געגלאַנצט און געשטאָכן די אויגן.

עס איז צוגעקומען דער שכנישער הויז־װעכטער לענטשיצקי, אַ געװעזענער שטובן־מאָלער. ער האָט אָפּגעאָטעמט פון זיין שװערער אַרבעט. קיינער האָט אים דערװייל נישט באַמערקט. ער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס.

דער „יעקישער״ ייד האָט זיידען געענטפערט: „הערן זי מאָל, הערן זיידע: היער ליגט די גאַנצע קונץ. היטלער האָט געװאָלט אַ בליץ־קריג; ער װיל, אַז די קריג זאָל װאָס גיכער קומען צום שלום. אָבער ענגלאַנד און אַמעריקע איילען זיך נישט, זיי האָבן צייט — און דאָס איז „זיין״ אומגליק און נאָך מער אונדזער אומגליק! דיעזע קריעג װעט גאַנץ לאַנגע דאַוערן, הערן זיידע,״ האָט דער „יעקע״ אויסגעפירט און אַלע האָבן זיך פאַרטראַכט פון זיינע װערטער.

„נו, יאָ — האָט אים זיידע געענטפערט, — די וואָס מאַכן פּראָפיטן פון דער מלחמה האָבן נאָך צו ווייניק מיליאָנען פאַרדינט איז ווי אַזוי זאָלן זיי וועלן מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה? איר זענט געדערכט, די מלחמה קען זיך נאָך אַצינד נישט ענדיקן."

„נישט גוט" — האָט לענטשיצקי זיך אָנגערופן. ערשט אַצינד האָבן אים אַלע באַמערקט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, ער האָט געטראָגן טרעפּעס, אַ ברוינע מאַרינאַרקע, שוואַרצע הויזן, אַ היטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק. ער איז געווען באַשפּריצט מיט קאַלעך פון קאָפּ ביז די פיס. אַפילו ס'פּנים און די הענט אויך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טאָפּ שוואַרצע קאַווע (געקויפט אין אַ קאַווע-קיך) וואָס ער האָט יעדעס מאָל אַ זופּ געגעבן מיט אַ ברייטן: „אַ-אַ-אַ, טעם גן-עדן." ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן בעזים און געגעבן אַ ציי אַריין די קאַווע מיט איין מאָל. אַלע האָבן געשוויגן, זיינען נאָך אַלץ פאַרטראַכט געווען אין די ווערטער פון „יעקע" און פון זיידען.

„איר זעט? — האָט לענטשיצקי איבערגעריסן די שטילקייט. ער האָט געעפנט ס'מויל און געוויזן — איר זעט, איך האָב נעכטן געקייעט אַ שטיקל ברויט, האָב איך כמעט אַלע ציין פאַרלוירן. די ציין זיינען שוין אָפּגעווינט פון בייסן, פון קייען, אַז כ'האַלט אין איין טרינקען: וואַסער, וואַסערדיקע-קאַווע און וואַסערדיקע-זופּ.

„ווײ, ווײ איז אונדז," — האָט בלושטיין געזיפצט, און אַלע האָבן מיטגעזיפצט און זיינען געבליבן טרויעריק שטיל. יעדן איז שווער געווען עפּעס צו זאָגן. ענדלעך האָט בלושטיין אַ פרעג געטאָן דעם וועכטער: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס לענטשיצקי?"

„איך האָב נעכטן געהערט רעדן רומקאָווסקין אויפן פייערלע-שער-פּלאַץ. ער האָט געזאָגט: יידן ש'איזש גוט! ש'וועט גוט זשיין! אין מיין געטאָ וועט אייך גאָרניט פעלן! האָט געדולד! לאָזשט אייך ניט אויפהעטשן פון די ניט פאַראַנטוואָרטלעכע לאָבוסעם! איך זשאָרג פאַר מיינע יודן! לעבט! לעבט! און לעבט! איך האָב אייך אַריינגעפירט אין מיין געטאָ און איך וועל אייך אַרויספירן פון מיין געטאָ!" דאָס האָט ער נאָכדערציילט מיט דעם „קייסערס" ליטווישן אַקצענט און ער האָט צוגעגעבן: „רומקאָווסקי איז אַ גרויסער יידישער פירער — אַ צווייטער משה רבינו, יאָ, יאָ, בלו-שטיין. ווען נישט רומקאָווסקי וואָלטן מיר דאָס ביסל שוואַרצע קאַווע מיט דעם שטיקל ברויט אויך נישט געהאַט..."

„זעט איר שוין דעם כוח פון פּראָפּאַגאַנדע?! — האָט בלושטיין אין אַ שרייענדיקן טאָן זיך צו אַלעמען געווענדעט. — ווען די געטאָ זאָל חלילה אָנהאַלטן עטלעכע דורות, און רומקאָווסקי זאָל דערציען

אונדזערע קינדער אין ז ײ נ ע שולעס, און עס זאָלן חלילה נישט בלײַבן קײן עדות און נישט קײן דאָקומענטן פון זײַנע פאַרעטערישע מעשים, נאָר די געשיכטע, וואָס זײַנע מענטשן שרײַבן פאַר אים, פאַר דעם „קײסער", קען נאָך דער משוגענער פאַראײַביקט ווערן אין דער געשיכטע ווי אַ גרויסער ייִדישער פירער! נאָר צו דעם קען קײנמאָל נישט קומען. ווײַל די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן און די וועלט וועט זיך דערוויסן דעם אמת."

„קענסט גאָרנישט אַזוי זיכער זײַן — האָט זײדע געדונערט מיט זײַן לײַבן-שטים — האָב נישט מורא, עס וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן פּרוּוון רײן וואַשן און פאַרהערלעכן רומקאָווסקין, אויף דעם עדות זאָגן פון אַזעלכע „חכמים" — ווײַזט ער אויף לענטשיצקין — און אויף דעם עדות זאָגן פון דעם משוגענעמס אײגענע מענטשעלעך, וואָס ער האַלט זײ אויס, אויף דעם עדות זאָגן פון די, וואָס ער טוט זײ טובהלעך און אויף די חניפה-דאָקומענטן פון זײַנע פאַרקויפטע שרײַבערלעך! איר האָט דאָך געזען יענע וואָך, וואָס עס האָט זיך געטאָן ווען דער יודען עלטסטער מרין (מרין איז געוועזן אײנער פון די גרעסטע פאַררעטער פון זײַנע ברידער) פון דער סאָסנאָוויצער געטאָ איז דאָ געוועזן און ער האָט דערצײלט, אַז בײַ אים אין זײַן געטאָ איז די ייִדן גוט, אַז בײַ אים האָבן די ייִדן פון אַלעם גוטן, זײַנען זײ דאָ צו אים געפאַלן אויף די קני, געקושט אין די הענט און געבעטן, אַז ער זאָל זײ אַהײננעמען אין זײַן געטאָ אַרײַן. נו, אַ נײַער גאָט! אַלץ ווײַל ער האָט זיך גערימט, אַז בײַ אים אין געטאָ האָבן די ייִדן גוט. ווער ווײסט, וואָס פאַר אַן אויסוואורף ער איז? פאַר מיר איז גענוג, וואָס די דײַטשן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ „יודען עלטעסטען", אַז רומקאָווסקי קומט אין אַנדערע געטאָס, וואָס ער וויל איבער זײ אויך קיניגן, באַרימט ער זיך אויך, אַז אין זײַן געטאָ האָבן „זײַנע יודען" גוט, און אפשר גלײבט מען אים אויך..."

„מרין האָט אונדז געטרײסט! — האָט אים דער הויז-וועכטער לענטשיצקי איבערגעריסן די רײד — ער האָט געזאָגט: אַז ער וואָלט אונדז גערן געהאָלפן; ער וואָלט אונדז אַרויסגענומען אין זײַן געטאָ אַרײַן, ווען ער וואָלט געקענט. איך וואָלט דער ערשטער געפאָרן! אַלע אַלע וואָלטן געפאָרן און איר, זײדע, אויך, ווען איר וואָלט נאָר געקאָנט. אָ, איר זעט? — ווײַזט ער אים דאָס מויל אָן צײן — דאָס איז פון הונגער. ערגער, ווי אין לאָדזשער געטאָ קען שוין נישט זײַן!"

„אַ נײַער „משיח" מרין! — איראָניזירט זײדע — פונקט ווי אַ נײַער „משה רבינו". עס איז דער משוגענער רומקאָווסקי! ימח שמו זאָלן זײ ווערן! זײ זײַנען געשטאַפּאָוצעס!"

עס איז צוגעקומען נאָך איין שכן, האָט אים בלושטיין גע־פרעגט: „וואָס הערט מען?" יענער האָט אים צוריקגעפרעגט: „וואָס הערט מען טאַקע?" האָט אים בלושטיין געפרעגט: „נו־נו? וואָס הערט מען טאַקעע??"

אין דעם „נו־נו" און אין דעם „טאַקעע" איז געווען: אי צו־דרינגלעכקייט, אַז דו ווייסט דאָך יאָ עפּעס, אי, לאָז דיך נישט בעטן.

„ס'איז גוט! — האָט דער שכן געענטפערט האַפערדיק — די מלחמה איז שוין באַלד געענדיקט, ס'וועט נישט לאַנג דויערן און מיר וועלן אַהיימגיין און מען וועט „אים" באַצאָלן פאַר אונדזער בלוט!"

אין דער טראַגעדיע „דער גולם",*) — דערציילט זיידע, — וואָס איך האָב אַמאָל געשפּילט, ווערט דערציילט וועגן בלוט־פאַרגיסונג, וואָס דאָס פּאַסט זיך זייער גוט צו דער איצטיקער מלחמה, צו אַלע מלחמות, וואָס זיינען אַמאָל געווען, און צו די וואָס וועלן זיין. אין דער דראַמע ווערט דערציילט פון אונדזערע יידישע צרות פון עלילת דם, פּאָגראָמען און דאָס גלייכן, ווי אַזוי ראַמט מען אָפּ די מערדער, אַז לויט אונדזער יידישער מאָראַל טאָר דאָך דער מענטש קיין בלוט נישט פאַרגיסן? האָט דער מהר"ל פון אַ שטיק ליים געשאַפן אַ גולם, און מיט דעם כוח פון שם המפורש האָט ער אין אים אַריינגעבלאָזן אַ נשמה. ער האָט אים געגעבן אַ האַק אין די הענט אַריין, אַז ער, דער גולם, זאָל אָפּרוימען די אַלע שדים, די פּאָגראָמשטשיקעס. פריער האָט דער גולם געפאָלגט, אָבער שפּעטער האָט ער אויפגעהויבן די האַק קעגן דעם מהר"ל, זיין באַשעפער. דער פּאָעט לייוויק פירט אויס, אַז בלוט פאַרגיסן טאָר מען אַפילו דורך די הענט פון אַ גולם אויך נישט; דו ווערסט באַשטראָפט און דער גולם פאַרגיסט אויך דיין בלוט. דער נמשל איז דער, פאַרשטייט איר מיך: די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געשאַפן אַ גולם דעם „היטלמאַכער" (היטלער), זי האָט אים געגעבן אַ האַק אין די הענט אַריין. ס'ערשטע האָט ער אומגעבראַכט די בעסטע דייטשע זין און טעכטער, דערנאָך האָט ער באַדאַרפט אומברענגען דעם ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער דער גולם וויל זיי שוין מער נישט פאָלגן, ער איז שוין געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט ער אויפגעהויבן די האַק קעגן זיין שעפער. פאַר וואָס פאַרגיסט ער אַצינד זייער בלוט? ווייל אַ דאַנק זיי איז פריער פאַרגאָסן געוואָרן בלוט, און פונקט ווי דער מהר"ל איז געווען געצווינגען אומצוברענגען זיין גולם, אַזוי זיינען זיי אַצינד געצווינגען אומצוברענגען זייער גולם."

---

*) „דער גולם" — דראַמאַטישע פּאָעמע פון ה. לייוויק.

„דערוויל — רופט זיך אָן לענטשיצקי — הרגעט דער גולם אוים דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס יידישע פאָלק.״

„אַ גולם פאַרשטייט דען עפּעס? — ענטפערט זיידע. — מען גיט אים אַ האַק, מאָרדעט ער אויף רעכטס און אויף לינקס. נאָר אַ גולם קען אַזוי פייניקן מענטשן מיט אַזעלכע געטאָס. און ווען עס קומט אַ פינצטערע רעאַקציע אויף דער וועלט, ברענגט מען אום די יידן, ווייל יידן זיינען די טרעגער פון מאָראַל, פון יושר און גע־רעכטיקייט.״

„פאַרוואָס האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד — פרעגט בלושטיין — געמאַכט יד־אחת מיטן „היטלמאַכער״, בעת „יענער״ איז זיין גרעס־טער שונא? כ׳האָב מורא, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד גיט אויך דעם גולם אַ האַק אין די הענט אַריין, כ׳מיין מיטן געבן אים שפּייז און אויל, וואָס מיט דעם קען ער פירן מלחמה.״

„זיכער, זיכער!״ — שטימען אַלע צו.

„לויט דער יידישער מאָראַל — ענטפערט אים זיידע — וועט דערפאַר דער ראַטן־פאַרבאַנד אָפּגיין אין בלוט, ווייל פאַר בלוט באַצאָלט מען מיט בלוט!״

„די קאַפּיטאַליסטישע וועלט — האָט שמואליק געזאָגט — האָט דעם „היטל־מאַכער״ אויפגעשטעלט קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דער־נאָך האָבן זיי אים געשטיצט מיט צענטליקער ביליאָנען כדי ער זאָל זיך באַוואָפענען און שאַפן די גרעסטע אַרמיי. נו, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד דיפּלאָמאַטיש זיי איבערגעוואָרפן. סוף־כל־סוף מוז קומען צו אַ מלחמה צווישן די ביידע „גוטע פריינט...״

„זיי מעגן זיין די כפרה פאַר אונדז נאָך היינט!״ — האָט איינער צוגעוואָרפן.

„וואָס איינער ווינטשט דעם צווייטן, מעג עס זיי ביידע מקוים ווערן!״ — האָט אַ צווייטער פון די צוהערער אַריינגעוואָרפן.

„„נאָר דער ראַטן־פאַרבאַנד — האָט זיידע געזאָגט — געניסט דערוויל: אין דער צייט, וואָס היטלער פאַרלירט אַ טאַנק, אַן עראָ־פּלאַן, אַ ביקס, אַ קריגסשיף, שאַפט סטאַלין צו נאָך אַ דיוויזיע. דער סוף וועט זיין, אַז נאָר די רויטע אַרמיי וועט טויטן דעם נאַציזם! און דאָ, ווו זי וועט אַרויפשטעלן אירע פיס, וועט זי שוין נישט אָפּטרעטן! זי וועט נאָך איינעמען בערלין!״ — האָט זיידע התלהבות־דיק פאַרענדיקט די רייד.

דעם שמועס האָט איבערגעריסן אַ פלאַקאַטן־קלעפּער, וואָס איז אָנגעקומען: „זאָרגט נישט יידן, כ׳האָב פאַר אייך אַ גוטע בשורה!״ האָט ער צו זיי אויסגעשריגן מיט אַ שמחה, פאַכנדיק מיט די פלאַ־קאַטן. אַלע זיינען אים נאָכגעגאַנגען ביז צום עק גאַס. ער האָט

אויסגעקלעפּט אַ העל געלן פּלאַקאַט, אין דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש און יידיש. אַלע האָבן געלייענט:

„איך מאַך באַקאַנט אַלע מיינע יודן, פון מיין געטאָ, אַז אַלע מיינע אַרבעטסלאָזע וועל איך געבן אונטערשטיצונג: קינדער ביז זיבן יאָר — זיבן מאַרק אַ חודש. פון אַכט ביז זעכציק יאָר — ניין מאַרק אַ חודש. פון זעכציק יאָר און עלטער — צען מאַרק אַ חודש. איך וועל אויסצאָלן דורך מיינע באַאַמטע, רעגולער, יעדן ערשטן פון חודש. —דער עלטעסטער דער יודען, מ. ח. רומקאָווסקי"

עס איז געוואָרן אַ פרייד.

„איר זעט, יידן, דאָס איז אַ גוטער סימן! — האָט זיידע גע־מוטיקט מיט זיין לייבן־שטימע. — עס בעסערט זיך אוים. עס וועט מוזן בעסער ווערן!"

„דאָס אַליין, — פילאָזאָפירט בלושטיין — וואָס מען שרייבט יידיש. איך בין נשתומם געוואָרן. איך האָב מיר מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. אַלע דריי לשונות: דייטש, פּויליש און יידיש? טראַכט אייך גוט אַריין אין דעם, דאָס זאָגט עפּעס, יידן. אַ, דער דייטש ווערט עפּעס בעסער צו אונדז. עס איז נאָענט זיין מפּלה!"

„פון וואַנען קען זיין דאָס געלט?"

— „פון דזשאָינט, פון די אַמעריקאַנער יידן."

„זאָרגט נישט, זיי ווייסן, וואָס מיר ליידן דאָ, האָבן זיי זיך מאַקע אויסגעסטאַראַיעט אונדז צו העלפן."

„נו, אַוודאי, — זאָגט שמואליק, — כאָטש מיר יידן זיינען צע־זייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, דאָך זיינען מיר איין גוף, איין נשמה. וועלכער אבר עס זאָל נישט קריגן געשלאָגן — פילט די יסורים דער גאַנצער גוף."

„אוי, אַמעריקאַנער יידן, געזונט זאָלן זיי זיין! גוטע יידן! טייערע יידן!"

—„ווער מיר אַמעריקאַנער יידן? וואָס מיר אַמעריקאַנער יידן? דונערט זיידע מיט זיין לייבן־שטימע. — דער „קייסער" האָט אָפּ־געדרוקט אַ ביסל „רומקעס", וועט ער אונדז אָט די קאַרמעלקע־פּאַ־פּירלעך אויסצאָלן. אויסער דעם „„משוגענעמס מלוכה" האָבן דען די פּאַפּירלעך אַ ווערט? ס'שפּילט ביי אים אַ ראָלע אַביסל פּאַפּיר־לעך? לאָמיר נאָר זען, וואָס ער וועט אונדז געבן פאַר די פּאַפּירלעך! די אַמעריקאַנער יידן האָבן היינט אַזאַ כוח אונדז צו העלפן, כ'ווייס... פּונקט ווי מיר האָבן אַצינד כוח אונדזערע קרובים צו העלפן אין וואַרשעווער געטאָ."

די קופּע שכנים איז געוואָרן שיטערער און שיטערער — יעדער איז אַהיימגעגאַנגען דערציילן די נייעס.

אויף די גאַסן האָט מען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלייענט די פּלאַקאַטן; און גיך האָט זיך די גוטע בשורה צעשפּרייט איבער דער גאַנצער געטאָ, מיט וואָס דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט „באַגליקט" זיינע יידן.

„זאַשילקאָווצעס" פון „ניינער־מאַרקן"

דאָס „פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום" האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די שטיצע ווערט גערעכנט פון דעם טאָג אָן ווי מען האָט אויסגעקלעפּט די פּלאַקאַטן. און דער וואָס וועט ווייטער נעמען ברויט אָדער זופּן אויף די טאַלאָנען וועט מען אים אָראָפּרעכענען פון דער שטיצע. האָט דער עולם מורא געקריגן. ער האָט ליבערשט צוגעהונגערט, און די רייען ביי די ברויט־פּונקטן און קיכן זיינען שיטערער געוואָרן. אַזוי ווי דער „קייסער" האָט געזען, אַז עס געלינגט אים אָפּצונאַרן דער המון, האָט ער באַלד צוגעמאַכט די ברויט־פּונקטן און די קיכן און אויך די פּרישטיק־קיך, אָדער די „טיי־האַלע", ווי יידן האָבן זי גערופן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה רעגיסטראַציעס און קאָנטראָלן. דער עולם איז מיט דעם געווען שטאַרק פאַרנומען. און ענדלעך איז געקומען דאָס „גרויסע גליק". עס זיינען אויפגעקומען „זאַשילקאָווצעס" (די, וואָס לעבן פון שטיצע, רעליף.)

אַ פּאָסט טרעגער: אַ יונגערמאַן, ציוויל געקליידעט, נאָר מיט אַ שוואַרץ פּירקאַנטיק היטל אַדורכגעצויגן מיט גרינע ליצן, אויף דער פראָנטע אַ גרין פּאַסיקל און אַ גלאַנציקער דאַשעק. פאָרנט אַ מעטאַלענער נומער, מיט אַ דייטשער אויפשריפט: „יודען־פּאָסט". אויף דעם לינקן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ האַלב־געלע און אַ האַלב־ווייסע באַנד מיט אַ דייטשער אויפשריפט: „יודישע פּאָסט דער עלטעסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט געטאָ". אויף דער לינקער ברוסט און רעכטער פּלייצע האָט ער געטראָגן געלע לאַטעס אינם מגן־דוד־פאָרם. ער האָט געהאַלטן אַ געשוואָלענעם אַקטן־טאַש מיט „רומקעס". מיט אים איז מיטגעקומען דעם „קייסערס" אַ פּאָליציאַנט, אַ יונגערמאַן, אויך ציוויל געקליידעט, נאָר אין אַ טונקל־בלוי, קיילעכדיק היטל. אויף דער פראָנטע — אַן אָראַנזש פּאַסיקל, פון פאָרנט אַ מעטאַלענער נומער. אויפן לינקן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ האַלב־געלע און אַ האַלב־ווייסע באַנד מיט אַ טונקל־בלויען מגן־דוד. אויף דעם מגן־דוד — אַ מעטאַלענעם נומער, מיט דער אויפשריפט אין דייטש: „אָרדענונגס דינסט. דער עלטעסטער דער יודען אין ליצ־

מאַנשטאַדט געטאָ." (ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט לאָדזש, האָבן זיי איר געענדערט דעם נאָמען אויף „ליצמאַנשטאַדט"). ער האָט אויך, ווי אַלע יידן, געטראָגן געלע לאַטעס און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ „פּאַלקע".

זיי זיינען אַריינגעקומען צו בלושטיינען, האָבן זיך געהייסן געבן די איינמעלדונגס-קאַרטן. האָבן אויסגעפאָרשט צי דאָס זיינען די געגעבענע פּערזאָנען. דער פּאָסט-באַאַמטער האָט בלושטיינען און שרהלען אונטערגערוקט אַ ליסטע אונטערצושרייבן און ער האָט זיי אויסגעצאָלט צו ניין נייע, קנאַקנדיקע „רומקעס", נאָר-וואָס פון אונטערן דרוק אַפּויער. דאָס איז געווען עטלעכע טעג פאַר ראש-השנה. דער „קייסער" האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע „יום-טוב"-ראַציע, שרהלע האָט אויסגעקויפט און יום-טוב געמאַכט.

* * *

כמעט אין יעדן הויף איז געווען אַ שטיבל צו דאַווענען אין די ימים-נוראים. די דייטשן האָבן דערלויבט דאַווענען און יידן האָבן געפּרוווט עפּעס צו פאַרדינען מיט פאַרקויפן „שטעט". בעלי-תפילות האָט לאָדזש געהאַט פון די בעסטע און שענסטע. אַ גוטער בעל-תפילה רירט ביז טרערן; און אַז מען וויינט זיך אַראָפּ פון האַרצן ווערט לייכטער. זיינען יידן געגאַנגען דאַווענען, זיך אַראָפּוויינען פון האַרצן די צרות, וואָס דריקן. אויך בלושטיין, איז געגאַנגען דאַווענען אין אַ קינאָ-זאַל, וווּ רומקאָווסקי האָט אויפן באַפעל פון די דייטשן איינגעאָרדנט אַ שול מיט אַ חזן און אַ כאָר. אויבן אויפן אַמפיטעאַטער זיינען געווען געשטאַפּאָ לייט, וואָס האָבן געמאַכט אַ קלאַנג-פילם. דאָס דאַווענען איז ממש געווען אַ קאָנצערט.

אַפילו בלושטיין האָט אָנגעהויבן אויסצוטייטשן, אַז די דייטשן זיינען בעסער געוואָרן: „זיי דערלויבן בתי תפילות, האָבן אַריינגע-שיקט עסן, יידן האָבן יום-טוב געמאַכט." און זיידע האָט אים איבער-געשפּאַרט: „דאָס אַלץ איז פּראָפּאַגאַנדע. זיי דרייען אַ פילם כדי צו ווייזן אַמעריקע און דער וועלט, ווי גוט און ווי וווּל עס לעבן זיך די יידן אין דייטשישע געטאָס. עטלעכע טעג איידער זיי האָבן געשלאָסן די געטאָ, האָט די געשטאַפּאָ אַוועקגעשטעלט אַ יידישן פּאָליציאַנט אין גרעסטן צענטער — אויף דער נאַוואָמיעסקע און זגיערזשער גאַס, וווּ עס איז געווען דער גרעסטער פאַרקער. ער האָט רעגולירט דעם פאַרקער — זאָגט ער איראָניש — און אַ דייטש האָט געדרייט אַ פילם פון דעם. ווייסטו, וואָס עס האָט דעמאָלט צו מיר אַ פּאָליאַק געזאָגט? „אייך יידן איז בעסער פון אונדז, אייך גיט מען אַ געטאָ — אַן אייגענע מלוכה, איר האָט אַפילו אייגענע פּאָליציי — האָט ער גערעדט מיט קנאה — אָבער מיר?" — האָט

ער טרויעריק געפרעגט. נו, פארשטייסטו שוין זייער פראפאגאנדע? ניין, דו פארשטייסט נישט."

שרהלע האט פון דער „ראציע" געמאכט פארשידענע מאכלים. בלושטיין האט זיך אוועקגעזעצט ביי א „יומטובדיקן-טיש", מיט א ווייס טישטוך. די לייכטער זיינען געשטאנען אינדערמיט. און ער האט געגעסן די „יומטובדיקע מאכלים": ער האט געטונקען דאס געקינצלטע ברויט, געמישט מיט קאשטאנען-מעל אין עסיק, פארזיסט מיט סאכארין. דערנאך האט ער אויפגעגעסן א שיסל פאסטנע גרויפן. ווען דער בויך איז אים פול געווארן, האט ער זיך אנגערופן: „ווייסט, שרהלע, די דייטשן זיינען, דאכט זיך מיר, בעסער געווארן: זיי גיבן שטיצע, דערלויבן דאוונען, נאך ווו? אין קינא-זאל. דו דארפסט הערן שרהלע דעם חזן מיטן כאר! די דייטשן חנפענען זיך שוין צו אונדז. א סימן אז זיי זיינען שוין טיף-טיף אין דר'ערד!" ווען בלושטיין האט אויסגעטרונקען א טעפעלע געפארבט וואסער (כלומרשט קאווע) צוגעזיסט מיט א סאכארינקע, האט ער ווייטער פאנטאזירט: „ווייסט, שרהלע, אויב רומקאווסקי זאל כסדר געבן די „ניינער מארקן" און ראציעס, קענען מיר נאך די מלחמה איבערלעבן. עס איז נאך בעסער צו זיצן אין א פארמאכטער געטא, איידער אין דער שטאט צווישן פוילישע און דייטשישע מערדער; אזוי זיינען מיר אפגעזונדערט פון זיי ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ארעסטאנטן קומט דאך עסן צו געבן. ווי לאנג קען דען די מלחמה דויערן ביי דער היינטיקער טעכניק? נישקשה, מיר וועלן „אים" איבערלעבן!"

„נו, יא, מיר יידן האבן שוין נישט איין המן איבערגעלעבט!" — האט שרהלע צוגעשטימט.

דער חבר זיידע האט אויך באקומען שטיצע. ביי אים האט מען אויך יום-טוב געמאכט. און אז זיידע האט געהאט ברויט אין שטוב, האט זיך עפעס זיין פאנטאזיע ביי אים צעשפילט: ער האט ממש געזען, אז די מלחמה איז היינט-מארגן געענדיקט און ער האט מסכים געווען מיט בלושטיינען, אז עס איז טאקע בעסער צו זיין אין געטא איידער אין שטאט צווישן די מערדער.

אבער באלד האט רומקאווסקי פארארדנט: „אויב עס ארבעט נאר איינער פון א פאמיליע — פארלירט די שטיצע די גאנצע משפחה."

מיט ניין מארק איז דאך נישט מעגלעך געווען צו לעבן אפילו א וואך, מכל-שכן א חודש, האט זיידעס יינגל א ביסל צוגעארבעט האט דער „קייסער" פון זיידען צוגענומען די שטיצע. האט זיידע גע-ליארעמט, ער האט צונויפגענומען נאך אזעלכע באוואלהטע און זיי ארגאניזירט מיט זיין לייבן-שטימע: „חברים! דער משוגענער

מיט זיינע גנבים באַגנבענען אונדז! דאָס וואָס ער האָט אונדז צו־געזאָגט נעמט ער ביי אונדז צו! זאָל ער אָראָפּרעכענען די פּאָר מאַרק, וואָס אונדזערס אַ קינד האָט פאַרדינט, נישט צונעמען די גאַנצע שטיצע!"

„קומט, לאָמיר גיין אין דער גמינע אַריין! לאָמיר דאָרטן אַלץ איבערדרייען! אַלץ צעברעכן! און די אַלע גנבים די קישקעס אַרויסלאָזן!" — האָט איינער צוגעגעבן.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דער גמינע. אָבער דעם „קייסערס" פּאָליציי האָט זיי פאַרשפּאַרט דעם וועג צום אַריינגאַנג. זיי האָבן פּראָטעסטירט אויפן גמינע־הויף, ביז די פּאָליציי האָט זיי צעטריבן. אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען דער כעס האָט זיך אין זיידען אַ ביסל איינגעשטילט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב:

„נעם דיך נישט איבער, מיר האָבן ביז אַצינד געלעבט אָן דעם „קייסערס" שטיצע, וועלן מיר ווייטער לעבן אָן זיינע טובות! איך פייף אויף זיי! איך האָב זיי טיף־טיף אין דר׳ערד! מיר וועלן דעם „קייסער" מיט זיינע גנבים איבערלעבן!"

זיין ווייב האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט דער „קייסער" געלאָזט וויסן, אַז ער גיט צוריק די שטיצע צו די, וואָס האָבן אויפגעוויזן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום איינקונפט. אַזוי אַרום איז שוין זיידע אויך באַרעכטיקט געוועז צו דער שטיצע, ווייל ער האָט אויפגעוויזן, אַז ער האָט נישט קיין שום איינקונפט. און זיידע האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט דער „קייסער" געמאַכט אַ דאַנק דעם פּראָטעסט פון די באַוואָלהטע, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט.

ב ר ו י ט

חבר זיידע און בלושטיין זיינען שטענדיק צוזאַמען געגאַנגען נאָך ברויט. זיידע האָט מיטגענומען אַ זאַק, ער האָט דאָך געהאַט צו פאַרשטאָפּן עלף מיילער — אַ ווייב מיט ניין קינדער.

ס׳איז געווען באַלד נאָך סוכות. די געטאָ האָט זיך געוויקט אין רעגן. קאַלטע ווינטן האָבן געדרעשעט די אויסגעמאַרכטע גופים. וואַרעמע מלבושים און גוטע שיך האָט זעלטן ווער געהאַט. מיט וואָס צו דערוואַרעמען די שטוב איז אויך נישט געווען. דער „קיי־סער" פון געטאָ, רומקאָווסקי, האָט אָפּגעשטעלט די פּעקלעך, וואָס קרובים האָבן אַריינגעשיקט. סאָסנאָווצער יידן האָבן געוואָלט אַריינשיקן קוילן, האָט ער אויך נישט דערלויבט. ווען זיי האָבן אים אָנגעפרעגט, פאַרוואָס ער וויל נישט קיין קוילן? — האָט ער

זיי געענטפערט, אַז עס איז נישט אייער באַבעס עסק, ער וועט נישט ענטפערן פאַרוואָס. ער האָט געוואָלט אַז אַלע יידן זאָלן אָפּהענגיק זיין פון אים.

שרהלע און בלושטיין זיינען געזעסן ביים פענצטער און געקוקט ווי דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן, זייער געמיט איז געווען אַזוי טרויעריק ווי דער טאָג. דאָ איז יידע אונטערגעקומען אונטערן פענצטער מיט זיינע שווערע סאָלדאַטישע טריט; די הענט פאַררוקט אין די קעשענעס פון דער קורטקע, מיטן זאַק אונטערן אָרעם. ער האָט אַ ציַ־אַרויסגעגעבן דעם קאָפּ פון אויפגעשטעלטן קאָלנער:

— נו ? ! ! — האָט ער געשריי געטאָן.

דאָס האָט געהייסן: וואָס זיצסטו ? פאַרוואָס ביסטו נאָך נישט גרייט צו גיין ?

בלושטיין האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל מיט דער לייוונטענער טאָרבע און אַרויסגעלאָפן.

ווען זיי זיינען געקומען צו דער בעקעריי האָט זיך שוין דער רעגן געהאַט אָפּגעשטעלט, און זיי האָבן געטראָפן אַ פולן הויף מענער, פרויען און קינדער, אויפגעצאַרנטע, ווייל מען וויל זיי נישט פאַרקויפן קיין ברויט. דער בעקער האָט זיי געמאָלדן, אַז זיי מוזן צו־וואַרטן, שפּעטער וועט ער פאַרקויפן, פאַרוואָס אַזוי ? — האָט ער נישט געזאָגט.

דער עולם האָט געליאַרעמט:

— וואָסאַרא שפּעטער ? מיר דאַרפן ש ו י ן ברויט !

— אייך איז לייכט צו זאָגן שפּעטער, ווייל איר האָט שוין גע־געסן !

— מיינע קינדער האָבן נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט פון נעכטן אָן !

— אונדזער איינציקע שפּייז איז דאָס טרויעריקע שטיקל קלע־פּעדיקע ברויט !

און זיי האָבן ווייטער געליאַרעמט:

— דער בעקער וויל רייך ווערן !

— ער וויל ציען אַ פּאַסיק ! הייבן די פּרייזן !

— לאָמיר זיך אַריינרייסן און צעראַבירן ס׳ברויט !

— ניין, חברים, ניין ! — האָט דער חבר זיידע געדונערט מיט זיין לייבן־שטים — נישט ראַבירן !

— ניין ! ניין ! — האָט אַ גרויסער טייל אונטערגעהאַלטן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ יונגנמאַן ווי אַ ישועה:

— פאַרנט איז שוין ס׳געוועלב אָפן ! מ׳פאַרקויפט שוין ברויט !

מיטן אויגנבליק האָט זיך די מאַסע אַרויסגעשיט פון הויף. איינער האָט איבערגעיאָגט דעם צווייטן. יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, טאָמער וועט נישט זיין קיין ברויט פאַר אַלע. אָבער זיי האָבן ווייטער געטראָפן דאָס געוועלב פאַרהאַקט אויף פרענט און שלעסער. האָבן זיי געזען אַז דער יונגערמאַן האָט זיי אָפּגענאַרט. זיינען זיי צוריקגעלאָפן. אָבער דאָס טויער פון הויף איז שוין אויך געווען פאַרהאַקט אויף אַ שלאָס. האָט די מאַסע ווייטער געליאַרעמט. ווער עס האָט געקענט איז אַריבערגעקראָכן איבערן הויכן פלויט. די קליינע יאַטן זיינען געזעסן אויפן טויער און אויפן פלויט.

דער עולם האָט געשאָלטן און געזידלט דעם אומבאַקאַנטן יונגנ-מאַן וואָס האָט זיי אַרויסגענאַרט פון הויף אַרויס.

— חברים, לאָמיר אויפברעכן ס'טויער! נו! — האָט זיידע אַ געשריי געטאָן און ער, מיט בלושטיינען, האָבן געשטופט דאָס טויער. די מאַסע האָט זיך געגעבן אַ לאָז צום טויער און געשטורעמט:

— האָ! האָ! האָ-אַ-אַ!

אונטער זייער געשריי האָט זיך געהערט אַ קרעכצן פון האָלץ און אייזן. און דאָס טויער איז געוואָרן אויפגעבראָכן. איין האַלב טויער איז געבליבן הענגען, איין האַלב איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, און די מאַסע האָט זיך אַריינגעשיט אין הויף אַריין מיט אַ ווילד געשריי:

— לאָמיר אויפרייסן די בעקעריי!

— יאָ! יאָ! הוראַ! הורראַ! — און די מאַסע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ניין, חברים, ניין! — האָט דער חבר זיידע ווידער געדונערט מיט זיין לייבן-שטים.

ער און בלושטיין זיינען פאַרויס פאַרלאָפן דעם וועג דער מאַסע מיט אויסגעשפרייטע הענט אַזוי ווי מען האַלט איין אַ צעבריקעוועט פערד.

די מאַסע האָט זיי נישט געפאָלגט.

— אַוועק ,רומקאָווסקים משרתים! — האָבן זיך געהערט געשרייען אויף זיידען און בלושטיינען.

עטלעכע מענטשן האָט זיך זיי יאָ איינגעגעבן איינצוהאַלטן.

— חברים, טוט דאָס נישט! ראַבירט נישט! — האָט זיידע זיך אַלץ געבעטן. אָבער זיינע ווערטער זיינען דערטרונקען געוואָרן אין געבראַזגעריי פון די שויבן פון דער בעקעריי.

פלוצלינג איז מיט אַ שטאַרקער פייפעריי און ניבול-פה געשריי שטורמיש אַריינגעפאָרן אַ וואָגן מיטן „קייסערס“ פּאָליציי, פּאַכנדיק

מיט די פּאַלקעס. מיט גרויס שרעק איז די מאַסע אַרויס פון הויף און זיך צעלאָפן.

— — — — — — — — — — — —

ווען בלושטיין מיט זיידען זיינען אָריינגעקומען צו שרהלען און זי האָט זיי געזען מיט די ליידיקע טאָרבעס און מיט פּנימער, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן פון אַן אומגליק, האָט זי אַ דערשראָקענע געפרעגט:
„וואָס איז געשען? וואָס טוט זיך אין גאַס?"

— ברענען ווי קין — האָט זיידע געשאָלטן — זאָל דער משוגע־נער רומקאָווסקי מיט זיינע בעקערייען! מיט זיין פּאָליציי און מיט זיין גאַנצער מלעקע (מלוכה)!

— זאָרג ניִשט, מ׳וועט זיי אַלע איבערלעבן! — האָט בלושטיין צוגעגעבן מיט אַ שמייכל אויף זיין שטייגער.

די מעשה איז געווען אַזאַ: אַזוי ווי דאָס פאַרלעגענע, פאַר־דומפּענע מעל האָבן שוין יידן געהאַט אויפגעגעסן, האָבן די דייטשן אָפּגעשטעלט דאָס אַריינשיקן מעל און אין די בעקערייען האָבן זיך געפונען די לעצטע פּאָר זעקלעך מעל. דעריבער האָט דער „קייסער" אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די בעקערייען זאָלן מער ניִשט באַקן און דאָס אָפּגעבאַקענע ברויט זאָל מען ניִשט פאַרקויפן. אינעווייניק אין דער בעקעריי האָט דעם „קייסערס" אַ פּאָליציאַנט געהיט, ביז עס זיינען געקומען אַ סך פּאָליציאַנטן מיט אַ פערד און וואָגן און אַוועקגעפירט דאָס גאַנצע ברויט מיטן מעל. אַפילו דעם בעקער איז ניִשט דערלויבט געווען צו נעמען ברויט אָדער מעל.

רומקאָווסקי האָט דאָס ברויט פון די בעקערייען איינגעטיילט אין די שפּיטעלער, יתומים־הויז, מושב זקנים, פאַר זיין פּאָליציי און פאַר זיינע באַאַמטע.

עטלעכע טעג איז די געטאָ געווען אָן ברויט און אָן זופּן, ווייל דער „קייסער" האָט אויך פאַרמאַכט די קיכן; עס איז ניִשט געווען וואָס צו קאָכן. האָט ערגעץ אַ בעקעריי יאָ געבאַקן, האָבן באַקומען צו האַלבע ברויט נאָר די, וואָס האָבן געהאַט „פּלייצעס" (פּראָ־טעקציע).

פון פינף פאַרנאַכט ביז ניין אינדערפרי האָט קיין ייד אין ערגעץ ניִשט געטאָרט זיך געפינען, אויסער אין זיין שטוב, וווּ ער איז געווען איינגעמאָלדן. דאָך האָט זיידע, מיט בלושטיינען, באַשלאָסן אַ גאַנצע נאַכט זיך אַוועקשטעלן נעבן דער בעקעריי, כדי זיי זאָלן זיין די ערשטע צו באַקומען ברויט. די צוויי העלדן האָבן געמיינט אַז זיי וועלן זיין די איין און איינציקע פאַר דער בעקעריי. אָבער זיי האָבן שוין געטראָפן אַ לאַנגע ריי. זיי זיינען אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט ביז צומאָרגנס מיטאָג־צייט.

מענטשן האָבן אין דער ריי געשמועסט וועגן אַלעם אין דער וועלט. געפירט דיסקוסיעס. טייל האָבן אויסגעלייענט ביכער. פרומע יידן זיינען געשטאַנען מיט ספרים אין די הענט און געלערנט. משפּחה־מיטגלידער האָבן זיך געטווישט צו עטלעכע מאָל. שרהלע האָט פאַר־טראָטן בלושטיינען, און זיידעס עלטסטע טאָכטער — זיידען. ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט, זיינען זיי צוריק אַריין אין דער ריי און די וואָס זיינען געשטאַנען הינטער זיי, האָבן גוט צוגעהיט, אַז די פאַרטרעטער זאָלן זיך נישט מיטכאַפּן.

ענדלעך, נאָך מיטאָג, האָט מען געעפנט די בעקעריי. מען האָט אָנגעהויבן אַריינצולאָזן און מען האָט געזען אַרויסטראָגן די האַלבע ברויטן, פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ פּאַרע און פאַרשמעקט די לופט. דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט די הונגעריקע מאָגנס פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ריי און פון די וואָס האָבן באַ־לאַגערט דעם הויף אויסער דער ריי.

די, וואָס האָבן זיך געקענט דערלויבן, האָבן באַצאָלט עטלעכע מאָל אַזויפיל וויפל דאָס ברויט האָט געקאָסט ביים בעקער. זיי האָבן אָפּגעקויפט ביי די אָרעמע, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ריי אָדער פון די, וואָס האָבן באַקומען דורך „פּלייצעס", אויסער דער ריי.

זיידע און בלושטיין האָבן זיך דענערווירט און נישט געקענט פאַרשטיין: מען זעט כסדר טראָגן ברויט און די ריי רירט זיך נישט פון אָרט.

ענדלעך, ענדלעך איז בלושטיין צוגעקומען צו דער טיר. ער וויל אַריינגיין. זיינען אונטערגעקומען עטלעכע שטאַרקע יונגען און זיי האָבן זיך אַריינגעבאָקסעוועט מיט זייערע שטאַרקע פויסטן אין דער בעקעריי אַריין, מיט דער מיטהילף פון „קייסערס" פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך ספּעציעל אויסגעדרייט צו דער ריי, אויפגעהויבן די פאַלקע: „אַזוי, אָרדנונג זאָל זיין!" — האָט ער געשריגן אין פּויליש. דערווייל, אונטער זיינע פּלייצעס, מיט זיין צושטימונג, זיינען די שטאַרקע אַריין. בלושטיין און זיידע האָבן באַמערקט די קאָמבינאַציע.

— איך שטיי שוין דאָ באַלד אַ מעת לעת! — האָט בלושטיין פּראָטעסטירט — און זיי קומען זיך צום גרייטן. וואָס פאַר אַ פּאָלי־ציאַנט זענט איר, אַז איר לאָזט אַריין אויסער דער ריי?!

— האַלט דיין פּיסק! ווו? וואָס? ווען? — האָט דיר פּאָלי־ציאַנט געפאָכעט מיטן שטעקעלע.

— וואָס הייסט: וואו? וואָס? ווען? — האָט זיך זיידע אָנ־גערופן — מאַכט אייך נישט פאַר אַזאַ שמענדע יונה! ביי מיר קענט איר נאָך היינט ווערן אוים מליץ! איך קען דיר אויסטאָן ס'היטל! חברים, גיט אים, דעם שווינדלער!

ער איז צוגעלאָפן און אים אַ זעץ געגעבן מיט דער פויסט אונטער דער גאָמבע. בלושטיין האָט אים אַרויסגעריסן דאָס שטעקעלע און אים דערלאַנגט קלעפּ. די מאַסע איז מיטגעריסן געוואָרן און האָט צו דעם פּאָליציאַנט אויסגעלאָזט דעם אָנגעזאַמלטן צאָרן:

— נאַ־נאַ־נאַ! איך וועל שטיין אין דער ריי גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט און דו וועסט אַריינלאָזן דיינע מענטשן?!

— גיט אים! גיט אים! רומקאָווסקים משרת!

— וואַרפט אים אַראָפּ דאָס היטל!

— רייסט אים אַראָפּ די באַנד!

דער פּאָליציאַנט איז געבליבן ליגן אַ צעהרגעטער. ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ, אַ קאָפּע. די האַלבע ברויטן, וואָס די שטאַרקע האָבן אַרויסגעטראָגן, האָט די אויפגערייצטע מאַסע צעריסן און צעטראָטן. טייל הונגעריקע האָבן אויפגעקליבן פּיצעלעך און געגעסן. די מאַסע האָט געקאָכט און געפּילדערט. די בעקעריי האָט פאַרהאַקט די טיר. זיינען ערשט פאָרגעקומען די ריכטיקע געוואַלדן און געשרייען. די ריי האָט זיך צעמישט. בלושטיין מיט יידען און נאָך עטלעכע, וואָס האָבן געשלאָגן, זיינען אַהיימגעגאַנגען מיט ליידיקע טאָרבעס — דערצאָרנטע און פאַרביטערטע אויף רומקאָווסקים מלוכה.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ ביסל שפּעטער איז רומקאָווסקי אָנגעקומען צופאָרן אויף זיין „שיינער" דראָשקע און „שיינעם" פערדל. הינטער אים איז געקומען אַ קאָמיסאַר מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן. דעם צעהרגעטן פּאָליציאַנט האָט מען באַלד אַוועקגעפירט. דער קאָמיסאַר האָט געשריגן, אַז מען טאָר נישט שלאָגן קיין פּאָליציי — „דאָס איז די מאַכט!" מען זאָל אים אויסגעבן, ווער עס האָט געשלאָגן. ער מוז באַשטראָפן די בונטאָווטשטשיקעס. קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

עס האָט זיך פאַרמירט אַ ריי, וואָס איז געשטאַנען רויק און מיט מורא. דערנאָך האָט דער „קייסער" אַראָפּגערעדט פון זיין קאַרעטע:

„מיינע שוועסטער און ברידער! איך טו פאַר אייך ס'בעסטע, וואָס איך קען. לאָזשט אייך ניט אויפהעטשן פון די לאַבושעס! פון די בונטאָווטשטשיקעס! אין מיין געטאָ מוזש הערסן רו און אָרדענונג! מיין געטאָ וועט גיין ווי אַ זשייגערל! זשייט רויק, איך האָב געננג צו עשן, נאָר זייט געהאָרכזשאַם, וועט אייך ביי מיר, אין מיין געטאָ, גאָרניט פעלן."

דער עולם האָט שטילערהייט געקוקט מיט ביטול אויף זיינע רייד. דער קאָמיסאַר האָט אַוועקגעשטעלט עטלעכע פּאָליציאַנטן

ביי דער ריי און צוויי ביי דער טיר און געהייסן עפענען די טיר. רויק, שטיל האָט זיך די ריי געררוקט און מען האָט אַצינד אַרויס־געטראָגן צו פערטעלעך ברויט. אַזוי האָט דער „קייסער" באַפוילן, כדי יעדער זאָל באַקומען. דער „קייסער" איז געזעסן אויף דער דראָשקע און צוגעקוקט:

„יאָ, — האָט ער זיך געטראַכט — מיין געטאָ וועט גיין ווי אַ זשייגערל. אין מיין געטאָ מוזש הערשן רו." און ער האָט גע־שעפּט נחת.

— — — — — — — — — — — — —

—זיידעם זעקס קינדער זיינען געשטאַנען אין דער ריי אין עטלעכע בעקערייען און זיי האָבן אַהיימגעברענגט צו פערטעלעך ברויט. אויפדערנאַכט האָבן די שכנים אַריינגעטראָגן צו פערטעלעך ברויט צו בלושטיינען און זיידען. אי זיידען אי בלושטיינען האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן. זיי האָבן געזען, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַזעלכע, וואָס שאַצן אָפּ זייער אויפריכטיקייט.

ווינטער־ראַציע

דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט איינגעפּירט קאַרטן. עס איז אַריינגעקומען פון דער שטאָט בעסער ברויט; האָט מען יעדן פאַר־נאַכט אַרויסגעגעבן אין די קאָאָפּעראַטיוון פּערציק דעקאַ ברויט אויף אַ קאָפּ. דאָס איז געווען דער גאַנצער שפּייז־צוטייל (נאָך גוט, אַז יידן האָבן נישט געדאַרפט אָנקומען צו דער שטאָט נאָך וואַסער.) די דייטשע בעקערס האָבן באַהערשט דעם ברויט־מאַרק אין געטאָ. זיינען די בעקערס אין געטאָ געבליבן אָן אַרבעט; און אַז מען שיקט אַריין דאָס צוגעטיילטע שטיקל ברויט איז אַ טאָפּלטע קללה. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט אַ צוויי וואָכן. די דייטשן האָבן ווידער אַריינגעשיקט שלעכט מעל, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן עסן אַ נאָרמאַל שטיקל ברויט. די בעקער זיינען געפאַלן אויף אַ פלאַן, ווי אַזוי צו ראַטשענען און ווי אַזוי צו באַקן ברויט פון דעם מעל: זיי האָבן צוגעמישט קאַרטאָפל־מעל און קאַשטאַן־מעל. דאָס ציט אַריין אַ סך וואַסער. עס איז שווערער, און דער אויוון האָט געמוזט גאָר אַנדערש אויסגעהייצט ווערן, ווי ביי נאָרמאַל ברויט. דער „קייסער" האָט וויטער אַרויסגעגעבן פּערציק דעקאַ אויף אַ קאָפּ און אויסער דעם האָט מען גאָרנישט באַקומען. דער חבר זיידע האָט ווידער גערופן צו דעמאָנסטראַציעס און די מאַסע האָט גע־שטורעמט קעגן „קייסער" און זיין קליקע. אָבער פלוצלינג האָבן זיך ווידער באַוויזן פּלאַקאַטן אויף דייטש, פויליש און יידיש:

„אַכטונג איינוווינער פון ליצמאַנשטאַדט געטאָ!

„איך טייל מיט אַלע מיינע יודן פון מיין געטאָ: פון מאָרגן אָן גיב איך אַרויס אַ ווינטער־ראַציע אויף דעם נומער 10 פון די לעבנסמיטל קאַרטן, פאַר יעדן קאָפּ: צוויי קערץ קאַרטאָפל, צוויי קערץ קוילן, צען קילאָ האָלץ, פיר קילאָ ציבעלעס, פיר קילא צוקער, זעקס קילאָ רויטע בוריקעס, זעקס קילאָ מייערן, אַ האַלבן קילאָ זשע־פּאַק־אויל, צען קילאָ קילעריבן און נאָך גוטע זאַכן.

„אַ ראַציע פלייש און פּוטער וועט נאָכקומען אין די נאָענטסטע טעג.

אַלע מיינע „זאַשילקאָווצעס”, אָן אונטערשיד פון עלטער, וועל איך פאַרויס אויסצאָלן צו צוואָנציק מאַרק, כדי אַלע מיינע יודן זאָלן אויסקויפן מיין צוטייל צו דער צייט.

„מיינע פּראָדוקטן, מוזט איר האַלטן אויף אַ טרוקן און וואַרעם אָרט, כדי זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן; און איר מוזט זיי אויך גוט איינטיילן, כדי ס'זאָל אייך נישט אויסקומען צו הונגערן אין ווינטער.

„דער עלטעסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט געטאָ,
מ. ח. רומקאָווסקי.”

און ווידער האָט אַ גרויסע פרייד באַהערשט די געטאָ־יידן.

„געלויבט דעם אויבערשטן, — האָבן יידן געזאָגט, — ס'איז שוין דאָ מיט וואָס דעם ווינטער דורכצושטופּן.”

„גאָט פאַרלאָזט נישט קיינעם, — האָט זיידעס ווייב געזאָגט — ער שפּייזט אַלע זיינע באַשעפענישן.”

„דער משוגענער — האָט זיידע געזאָגט — האָט מורא פאַר אַן אויפשטאַנד, דערפאַר גיט ער אַרויס די ווינטער־ראַציע, אַז מען שטו־רעמט אַ טויער ברעכט מען עס אויף.”

עס זיינען באַלד אָנגעקומען פּראָדוקטן אין אַלע קאָאָפּעראַטיוון. די יידן, וואָס האָבן געהאַט געלט, האָבן גלייך אויסגעקויפט די ראַציע לייכט אָן אַ ריי, און אַהיימגעפירט פולע וועגעלעך שפּייז, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. בלושטיין און זיידע, ווי אַלע „זאַשילקאָווצעס” האָבן זיך טאָג ביי טאָג אויסגעקוקט די אויגן אויף דעם פּאָסט־טרעגער, מיט די צוואָנציקער מאַרקן, וואָס דער „קייסער” האָט צוגעזאָגט. די ראַציע האָט געקאָסט נאָענט צו פופצן מאַרק. גאַנצע דריי וואָכן איז מען געזעסן אינדערהיים און געוואַרט. מען איז גע־שטאַנען ביים טויער און יעדן דורכגייענדיקן געפרעגט, צי ער האָט נישט ערגעץ געזען דעם פּאָסט־טרעגער. די „זאַשילקאָווצעס” האָבן געזען ווי מען פירט אַהיים צו פול געפּאַקטע וועגעלעך שפּייז און זייערע הערצער האָבן ווי געטאָן.

דער „קייסער” האָט אַפילו די ניינער מאַרקן־שטיצע אויך נישט

אויסגעצאָלט. קיין „רומקעס״ האָבן חלילה נישט אויסגעפעלט אין זיין „מלוכה״. דער „קייסער״ האָט זיך אַצינד באמת, אַז אין זיין געטאָ זאָל „אָרדענונג״ זיין, אַז אַ ראַציע אויסקויפן זאָל זיך נישט פאַר־שלעפן. האָט ער זיך צוגעאײַלט און דורך פּלאַקאַטן מודיע געווען:

„אַכטונג! צו מײַנע יודן! נאָך דרײַ טעג גיב איך צײַט מײַנע יודן אויסצוקויפן מײַן ווינטער־ראַציע אין מײַנע קאָ־אָפּעראַטיוון, אויף דעם נומער 10 פון דער לעבנסמיטל־קאַרטע. נאָך דעם אָפּלויפנדיקן טערמין, וועל איך מער קיינעם דעם לעבנסמיטל־צוטייל נישט אַרויסגעבן. דער עלטעסטער דער יודען אין ליצמאַנ־שטאַדט־געטאָ, מ. ח. רומקאָווסקי.״

די „זאַשילקאָוועס״ האָבן פאַרקויפט זייערע קאַרטן פאַר גראָשנס צו די באַאַמטע און צו די רייכע און יענע האָבן אַהיימגע־בראַכט זייער שפּייז. אָבער בלושטיין און זיידע האָבן זייערע קאַרטן נישט געוואָלט פאַרקויפן.

„איך זאָל זיי — האָט בלושטיין געזאָגט — געבן מײַן לעבן אויפצופרעסן? ! אַ שווערע קרענק קען איך זיי געבן, רומקאָווסקים קליקע!״

„איך אויך דאָס זעלבע! — האָט זיידע געצאָרנט, און ער האָט אויף זיין שטייגער צוגעגעבן — זיי מיינען, אַז זיי זיינען שוין זיכער, אַז זיי וועלן איבערלעבן די מלחמה. די ערשטע כאָלערע וועט זיי טרעפן! — און ער האָט בלושטיינען אַ קלאַפּ געגעבן אין פּלייצע — נישט געזאָרגט, בלושטיין, מיר וועלן זיי איבערלעבן!״

די מעשה איז געווען אַזאַ: אין געטאָ איז באַלד נישט אַריינ־געקומען אַזויפיל שפּייז מען זאָל קענען אַרויסגעבן אַזאַ גרויסן צו־טייל. וואָלט רומקאָווסקי געווען אַרויסגעגעבן אַ נאָרמאַלע ראַציע, ווי תמיד, און ער וואָלט געווען אויסגעצאָלט זיין נאָרמאַלע שטיצע צו ניינער מאַרקן, וואָלט דער גרעסטער טייל יידן געווען אויסגעקויפט די ראַציע און עס וואָלטן נישט געווען אַזוי פיל הונגער־טויט פאַלן. נאָר די אויסרעכענונג פון משוגענעם רומקאָווסקי איז געווען, אַז די גאַנצע שפּייז זאָל אַריינקומען נאָר צו ז י י נ ע מענטשן. נישט צו די מכזרים! (ווי דער „קייסער״ האָט גערופן נישט זיינע מענטשן). דעם משוגענעמס טעאָריע איז געווען: סיי ווי סיי וועלן דאָך אַלע יידן די מלחמה נישט איבערלעבן. שוואַכע וועט דאָך דער דייטש זיכער אומברענגען, אָדער זיי וועלן אַליין אויסשטאַרבן — האָט ער געשטיצט זיינע מענטשן. ער האָט זיי געגעבן: גענוג עסן, קליידער, בעסערע וווינונגען, כדי זיי זאָלן גוט אויסזען און קענען די מלחמה איבערלעבן. אין געטאָ האָט מען דערציילט: אַ שניידער האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר רומקאָווסקין, אַז ער אַרבעט שווער, איבער די כוחות,

און אויסער די הונגער־ראַציע האָט ער נאָך נישט באַקומען קיין שום צוטייל. דעריבער בעט ער אים, אַז ער זאָל אים אויך עפּעס געבן, פּונקט ווי ער גיט די, וואָס טוען גאָרנישט. „וואָס?! — האָט אים דער „קייסער" אָנגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק, — וואָס? הונגער־ראַטשיע זשאָגסטו?! — אין מיין געטאָ הונגערט מען?! אין מיין געטאָ הונגערט מען ניט! — האָט ער זיך צעשריגן — ווער בישטו?"

„איך בין אַ פּשוטער ייד, אַ שניידער."

„אהאַ, אַזשוי? דו וועשט שיי ווי די מלחמה ניט איבערלעבן!" — האָט דער „קייסער" צו אים אויסגעשריגן און איז אַנטלאָפן.

בלושטיין זוכט אַרבעט

בלושטיין, איז אַצינד יעדן טאָג געגאַנגען צום צענטראַל־שניי־דער־רעסאָרט, כאַפּן אַ טאָג, אָדער אַ פּאָר שעה אַרבעט: אַראָפּצו־לאָדענען און אַרויפצולאָדענען סחורה אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן. אַז מען האָט דאָ געאַרבעט, האָט מען, אחוץ די צוויי מאַרק מיט צוואַנ־ציק פעניג, טאָג־לוין, אויך באַקומען אַ זופּ מיט צען דעקאָ ברויט, וואָס דאָס איז מער ווערט געווען ווי דער גאַנצער טאָג־לוין.

ווען בלושטיין האָט אַמאָל געכאַפּט אַ טאָג שווארצע אַרבעט אין דער גמינע, איז דאָס ביי אים אַן אָפּקומעניש געווען. אַ קאַטאָרגע: גראָבן גריבער, אויסגלייכן די ערד, שלעפּן שטיינער און ציגל, און אַלץ אויף דעם ניכטערן מאָגן. ביי דער אַרבעט האָט ער געמוזט זיין זיבן אין דער פרי. דער וועג האָט אויך געדויערט אַ שעה צייט, און דאָס שטיקל ברויט האָט מען דעמאָלט געמוזט אָפּנעמען אויף דער קאַרט יעדן טאָג באַזונדער. די קאָאָפּעראַטיוו האָט ערשט פאַר־נאַכט אַרויסגעגעבן ווייל די דייטשן האָבן שפּעט אַריינגעשיקט דאָס ברויט. אַרבעטן האָט ער געמוזט צוועלף שעה. עס האָבן געאַרבעט נאָך שוואַכערע יידן פון בלושטיינען. די אַרבעט האָט מען געמוזט פאַרטיק מאַכן. האָט בלושטיין מיט זיינע שוואַכע כוחות אויך געמוזט יענעמס אַרבעט טאָן. די אַרבעט דאָ אין מאַגאַזין פון דעם צענטראַלן שניידער־רעסאָרט איז בלושטיינען געווען אַ סך ליבער, אָבער ער האָט זעלטן דאָ באַקומען אַרבעט.

פּלוצלינג האָבן זיך ווידער באַוויזן פּלאַקאַטן אין דייטש, פּויליש און יידיש:

„אַכטונג מיינע יודן פון ליצמאַנשטאַדט געטאָ!

„איך האָב אַרבעט פאַר אַלע מיינע יודן: סיי מענער, סיי פרויען, אין עלטער פון פערצן ביז פינף און פופציק יאָר, קענען אַרבעטן אויסער מיין געטאָ. איך וועל אויסצאָלן פאַר דער אַרבעט

דורך מיינע באַאַמטע צו אַכט און פערציק מאַרק אַ חודש צו די פּערזאָנען, וואָס וועלן אַרבעטן. די רעגיסטראַציע הייבט זיך אָן שוין פון מאָרגן זיבן אינדערפרי לויטן אַלף-בית. דעם ערשטן טאָג וועל איך פאַררעגיסטרירן די נעמען וואָס הייבן זיך אָן אַ, בע, צע, דע, ע, עף; דעם צווייטן טאָג גע, כאַ, י. דזש, קאַ, על; דעם דריטן טאָג עם, ען, אָ, פּע און אַזוי ווייטער. איך וועל פאַררעגיסטרירן נישט מער ווי דריי טעג. דער עלטעסטער דער יודן אין ליצמאַנשטאַדט געטאָ, מ. ח. רומקאָווסקי."

עס האָט זיך געמאַכט אַ מהומה אין געטאָ: מענער פון ווייבער, טאַטעס פון קינדער, בחורים און מיידלעך און דערוואַקסענע קינדער, סיי יינגלעך סיי מיידלעך, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם „גליק". עפּעס אַ קלייניקייט? מען קען ראַטעווען די נאָענטסטע פון הונגער-טויט און זיי אַליין וועלן דאָך ביי דער אַרבעט נישט הונגערן. זאָל מען נאָר זיין אויסער די געטאָ, וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן מיטן הונגער. אין פּוילן פעלט נישט קיין שפּייז... אַזוי האָט מען געטראַכט. באַלד איז געלונגען דעם „קייסערס" פּראָפּאַגאַנדע מיני-סטעריום צו פאַרשפּרייטן די „גוטע" נייעס, „אַז די אַרבעטער וועלן אַרבעטן אין די דערפער ביי די פּויערים און טאַקע נישט ווייט פון לאָדזש." יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע, ער זאָל חלילה נישט פאַרשפּעטיקן, און מען האָט זיך געשטעלט אין דער ריי אין מיטן דער נאַכט. אינדערפרי האָט זיך די ריי געצויגן קרוב צו אַ קילאָמעטער.

די רעגיסטראַציע האָט דער „קייסער" גאַרנישט געשלאָסן. מען האָט זיך כסדר חדשים לאַנג געקענט פאַרשרייבן.

זיידע מיט בלושטיינען האָבן זיך באַראַטן, וואָס זיי זאָלן טאָן; און ביידע האָבן באַשלאָסן: „אַז ניין! מוחל דעם דייטשס „גליקן"!

* * *

שוין וואָכן, ווי בלושטיין קען נישט כאַפּן אַ פּאָר שעה אַרבעט אין שניידער-צענטראַלע. האָט ער באַשלאָסן צו קומען דער ערשטער. בלושטיין איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך פינצטער געווען. ער איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען אין ביוראָ, צום אַד-מיניסטראַטיוון לייטער, זבאַר, האָט ער געהייסן. ער האָט פאַר דער מלחמה געהאַט איינס פון די גרעסטע קאָנפעקציע-געשעפטן אין לאָדזש. ער איז געווען אַ בעל-רחמנות און אַ בעל-צדקה. בלושטיין האָט געוווּסט אַז זבאַר איז אַ גוטהאַרציקער ייד. ער האָט אים געזאָגט: „גוט מאָרגן פּאַניע זבאַר." זבאַר האָט אים וואַרעם צוריק געגריסט: „אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר אייך. נו, וואָס מאַכט מען?"

„מען איז אויף צרות, חוץ געזונט און פּרנסה איז אַלדאָס גוטס.

איך בין געקומען אייך בעטן, אַז איר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר געבן אַ טאָג אַרבעט.״

זבאַר האָט אים אָנגעקוקט מיט רחמנות און זיין אַסקעטיש פּנים איז טרויעריק געוואָרן: „איר זייט נישט דער איינציקער, וואָס קומט צו מיר נאָך אַ טאָג אַרבעט...״

„איך ווייס אַז איר קענט געבן אַרבעט — איז אים בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד. — איר האָט אַ גרויסע השפּעה, איר זייט דאָך אַ קעראָווניק״.

„אפשר זאָל איך אייך „פאָרשטעלן״ פאַרן פּרעזעס רומקאָווסקי? — האָט זבאַר איראָניזירט און אויף זיין אַסקעטיש פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. — האַ?״

„דאָס וואָלט גאָרנישט שלעכט געווען — האָט אים בלושטיין ערנסט געענטפערט. — איר זוכט נאָר אוים דאָ עפּעס אַ שטיקל פּאָסטן און שטעלט מיך פאַר פאַר דעם פּרעזעס אויף אייער רעקאָמענדאַציע, וועט ער באַשטעטיקן.״

„איך קען אייך ליידער גאָרנישט העלפן. וואַרט צו דאָ אין רעסאָרט. דורכן טאָג, קען זיין, וועט זיך עפּעס מאַכן.״

אַ זייגער צען האָט זיך עפּעס געמאַכט צו איבערטראָגן עטלעכע שווערע שענק. האָבן זיך אַכט מענטשן — צווישן זיי אויך בלושטיין — איינגעטיילט מיט דער אַרבעט. דערנאָך האָבן זיי אַראָפּגעלאָדנט עטלעכע וועגענער האָלץ-קוילן. זיי האָבן געאַרבעט צו פינף שעה. זיי האָבן אויך באַקומען אַ זופּ. אָבער שוין אָן ברויט. ברויט האָט שוין קיינער נישט באַקומען, אויסער דעם צוטייל אויף דער קאַרט.

בלושטיין איז אַזוי געקומען אַ סך פּאַרטאָגן צו דער ביוראָ און ער איז אַוועק אַ הונגעריקער און אַ פאַרשעמטער פאַר זיך אַליין. ביז איינמאָל נאָך אַזאַ אַנטוישונג איז אים נמאס געוואָרן און ער איז אין איין אָטעם געלאָפן פאַרשרייבן זיך צו פאָרן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ. עס איז שוין געוועזן אַ ספּעציעלער „אַרבעטס-אַמט פאַר אויסערן געטאָ״. ווען בלושטיין איז אַריינגעקומען אין ביוראָ, האָט ער געזען שטיין אין דער ריי עטלעכע יונגע מענער. דאָס האַרץ האָט אים אָבער נישט געלאָזט צוגיין צו דער ריי. דעם „קיסערס״ אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהיט די אָרדנונג איז געווען פאַרנומען אין ביוראָ. האָט בלושטיין געוואָלט צוריק אַרויסגיין, אָבער עס איז אים נישט באַקוועם געווען. ער האָט אויך אויסגערעכנט, אַז דער פּאָליציאַנט קען אים צווינגען צו פאַרשרייבן זיך — האָט ער זיך פּאַמעלעך צוגעשאַרט צו דער טיר און אַרויסגעקוקט דורך די שויבן אין הויף, שלאָגנדיק זיך מיט דער דעה: „יאָ פאַרשרייבן זיך? נישט פאַרשרייבן זיך?״ ס'האַרץ האָט אים נישט געלאָזט. ער האָט מורא

געהאַט צו עפענען די טיר — דער פּאָליציאַנט קען אים נאָכלויפן. פּלוצלינג האָט אים דער פּאָליציאַנט אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט ביים קאַרק און מיט דער צווייטער געעפנט די טיר: „וואָס שטייסטו דאָ ווי אַן אָפּגעמאַכטער?! האָסט דערליידיקט? ביסט פּאַרטיק? שטינק זשע מיר נישט אָן אומזיסט דאָס אָרט! אונדזער פּרעזעס רומקאָווסקי האָט ליב אָרדענונג! אַרויס פון דאַנען!" און ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן.

אינדרויסן האָט בלושטיין צו זיך געזאָגט: „דאָס איז אַ סימן, אַז איך טאָר נישט פאָרן קיין דייטשלאַנד. אַ מלאך האָט אין דער מינוט געמוזט מגולגל ווערן אין דעם פּאָליציאַנט."

בלושטיין איז שנעל אַהיימגעלאָפן און דאָס דערציילט זיין ווייב. „דאָס איז טאַקע עפּעס נאָר אַ הימל־זאַך, שמחה — האָט שרהלע געזאָגט מיט אַ מיסטישן טאָן — אָבער צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך וויל בעסער הונגערן און זיין מיט דיר צוזאַמען, איידער עסן צו דער זאַט אָן דיר. ווי האָט דיר געקענט איינפאַלן צו ווערן אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט?"

בלושטיין האָט זיך פאַרשעמט: „זעסט דאָך, שרהלע, אַז כ'האָב באַלד חרטה באַקומען. אַזוי איז שוין דער מענטש: ער קען אויף אַ הייסן מאָמענט באַגיין די גרעסטע נאַרישקייט, דעם גרעסטן פאַרברעך קעגן זיך אַליין. ערשט שפּעטער באַזינט ער זיך, טוט עס אים באַנג. טראַכט מער נישט וועגן דעם, שרהלע. וואָס עס זאָל נישט זיין — וועלן מיר זיין צוזאַמען."

„הער, שמחה: אָן דיר בין איך גאָרנישט און דו אָן מיר ביסטו אויך גאָרנישט. מיין מאַמע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, פלעגט זאָגן אַ ווערטל פון „שלמה המלך": „איינער — איז קיינער. צוויי — איז קוים איינער. איינעם איז קאַלט — צוויי איז וואַרעמער."

בלושטיין האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין שטערן. שרהלע האָט צוגעטראָגן אירע ליפּן צו זיינע: „יאָ, צוויי איז וואַרעמער", האָט ער צוגעשטימט. שרהלע האָט זיך אין אים געטוליעט און שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אין די ערשטע צייטן ווען זיי האָבן זיך פאַרליבט.

* * *

באַלד האָט דער „קייסער" אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ זאָלן זיך צושטעלן אויפן באַלוטער פּלאַץ.

יעדער האָט באַקומען אַ בריוו ווען ער דאַרף זיך צושטעלן. אויב עמעצער האָט חרטה געקראָגן, האָט ער נישט געהאַט קיין שום עצה. די דאָזיקע מענטשן האָבן אַצינד געהערט צו דער געשטאַ־

פֿאַ, זי האָט זיי פֿאַרקויפֿט און גענומען געלט פֿאַר יעדן קאָפּ. יעדער האָט, ווי ווייט מעגלעך, זיך מיטגענומען אַ ביסל וועש, מלבושים. די וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט האָט דער „קייסער״ גענומען מיט צוואַנג. באַלד האָבן זיך פֿון די מענטשן דורכגעריסן ביטערע בריוו: „זיי אַרבעטן אויף אַן אויטאָסטראַדע, די דייטשן האָבן פֿון זיי אַראָפּגעצויגן די מלבושים, די שיך און די וועש. זיי גייען אַנגעטאָן אין טרעפּעס און אין שמאַטעס. זיי ווערן מערדערלעך געשלאָגן. דער הונגער איז גרויס. זיי בעטן מען זאָל זיי שיקן ברויט און אַ מלבוש.״

דער גרעסטער טייל פֿון די יידן האָבן די דייטשן פֿאַרפּייניקט אָדער דערמאָרדעט ביי טריקענען זומפּן, האַקן שטיינער און בויען שאָסייען.

איינמאָל האָט שרהלע באַקומען אַ בריוו פֿון לייטער פֿון „אַר־בעטס אַמט פֿאַר אויסערן געטאָ״. פֿוקס, ימח שמו!, איז געווען זיין נאָמען. ער איז געווען אַ ייד, אַ ברודער פֿון רומקאָווסקים אַ סעקרעטאַ־רין. זיי ביידע זיינען געבוירן אין דייטשלאַנד. זי האָט אים אַראָפּגע־ברענגט פֿון האַמבורג ער זאָל פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן. ער האָט אויס־געזען ווי אַן אמתער „יעקע״: אַ הויכער, אַן אויסגעפּאַשעטער, אַ בלאָנדער מיט בלאָנדע וואָנסעלעך. מען האָט געקענט שווערן, אַז ער איז ניט קיין ייד.

שרהלע איז באַלד אַהינגעגאַנגען. ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען איז ער אויף איר אַרויס מיט אַ געוואַלד: „פֿאַרוואָס שרייבסט דו שלעכטע בריוו פֿון געטאָ אַרויס?! פֿאַר דעם קומט דיר תּפֿיסה! נאָך עפּעס ערגערס! איך וועל דיך אָנלערנען, איך מוז דיך אָנ־לערנען!״

שרהלע האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פֿון איר האָבן. אַז ער סטראַשעט און טעראָריזירט זי, ווי אַ געשטאַפּאָוועץ. ענד־לעך האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָסט־קאַרטל און ער האָט איר געוויזן איר כּתב־יד און איר אונטערשריפֿט. שרהלע האָט אַצינד נאָך מער מורא געקראָגן. די מעשה איז געווען: שרהלעס אַ ברודער, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און האָט געהאַט צו עסן צו דער זאַט, האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע, און ער האָט זיך פֿאַרשריבן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ. ער האָט גערעכנט: אויסערן געטאָ וועט ער זיין פֿריי און ער וועט זיך שוין די אמתע עצה געבן. שפּעטער האָט ער חרטה באַקומען. אָבער קיינער האָט אים שוין נישט געקענט העלפֿן. דערנאָך האָט ער אַהיימגעשריבן ביטערע בריוו, געבעטן אַ ביסל עסן און אַ מלבוש. האָט אים שרהלע געוואָלט טרייסטן. האָט זי אים געשריבן וועגן איר הונגער און קעלט. זאָל ער זען, אַז אין געטאָ איז אויך נישט

בעסער. די אַלע בריוו וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די דאָזיקע אַרבעטער זיינען צענזורירט געוואָרן דורך פוקסן. און אַזוי אַרום האָט פוקס אָפּגעשניטן די בריוו־פאַרבינדונג פון די אַרבעטער מיט זייערע קרובים. זעלטן האָט ער דורכגעלאָזט אַ בריוו. ער האָט שרהלען געסטראַשעט און געזאָגט, אַז אַצינד שענקט ער איר און ער זאָגט איר אָן, אַז מער קיין בריוו זאָל זי שוין נישט שרייבן צום ברודער. שרהלע האָט אים דאָס צוגעזאָגט און ער האָט זי פרייגעלאָזט. ווען זי איז אַרויס פון אים האָט זי געוואָרפן קללות אויפן „קייסער" און זיינע באַאַמטע.

* * *

בלושטיין האָט אַצינד באַשלאָסן: איינמאָל פאַר אַלע מאָל מוז ער באַקומען וואָס ניט איז פאַר אַן אַרבעט, ער איז געלאָפן אומעטום, אָפּגעריסן די טירן און גאָרנישט אויפגעטאָן. איז אים איינגעפאַלן: ער וועט זיך ווענדן צו די פאַרטיי־טוער. די פאַרטייען האָבן נאָך יענע צייטן מיטגעאַרבעט מיט רומקאָווסקין. ער האָט נאָך זיי דעמאָלט באַדאַרפט האָבן. זיי האָבן אים געהאָלפן שאַפן די רעסאָרטן. (ווען ער האָט זיי שוין נישט געברויכט האָט ער זיי אָוועקגעוואָרפן.) ס'ערשטע האָבן זיי געגעבן אַרבעט זייערע מענטשן און האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט די בעסטע פּאָסטנס. דעמאָלט האָבן זיך געשאַפן די ווערטלעך: „די פאַרטיי מענטשן וועלן איבערלעבן!" „דער וואָס אַרבעט וועט איבערלעבן די מלחמה."

ביי בלושטיינען אויפן הויף האָט געוווינט אַ פאַרשטייער פון די „לינקע" אין שניידער רעסאָרט. „פישעלע" האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ דראַבניטשקער און אַ פלינקער ווי אַ פישעלע. נאָך פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ גאַנצער טוער אין נאָדל־פאַראיין, ביי די לינקע. פישעלע האָט געהערט אין „הויז־קאָמיטעט". ער איז געווען אַ שטילער און אַ קלוגער. אַז שכנים האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סיכסוך האָט ער זיי אויסגעגלייכט. פּישעלע האָט נישט געהונגערט: זיין דערוואַקסענע טאָכטער האָט געאַרבעט אין דער „טיי־האַלע". ער איז געווען אַ פאַרשטייער פון די לינקע אין דער „טיי־האַלע". זיין טאָכטער האָט אַהיימגעבראַנגט די פּאַרציעס: איר אייגענע פּאַרציע, דעם טאַטנס, דער מאַמעס און דעם ברודערס. — פולע טאַרבעס ברויט מיט האָניק, צוקער און הייסע קאַווע. פישעלע האָט אויך אויסגעטיילט טאַלאָנען: אויף ברויט, אויף זופּן אין דער טיי־האַלע און די מיטיק־קיכן.

ווען בלושטיין איז געקומען אין דער טיי־האַלע פּרווון גליק, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ הונגעריקער אויפן הויף, צווישן אַ סך הונגעריקע, וואָס האָבן געוואַרט ביז מען וועט האָבן אָפּגעקאָכט

די קאַווע, ווען מען עפֿענען די טירן און אַריינלאָזן נעמען דאָס שטיקל ברויט מיט קינסטלעכן־האָניק און קאַווע. בלושטיין האָט נישט געהאַט קיין טאַלאָן, האָט ער אויסגעקוקט עס זאָל אָנקומען עפּעס אַ „טוער" און זאָל אים שענקען אַ טאַלאָן. אויפֿן צווייטן שטאָק, איבער דער קיך אין אַ פֿענצטער, איז געשטאַנען בלושטיינס אַ שטיקל חבר. „יעהופֿעץ" האָט מען אים גערופֿן, ווייל ער פֿלעגט זיך שטענדיק אונטערזינגען דאָס לידל: „מנחם מענדל פֿון יעהופּעץ". ער האָט דעם נאָמען אָנגענומען פֿאַר אַ פּסעוודאָנים, ווייל ער איז געווען אַ לינקער, איז בעסער מען זאָל נישט וויסן זיין אמתן נאָמען. בלושטיין פֿלעגט פֿאַר דער מלחמה אַ סך מאָל מיט אים פֿאַרברענגען. יעהופּעץ איז אַצינד געווען אַ פֿאָרשטייער אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער טיי־האַלע. בלושטיינען איז איינגעפֿאַלן: אפֿשר וועט ער דורך אים באַקומען אַ טאַלאָן. באַלד האָט אָבער בלושטיין געזען, אַז יעהופּעץ האַלט אַ גרויסע פּייקע ברויט מיט האָניק. בייסט גרויסע שטיקער. קייעט מיט גאווה און שמייכלט. קוקנדיק מיט איראָניע אויף די הונגעריקע פֿון הויף. בלושטיינס אויגן מיט זיינע האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן. יעהופּעץ האָט ווידער צוגענומען די פּייקע צום מויל און אַ ביס געטאָן מיט אַזאַ גאווה, ווי ער וואָלט געזאָגט: „איך בין אַ חכם" און איר זייט שלימזלס, איך בין אַ גדול, אַ פֿירער, אַ באַלעבאָס און איר זייט שנאָרערס. ווייל איך האָב אַ פּאַרטיי, איך בין אַן אידעאַליסט, און איר זייט בהמות."

בלושטיין האָט געפֿילט ווי יעהופּעץ טוט אים דערנידעריקן, באַליידיקן. אָבער באַלד האָט ער צו זיך געזאָגט: „אַ בראָך איז צו זיין שכל". יעהופּעץ האָט ווידער געביסן די פּייקע, געקייעט מיט אַזאַ איראָניש שמייכעלע קוקנדיק אויף בלושטיין, אַז בלושטיין האָט געפֿילט, אַז ער רייצט זיך מיט אים. בלושטיינען האָט דאָס זייער וויי געטאָן, אָבער ער האָט אים באַדויערט: „מיט וואָס מישטיינס געזאָגט האָסטו דאָ זיך צו גרויסן? אַזוי איז ער שוין דער נאַרישער מענטש." בלושטיין איז אַרונטער אונטער דער אָפּיצינע נעבן טויער, אַוועק פֿון יעהופּעצעס אויגן — זאָל יענער נישט האָבן דעם פֿאַרגעניגן!

אַזוי ווי ער איז דאָ געשטאַנען פֿאַרטראַכט, איז פֿישעלע אונטערגעקומען:

„גוט מאָרגן בלושטיין! וואָס זענט איר אַזוי באַדריפּעצט?" — האָט ער צו אים אויסגעשריגן.

„גאָרנישט... כ'קלער, ווו נעמט מען דאָ אַ טאַלאָן אַריינצוגיין אין דער טיי־האַלע". האָט ער אים טרויעריק געזאָגט. „אַזוי גאָר? דאָ האָט איר." — ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל און ער האָט אים

אָפּגעצײלט אַכט טאַלאַנען: — „מיט דעם קענט איר נעמען פיר טעג פרישטיק און אָוונט-ברויט," האָט ער אים געזאָגט אַ פּריי-לעכער.

בלושטיין איז געבליבן שטום. ער האָט נישט געקענט אַרויס-ברענגען קיין ווערטער צו דאַנקען. האָט ער אָנגעהויבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו פישלען, ער זאָל אים געבן אַרבעט ביי אים אין שניידער-רעסאָרט. ער האָט געהערט, אַז פישעלע האָט אַריינגעפּאַקט זיינס אַ קוזין צו אַרבעטן ביינאַכט אין מאַגאַזין, ביי דער צוגעשניטענער סחורה. פאַר אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט באַקומט ער צוויי מאַרק מיט צוואַנציק פעניק און דערצו אויך אַ האַלבן קילאָ ברויט. „ווען ער זאָל צוקריגן אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג, איז ער אַ געראַטע-ווער — קען ער די מלחמה איבערלעבן", טראַכט בלושטיין.

אויפדערנאַכט, ווען פישעלע איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיך די שכנים צוזאַמענגענומען ביי אים אין שטוב. פישעלע האָט זיי דערציילט די נייעס: „אַמעריקע האָט דערקלערט קריג דעם דייטש, מיט דעם אָנקומען פון פרילינג וועט זיך אָנהייבן די גרויסע אָפּענסיווע. עפּעס אַ קלייניקייט די אַמעריקאַנער און ענגלישע טעכניק?! נאָר נישט געזאָרגט! זומער וועט נאָך יעדער ייד זיצן אין אַ גוטע זומער-וווינונג."

„אוודאי — האָט בלושטיין צוגעגעבן — נאָר נישט פאַרצווייפ-לען, די באַפרייאונג קען קומען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע. עס איז מלחמה און מען קען גאָרנישט וויסן".

פישעלע האָט אויך דערציילט, אַז די דייטשן פעלט שוין אוים געווער און זעלנער, אַז זיי זיינען שוין טיף-טיף אין דער אדמה. ער האָט אויך געהערט פון זיכערע קוואַלן, אַז עס וועט אַריינקומען מער שפּייז אין געטאָ.

די שכנים האָבן זיך דערפרייט פון די נייעס. ווען אַלע זיינען אַהיימגעגאַנגען איז בלושטיין געבליבן. ער האָט געבעטן פישעלען ער זאָל אים העלפן אַריינקומען אַרבעטן נאַכט-שיכט אין מאַגאַזין פון „שניידער-צענטראַלע". וועט ער קודם-כל באַזאָרגט זיין מיט אַ האַלבן קילאָ ברויט און ער וועט פאַרדינען אויף אויסצוקויפן די ראַציעס.

פישעלע האָט אים געענטפערט, אַז ער אַליין קען דאָס נישט דערליידיקן. ער דאַרף אַ רייד טאָן וועגן דעם מיט דער חברטע רעגינען. אויב מען וועט באַשליסן אַז יאָ — וועט מען אים שוין אַריינדרייען. ער איז זיכער, אַז ער וועט אַרבעטן."

די חברטע רעגינע איז דעמאָלט געווען דער ראש פון די „לינקע" אין געטאָ.

די חברטע רעגינע

די חברטע רעגינע איז געווען אַ שוואַרץ-חנ׳עוודיק, מיטלוווק־סיק, שלאַנק מיידל אין די הויכע דרייסיקער יאָרן און זי האָט אויס־געזען ווי אין די צוואַנציקער. זי האָט ווייניק געוווּסט פון יידיש־קייט, זי האָט קוים געקענט אַ ביסל יידיש לייענען און רעדן. זי האָט זיך אויסגעלעבט אין פּויליש. רעגינע איז קליינערהייט גע־בליבן אַ קיילעכדיקע יתומה און זי איז דערצויגן געוואָרן אין יתומים־הויז אין העלענוווּעק (אַ דאָרף הינטער לאָדזש) איבער וועלכן עס איז געווען דער פּרעזידענט מרדכי חיים רומקאָווסקי, דער היינטיקער „קייסער" איבער דער געטאָ, ווו ער האָט נאָך דעמאָלט דאָרטן איינ־געשטעלט אַ טאַטאַלן-רעזשים. רעגינע איז געפּייניקט געוואָרן ווי אַלע יתומים און געהונגערט. צו פערצן יאָר האָט זי שוין געאַרבעט ביי שניידעריי צו צוועלף-פערצן שעה אַ טאָג. זי האָט ווייטער גע־הונגערט און קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו באַנייען אַ מלבוש אָדער אַ פּאָר שיך. זי האָט געוווינט אין אַ „פּאָצעיאַטע" (אויף אַ בוידעם-שטוב מיט אַ קרומען דאַך) ביי אַן אלמנה. זי האָט איר גע־צאָלט אַ שיבוש און איז איר שולדיק געווען פאַר אַ לענגערע צייט דירה-געלט. זיי האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן. רעגינע האָט געזען ווי אונטער איר וווינען פאַמיליעס אין הויכע, גרויסע, לופטיקע זעקס־צימערדיקע וווינונגען, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און זומער-צייט פאָרן זיי אויף פרישע לופט. ווינטער מאַכט מען בעלער, מען לעבט און מען לאַכט — און זי, סיי זומער סיי ווינטער, מוז פון זיך די נשמה אַרויסיאָגן אין „וואַרקשטאַט": איין שטוב, וואָס איז דעם מייסטערס וווינונג. זי דינט: פאַר אַ שלאָף-צימער, אַן עס-צימער, אַ קינדער-צימער, אַ קיך און אויך פאַר אַ ווערקשטאַט. יעדע צוויי וואָכן שטעלט נאָך די מייסטראָווע אַריין אַ באַליע אויף עטלעכע טעג. זי וואַשט נעבעך די וועש מיט די הענט און די שטוב איז איינגעהילט אין אַ שטיקנדיק-שטינקענדיקן דאַמף פון שוויים און שמוץ. די מייסטראָווע האָט אין דעם שטיבל אויך געבוירן אירע קינדער.

פּריוויטיק פאַרנאַכט איז דער מייסטער אַרומגעלאָפן דיסקאָנטירן דאָס וועקסל, וואָס ער האָט באַקומען פון מאַגאַזינער פאַר אָפּאַרבעטן די גאַנצע וואָך, און דער מאַגאַזינער האָט עס אים דיסקאָנטירט פאַר היזק האָבן פינף פּראָצענט. דעמאָלט איז די מייסטראָווע שנעל געלאָפן איינקויפן אויף שבת. ווען רעגינע האָט ביים מייסטער גענומען איר אַרבעטס-לוין, האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זי נעמט צו דאָס שטיקל ברויט פון זיינע קינדער. רעגינע איז פאַרביטערט

געוועז אויף די הערשער פון דער היינטיקער וועלט. דערפאַר האָט זי זיך לייכט געלאָזט אַריינציען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט. די חברטע רעגינע איז אָפּגעזעסן אין די פּוילישע תפיסות פאַר פּאָליטישע מיט הפסקות איבער צען יאָר, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען אַ געלערנטע און אַ שטאַרק אָנגעלייענטע. די תפיסה איז געווען איר אוניווערזיטעט.

ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט שוין אַלץ געהאַט אויסגענאַרט פון פּוילן מיט דער הסכמה פון דער סאַנאַטאָרישער רעגירונג: חזירים, קאַרטאָפל, קאָרן, אַלערליי סחורות און אַלע מיליטערישע סודות, האָט זי געוואָלט צונעמען גאַנץ דאַנציג און פּאָמערן. האָט די פּוילישע רעגירונג געמאַכט אַ זאַמלונג פאַר געווער צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון די תפיסות האָבן אויך אַרויסגעשיקט זייער באַשטייערונג, אין דעם געלט איז אויך געלעגן רעגינעס ענערגיע.

ווען די נאַצים האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, זיינען אַ סך יונגע מענטשן אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער די חברטע רעגינע האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן. זי האָט געזאָגט: „אויב אַלע וועלן אַנטלויפן, טאָ ווער וועט קעמפן אויפן אָרט קעגן נאַציזם?" אַזוי אַרום איז רעגינע געבליבן אין געטאָ. אַז זי איז געבליבן צווישן בלויז יידן, און זי האָט געמוזט אָנטאָן געלע לאַטעס — האָט זי געזען, אַז אירע פּוילישע חברים ליידן טאַקע אויך, אָבער נאָר ווייל זיי זיינען אָרעמע אַרבעטער. אָבער זי ליידט טאָפּלט: ס'ערשטע, ווייל זי איז געבוירן אַ יידין און דערנאָך ערשט ווייל זי איז אָרעם. זי האָט זיך צוגעקוקט צום יידישן לעבנס־שטייגער, צו די מנהגים, זי האָט זיך איינגעהערט אין די שמועסן און דיסקוסיעס פון נאַציאָנאַלע יידן. דאָ האָט זיך ערשט פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט. דאָס וואָס מען האָט איר איינגערעדט אַז אַלץ וואָס איז יידיש איז מיאוס, באַרבאַריש און אַזיאַטיש, האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט פאַר אַ ליגן. זי האָט געזען אַז אירע יידן פאַרמאָגן אַ טיפע סאָציאַלע מאָראַל. זי האָט באַקומען אַ דראַנג צו באַקענען זיך מיט דער יידישער געשיכטע, מיט דער יידישער ליטעראַטור. מיט דעם תנ"ך און אגדות. רעגינע האָט גענומען פליסיק לערנען לייענען און שרייבן יידיש. דער חבר פישעלע האָט געהאַט גרעצס „יידישע געשיכטע" אין יידיש און דעם תנ"ך אין יהואשעס יידישער איבערזעצונג. ער האָט אויך געהאַט די מדרשים אין יידיש. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געדולד צו פאַרטיפן זיך אין די אומשטערבלעכע שאַפונגען, אָבער די חברטע רעגינע האָט אים אָנגערעגט צו דעם. ער האָט פאַר איר פאַרגע־

לייענט, זיי האָבןביידע אין דעם זיך פאַרטיפט. רעגינע האָט אַלץ אויפגענומען אויף דעם היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישן אופן. בים־לעכווייז האָט זי הנאה באַקומען פון דעם תנ״ך. אַמשטאַרקסטן האָט זי געהאַלטן פון די נביאים און מדרשים. צו די נביאים האָט זי זיך געפילט ווי אַ שוועסטער: זייער קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט, זייערע שטראָף-רייד צו די מושלים פון זייער צייט, האָט זי געזען, זיינען די זעלבע ווי פון די היינטיקע קעמפער פאַרן אמת און יושר. פון די מדרשים האָט זי אויך איינגעזען די טיף-מענטשלעכע מאָראַל און חכמה. פון דער מעשה וועגן „די בני משה אויף יענער זייט טייך סמבטיון״ איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן. זי האָט זי שטאַרק געלייענט: „נישטאָ ביי זיי קיין שום אומריינע בהמה. נישט קיין בייזע חיה, קיין עקדיש. קיין שלאַנג. זיי האָבן שעפסן און רינדער, אין זייערע אָזיערעס ווידמען זיך אַלערליי כשרע פיש. אַרום די קוואַלן מערן זיך אַלערליי עופות און עס בליען אַלערליי פירות. זיי שניידן צוויי מאָל אין יאָר. זיי זייען איינס און שניידן הונדערט. זיי זיינען זייער באַשיידן, פרום און ערלעך: זיי האָבן גוטע מידות; אַ סך קלוגע לייט זיינען דאָ צווישן זיי און אַלע הערן זיך צו זיי צו. זיי שווערן קיינמאָל נישט קיין פאַלשע שבועה. יעדער לעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר. זיי דערלעבן אור-אור-אייניקלעך. עס שטאַרבט דאָרט נישט קיין קינד ביים לעבן פון זיינע עלטערן. זיי האָבן נישט קיין קנעכט און קיין דינסטן. זיי האָבן אויך נישט קיין שופטים און קיין פּרינצן. און די הייזער זייערע זיינען אַלע גלייך. פון דער זעלבער הייך. מחמת איינער דאַרף זיך נישט דערהייבן איבערן אַנדערן; זיי בויען זיך אַליין הייזער און זיי נייען זיך אַליין שיינע בגדים. איט־לעכער נעמט פאַר זיך פון דער שפע און פון די אוצרות, וואָס געהערט צו אַלעמען, בלויז אַזוי פיל וויפיל ער באַדאַרף צום לעבן. ביינאַכט פאַרמאַכן זיי נישט קיין טיר און טויער. עס איז ביי זיי נישטאָ קיין קריגערייען. קיין רויבערס און קיין שום שלעכטע זאַך. ווייל די בני משה זיינען פרום און הייליק און גאָט האָט זיי דערפאַר דער־הויבן.״

דאָ האָט זי געזען דעם אמתן סאָציאַליזם פאַר וועלכן זי קעמפט און האָט אַוועקגעגעבן אירע בליענדיקע יאָרן. און אַז נאָך מיט טויזנ־טער יאָרן צוריק האָבן די מענטשן געטרוימט פון אַזאַ סאָציאַליזם. אין די מדרשים וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון האָט זי באַוואונדערט דאָס מעשהלע: „ווען אַלעקסאַנדער האָט שוין געהאַט איינגענומען אַ סך לענדער, האָט ער געוואָלט איינגעמען נאָך און נאָך, ער זאָל הערשן איבער דער גאַנצער וועלט. איז ער געקומען אין אַ לאַנד, וווּ די ווייבער האָבן געפירט די מלוכה. האָבן די ווייבער צו אים

געזאָגט: „אויב דו וועסט אונדז בייקומען און איבערהערגענען, וועסטו קיין כבוד נישט האָבן, וואָרעם וואָס פאַר אַ שטאַרקייט איז אויס־צוהרגענען פרויען? אויב מיר וועלן דיך בייקומען און אויסהרגענען דיינע זעלנערס, וועט מען זאָגן: וואָס פאַר אַ העלד איז אַלעקסאַנ־דער, אַז אַפילו ווייבער זיינען אים בייגעקומען!"

האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט צו די ווייבער: „גוט. מלחמה וועל איך מיט אייך נישט האַלטן. אָבער ברענגט מיר אַ ברויט". האָבן זיי אים אונטערגעטראָגן אַ גילדענעם ברויט אויף אַ גילדענעם טיש. האָט ער זיך געוואונדערט: „וואָס? גאָלד עסט מען ביי אייך אין לאַנד?" האָבן די קלוגע ווייבער אים געענטפערט: „אויב דו ווילסט עסן געוויינלעך ברויט — צו וואָס האָסטו זיך געדאַרפט מיען און קומען אַהער? פשוט ברויט האָסטו דאָך ביי דיר אינדערהיים?" האָט אַלעקסאַנדער זיך פאַרשעמט. ער איז אַוועק און געלאָזט אויפ־שרייבן אויף דעם טויער פון דער מדינה: „איך, אַלעקסאַנדער פון מוקדון, בין אַ נאַרישער מלך: כ'בין געקומען צו די ווייבער אין אַפריקע און זיי האָבן מיך געלערנט שכל."

רעגינע האָט זיך צעלאַכט: „וויפיל פאָלקס־חכמה, סאַטירע, דערהייבונג פון דער פרוי און וויפיל סאָציאַלקייט שטעקט אין דעם אַנטי־מלחמה־מעשהלע. דאָס קורצע מעשהלע ווייזט מער דעם אומזין פון מלחמה און פאַרכאַפן פרעמדע לענדער, איידער די לאַנגע דער־ציילונגען, וואָס איך האָב געלייענט", האָט זי געטראַכט. — „יאָ, אין דער ליטעראַטור פון מיין פאָלק איז אַלץ דאָ."

פון חומש האָט רעגינע נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן. זי האָט געזאָגט: „דער חומש איז טאַקע אַ שטיק יידישע געשיכטע, אויס־געמישט מיט פאָלקלאָר, עס זיינען דאָרטן פאַראַן אויך סאָציאַלע געזעצן. אָבער אַ סך פון זיי זיינען שוין היינט פאַרעלטערט. אָבער פון די נביאים און מדרשים האָב איך מער הנאה". רעגינע האָט מיט יאָרן צוריק אַדורכגעאַרבעט „די צען געבאָט" פון יאַן העמפּעל. אַ געוועזענער גלח, וואָס איז געוואָרן אַ לעניניסט, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאַסקוויל אויף די צען געבאָט און אויפן חומש, וואָס ער האָט געמאַכט צו בלאָטע. ער האָט דאָרטן געשריבן: „די צען געבאָט זיינען רעאַקציאָנער און אוממאָראַליש". רעגינע האָט דאָס פריער גע־האַלטן פאַר אַ הייליקע תורה. אָבער אַצינד, באַקענענדיק זיך אַליין מיטן חומש, מיט די צען געבאָט, האָט זי געזאָגט: „די צען געבאָט זיינען די העכסטע מאָראַלישע געזעצן, וואָס מיר יידן האָבן געגעבן דער מענטשהייט. אין תנ"ך איז דאָ די העכסטע מאָראַל. אַצינד פאַר־שטיי איך שוין, פאַר וואָס, ווען עס קומט אַ רעאַקציע אויף דער וועלט וויל מען אויסראָטן דאָס יידישע פאָלק — ווייל דאָס יידישע

פאָלק טראָגט אין זיך די מאָראַל פון זייערע נביאים און די מאָראַל פון די לעגענדעס, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן דורך טויזנטער יאָרן, וואָס פעלקער האָבן אויסגעהלומט צוזאַמען מיט די יידן, וואָס האָבן געלעבט צווישן זיי. ס׳איז אַ טיף מענטשלעכע מאָראַל״, — האָט זי געהאַלטן אין איין באַוואונדערן.

רעגינע האָט געהאָלפן צונויפזאַמלען ביכער און זי האָט געשאַפן אַ ביבליאָטעק אַרויסצובאָרגן ביכער צו לייענען. זי אַליין האָט אַ סך געלייענט און געשעפט יידיש וויסן. זי האָט דורכגעאַרבעט גאַנץ גרעצעס „געשיכטע פון יידישן פאָלק״. זי איז ממש נתפעל געוואָרן פון דעם ווערק. זי האָט זיך דאָס נישט געקענט שענקען ווי נאַריש און פאַרבלענדעט זי איז געווען, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט לערנען און וויסן פון איר אייגן פאָלק. זי האָט געמיינט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט שוין לייזן אַלע פראַגן און ממילא די יידן־פראַגע. און אַצינד האָט זי זיך געשטראָפט: „ווי אַזוי וואָלט איך געקענט העלפן מיין פאָלק, אַז איך האָב עס בכלל נישט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב נישט געקענט די נשמה פון מיין פאָלק, זיין פילאָזאָפיע, זיין מאָראַל, זיין טראַגיש־ספּעציפישע לאַגע?״ ערשט אין געטאָ איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין רעגינעס דענקען און פילן. זי האָט פריער געהאַלטן, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק נאָר גרופּן צווישן פעלקער, וואָס דאַרפן זיך אַסימילירן מיט דעם פאָלק ווו זיי לעבן. אַצינד האָט זי איינגעזען, אַז יידן זיינען אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור, וואָס האָט משפיע געווען די קולטורן פון אַנדערע פעלקער. אָבער זי האָט נאָך שטאַרק געגלויבט אין איר פּאַרטיי. ווען פישעלע האָט איר דערציילט וועגן שאַפן בלושטיינען אַרבעט אין „צענטראַל־שניידעריי־רעסאָרט״, האָט זי אַ פרעג געטאָן: „וואָס האָט דער בלושטיין געטאָן פאַר אונדזער באַוועגונג? און דער עיקר: איז ער אונזערס אַ מענטש?״

„דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. ווען איך דיסקוטיר מיט אים, זאָגט ער אַרויס אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען. דאָ מיין איך אַז ער איז מיינס אַ מענטש, אַז ער דענקט אַזוי ווי איך; און דאָ זע איך, אַז ער האָט עפּעס אַזאַ מאָדנע פילאָזאָפיע... עס איז שווער צו באַגרייפן צו וועמען ער געהערט.״

„אויב אַזוי, זאָל ער נאָך אַ ביסל צוווארטן. קודם כל מוזן מיר פאַרזאָרגן אונדזערע מענטשן — אידעאַליסטן. צווייטנס, וויל איך אַליין פריער רעדן מיט דעם בלושטיין. מיר דוכט זיך, אַז ער מוז זיין אַ נאָכשלעפּער נאָך דעם חבר זיידע.״

„יאָ, ביסט גערעכט!״

מיט דעם האָט זיך דער שמועס וועגן בלושטיינס בקשה וועגן

אַרבעט פֿאַרענדיקט, און זיי זײַנען איבערגעגאַנגען אין זייערע רייד צו עפּעס אַנדערש.

* * *

ווען בלושטיין האָט געפֿרעגט פּישעלען, וואָס ער האָט פֿאַר אים אויפֿגעטאָן ביי דער חברטע רעגינע, האָט ער אים געענטפֿערט: „יידער איז דערוויל נישטאָ קיין אַרבעט אין מאַגאַזין. מען דאַרף פֿריער רעדן מיט רומקאָווסקין. אַז עס וועט זיך שפּעטער מאַכן, וועט ער, בלושטיין, זיין דער ערשטער. בלויז דער „קייסער״ קען געבן אַרבעט. אָבער איך זאָג אייך צו אַז עס וועט זיך מאַכן אַרבעט. זאָרגט נישט, חבר בלושטיין,״ — האָט ער אים אַרומגענומען און געקלאַפּט איבער דער פּלייצע.

„שוין ווידער דער „קייסער״? אַלץ דער „קייסער״, — האָט אים בלושטיין טרויעריק געענטפֿערט.

„איך מיין, אַז די רוסן וועלן באַלד אַריינקומען, — האָט ער אים איבערגעגעבן מיט פֿרייד, — „אַזוי שמועסט מען פֿון איין עק געטאָ ביז דער צווייטער.״

„וועט דאָך דער „קייסער״ רומקאָווסקי מיט זיין „מלוכה״ גיין מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַריין!״ האָט זיך בלושטיין דערפֿרייט; און פּישעלע האָט אים ווילעריש אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע: „זיכער!״

די פּראָוואָקאַציע

יידן האָבן געהאַלטן אין איין רעדן: „די רוסן וועלן קומען! און עס וועלן איינגעשטעלט ווערן די גרענעצן פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה.״ ביז איינמאָל אַ פֿאַרנאַכט, ווען בלושטיין און זיין ווייב זײַנען געזעסן ביים טיש און געגעסן אַ ביסל זופּ פֿון גראָז, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ גערודער. זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער און געזען אַ געלויף, אַ געפּילדער, יידן קושן זיך, טאַנצן אונטער פֿון פֿרייד:

„די רוסן זײַנען דאָ!״

„די רוסן זײַנען דאָ!״

דער חבר זיידע איז אַרויס אינדרויסן מיטן ווייב. אַז זיי האָבן דערהערט די „גוטע״ בשורה, האָבן זיי זיך צעקושט. זיידע האָט אונטערגעטאַנצט: „מזל-טוב! די רוסן זײַנען דאָ! — האָט ער געשריגן מיט עקסטאַז און אויפֿגעהויבן זיינע קינדער און געקושט אין די בלייכע פּנימלעך — איר וועט שוין מער נישט הונגערן, חברימלעך!״

בלושטיין האָט אוועקגעוואָרפן דעם לעפל. געלאָזט שטיין די זופּ און אַרויסגעלאָפן, מיטציענדיק ס'ווייב. זיי זיינען מיטגעריסן געוואָרן, האָבן זיך אויך צעקושט און אונטערגעטאַנצט ווי קינדער: „די רוסן זיינען דאָ!"

שמואליק, דער הויז־וועכטער, איז אַרויסגעקומען אין די איינ־געקאַלכטע מלבושים, מיטן בעזים אין האַנט: זאָלן זיי זען אונדזערע חברים מיין יחוס, אַז איך בין אַ פּראָסטער סטרוזש אין משוגענעמס „מלוכה"!

די פּאָליציי און אַלע באַאַמטע האָבן אויסגעטאָן די היטלען און פון זיך אַראָפּגעריסן די בענדער, טייל האָבן געטראַכט פון אַ באַהעלטעניש. אַ סך יידן האָבן פון זיך אַראָפּגעריסן די געלע לאַטעס. קיינער האָט אָבער נישט געוווסט ווו די רוסן געפינען זיך געננוי: אין שטאָט, אָדער הינטער דער שטאָט. אַרויסגיין מקבל פּנים זיין מיט רויטע פענער האָט זיך קיינער נאָך נישט געטרויט. זיינען די חברטע רעגינע, מיט פישעלען און שמואליקן געפאַלן אויף אַן עצה: זיי האָבן שנעל אַראָפּגעצויגן די ציכלעך פון רויטן בעטגעוואַנט און זיינען אַרוים אין די גאַסן מיט רויטע קישנס. יידן האָבן זיי באַלד נאָכגעטאָן. דער חבר זיידע, בלושטיין און ווישליצקי האָבן אָנגעטאָן רויטע סוועטערס, די ווייבער האָבן אָנגעטאָן רויטע טיכלעך אויף די קעפּ און מיט רויטע קישנס אין די הענט זיינען זיי אַרוים אין גאַס. דאָס איז שוין געווען אין דער „שפּעטער שעה" (פון זעקסע פאַרנאַכט ביז אַכטע אין דער פרי איז יידן נישט דערלויבט געווען אַרויסצוגיין פון דער שטוב, ווו זיי זיינען איינגעמאָלדן געווען). און דאָ פון איין עק געטאָ ביז דער צווייטער זיינען די גאַסן פול מיט יידן: מיט רויטע קישנס, רויטע קאַפּטאַנס, רויטע קאַפּטיכלעך, רויטע סוועַ־טערס, מיט ביכער אין אַ רויטן איינבונד, און קינדער מיט שמחת תורה פענער, מיט גראַגערס. דער חבר זיידע האָט זיינע יאַטן, אויך מיט לייזיקע הענט נישט אַרויסגעלאָזט: איינעם האָט ער געגעבן די פּאַראָסטעטע טאַץ מיטן הילצערנעם קאָכלעפל, דעם צווייטן און דריטן — די בלעכענע טעלער מיט שטאָלענע לעפל. דער פערטער יאַט האָט ערגעץ דערטאַפּט אַ קינדער־טראָמפּייטערל. טייל האָבן זיך אַפילו באַוויזן נאָענט צו די דראָטן. די דייטשע סאָלדאַטן וואָס האָבן געהאַלטן וואַך ביי די דראָטן, האָבן אַריינגעקוקט פאַרגאַפט, האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז מיט די יידן געשען? יעדן טאָג אין דער צייט וואַגט קיינער נישט דעם קאָפּ אַרויסצווייזן. וואָס איז די שמחה? די געטאָ קאָכט, רוישט, מען לויפט מיט גדולה צו גוטע פריינד אָנזאָגן די „גוטע" בשורה. די הערצער זיינען איבער־פולט מיט עקסטאַז. עס הערן זיך שאָסן. האָבן יידן פאַרשטאַנען,

אַז די רוסן מאַרשירן אַריין אין שטאָט באַגריסן זיי מיט שיסן אין דער לופטן. און די פרייד איז נאָך גרעסער געוואָרן. פּלוצלינג האָבן זיך געהערט מאָומדיקע קרעכצן און געוואַלדן.

„די דייטשן שיסן!" — האָבן יידן אָנגעהויבן שרייען און אויף טויט דערשראָקענע געלאָפן זיך באַהאַלטן. און באַלד האָט אויף די גאַסן אין געטאָ געהערשט אַ טויטע שטילקייט. און אין די שטובן, בוידעמער, קעלערן, ווו יידן זיינען געלעגן באַהאַלטן האָט געשוועבט דער מלאך המות.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייִ אומגליק: די דייטשן האָבן טאָג־טעגלעך אַריינגעשאָסן אין געטאָ. אויף די גאַסן און אין די שטובן. און עס זיינען צוגעקומען נייע קרבנות צו די קרבנות פון הונגער און עפּידעמיעס. יידן האָבן געקלאָגט, געקרעכצט און זיך געשעמט איינער דעם צווייטן צו קוקן אין די אויגן אַריין.

די חברטע רעגינע האָט געזאָגט: „דאָס איז געווען אַ פּראָוואָ־קאַציע פון די דייטשן".

און יידן האָבן געטענהט: „ס'איז דען אַ וווּנדער? פון אַזעלכע צרות קען מען טאַקע פון זינען אַראָפּ! נאָר נישט געזאָרגט, די רוסן וועלן דאָ אַהער זיכער קומען!"

און בלושטיין האָט געזאָגט: „מיר זיינען אַזוי פאַרנאַרט און מיטגעריסן געוואָרן פונקט ווי די יידן אין שבתי־צבי־צייטן אין „שטן פון גאָריי"*). דער חבר שמואליק קומט מיר פאָר, ווי דער ייד מיט דער קוליע דאָרטן. און מיר זענען אַצינד דאָ אַזוי געבליבן אָפּגענאַרט ווי די יידן דאָרטן — אין „שטן פון גאָריי".

אַ קינד

נאָך ווייניק וואָס בלושטיין האָט נאָכן אַרומלויפן גאַנצע טעג אין געטאָ זוכן אַ טאָג אַרבעט און ניט געפונען, און די פאָר פעניק אויסצוקויפן די פאָרציע ברויט אויף דער קאַרט האָט ער ניט געהאַט און דאָ האָט מען געשמועסט, אַז די דייטשן גייען איינפירן פרישע גזרות רעות: אַרויסשיקן אויפן טויט עלטערע מענטשן און מאַמעס מיט קינדער — נאָך ווייניק געוועזן דאָס אַלץ, איז אים, בלושטיינען, מיט זיין ווייב שרהלען, צוגעקומען אַ נייע קאָפּ־פאַרדרייעניש: שרהלע איז שוואַנגער געוואָרן. זי האָט זיך עפּעס ניט גוט געפילט, איז זי געגאַנגען צו אַ מעדיצין־דאָקטאָר, האָט ער דאָס פעסטגעשטעלט; ער האָט זי איבערגעשיקט צו זיינס אַ חבר, אַ גינעקאָלאָג, און יענער

*) „אין שטן פון גאָריי" — נאָוועלע פון יצחק באַשעוויס.

האָט זי איבערגעשיקט צו אַ דאָקטאָרין, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער אַלע אַקושער־דאָקטוירים אין געטאָ. די דאָקטאָרין האָט באַשלאָסן צו מאַכן שרהלען אַן אַבאָרט ביי זיך אין שפּיטאָל, פּונקט ווי זי האָט שוין דאָ געהאָלפן הונדערטער פרויען.

אין געטאָ האָט זיך געפונען די שענסטע און גרעסטע געביידע פון לאָדזש, דאָס איז געווען די נייע קראַנקן־קאַסע, וואָס דער לאָדזשער סאָציאַליסטישער שטאָטראָט האָט אויפגעבויט. די דייטשן האָבן אַלצדינג אויסגערויבט פון דעם שפּיטאָל, זיי האָבן נאָר איבער־געלאָזט די ליידיקע ווענט.

ווען די יידן זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, האָט דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי, צונויפגערופן די דאָקטוירים און ער האָט מיט זיין ליטווישן אַקצענט געגעבן אַ באַפעל:

„איך וויל, אַז אין מיין געטאָ זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּיטאָל וואָס זאָל זיין אַ מושטער פאַר יעדן לאַנד! איך האָב די בעשטע און באַקוועמשטע געביידע פאַר אַזאַ ספּיטאָל!"

„ווי אַזוי? מיט וואָס? — האָבן די דאָקטוירים געפרעגט, — מיר האָבן ניט מיט וואָס און מיר קאָנען ניט שאַפן קיין שפּיטאָל".

„דאָס גייט מיך ניט אָנעט, — האָט דער אַלטער געענטפערט — ביי מיר אַזש מען קען ניט אַריבער מוזש מען אַריבער! איך שטעל אייך צום דינסט אַלע מיינע אַמטן און מיין פּאָליציי. איך גיב אייך צייט צוויי וואָכן, ביז דעמאָלט מוזש אין מיין געטאָ זיין אַ ספּיטאָל! טויזנטער און טויזנטער מיינע יידן זיינען קראַנק! מיין מלוכה מוזש ווערן אַ מושטער פאַר אַלע מלוכות!"

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „געזונטהייטס־אַמט. אין שפּיץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן רומקאָווסקים ברודער, יוזעף, שפּעטער איז ער געוואָרן „געזונטהייטס־מיניסטער" אין געטאָ, און זיין געהילף איז געווען שולמאַן, רומקאָווסקים אַ פּאַרטיי־חבר, ער איז געווען אַ האַרציקער מענטש, מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, ער האָט גע־שאַפן עטלעכע שפּיטעלער, אויך דאָס שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. די שפּיטעלער זיינען באַלד איבערגעפּאַקט געוואָרן, פון די עפּידעמיעס — צוליב דעם שוידערלעכן הונגער; עס איז געשאַפן געוואָרן בעט־געוואַנט און איבערציג.

שולמאַן איז געווען פאַרוואַלטער איבערן שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער וועסאָלע גאַס, ביים אַלטן בית־עולם, ווי פאַר דער מלחמה, און יידן האָבן ווייטער גענוצט דאָס ווערטל אויב עמעץ האָט געטאָן, אָדער געזאָגט אַ נאַרישקייט: „מען דאַרף אים שיקן אויף דער וועסאָלע..." אויף די דאָזיקע גייסטיק־קראַנקע האָבן די דייטשן אויסגעפּרובירט די גיפטיקע גאַזן.

שולמאַן האָט זיך צום האַרצן גענומען די יידישע צרות און איז געשטאָרבן. ער האָט געהאַט די בכבודיקסטע לויה אין דער געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ.

די דאָקטוירים האָבן געבערענגט זייערע אַרבעטס־כּלים. עס זיינען אויך געקויפט געוואָרן ביי די דייטשן אַרבעטס־כּלים פאַר העכסטע פרייזן — פאַר גאָלד, פאַר ברילִיאַנטן, פאַר אויסלענדישער וואַלוטע. ביסלעכוויז, ביסלעכוויז האָבן די שפּיטעלער זיך געקאָנט פאַרגלייכן צו די בעסטע שפּיטעלער. אָבער די דייטשן האָבן דאָס פון צייט צו צייט אויסגערויבט און יידן זיינען געצוואונגען געווען ביי זיי צוריקצוקויפן פאַר אוצרות.

די ערשטע צייט זיינען דאָקטוירים געצוואונגען געווען דורכצופירן אָפּעראַציעס מיט פּשוטע קיך־מעסערס.

רומקאָווסקי האָט צוגעטיילט אַ ביסל מער שפּייז פאַר די קראַנקע אין די שפּיטעלער. יעדער קראַנקער האָט געמוזט מיטברענגען זיינע לעבנסמיטלקאַרטן.

רומקאָווסקי האָט אויך צוגעטיילט די דאָקטוירים אַ ספּעציעלן דאָקטאָר־טאַלאָן (אויסער דעם נאָרמאַלן צוטייל), וואָס איז באַשטאַנען פון ספּעציעלע שפּייז: פּוטער, צוקער, פלייש, שווייצער־קעז און נאָך גוטע נאַרהאַפטיקע זאַכן. שפּעטער האָט דער „קייסער" געעפנט אַ פּענסיאָנאַט פאַר די דאָקטוירים אויף מאַרישין (אַ פאָרשטאָט אין געטאָ), וווּ יעדער דאָקטאָר איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן אויף אָפּרו. איין און איינציקער דאָקטאָר מילער, האָט געקעמפט מיט רומקאָווסקין. ער האָט ניט געוואָלט געניסן פון די פּריווילעגיעס. ער האָט געזאָגט: „די עפּידעמיעס קאָן מען נאָר באַקעמפן מיט שפּייז; זאָל רומקאָווסקי איינטיילן די שפּייז גלייך אויף גלייך, ער זאָל אָפּשאַפן די טאַלאָנען. עס דאַרפן ניט זיין אין געטאָ אַ קליינע גרופּע אויסדערוויילטע און די רעשט פּאַריער".

אים, ד"ר מילערן, האָט דער „קייסער" יאָ געלאָזט ריידן, ווייל ער האָט זיך אין אים גענייטיקט און ער איז געבליבן ביים ריידן. אָבער די שפּיטעלער האָבן געאַרבעט.

שרהלען איז ניט אַזוי לייכט געווען אָנצוקומען אין שפּיטאָל אַריין. עס האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגן ביז זי איז געווען אין זעקסטן חודש און עס איז שוין צו שפּעט געווען צו מאַכן אַן אַבאָרט. שרהלע האָט געהאַלטן אין איין גיין צו דער דאָקטאָרין. זי האָט פאַר איר געוויינט. די דאָקטאָרין איז געווען פאַרדרייט און פאַרטאָן אין איר אַרבעט. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף שרהלען, באַטראַכט איר יונג, באַחנט, פאַרצוקט, טרויעריק פּנים, אירע שוואַרצע לייכטנדיקע אויגן. עס האָט זי אָנגענומען אויף איר אַ רחמנות. עס האָט

פאַר איר אויפגעטויכט די טרויעריק-שוידערלעכע בשורה, וואָס די דייטשן טוען מיט די יידישע מאַמעס און קינדער — אומברענגען. די דאָקטאָרין האָט איר געהייסן קומען מאָרגן אָוונט צו איר אַהיים און זי וועט איר העלפן.

בלושטיין און שרהלע זיינען די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. צומאָרגנס האָט זיך שרהלע פאַרשאַפט עפּעס אָפּצוקאָכן. זיי האָבן געגעסן די וואַסערדיקע זופּ מיט אַפּעטיט, אָבער מיט טרויעריקע געדאַנקען.

אין אָוונט האָט בלושטיין שרהלען אַוועקגעפירט צו דער דאָק־טאָרין. די דאָקטאָרין האָט אים געהייסן קומען אין צוויי שעה אַרום. דורך דער צייט האָט בלושטיין אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, נאָר געטראַכט וועגן שרהלען. איין טרויעריקער געדאַנק האָט איבערגעיאָגט דעם צווייטן; ער האָט ניט איינמאָל געהערט וועגן טויטפאַלן פון אַבאָרטן, וועגן טויט-פאַלן פון קאַליע מאַכן זיך. עס האָט אים שוין אינגאַנצן באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער איז אויף דעם איינגעגאַנגען. עס האָט אים געפייניקט די פראַגע: ווער ווייסט צי מיין שרהלע וועט בלייבן לעבן?

ענדלעך צו דער באַשטימטער צייט האָט ער שרהלען אָפּגענומען אַ שמייכלענדיקע. זי האָט אים דערציילט: „אַזוי ווי אין זעקסטן חודש איז שוין צו שפּעט צו מאַכן אַן אַבאָרט, האָט איר די דאָק־טאָרין געמאַכט אַ קליינע אָפּעראַציע, און דאָס וועט אַרויסרופן אַ קינסטלעך געבורט. די נאַכט וועט זי איבערשלאָפן אינדערהיים און מאָרגן אינדערפרי וועט זי מיט דער „סקיעראָוואַניע", וואָס די דאָקטאָרין האָט איר געגעבן אַריינגיין אין שפּיטאָל. נאָך דער דאָזי־קער קליינער אָפּעראַציע, וואָס זי האָט אַצינד געהאַט, וועט זי מאָרגן געלעגן ווערן.

— „גלייב מיר, שמחה, אַז דאָס האַרץ רייסט מיר צו טויטן אַ נפשל, מיין אייגן בלוט און פלייש. דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב ליב קינדער. אַ קינד צו האָבן איז געווען מיין טרוים. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס איז אַזאַ פינצטערער גזר אויף יידישע קינדער און מאַמעס?... און דער הונגער?..."

„אַזוי איז עס, שרהלע. אין אַ צייט פון נאַציזם און פאַשיזם, אין אַ צייט, ווען אַ ייד טאָר בכלל ניט געבוירן ווערן. צו זיין אַ ייד — איז אַ פאַרברעכן!"

„דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט דיך חלילה צו מיר נישט צורירן, ווייל עס קאָן חלילה געשען ס'ערגסטע..."

בלושטיין האָט זיך אָביסעלע פאַרשעמט.

ביידע זיינען די נאַכט ניט געשלאָפֿן.

צומאָרגנס אינדערפֿרי זיינען זיי געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין. דאָרטן האָבן זיי געטראָפֿן אַ לאַנגע ריי. ווען שרהלע איז צוגעקומען צום פֿענצטערל און דער פּאָליציאַנט וואָס האָט געהאַלטן אָרדענונג האָט געזען איר שריפֿט, האָט ער זי געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס זייט איר געשטאַנען אין דער ריי? אין אַזאַ פֿאַל גייט מען גלייך אַרויף אין שפּיטאָל אַריין."

ער האָט איר אָנגעוויזן, ווו זי זאָל אַרויפֿגיין, אין וועלכער אָפּטיילונג, און ער אַליין האָט שוין דערלעדיקט אַלע פֿאָרמאַליטעטן. בלושטיין האָט זי אַרויפֿגעפֿירט. ווען מען האָט שרהלען אַריינגעפֿירט אין דער וואַנע האָט מען בלושטיינען געגעבן דאָס גאַנצע אָנטועכץ וואָס זי האָט אויסגעטאָן. מען האָט אים געהייסן אַהיימגיין און ער זאָל אין דריי טעג אַרום קומען מיטן אָנטועכץ. ווען בלושטיין האָט גענומען דאָס פּעקל, האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ: „ווער ווייסט צי זי וועט נאָך אַמאָל אָנטאָן די קליידער?" — האָט ער געטראַכט. ער האָט ניט געוואַגט אַוועקגיין, אָבער ער האָט געמוזט אַהיימגיין. אויפֿן וועג האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער טראָגט אַהיים די קליידער פֿון אַ מת. אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָר געקלערט וועגן שרהלען. ער האָט מיט באַדויערונג געקוקט אויף די קליידער. ביינאַכט האָט ער געטראַכט: „איך ליג דאָ אין אַ בעט, ווער ווייסט צי מיין שרהלע לעבט נאָך?"

צומאָרגנס, ווען ער איז אַרויס אין גאַס אַריין זוכן אַ טאָג אַרבעט, האָט ער נאָר געזען שרהלען. דער קאָפּ איז אים גאָרנישט געשטאַנען צו זוכן אַרבעט. נאָך אַ גאַנצן טאָג הונגערן האָט ער פֿאַרנאַכט אַרויסבאַקומען אויף דער קאַרט די פּאָרציע ברויט. ער האָט אויפֿגעגעסן און איז אַריינגעגאַנגען אַ ביסל שמועסן מיט דער שכנטע, זיידעס ווייב.

זיי האָבן גערעדט וועגן שרהלען, וועגן הונגער און קעלט און וועגן די צענדליקער טאָג־טעגלעכע לוויות. צום סוף האָט זי אים געטרייסט, און ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטוב. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל און האָט פֿריער גוט פֿאַרהאַנגען דאָס פֿענצטערל, עס זאָל חלילה ניט אַרויסשלאָגן קיין פֿאַסיקל ליכט צוליב לופֿטשוץ; ער האָט זיך געלייגט אין בעט, גענומען אַ בוך און געלייענט. דאָס איז געווען „זשאַן קריסטאָף" פֿון ראָמען ראָלאַן. ער האָט ניט געוואָלט אַ סך לייענען, ווייל ער האָט געוואָלט באַלד איינשלאָפֿן, אָבער ער האָט ניט געקאָנט. שרהלע איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן: דאָ האָט ער זי געזען אַ ליידנדיקע, ווי זי וואַרפֿט זיך און שרייט פֿון יסורים. דאָ האָט ער זי געזען שוין אַ ניט־לעבעדיקע. ער האָט ניט געקאָנט

ניט לייענען און ניט שלאָפֿן. ער איז אַראָפּ פֿון בעט, אויסגעזוכט שלום עליכמס „טביה דער מילכיקער", ער איז צוריק אַרונטער אונטערן איבערבעט, גענומען לייענען און געהאַט גרויס הנאה, ער האָט געפֿילט אַ טעם פֿון די מעשׂיות, אַ טעם פֿון לשון, ער האָט מיטגעלעבט מיט יעדן בילד, מיט טביה'ס יעדן זשעסט, יעדער תּנועה, מיט יעדן ווערטל, ער האָט געלאַכט אינדערשטיל, טיילמאָל האָט דאָס לאַכן פֿון אים אַרויסגעפּלאַצט אויפֿן הויכן קול. בלושטיין האָט שוין דאָס ווערק געלייענט אפֿשר צום צענטן מאָל און שטענדיק איז עס פֿאַר אים געווען פֿריש.

פֿאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפֿן מיטן בוך אין די הענט. עס האָט זיך אים געחלומט: שוואַרצע עגלות, לוויות, גלחים אין שוואַרצע לאַנגע רעק. דערנאָך האָט ער געזען ווי איין גלח אין אַ ווייסן לאַנגן קיטל האַלט אַ געבעט־ביכעלע אין האַנט. גייט אַזן זינגט, אַ יינגל גייט הינטער אים און טראָגט אַ צלם. הינטער זיי ציט זיך אַ לוויה. ער האָט געזען אַ בית־עולם מיט מצבֿות. דערנאָך האָט ער געזען מאַסן מענטשן, ווי אויף אַן ערשטע מײַ־דעמאָנסטראַציע. פּאָליציי אויף פֿערד האָט געטריבן, אַלע זײַנען געלאָפֿן, ער אויך. ער איז געלאָפֿן און געלאָפֿן און אָט האָט אים אַ פּאָליציאַנט אויף אַ פֿערד דעריאָגט און אים דערלאַנגט מיט דער שווערד איבערן קאָפּ. ער שרײַט פֿון יסורים, ער רײַסט זיך אַרויס פֿונעם פּאָליציאַנט, ער פֿאַלט אויף דער ערד מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ באַגאָסן מיט בלוט, און ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט שרעק.

אַז בלושטיין האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען, אַז ער געפֿינט זיך אין בעט און אינדרויסן איז שוין טאָג, אָבער די מורא האָט נאָך אַלץ געהערשט איבער אים.

ווען בלושטיין האָט זיך אַ ביסל באַהערשט, האָט ער זיך גענומען פּותר חלום זײַן: „ניין, דאָס איז ניט קיין גוטער חלום; דאָס איז אַ שלעכטער סימן! איך דאַרף מאָרגן גיין נאָך שרהלען. ווער ווייסט?..." ער האָט ניט געוואָלט ווײַטער טראַכטן וועגן דעם אָבער ער האָט זי געזען אַ טויטע. צומאָרגנס ווען ער האָט גענומען אירע מלבושים האָט אים דאָס האַרץ געקלאַפּט און די הענט געציטערט. ער איז אַרויסגעגאַנגען מיטן פּעקל און פּונקט איז אים אַנטקעגן געפֿלויגן אַ טשאַטע שוואַרצע וואָראָנעס: „אוי, אַ שלעכטער סימן! ווער ווייסט?..." אין יעדער זאַך האָט ער געזען אַ שלעכטן סימן. ענדלעך איז ער אָנגעקומען צום שפּיטאָל. ער איז אַרויפֿגעשפּרונגען דורך די ברייט־מאַרמאָרנע טרעפּן און מאַרמאָרנע ווענט.' ער האָט געפֿילט קאַרבאָל, יאָדאָפֿאָרם און אַלקאָהאָל. עס האָט אים אַזש אָנגעהויבן צו שנײַדן אין בויך אויס מורא פֿאַר אַ שלעכטער בשׂורה.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער פרויען-אָפּטיילונג, האָט ער געפילט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ. אָבער דאָ איז אים שרהלע אַקעגנגעקומען אַ שמייכלענדיקע, אַן אויסגערוטע, אין אַ לאַנגן שפּיטאָל־ראָק. זי איז אויף אים אַרויפגעפאַלן און זיי האָבן זיך צעקושט מיט אַ לאַנגן קוש.

שרהלע האָט געהאַלטן ביים ענדיקן מיטאָג. זי האָט באַקומען אַ טעלערל קאַרטאָפל און אַ טעלערל מייערן מיט מאַרגאַרין. די מייערן האָט זי אַצינד גיך, גיך אַריינגעשאַרט מיטן גאָפּל אין מויל אַריין. שרהלע האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און געאָרעמטע זיינען זיי אַהיים־געגאַנגען אַזוי ווי אַמאָל אין האָניק־חודש.

שרהלע האָט אים אַלצדינג דערציילט, וואָס זי האָט דורכגע־לעבט די דריי טעג. ווי די דאָקטוירים האָבן זי געפּאָרשט, געהאַלטן אין איין פרעגן, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט און ווי זי האָט געהאַלטן אין איין ענטפערן: „כ'ווייס ניט".

זי האָט באַוווּנדערט די אָרדענונג אין שפּיטאָל און די פיינע באַהאַנדלונג פון די דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס און ווי אַלע ציטערן פאַר רומקאָווסקי אימת מוות. ניט ווי ניט ווען פאַלט ער אַריין אויף אַן אינספּעקציע זען צי אַלץ „קלאַפּט" און ווי אין שפּיטאָל־קיך אַרבעט איינע פון די בעסטע קעכינס.

זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט באַלד דעם ערשטן טאָג באַקומען די וויען, ווי אַזוי מען האָט זי אַריינגעפירט אין געבורטס־זאַל און ווי אַזוי זי איז טאַקע אויפגעבונדן געוואָרן.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטוב האָט זיך בלושטיין ניט געקאָנט אויף איר זאַט אָנקוקן: „שרהלע, ביסט דאָך געוואָרן יינגער, שענער", — האָט ער זי געהאַלטן אין איין באַוווּנדערן.

„אַ דאַנק דער דאָקטאָרין, הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל זי לעבן! זי האָט מיך אויפגעבונדן; אַצינד פיל איך מיך פרייער, זיכערער: כ'וועל... נישט... מוזן אָוועקגעבן די דייטשן אַ לעבעדיק קינד צום טויטן, מיין אייגן בלוט און פלייש; און אפשר אַן אַ קינד וועלן מיר גיכער קאָנען איבערלעבן די מלחמה..."

בלושטיין האָט זי אַרומגענומען. ער האָט איר אַ קוש געגעבן אין שטערן און געזאָגט: „אַז מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה, וועלן מיר האָבן מיט גאָטס הילף ניט נאָר איין קינד, נאָר אַ סך קינדער צו להכעיס די שונאים".

„זיכער, זיכער, שמחה," — האָט זי אים געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי אַ שעמעוודיק מיידל.

אַ פערד-ביין

יעדן פאַרטאָג איז בלושטיין ווייטער געגאַנגען מיט אַ טאָפּ און אַ טאָרבע אויפגעהאַנגען איבערן האַלדז, און מיט אַ לעפל אין דער טאַש, צום „צענטראַל-שניידער-רעסאָרט" און אָפּגעוואַרט מיט נאָך אַנדערע די לאַסט-אויטאָמאָבילן, אַרויפצולאָדן אָדער אַראָפּצולאָדן סחורה. אַז ער האָט געאַרבעט אַ האַלבן טאָג, האָט ער דאָך שוין אַ רעכט געהאַט צו באַקומען אַ טאַלאָן אויף אַ זופּ.

אַזוי ווי דער קראַוואָניק, זבאַר, איז געווען אַ גוטהאַרציקער, האָט ער אויך איינמאָל די שוואַרץ-אַרבעטער צוגעטיילט טאַלאָנען אויף זעקס הונדערט גראַם פערד-פלייש. דאָס איז דעמאָלט געווען דער צוויי וואָכיקער פלייש-צעטייל פאַר די אַרבעטנדיקע אין די רעסאָרטן: שניידערס, שוסטערס, עלעקטראָטעכניקער, טישלער און אַנדערע. דאָס פלייש איז געווען פון אַלטע חולהוואַטע פערד, וואָס האָבן שוין צו גאָרנישט געטויגט.

דאָס פלייש האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אָפּקאָכן. עס איז געוואָרן האַרט, ווי אַ פּאָדעשוועָ. דער גרעסטער טייל יידן האָט געעקלט צו עסן דאָס דאָזיקע פלייש. כאָטש דער ראַבינאַט האָט אַרויסגעגעבן אַ הכשר: ווער עס וויל מעג עסן נישט קיין כשר פלייש — עס איז פיקוח נפש. און ביי דעם שרעקלעכן הונגער, וואָס האָט געברענגט טאָג טעגלעך איבער הונדערטער מתים, האָט מען זיך געמוזט צוגעוווינען צום פערד-פלייש. מען איז אָפּגעשטאַנען אין די רייען צו האַלבע נעכט און גאַנצע טעג ביז מען האָט זיך דערשלאָגן צו דעם „אוצר".

עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אין געטאָ לגמרי נישט נהנה געווען פון קיין פלייש.

ווען בלושטיין איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער באַמערקט, אַז זיינע מיטאַרבעטער סודלען זיך און ער איז געוויר געוואָרן, אַז בערעק דער מאַגאַזינער, אונטער וועמען ער אַרבעט, האָט היינט באַקומען פון זבאַרן פלייש-טאַלאָנען פאַר דער גאַנצער גרופּע שוואַרץ-אַרבעטער. אַלע האָט ער אויסגעטיילט אויסער אים. האָט זיך בלושטיין באַלד אָריענטירט, אַז זיין פלייש-טאַלאָן האָט בערעק אַליין „אַראָפּגעשלונגען". בלושטיין האָט בערעקן געבעטן ער זאָל אים אָפּגעבן זיין טאַלאָן. אָבער בערעק האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן נאָר איינצושלינגען, און ער האָט אים געסטראַשעט: אויב ער וועט נישט האַלטן ס'מויל, וועט ער עס אים צומאַכן און מער וועט זיין פוס דעם מאַגאַזין נישט איבערטרעטן. בלושטיין האָט זיך אַצינד פון אים נישט געלאָזט איינשטילן, ווי

דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט דאָ אָנגעהויבן ארבעטן האָט אַן ארבעטער באַקומען אויסצוטיילן די טאַלאָנען אויף אַ זופּ מיט אַ שטיקל ברויט פאַר די אַרבעטער, האָט יענער בלושטיינס טאַלאָן פאַר זיך צוגענומען. ער האָט נאָך געמוזט צוקוקן ווי יענער עסט צוויי זופּן מיט צוויי שטיקלעך ברויט און ער, בלושטיין, האָט אַ גאַנצן טאָג געמוזט אַרבעטן אויפן ניכטערן מאָגן. דעמאָלט האָט בלושטיין אין זיך געוויינט: „פאַרוואָס אַן אַרבעטער, וואָס געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע ווי ער זאָל קענען אַזוינס טאָן.“

אַזוי ווי עס האָט אַצינד נישט געהאָלפן נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן האָט ער באַשלאָסן אַריינצוגיין צו זבאַרן. אויסנוצן די געלעגנהייט צו עסן אַ שטיקל פלייש, וואָס ער האָט שוין נישט טועם געווען זינט אַ שטיק צייט פריער נאָך, איידער די געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן. ניין, ער וויל ווייזן, אַז ער איז אויך אַ מענטש. ער וועט זיך נישט לאָזן באַגזלענען; דאָס שטיקל פלייש קען אים געבן כוח אויסצוהאַלטן די מלחמה.

בלושטיין איז אַריינגעגאַנגען צו זבאַרן אין ביוראָ און אים געבעטן אַ פלייש־טאַלאָן, ער האָט בערעקן נישט געוואָלט „פאַרשיטן“. זבאַר האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט שוין געגעבן בערעקן דעם טאַלאָן פאַר אים. דאָ האָט בלושטיין נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה, ווי דערציילן דעם גאַנצן אמת. זבאַר האָט זיך געמאַכט ווי ער הערט נישט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרפירן קיין אויס־פאָרשונג, וואָס האָט נישט געקענט קיין גוטס ברענגען. האָט ער זיך גאָרנישט געמאַכט וויסן און בלושטיינען דערלאַנגט אַ פלייש־טאַלאָן. בלושטיין האָט דאָס גרינע צעטעלע מיט פרייד עטלעכע מאָל איבער־געלייענט. דערנאָך האָט ער עס באַהאַלטן אין קעשענע, ווי אַ טייערן אוצר.

פאַרנאַכט איז בלושטיין, אונטערשפּרינגענדיק פון פרייד, אַריין צום קאַסירער נאָך דעם לוין פאַרן טאָג אַרבעט. דער קאַסירער האָט אים ווי יעדן מאָל, געפרעגט ווי ער הייסט און ווו ער וווינט? בלו־שטיין האָט אים געגעבן אַ פאַלשן נאָמען און אַ פאַלשן אַדרעס. ער האָט זיך דאָס גוט געהאַט איינגעחזרט, ווייל יעדעס מאָל האָט ער צו טאָן מיט דעם זעלבן קאַסירער.

אויף דעם אופן האָט בלושטיין נישט פאַרלוירן די נעבעכדיקע שטיצע. די ניין מאַרק אַ חודש. ער האָט באַקומען צוויי מאַרק מיט צוואַנציק פעניק (געטאָ געלט) פאַר דעם טאָג אַרבעט.

אַהיימגייענדיק האָט ער אָנגעטראָטן אין דער יאַטקע. עס איז פונקט געהאַט אַריינגעקומען פערד־פלייש. עס איז נאָך נישט גע־שטאַנען קיין ריי. בלושטיין האָט אָוועקגעגעבן דעם טאַלאָן מיט

אין מארק און ער האָט באַקומען אַ שטיקל פערד־פלייש מיט אַ מאַרך־ביין.

שרהלע איז געווען אין זיבעטן הימל. זי האָט „כשר געמאַכט": אויסגעווייקט, אויסגעזאַלצן און אָפּגעגאָסן — לויטן יידישן דין; אין שטוב האָט זיך געפילט ערב יום־טוב, ווי פאַר אַ גוטער סעודה.

שרהלע האָט פאַר צען פעניק צעמאָלן דאָס פלייש אין אַ מילכל, ביי אַ יידענע וואָס האָט פון דעם מילכל געצויגן עטלעכע מאַרק אַ וואָך. דאָס מילכל האָט יעדער קונד געמוזט אַליין דרייען, ווייל די יידענע איז פון הונגער נישט בכוח געווען דאָס צו טאָן.

שרהלע האָט אַריינגעריבן אויפן ריבאייזן אַ קאַרטאָפל. זי האָט אויך אַריינגעטאָן אַ שטיקל ברויט און אַ לעפל גרויפּן, ס'זאָל זיין אַ סך „פלייש"; זי האָט אַריינגעשיט אַ סך זאַלץ און פאַבריקע־ערזאַץ, ס'זאָל זיין האַרציק; די עטלעכע קאַרטאָפל, וואָס זי האָט אָפּגענומען אויף דער „ראַציע" האָט זי אַריינגעלייגט אין בעט צוקאָפּנס אונטערן קישן, זיי זאָלן נישט געפרוירן ווערן. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן — זיי זיינען פאַרט געפרוירן געוואָרן.

זעקס קאַרטאָפל האָט זי געבערענגט אויף דער ראַציע. דאָס האָט דער „קייסער" רומקאָווסקי צוגעטיילט אויף פופצן טעג. אָבער עס זיינען אַדורך גאַנצע חדשים און ס'זיינען נישט צוגעטיילט געוואָרן קיין קאַרטאָפל.

יעדעס מאָל ווען שרהלע גייט קאָכן אַ זופּ, נעמט זי אַרויס די קאַרטאָפל פון אונטערן קישן און זי זעט ווי זיי זיינען אַלץ מער געפרוירענער. זי וועגט אין איר האַנט יעדע קאַרטאָפל באַזונדער: די קלענסטע, די גרינגסטע, פריער אויפצועסן. אָבער אויף היינט האָט זי אויסגעקליבן די גרעסטע און שווערסטע קאַרטאָפל. „וואָס עס זאָל נישט זיין — היינט האָט זי אַ פּאַרציע פערד־פלייש מיט אַ מאַרך־ביין. ווייל זי איינמאָל אַ יום־טוב האָבן!" האָט זי באַשלאָסן.

האַלץ האָט זי געהאַט פון אַ ברעט, וואָס בלושטיין האָט אַראָפּגעריסן פון בוידעם. היינט האָט ער עס געמאַכט גאַנץ שטיל, די שכנים האָבן נישט געהערט, אויב נישט — מוז ער זיך מיט זיי טיילן; און איינשטעלן זיין לעבן פאַר יענעם וויל ער נישט. פאַר נעמען אַ שטיקל האָלץ אַרעסטירט דעם „קייסערס" פּאָליציי. דער „קייסער" זאָגט: „אין מיין געטאָ גיבט ניט קיין פּריוואַט אייגנטום! אַלץ איז מיין!" נישט איינמאָל העלפט זיך בלושטיין מיט דעם שטיקל האָלץ. האָלץ איז אַזוי טייער פּונקט ווי ברויט. ווען פּאָליציי מאַכט רעוויזיעס און געפינט האָלץ — ווערט עס קאָנפיסקירט, ווי ווערטפולע זאַכן. און בלושטיין האָט זיך טאַקע געוויצלט: „ווו איז

דאָס געהערט געוואָרן, אַז ביי יידן זאָל פערד־פלייש זיין כשר און האַלץ טריף ? !"

שרהלע האָט אָפּגעקאָכט אַ קאַרטאָפל־זופּ פון דעם פערד־מאַרך־ביין און פון פלייש האָט זי געמאַכט קאָטלעטן.

בלושטיין איז ספּעציעל אַהיימגעקומען אויף מיטיק. שרהלע האָט אויך אָפּגעשפּאָרט אַ שטיקעלע ברויט.

הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר, כדי עס זאָל ביי די שכנים נישט אַרויסרופן קיין יסורים און קנאה־שנאה, האָבן זיי גענומען פּראַווען די „יום־טוב־סעודה".

שרהלע האָט געוואָלט איינטיילן די זופּ אויף צוויי טעג און ס'פלייש אויף עטלעכע מאָל. אָבער ווען זיי האָבן אָנגעהויבן עסן, האָבן זיי זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן ; זיי האָבן אויסגעלעקט די שיסלען און דעם טאָפּ מיט דער צונג. זיי האָבן אויך אויסגענאָגט דעם פערד־ביין. ביים פלייש האָבן זיי ערשט באַקומען דעם ריכטיקן אַפּעטיט, זיי האָבן גאַרנישט געקייעט. עס האָט זיך אַליין אַראָפּגע־שלונגען.

„שוין, מיין דאגה, לאָמיר כאַטש איין מאָל עסן צו דער זעט, — האָט שרהלע געזאָגט — וואָס וואָלטן מיר געטאָן ווען מען באַקומט נישט דעם טאַלאָן ? וואָלטן מיר דאָך אויך נישט געהאַט אויף מאָרגן קיין פלייש. לאָמיר כאַטש איינמאָל דאָס האַרץ גוט אונטערלענען, וועט עס האָבן כוח צו הונגערן."

בלושטיין האָט צוגעשמייכלט : „אַוודאי אַזוי. נישט געזאָרגט, ס'וועט גוט זיין ! לאָמיר עסן !"

זיי האָבן אַלצדינג אויפגעגעסן. בלושטיין האָט געשוווירן אַז ער האָט נאָך ביי זיין לעבן אַזאַ גוטע זופּ און אַזאַ גוט פלייש נישט געגעסן. ער האָט געהאַלטן אין איין לויבן שרהלען פאַר איר גוט קאָכן. שרהלע האָט זיך געטראַכט : אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זיי ביידע אַזאַ עסן נישט געקענט אין מויל נעמען.

בלושטיין האָט זיך דערוואָרעמט. אַוועקגייענדיק האָט ער זיך מיט שרהלען צעקושט. ער האָט געהאַט אַן איבערגעפּאַקטן מאָגן און אַן אויפגעבלאָזענעם בויך. עס האָט אים געברענט אויפן האַרץ. איז ער אַזוי געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטאַרטשטן בויך, מיט לאַנג־זאַמע טריט צוריק צו דער אַרבעט און געטראַכט : „ווו כאַפּט ער דאָ ערגעץ אַביסעלע טיי־זאָדע, צו לעשן דאָס ברענונג און זויערקייט, וואָס עס שלאָגט אים קאַפּויער פון מאָגן."

אויפן וועג אונטער אַ פּלויט האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם ביין, וואָס שרהלע האָט אים מיטגעגעבן איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר אַוועק־

צוואַרפן. זאָלן שכנים נישט דערקענען קיין שום סימן, אַז אין דעם הויז איז געווען פלייש.

בלושטיין האָט זיך אָצינד ביי דער אַרבעט צוגעגעבן **קוראַזש.** אַז מען עסט פלייש דאַרף מען קענען טראָגן שווערע משאות, — האָט ער צו זיך געזאָגט. אָבער באַלד האָט ער דערפילט, אַז מיט דעם איבערגעפולטן מאָגן גייט עס נאָך שווערער.

נאָך דעם שלעפּן עטלעכע שווערע שטיקער סחורה איז ער אָפּגעשטאַנען. ער האָט זיך געמוטשט אויסציען אויף דער פּאָדלאָגע אין אַ ווינקל פון מאַגאַזין. ער האָט זיך אָצינד אָנגעקוקט אין שפּיגעלע, וואָס ער האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן (נאָר ער האָט זיך שוין לאַנג נישט אָפּגעשפּיגלט) און געזען, אַז פון זיין פּנים איז געבליבן אַ העלפט. האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס ביסל זופּ דעקט נישט די כוחות וואָס ער גיט דאָ אַוועק ביי די שווערע פּעק. ווען עס מאַכט זיך אַביסל אַרבעט מוז מען יאָגן ווי אַ מאַשין. ער האָט דאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי שווער נישט געאַרבעט. מיט דער דאָזיקער אַרבעט גיט ער זיך אַליין איבער דעם מלאך־המות אין די הענט אַריין".

בלושטיין האָט איינגעזען, אַז עס וואָלט פאַר אים בעסער געווען ווען ער זאָל אַנטלויפן פון דער אַרבעט. „אָבער וואָס טוט מען מיטן הונגער?" האָט ער זיך געפרעגט.

צומאָרגנס האָט בערעק דער מאַגאַזינער בלושטיינען נים צו־געלאָזט צו דער אַרבעט. בלושטיין האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס. בערעקן מוז יעדער אַרבעטער אונטערטראָגן אַ מתנה דעם פלייש־טאָלאָן אָדער עפּעס אַ ווערט־זאַך.

בלושטיינען האָט דאָס שטאַרק וויי געטאָן. „אָבער — האָט ער זיך געטראַכט — גם זו לטובה. די זעלבע מעשה וואָס מיטן פּאָלי־ציאַנט, וואָס האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער רעגיסטראַציע צו פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד." און ער האָט זיך מיט דעם טאָפּ און דער טאָרבע איבערן האַלדז און מיטן לעפל אין דער קע־שענע — אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין זוכן בעסערע גליקן.

די דעמאָנסטראַציע

דער ווינטער איז געווען אַ שטאַרקער: גרויסע פרעסט, הויכער שניי מיט זאַוויערוכעס. עס איז נישט געווען מיט וואָס איינצוהייצן; האָט דער חבר זיידע אָרגאַניזירט די מאַסע אין געטאָ, און ווי היי־שעריקן זיינען זיי באַפאַלן פּלויטן, שאַפעס, נישט באַוווינטע היל־צערנע הייזער. מיטן אויגנבליק האָבן זיי צעריסן און צעטראָגן דאָס האָלץ. די מאַסע האָט זיך צווישן זיך געריסן און געשלאָגן איבער

אַ שטיקל האָלץ. האָלץ איז דעמאָלט געווען דאָס טייערסטע אין געטאָ. פאַר אַ שטיקל האָלץ האָט מען באַצאָלט מיטן לעבן. זיידע האָט געזאָגט: „ווען'סטו נישט איינשטעלן ס'לעבן, וועסטו די געטאָ נישט איבערלעבן.“

צייט יידן זיינען אַריינגעקומען אין געטאָ אַריין, האָבן זיי נישט באַקומען קיין צוטייל פון האָלץ און קוילן. אַצינד, אין ווינטער, האָבן זיי באַקומען נאָר אַ ביסל קוילן־שטויב. ווי אַזוי קען מען פייער מאַכן אָן האָלץ? באַקומט מען שוין אַביסעלע שפּייז, דאַרף מען דאָך האָבן ביי וואָס עס אָפּצוקאָכן, האָט מען פאַרברענט פון די שטובן אַלץ, וואָס ס'איז געווען האָלץ. אַפילו די לייסטן פון די פענצטער, טירן און פאַדלאָגעס; שוין אָפּגערעדט, פון די שענק, טישן און שטולן. די הויז־אַדמיניסטראַטאָרן זיינען יעדע וואָך געקו־מען קאָנטראָלירן די שטובן און פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט די איינ־וווינער. זיי האָבן יעדע וואָך געמוזט צושטעלן אַ באַריכט דעם „קייסערס“ ווירטשאַפטסאַמט.

פאַר איין קילאָ האָלץ האָט מען געקענט באַקומען אַ האַלבן קילאָ ברויט. אַז זיידעס זון האָט אַמאָל געכאַפּט אַ טאָג שוואַרצע אַרבעט ביים רעמאָנטירן האָט ער זיך אָנגעפּאַקט מיט האָלץ אין די קעשענעס, אין די אַרבל, אין די „נאָגעוויצעס“ און אין די כאָלע־וועס פון די שטיוול. אויף אַזאַ אופן האָט ער אַרויסגעשמוגלט אַ ביסל האָלץ. דאָס האָט אַ ביסעלע פאַרלייכטערט די נויט אין דער היים אויף אַ טאָג.

עס איז אויך געווען אַ סכנה צו האַלטן האָלץ אינדערהיים, ווייל די „איבערפּאַל־קאָמאַנדע“ (אַזאַ ספּעציעלע פּאָליציי, געשאַפן פון „קייסער“ מ. ח. רומקאָווסקי) איז אומסגעריכט איבערגעפאַלן די שטובן, דורכגעפירט רעוויזיעס, צוגענומען דאָס האָלץ און באַ־שטראָפט.

ביי זיידען איז כמעט יעדע וואָך אין דער נאַכט איינגעשלאָפן אַ קינד אויף אייביק פון הונגער און קעלט. עס זיינען אַפילו גאַנצע משפחות פון די „זאַשילקאָווצעס“ געפרוירן געוואָרן איבער נאַכט. אין די שטובן איז געווען אַזוי קאַלט ווי אין דרויסן. וואָס צו עסן איז נישט געווען, איז מען פשוט אויסגעשטאָרבן.

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט דורך פּלאַקאַטן אויף די ווענט גערופן די „זאַשילקאָווצעס“, זיי זאָלן אַרויס אין די גאַסן און פאָדערן דאָס וואָס דער „קייסער“ רומקאָווסקי האָט צוגעזאָגט: די צוואַנציק מאַרק, די ווינטער־ראַציע, האָלץ און קוילן און זיי זאָלן אויך פאָדערן קליידער און שיך פאַר די קינדער.

בלושטיין האָט אַראָפּגעריסן אַזאַ פּלאַקאַט און אים אַהיימגע־

ברענגט פאַר זיין אַרכיוו, וואָס ער האָט איינגעזאַמלט אין זיין טאַפּטשאַן פּאָרן „ייווא״. ער האָט דעם פּלאַקאַט געוויזן זיידען: „זעסטו? עס רירט זיך שוין עפּעס״. האָט ער צוגעגעבן. זיידע האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען פאַרקלערט. „זעסטו, זיידע, — האָט אים בלושטיין געמינטערט, — דעם פּלאַקאַט וועל איך באַהאַלטן. זאָל דער דאָקומענט שפּעטער דערציילן פאַר דער וועלט, וואָס דאָ טוט זיך.״

„דאָס, זעסטו, בלושטיין, איז טאַקע אַ גוטער פּלאַן, — האָט זיך זיידע אויפגעכאַפּט און אַרויסגעצויגן די הענט פון די הויזן־טאַשן. — יאָ, יאָ, אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, ווי גערעכט דו ביסט!״ האָט ער אים ווילעריש אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער פּלייצע.

די מאַסע איז געווען צופיל דערשעפּט און צופיל אָנגעשראָקן פון רומקאָווסקים טעראָר. דער גרעסטער טייל יידן איז כסדר געלעגן אין די בעטן און געוואַרט אויף דעם גואל — טויט. אָבער איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען זיידע מיט בלושטיינען זיינען אַהיימגעגאַנגען פון גמינע־פּלאַץ (ווו זיי האָבן געזוכט אַ טאָג אַרבעט) און זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער מלינאַרסקע גאַס, האָבן זיך צו זיי דער־טראָגן קולות דורכגענומען מיט ווייטיק און צאָרן. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער מלינאַרסקע גאַס, האָבן זיי געזען אַ דעמאָנ־סטראַציע פון עטלעכע צענדליק יונגע מענער און פרויען. טייל האָבן געהאַלטן קינדערלעך אויף די הענט און זיי האָבן מיט פייערדיקן צאָרן געוואָרפן לאָזונגען:

„נידער מיט רומקאָווסקין און זיין קליקע!״

„מיר פאָדערן די ווינטער־ראַציע און די צוואַנציק מאַרק!״

„מיר פאָדערן שיך און קליידער פאַר די קינדער!״

„מיר פאָדערן מען זאָל אונדז אויסצאָלן נאָרמאַל די שטיצע!״

„מיר פאָדערן אַרבעט און ברויט!״

זיידע און בלושטיין האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן און אויך אַ סך דורכגייער, און באַלד האָט זיידעס שטים געהילכט: „חברים! חברים, אַלע זיינען מיר דאָ אין איין תפיסה, איז דאַרפן מיר עסן פון איין קעסל!״

מענטשן זיינען אויס מורא אַריינגעלאָפן אין די טויערן און אַ סך זיינען געבליבן שטיין און זיך איינגעהערט אין זיידעס רייד. דאָס זיינען געווען אַרבעטער, וואָס זיינען אַהיימגעגאַנגען פון די שניידער־רעסאָרטן. עס איז געפאַלן אַ נאַסער שניי, וואָס האָט געשאָפן אַ בלאָטע אויפן צעריסענעם געטאָ־טראָטואַר. זיידעס שטים האָט אָפּ־געהילכט טעמפּ פון נאַסקייט און קעלט:

„חברים, די אַרבעט דאַרף איינגעטיילט ווערן גלייך אויף גלייך!

דער משוגענער רומקאָווסקי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט טוער פון טייל פּאַרטייען. ער האָט זיי געגעבן די בעסטע פּאָסטנס: אין דער אַפּראָוויזאַציע, אין די קאָאָפּעראַטיוון, אין דער „פלייש-צענטראַלע" און אין די קיכן! רומקאָווסקים גנבים און די דאָזיקע פּאַרטיי-מענטשן פרעסן אונדז אויף! זיי גרייסן זיך, אַז זיי פאַרזאָרגן זייערע מענטשן. וואָס איז שולדיק דער ייִד, וועלכער האָט נישט קיין פּאַרטיי? ער און זיינע קינדער דאַרפן נישט לעבן?! געוויסענע פּאַבריקאַנטן, באַנקירן און פּאַרטיי-טוער פרעסן אונדז אויף לעבע-דיקערהייט! עמך דאַרף אויך לעבן! מען דאַרף איינטיילן די אַרבעט און די שפּייז גלייך אויף גלייך!"

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט די מאַסע אונטערגעהאַלטן.

— נישט צו גאַנצע משפחות זאָלן אַרבעטן אויף די בעסטע פּאָסטנס, מאַן, ווייב, קינדער, שוועסטער און ברידער, און דאָס פאָלק זאָל אויסגיין פון הונגער! — האָט בלושטיין געשריגן.

עטלעכע דעמאָנסטראַנטן האָבן דעם חבר זיידען אונטערגע-הויבן, ער האָט נאָך געוואָלט רעדן. די מאַסע האָט אים אַרומגע-רינגלט, אָבער עס האָבן זיך באַוויזן דעם „קייסער" רומקאָווסקים פּאָליציי און די דעמאָנסטראַנטן זיינען זיך צעלאָפן. זיידע און בלו-שטיין האָבן זיך דורך הינטערוועגן אַהיימגעטראָגן, עס זאָל זיי, חלילה, קיין פאַרדעכטיק אויג נישט זען.

* * *

אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די דעמאָנ-סטראַציע, איז סערל, זיידעס ווייב, געזעסן אַ פאַרוויינטע איבער דעם ליידיקן וויגעלע פון איר ייִנגסט קינד, וואָס איז פון הונגער און קעלט מיט אַ וואָך צוריק איינגעשלאָפן אויף אייביק. אין דער שטוב איז געווען פינצטער, דורכן פענצטער האָט אַריינגעלויכטן דער ווייסער שניי. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַרויסגעקוקט דורך די שויבן. דער שניי האָט זי דערמאָנט אין די פּאַפּירענע תכריכים, אין וועלכע מען האָט דעם ווינטער אירע פיר קינדער מקבר געווען. די אויגן פון איר ייִנגסט קינד האָבן זי פאַרפאָלגט. דאָס קינד איז טויט געווען, אָבער די אויגן זיינען געווען אָפן און האָבן געקוקט ווי לעבעדיקע. אַלע קינדער האָבן טאַטע-מאַמע ליב, אָבער דאָס ייִנגסטע קינד דערוועקט שטענדיק מער רחמנות, ווייל עס איז אומבאַהאָלפענער. דעריבער גייט דאָס האַרץ פון טאַטע-מאַמע מער אויס פאַר דעם ייִנגסטן קינד.

סערל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געערדט אין וויגעלע אַריין: „מיין בלוט און פלייש זאָל אַזוי יונג פוילן אין דר'ערד..." — טרערן זיינען געראָנען איבער אירע איינגעשרומפּענע באַקן. — „אפשר

איז איך, קינדערלעך, דאָרטן בעסער, ווילער...? יאָ, דאָרטן לײדט איר נישט פון די דײטשן און נישט פון דעם משוגענעם רומ־קאָווסקין מיט זײנע מענטשן... דאָרטן לײדט איר נישט אַזאַ הונגער און אַזאַ קעלט... דאָרטן זענט איר אין גן־עדן... איר האָט דאָך נאָך אפילו נישט געקענט זינדיקן... מלאכימלעך מײנע... מײנע שעפּעלעך... מײנע בריליאַנטן... מײנע אוצרלעך... — האָט זיך סערל צעכליפּעט — טאַטע אין הימל, פאַרוואָס קומט מיר אַזוי גע־שטראָפט צו ווערן? פאַרוואָס האָסטו מיר צוגענומען מײנע קינדער־לעך? מײן אײנציקע טרײסט?!..." — זי האָט זיך געווישט די אויגן און ס'פּנים. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און דערנאָך אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט גענומען וויגן דאָס לײדיקע וויגעלע און טרויעריק געזונגען דאָס לידעלע, מיט וועלכן זי פלעגט אײנוויגן די קינדער. (זי האָט געמײנט, אַז זי האָט דאָס לידעלע געקענט נאָך פון איר באָבען.) *)

„אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו —
יע וואָלקנדל, נישט וואָלקנדל
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע
אַ ציגעלע אַ ווײסעלע,
דאָס וואָלקנדל ביסטו..."

פון צעווײטיקטן האַרץ האָט זי געזונגען שטיל, שטיל, ווײנענ־דיק און עס האָבן זיך פון איר אַרויסגעריסן אײגענע פערזן:

„אין הימל שווימען מײנע קינדערלעך,
מײנע קינדערלעך אָן רו
יאָ, יאָ, קינדערלעך;
נישט קינדערלעך —
דאָס זײנען דאָך מײנע אוצרלעך,
אין תכריכימלעך פּאַפּירענע,
דאָס, יאַנקעלע, ביסטו
אַ, אַ, אַ, ליו־ליו־ליו,
אַ, אַ, אַ, ליו־ליו־ליו!"

ווי סערל האָט אַזוי געזונגען, וויגנדיק דאָס לײדיקע וויגעלע,

---

*) דאָס זײנען די ערשטע שורות פון אַ ליד, וואָס איז געזונגען געוואָרן אין געטאָ, ווי אַ פאָלקסליד אָבער דאָס שטאַמט גאָר פון מאָדערנעם דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און הײסט „אַ וואָלקנדל".

האָט שטילערהייט שרהלע, בלושטיינס ווייב, געעפנט די טיר און זיך אַריינגעשאַרט: „גוטן אָוונט, סערל!"

סערל האָט זיך דערשראָקן, אָבער זי האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז שרהלע: „ווײ, ווײ, שרהלע, וואָס איך האָב דערלעבט! פיר קינדער... ביז מען דערלעבט דאָס אויסצוטראָגן, צו געבוירן און אויפצוכאָוועז, שטאַרבן זיי אַוועק... פיר קינדער... פיר קינ־דער... מיין קרוין... מיין אויג אין קאָפּ..."

זי איז אָנטשוויגן געוואָרן. ביידע ווייבער האָבן זיך געווישט די אויגן און געקרעכצט. דאָ זיינען זיידע מיט בלושטיינען אַריינ־געקומען און זיידע האָט גלייך אויסגעשאָסן, וואָס ער האָט אַצינד אויף דער דעמאָנסטראַציע אַריינגעזאָגט דעם „קייסער" מיט זיינע גנבים. איז סערל אויף אים אַרויפגעפאַלן און אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ: „אוי, זיידע, זיידע, וואָלסט שוין געמעגט קליגער ווערן — האָט זי אים געמוסרט — וואָלסט זיך בעסער אַנידערגעזעצט קלאָגן אויף דעם טרויעריקן גורל פון דיינע קינדער נעבעך, וואָס מוזן נעבעך אַזוי יונג פוילן אין דר'ערד! — — — נאָר גאָרנישט. אים אַרט עפּעס? זיי האָבן קיינמאָל נישט ביי דיר געהאַט קיין שטיקל ברויט צו עסן, קיין מלבוש אָנצוטאָן! ווערסט מיך אויך יונגערהייט מאַכן קילן די ערד! דו ביסט מיין מלאך המות! אַ מאַנספּערשוין האָט אַ האַרץ פון שטיין! אוי, אוי, כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן! אוי!" — האָט זי אַ שווערן קרעכץ געגעבן און אירע אויגן האָבן נאָך אַלץ געברענט מיט כעס.

די ווערטער האָבן זיידען געברענט און געבראָטן, געשניטן זיין האַרץ: „וואָס בין איך שולדיק?! — האָט ער גערעדט מיט ווייטיק — עס איז מלחמה! עס איז אַ געטאָ! יאָ, זיכער, נאָר דיר טוט וויי, ווייל דיין האַרץ איז פלייש און בלוט און מיין האַרץ איז אַ „שטיין..." — האָט ער גערעדט מיט סאַרקאַזם. ער איז אָנטשוויגן געוואָרן. אַלע זיינען שטיל געווען. באַלד האָט עס פון אים אַרויס־געקלאָגט: „איך האָב אויך אַ האַרץ פון פלייש און בלוט... דו וויינסט דיך כאָטש אויס, איך קען נישט וויינען, דערפאַר איז מיר ערגער. מיין האַרץ צעגייט מיר אין דער שטיל, ביינאַכט קען איך קיין אויג נישט צוטאָן. נעבעך קרבנות פון רומקאָווסקים אָרדענונג! אַצינד דאַרף מען זען, אַז זיי — ווייזט ער אויף די רעשט זיינע קינדער, וואָס קלאַמערן זיך אַרום דעם אייזערנעם קעכל, ווו עס פלאַקערט אַ שטיקל האָלץ אין אָפענעם טירל, וואָס דינט אויך אַלס באַלייכטונג. אויף זייערע פּנימלעך לויכט אַ רויטקייט און אויף דער וואַנט, וואָס איז אַ ביסעלע באַלויכטן, באַוועגן זיך שאָטנס — אַז זיי, די קינדער, זאָלן כאָטש איבערלעבן. — זאָרג נישט, מיין ווייב,

מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן!״ — האָט זיידע האָפּערדיק פאַר־ענדיקט אויף זיין אופן.

— דערווייל לעבן זיי אַ גוטן טאָג און מיר גוססענען! — האָט זי אַזש הייזעריק פון אויפרעגונג געשריגן — זיי, זיי וועלן איבערלעבן! און מיר שטאַרבן שוין אוים.

דאָ האָט סערל אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן און מיט אַ ניגון פון באַדויערונג אים געפרעגט: — „אוי, חבר זיידע, חבר זיידע, ווען וועסטו שוין שכל באַקומען? האַ?? אוי! — האָט זי זיך צע־וויינט.

„מען האָט זיי טיף טיף אין דר׳ערד! די גערעכטיקייט מוז זיגן!...״ האָט זיידע געדוגערט מיט זיין לייבן־שטים.

„נאָר וואָס דען? אוודאי וועט דער אמת זיגן!״ — איז אים בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד.

„דו שלימזל מיינער! דו אויך?! — האָט זיך שרהלע אויף איר מאַן צעשריגן — דו ווילסט אויסהיילן די גאַנצע וועלט, וואָס איז דורכגעפרעסן מיט סיפיליזאַציע?! דו איינער אַליין?! ווער ביזטו?! וואָס ביזטו?! מען וועט דאָך דיך פאַרשרייען פאַר משוגע! דו ווילסט אויסבעסערן די וועלט?! ווען די פאַרטייען זיינען נאָך געווען אין די וויקעלעך, האָבן זיי אויך געקעמפט פאַר יושר, פאַר גערעכטיקייט. אָבער ווען זיי האָבן נאָר באַקומען אַ שטיקעלע מאַכט, פאַררעדן זיי די ציין מיט יושר און גערעכטיקייט צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן און ווען דו און זיידע זאָלן קומען צו דער מאַכט, ווויס איך נישט צי עפּעס וואָלט יאָ בעסער געווען. מען מוז קודם כל אויסבעסערן דעם מענטש און אַז די וועלט וועט האָבן אַ בעסערן מענטש, וועט בעסער זיין אויף דער וועלט. שטענדיק זיינען זיי נעבעך געווען די נעבעכדיקע חברים, זיידעס מיט מיינע שלימזלם, די שמחה בלושטיינס און די דערגענערירטע רומקאָווסקים, מיט די פאַרפירערישע מנהיגים! זיי האָבן פאַר דער מלחמה געהאַט די מאַכט, היינט שטייען זיי ביי דער שיסל און זיי וועלן נאָך דער מלחמה אויך האַלטן די שיסלען. מיט די שליסלען: שיסלען פולערע, פעטערע, און די וואָס וועלן זיי „סלוזשען״, ווי די הינט, וועלן זיי צוואַרפן אַ ביין. זיי האָבן צו זאָגן איבער אונדזער לעבן, מיט זייער פירונג העלפן זיי אונדז וואָס גיכער אָפּטראַנספּאָרטירן אויף יענער וועלט. אַז עס זיינען געווען אין געטאָ די אויפריכטיקע, די אומשולדיקע, די תמימותדיקע, שמחה בלושטיינס און זיידעס און צענטליקער טויזנטער אומשולדיקע טאַטעס, מאַמעס מיט קינדער, וואָס צאַנקען דאָ אוים ווי די ליכט, פון הונגער און קעלט. אַ, זיי, די אמתע יידן, וואָס מאַכן אַדורך אַלע גרוילן פון

נאַצישן גיהנום, וועלן נעבעך נישט איבערלעבן. אָבער די פאַר־פירער, האָבן אַלע שאַנסן איבערצולעבן די מלחמה! זיי וועלן דאָס זיין די „קדושים“ און די „העלדן“ אויפן חשבון פון די קרבנות! ווייל זיי וועלן זיך שוין אַליין אָנשרייבן אַ גוט קוויטל! איר ווילט איבערלעבן? איר ווילט, אַז אייערע ווייבער און קינדער זאָלן אי־בערלעבן? — האָט זי זיי קאַטעגאָריש געפרעגט — לעקט זיי! חנפעט זיי! סלוזשעט זיי ווי די הינט! מאַכט אייך טויב, שטום און בלינד! זעט גאָרנישט! הערט גאָרנישט! און רעדט גאָר־נישט!...

„איך וויל בעסער שטאַרבן, ווי אַ מענטש, איידער לעבן ווי אַ הונט!“ — איז איר בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד.

„קהלת זאָגט: ס'איז בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב“, האָט אים שרהלע געענטפערט:

„אַ מענטש דאַרף נישט זיין נישט קיין הונט און נישט קיין לייב, נאָר אַ מענטש!“

„דו האָסט נישט קיין רחמנות, — האָט שרהלע פאַרגעזעצט — נישט אויף מיר און נישט אויף זיך אַליין, פונקט ווי דיין חבר זיידע: קעמפן! קעמפן! קעמפן! — האָט זי נאָכגעקרימט. — וואָס קעמפן? וואָס טוט איר אויף מיט אייער קעמפן? עטץ ווייסט דען קעגן וועמען איר קעמפט?! געדענקט מיינע רייד דער משוגענער רומקאָווסקי וועט ענק איינזעצן אין תפיסה! און דאָרטן וועט ער מיט ענק לערנען בלק!“

די לעצטע ווערטער האָבן זיי אַלע געברענגט אויף טרויעריקע געדאַנקען און זיי זיינען שטיל געבליבן.

ענדלעך האָט זיידע איבערגעריסן די שטילקייט: „יאָ דער מענטש דאַרף פון זיך אויסוואָרצלען די גיריקייט פון הערשן און באַהערשן. די קנאה און די שנאה. אָט צוליב די שלעכטע מידות קען די וועלט נישט האָבן קיין קיום. ווען דער מענטש וועט פון זיך האָבן אויסגעוואָרצלט אָט דעם שלעכטן אינסטינקט וועט גוט זיין. ווייל, אַז עס וועלן נישט זיין קיין הערשער — וועלן נישט זיין קיין באַהערשער. אַז עס וועלן נישט זיין קיין פירער — וועלן נישט זיין קיין פאַרפירער. אַז עס וועט נישט זיין: קיין מיינס און דיינס וועלן נישט זיין קיין גנבות, קיין רציחות, קיין מלחמות און קיין תפיסות און די מענטשן וועלן לעבן און זינגען פריי ווי די פייגל אין די פעלדער און וועלדער און דעמאָלט וועט האָבן געקומען משיח. ווייל אַז דער מענטש וועט גוט זיין — וועט זיין גוט אויף דער וועלט.“

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: מסכים, מסכים.

דער „קייסער" גיט אַרויס באַפעלן

דער „קייסער" מרדכי חיים רומקאָווסקי האָט געהאַט זיינע שפּיאָנען איבער דער גאַנצער לאָדזשער געטאָ. אַפילו יעדע קליי־ניקייט איז צו אים דערגאַנגען.

שפּעט אין אָוונט נאָך דעם אָפּנעמען דעם טאָג־באַריכט איז דער „קייסער" געוואויר געוואָרן, אַז היינט זיינען שוין ווידער פאַר־געקומען דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן און אַז די דעמאָנסטראַנטן האָבן געשריגן:

„מיר פאָדערן ברויט און אַרבעט! און די צוואַנציק מאַרק און די ווינטער ראַציע, וואָס דער „קייסער" האָט צוגעזאָגט צו געבן!" זיי האָבן אויך געפאָדערט באַהייצונג און קליידער פאַר די קינדער!

מען האָט דעם „קייסער" אויך געוויזן אומלעגאַלע אויפרופן, געשריבענע מיט דער האַנט אויף יידיש און פויליש, וואָס מען האָט אַראָפּגעריסן פון די ווענט, אין די גאַסן.

מען האָט אים אויך דערציילט, אַז די הונגעריקע האָבן געוואָרפן קללות אויף דעם „קייסער" מיט זיינע באַאַמטע און אַז זיי האָבן ווידער געשריגן:

„איינטיילן די אַרבעט און די שפּייז גלייך אויף גלייך! אַלע זיינען מיר אַרעסטאַנטן, דאַרף מען עסן פון איין קעסל!"

— אַזשוי?! איך וועל ווייש סוין ווער עס זשאָגט דאָש! ווער עס בונטעוועט מיינע יודן! אין מיין געטאָ! — איז דער „קייסער" אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז אין זיין קאַבינעט, שרייענדיק אויפן הויכן קול מיט זיין ליטווישן אַקצענט — דאָש איזש זשיידע! דער חבר זשיידע! ער, דער סוואָלאָטש, העטשט דאָס אויף מיינע יודן!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפאָן טרייבל און אָנגעקלונגען צום תפיסה־נאַטשאַלניק, שלום הערצבערג.

— האַלאָ! הערטשבערג? דו האָסט געהערט פון דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע?! פון היינטיקן בונט קעגן מיין מלכות? איך באַפעל: זאָפאָרט זאָלסטו מיר אַרעסטירן דעם סוואָלאָטש, דעם חבר זשיידע! יאָ, און אויך אַלע זיינע שלעפּערס, וואָס גייען מיט אים! איך האָב געהערט, אַז ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געזעסן אין תפיסה פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים!"

„דעם הערן פרעזעס באַפעל פיר איך שוין אויס!" — האָט הערצבערג געענטפערט.

„גוט! גוט! זייער גוט!" — האָט דער „קייסער" נאָך אַלץ אין כעס געשריגן און אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

דער „קייסער" האָט צוזאַמענגעצויגן דעם ברייטן הויכן שטערן,

ער האָט זיך פאַרטראַכט און אַ שווערן זיפץ געטאָן: „ניין, ס'איז ניט גוט! — האָט ער צו זיך גערעדט, שפּרייזנדיק נערוועז הין און צוריק איבער דעם פּליושענעם דיוואַן. זיין זילבער־פּאַטישע פּאָלקע איז צעשויבערט געוואָרן. די שוואַרצע, גרויסע אויגן האָבן מטורפדיק אַפּווירגעקוקט פון הינטער די ברילן מיט דיקע שוואַרצע ראַמען.

— ניין! אויב עס זשאָל וויטער אַזשוי גיין, וועל איך ניט האָבן איבער וועמען צו קיניגן — בין איך אויש קיישער! די דייטשן וועלן ליקווידירן מיין מלוכה! די דייטשן דאַרפן ניט קיין לײדיק־גייער! ניין! איך מוז מיין געטאָ איבערבויען אויף אַ פּראָדוקטי־ווער מלוכה. קיין גאָלד טאָר איך ניט האָבן, קיין גאָלד האָב איך ניט, אָבער מיין וואַלוטע וועט זיין אַרבעט: איך וועל אַלצדינג צאָלן און דעקן מיט אַרבעט. לאָדזשער יידן זשיינען די בעשטע באַל־מעלאָכעם, איך האָב די בעשטע וואַלוטע: הענט, אַרבעטס הענט! איך וועל עפענען פאַבריקן, וואַרשטאַטן, מען וועט ביי מיר, אין מיין מלוכה, אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, איך וועל פאַרשיטן מיט מיין פּראָדוקציע, אַט אַזשאַ מלוכה דאַרפן זשיי, די דייטשן, איבער אַזשאַ מלוכה וועלן זשיי מיך לאָזשן קיניגן. זשיי די דייטשן, האָבן מיך אויסגעוויילט און איך מוזש זשיי געטריי דינען. איך וועל געטריי אויספירן מיינע פליכטן. איך בין אַ באַאַמטער. איך האָב אַריינ־געפירט מיינע יידן אין מיין געטאָ! איך וועל זשיין דער צווייטער שלמה המלך ביי יידן. וואָש זשאָג איך? איך וועל זשיין? איך בין שוין דער צווייטער שלמה המלך! כאַ־כאַ־כאַ! שלמהן האָט מען גערופן חכם, מען האָט פאַרשריבן אַלע זשיינע חכמות? איך האָב אויך אַ סריייבער, וואָס פאַרשרייבט אַלע מיינע געדאַנקען, אַלע מיינע חכמות! שלמה האָט געהאַט אַ הארעם? איך פאַרמאָג סוין אויך באַלד אַ הארעם! שלמה האָט געהאַט מינישטאָרן — איך האָב אויך מינישטאָרן! שלמה האָט געהאַט פּאַלאַצן, דינער, פּאָליציי, ריכטער, געריכטן, תפיסות — איך האָב אויך. מיין מלוכה וועט זשיין מאָ־דערנערער פון שלמהס: ביי מיר אין מיין מלוכה וועט מען אויש־אַרבעטן אַלטשדינג אין דער וועלט.

— אוי! — האָט ער זיך באַזינען — כ'האָב דאָך ניט קיין כלים, קיין מאַשינען, קיין מאַטעריאַלן, מיט וואָס צו אַרבעטן? דאָס דאַרף מיך נישט אָנגיין! אַז מען קען נישט אַריבער — מוז מען אַריבער! אויף וואָס בין איך קיישער? איך וועל באַפעלן עס זשאָל זשיין און עס וועט מוזשן זיין! ערסטנס וויל איך אין מיין מלוכה האָבן אַ טישלער־רעשאָרט — אַ גרוישע פאַבריק; מען זאָל ביי מיר אין מיין מלוכה אוישאַרבעטן שיין און גוט מעבל. די דייטשן דאַרפן האָבן מעבל. פאַר מעבל וועלן זיי געבן ברויט. איך וויל אויך אין

מיין מלוכה האָבן אַ טאַפּעטשיר־פאַבריק, ספּינערייען, וועבערייען, אַ זאַטלער־פאַבריק. די דייטשן רייטן אויף פערד — דאַרפן זשיי האָבן זאָטלען. איך וויל אויך האָבן אַ קירזשנער רעסאָרט. די דייטשע זעלנער דאַרפן האָבן פוטערס אין ווינטער אויף די פראָנטן! יאָ, פון אַלעם אין דער וועלט וועל איך אויסאַרבעטן אין מיין מלוכה. איך האָב אַלע פאַכלייט. די דייטשן דאַרפן געווער. איך וועל אויך אויסאַרבעטן געווער."

דער „קייסער" האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים שרייב טיש: די צעשויבערטע, זילבער־פּאַטישע פּאָלקע איז אים געפאַלן איבערן פנים. דער „קייסער" האָט אַנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויפן טיש, דאָס פנים אַריינגענומען אין די דלאָניעס און ער האָט געקוקט מטורפדיק, נישט פינטלדיק אַפילו מיט קיין אויג. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַ פּאַטש געגעבן איין האַנט אין דער צווייטער און ווי ער וואָלט געזאָגט: „כ'האָב עס" — האָט ער זיך צעשמייכלט פון זיין איינפאַל: „יאָ, איך בין דער צווייטער שלמה המלך!" ער האָט אַ דריק געטאָן ס'קנעפּל אויפן טיש, עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג און באַלד איז די סעקרעטאַרקע אַריינגעקומען: אַ שלאַנק־שוואַרץ־חנעוודיק, יונג מיידל. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר הכנעהדיק, אויסצוהערן דעם „קייסערס" באַפעל.

— נעם פּאַפּיר און סרייב! — האָט דער „קייסער" באַפוילן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן שרייב־טיש. דאָס מיידל האָט אויגנ־בליקלעך אויסגעפירט דעם באַפעל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש, גענומען אַ שרייבפּענדל און פּאַפּיר און ווייטער הכנעה־דיק געקוקט דעם „קייסער" אין די אויגן אַריין. דער „קייסער" האָט דיקטירט:

— „איך באַפעל, — סרייב: איך באַפעל צו אַלע מיינע יודן. האָסטו געסריבן איך און מיינע יודן?"

— יאָ, פּאַניע פּרעזעשיע (הער פּרעזעס) — האָט די סעקרע־טאַרקע געהאַלטן אין איין ענטפערן הכנעהדיק, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון צעלאַכן זיך.

— „אַלדזשאַ אין מיין געטאָ. פאַרגעש ניט, אין מיין געטאָ!"

— „חלילה, פּאַניע פּרעזשע, איך געדענק גוט.

— „נו ווייטער: אַז אַלע מיינע פאַכלייט. האָסטו געסריבן מיינע פאַכלייט?"

— „יאָ, פּאַניע פּרעזעשע!"

— „מוזשן זשיך פּאַרעגישטרירן ביי זשייערע פאַכן אין מיין אַר־בעטס־אַמט, האָסטו געסריבן מיין אַרבעטס אַמט?

— „יאָ, פּאַניע פּרעזעשע!"

— „גוט, סרייב ווייטער: איך וועל אַלע מיינע יודן — געדענק סרייב מיינע יודן פון מיין געטאָ געבן אַרבעט. האָשטו געסריבן מיין געטאָ?"

— „יאָ, פאַניע פרעזעשע!"

— „נו, אַטשינד לייען מיר איבער, וואָס דו האָשט פאַר מיר געסריבן, לייען!"

די סעקרעטאַרקע האָט געלייענט און דער „קייסער" האָט אָנגעקוואָלן, יעדעס מאָל ווען זי האָט אַקצענטירט די ווערטער: איך, מיין, מיינע.

— „איך באַפעל צו אַלע מיינע יודן אין מיין געטאָ, אַז אַלע מיינע פאַבלייט מוזן זיך זאָפאָרט פאַרעגיסטרירן ביי זייערע פאַכן, אין מיין אַרבעטס אַמט. איך וועל אַלע מיינע יודן פון מיין געטאָ געבן אַרבעט".

— „כאַ-כאַ-כאַ, אַזשוי האָב איך דיך ליב — האָט זיך דער אַלטער נחתדיק צעלאַכט' ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך און אויסגעקושט איר שיין פנים. „אַה-אַה — דו בישט באַטעמט, כ'וועל דיר געבן אַ טאַלאָן."

ער האָט אויסגעשריבן אַ טאַלאָן אויף שפייז און איר געגעבן און בשעת מעשה האָבן זיך אין זיינע אויגן אָנגעצונדן פייערלעך. זי האָט צוגענומען און געזאָגט:

— „אַ שיינעם דאַנק, פאַניע פרעזעשע!"

— און אַטשינד סרייב ווייטער: „איך באַפעל, אַזש אין מיין געטאָ זשאָלן באַלד געשאַפן ווערן אַלערליי פאַבריקן! אַלעמערשטן זאָל מיר געסאַפן ווערן אַ טישלער-פאַבריק! מען זשאָל סוין טשורטרעטן טשו דער אַרבעט, און מען זשאָל סוין אוישאַרבעטן סיין, גוט מעבל! דער עלטסטער דער יודען, מרדכי חיים רומקאָווסקי", האָט ער פאַרענדיקט גדלותדיק.

— „דאָס איז אַלץ?" — האָט איט די סעקרעטאַרקע הכנעהדיק געפרעגט — „קען איך אפשר דעם הערן פרעזעס אויף עפּעס אויפמערקזאַם מאַכן?"

— „יאָ!"

— „פאַניע פרעזעשע, עס זיינען דאָך נישטאָ אין געטאָ קיין שום באַלמעלאָכישע כלים, קיין האָלץ, מענטשן באַצאָלן מיטן לעבן פאַר אַ פיצל האָלץ, איז ווי אַזוי..."

— „סווייג!" — איז דער „קייסער" — מיט געשריי אַריינגעפאַלן אין אירע רייד — „ווער זשאָגט דאָש, אַזש אין מיין געטאָ איזש ניטאָ?! אין מיין געטאָ איז אַלטשדינג דאָ! אין מיין געטאָ וועט אַלטשדינג זשיין! אין מיין געטאָ פעלט גאָרנישט! איך האָב אַלעש!

אַלעש! אין מיין געטאָ פעלט גאָרניסט! אין פיר, פינף יאָר אַרום וועט מיין געטאָ גיין ווי אַ זשייגערל!" — האָט דער קייסער געשריגן מיט אַלע כוחות און געקלאַפּט אין טיש.

די סעקרעטאַרקע איז אַרויסגעלאָפן אַ דערשראָקענע, מיט טרערן אין די אויגן. זי האָט זיך צוגעשווירן נישט מער צו באַגיין אַזאַ נאַרישקייט (מאַכן אַ באַמערקונג דעם „קייסער"). פון קאַבינעט האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דעם „קייסערס" געשרייען:

— אין מיין געטאָ פעלט גאָרניסט! **איך האָב אַלטשדינג, אַלטשדינג, אַלטשדינג!"**

* * *

שפּעט ביינאַכט, ווען זיידע איז געשלאָפן, האָט די „איבערפאַל-קאָמאַנדע", בראש מיטן קאָמיסאַר שמערקע בוצאַק, אים אויפגע-וועקט מיט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר און אין די פענצטער. זיידע האָט זיי אַריינגעלאָזט. ער האָט אָבער מיט זיי נישט געוואָלט מיטגיין. עס זיינען אָנגעקומען נאָך פאָליציי און האָבן אים דער-קלערט, אַז ער וועט באַלד צוריק אַהיימקומען, ער דאַרף נאָר בלויז אונטערשרייבן עפּעס אַ דאָקומענט. ער האָט זיי נישט געגלויבט. ער האָט אָבער געזען, אַז ער וועט גאָרנישט קענען אויפטאָן קעגן אַזאַ גרויסע צאָל פאָליציי, איז ער מיטגעגאַנגען און זיי האָבן אים אַריינגעפירט אין דער צענטראַלער תפיסה אין געטאָ, „טשאַרניעצ-קיעגאָ". דאָ האָט זיידע געטראָפן נאָך עטלעכע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע. און דער קאָמיסאַר שלום הערצבערג, האָט אים דערקלערט: אַז ער איז אַרעסטירט פאַר מאַכן אוואַנטורעס אין די גאַסן און פאַר אויפהעצן די רויקע באַפעלקערונג קעגן דעם הערן פּרעזעס רומקאָווסקי און זיין מלוכה. זיידע האָט זיך אַצינד דערפילט ווי אַ לייב אין אַ שטייג.

די תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ"

צוויי יידן זיינען זיי געווען אין לאָדזשער געטאָ וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער גאַנצער געטאָ. ביידע זיינען געקומען פון דער אונטערוועלט, ביידע האָבן געהאַט אַ גרויסע מאַכט אין געטאָ און ביידע האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. אָבער איינער דעם צווייטן האָט געוואָלט לעבעדיקערהייט באַגראָבן. ביידע האָבן גע-דינט אין באַזונדערע דייטשע קערפּערשאַפטן. אָבער ביידע האָבן געהאַט די זעלבע „אַרבעט" דורכצופירן. דער ערשטער איז געווען שלום הערצבערג ימח שמו! וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער געשטאַפּאָ;

און דער צווייטער איז געווען דוד אַגרוד ימח שמו! וואָס האָט גע־אַרבעט פאַר דער „קריפּאָ" (קרימינאַל פּאָליציי).

שמחה בלושטיין און דער חבר זיידע זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט אַריין.

שלום הערצבערג, אַן אונטערוועלט-יונג, אַ געוועזענער באַזיצער פון „גן-עדן-הייזער" אין לאָדזש, אַ סוחר פון „לעבעדיקע סחורה", אַ „פּאַסער" (אויפקויפער פון גנבות) און אויך אַ „רב" וואָס האָט געפּסקנט „דין תורות" ביי זיינע קאָלעגן. ער איז אויך געווען אַ באַלעבאָס פון הייזער. אויב אַן אָרעמאַן האָט אים נישט געקענט באַצאָלן ס'דירה-געלט, האָט ער ביי אים איינגעמאָנט מיט זיינע פויסטן. אָט דער הערצבערג האָט זיך פאַר דער מלחמה אַסעקורירט ביי רומקאָווסקין (רומקאָווסקי איז געווען אַן אַסעקוראַציע-אַגענט). זיי האָבן זיך גוט געקענט און זיינע „פּלייצעס" זיינען געווען טאַקע דער „קייסער" גופא. ער, הערצבערג, האָט דאָס אויפגעבויט די טרויעריק-באַרימטע תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ", ווו מען האָט זיידען איינגעזעצט פאַר די דעמאָנסטראַציעס קעגן רומקאָווסקין, און ער, הערצבערג, איז געווען דער תפיסה-נאַטשאַלניק. מיט זיין נאָמען האָט מען געשראָקן דערוואַקסענע און קינדער אין די וויגן: „גע־דענק, וועסט אַריינפאַלן אין הערצבערגס הענט אַריין!" לעולם האָט טשאַרניעצקיעגאָ" געהייסן די גאַס, ווו עס איז געווען די תפיסה; און דערפאַר האָבן יידן די תפיסה גערופן אויפן נאָמען פון דער גאַס, אָדער אויפן נאָמען פון נאַטשאַלניק: „הערצבערגס מלוכה".

ווען דער „קייסער" האָט זיך שוין נישט געוויטיקט, אַז די פּאַרטייען זאָלן מיט אים מיטאַרבעטן און ווען ער איז דורך זיינע שפּיאָנען געוויר געוואָרן, אַז זיי פירן אַ טעטיקייט, האָט ער אַרעס־טירט די צענטראַל קאָמיטעטן פון „בונד", לינקע „פּועלי ציון" און „קאָמוניסטן" און זיי אויך איינגעזעצט אויף „טשאַרניעצקיעגאָ". (ווייל רומקאָווסקי האָט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל ווער אויסער אים פירן אַ טעטיקייט אין זיין „מלוכה".)

די תפיסה האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, ביז זי האָט פאַרנומען די גאַנצע גאַס מיט די שכנישע געסלעך. פאַר דער קלענסטער נאַרישקייט האָט מען איינגעזעצט אויף „טשאַרניעצ־קיעגאָ", ס'הייסט, מען איז אַריינגעפאַלן אין הערצבערגס ידים אַריין: פאַר אָפּרייסן אַ שטיקל האָלץ, אַז עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פּאַסיקל ליכט ביינאַכט פון אַ פענצטער, אַ טיר אָדער אַ שפּאַרע אין דער וואַנט; פאַר באַליידיקן אַ פּאָליציאַנט, ווען אַ הונגעריק קינד האָט אַראָפּגענומען פון אַ פור אַ מייערל, אַ רעטעכל אָדער אַ קאַרטאָפל; אָדער ווען אַ הונגעריק קינד האָט עפּעס אַרויסגעריסן פון אַ גאָרטן,

וואָס האָט געהערט צום „קייסער" אָדער צום „קייסערס" אַ מענטש. די דאָזיקע „פאַרברעכער" זיינען אַריינגעפאַלן אין הערצבערגס מלוכה און מען האָט אַלעמען, אַפילו די קינדער געגעבן שמיץ. אויף „טשאַרניעצקיעגאָ" האָט מען שרעקלעך געשלאָגן. ער, הערצבערג, האָט זיינע קרבנות דעם ערשטן „ברוך־הבא געגעבן. ווען דער „קייסער" האָט פונאַנדערגעטיילט די פעלדער אויף מארישין — דאָרטן וווּ ער האָט געהאַט זיין זומער־רעזידענץ — זיינע מענטשן, און ער האָט געוואָלט, אַז די הונגעריקע זאָלן נישט רייסן פון די שפעדיקע פעלדער און גערטנער, האָט ער הערצבערגן געמאַכט פאַר דעם קאָמיסאַר איבער דעם געביט — „מארישין". עס איז געגאַנגען געוווען, אַז דער „קייסער" האָט צו וויסן געגעבן דורך פלאַקאַטן: „ווער עס וועט באַטרעטן דעם שטח פון מארישין אַן אַ שיין־דערלויבעניש פון מיר, דער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון קאָמיסאַר איבער מארישין — שלום הערצבערג." דאָס האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אַריינפאַלן אויף „טשאַרניעצקיעגאָ". און קיינער האָט נישט געוואָגט איבערצוטרעטן דעם שטח.

ווען זיידע איז אַריינגעפאַלן אויף „טשאַרניעצקיעגאָ" האָט זיך הערצבערג אַזש די הענט געריבן פון פרייד. אַצינד האָט ער געהאַט די געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט זיידען פאַר דער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זיין חבר, שמערקע פויטע, וועמען ער האָט געשטערט אויסצונוצן די הונגעריקע מאַסע פאַר זיינע טונקעלע מעשים. (צו צערייבן דאָס ביסל שפייז פון די קראַנקע און קינדער וואָס מען האָט צעפירט אין די שפיטעלער און פון די קאָאָפּעראַטיוון). קודם כל האָט הערצבערג זיידען גוט צעשלאָגן, און ער האָט ביי אים געמוזט טאָן די שווערסטע און מיוסטע אַרבעט. ביי אַ נאָך גרעסערן הונגער, ווי אויף דער „פריי" אין געטאָ. זיידע האָט געמוזט אויסשעפּן די אָפּטריטן מיט אַ האַנט־עמער און גיין איינגעשפּאַנט ביים פאַס איבערן געטאָ. זיידע איז געווען אָנגעטאָן אין תפיסה־קליידער פון בילעקסטן, צעקנאַדערטן צייג פון קאַשע־קאָליר, אַ קיילעכדיק קאַפּל פון דעם זעלבן שטאָף און מיט אַ רויטער לענטע אויפן לינקן אָרעם (ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער) דערצו האָט אים מיט זיין גאַנצער משפחה געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ אויף אַ זיכערן טויט. אַזוי איז געווען ס׳געזעץ פאַר די, וואָס האָבן איבערגעטראָטן דאָס טויער פון „טשאַרניעצקיעגאָ". זיידען איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו זען, ווי מען האָט אַן אַרעסטאַנט צום טויט געשלאָגן; אַז מען האָט אַן אַרעסטאַנט אַרויסגעלאָזט, איז ער שוין געווען אַזוי פאַרגעריכט, אַז ער איז אין געציילטע שעהען אָדער טעג געשטאָרבן. „טשאַר־

ניעצקיענגאָ" איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער געשטאַפּאָ; אָבער די גאַנצע אַדמיניסטראַציע איז געווען פון יידן. די דייטשן האָבן זיך אויף זיי געקענט פאַרלאָזן...

דער תפיסה-נאַטשאַלניק, שלום הערצבערג, האָט געהאַט אַרום „טשאַרניעצקיענגאָ", אַ סאַד און אַ גרויס פעלד, וואָס די אַרעסטאַנטן און אויך זיידע, האָבן געמוזט באַאַרבעטן אונטער דער שמירה פון דער תפיסה-פּאָליציי. הערצבערגס פּאָליציי האָבן געטראָגן ציווילע קליידער און שטיוול; אויפן לינקן אָרעם — אַ געל-ווייסע באַנד מיט אַ גרינער לאַמוווקע, אין דער מיט — אַ טונקל-בלויער מגן-דוד, מיט אַ מעטאַלענעם נומער. דאָס היטל: אַ פיר קאַנטיקע דענקע פון פיר פערטעלעך, אַדורכגעצויגן מיט גרינע ליצן, און אויף דער פרענטע — אַ גרינע באַנד (גרין איז געווען דער צייכן פון דער תפיסה-פּאָליציי), אַ גלאַנציקן דאַשעק מיט דעם נומער פון פאָרנט. אַ פּאָליציאַנט האָט תמיד געהאַלטן אַ גומענע פּאַלקע אין האַנט. ווי איז געווען צו דעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט געוואַגט עפּעס אָפּצורייסן פון די געוויקסן אין הערצבערגס גאָרטן אָדער פעלדער. איינמאָל האָט זיידע ביי דער אַרבעט אין גאָרטן געקריגן מאָגן-קרעמפּן פון הונגער. ער האָט געפּילט, אַז ער וועט עס נישט איבערהאַלטן. האָט ער אין אַ ווינקל אַרויסגעריסן אַ ציבעלע און צוויי רעטעכלעך. דאָס ציבעלע מיט אַ רעטעכל האָט ער באַוויזן אויפצועסן אָבער באַלד איז דער פּאָלי-ציאַנט צוגעשפּרונגען צו אים און ער האָט אים אַזוי צעמזיקט, אַז מען האָט זיידען אַ באַוווסטלאָזן צוריקגעטראָגן אין קאַמער אַריין.

מיט זיידען אין דער צעל זיינען געזעסן דריי יידן, וואָס די דייטשן האָבן געכאַפּט אין „נייעם רייך" אין „וואַרטיגאַו" *), מחוץ דער געטאָ. האָט די געשטאַפּאָ זיי אַריינגעשיקט אין דער „האַופּט-יודען-שטאַט" לאָדזשער געטאָ. אויף „טשאַרניעצקיענגאָ". די געשטאַ-פּאָ האָט פאַראָרדנט די דריי יידן צו הענגען. צווישן די וואָס זאָלן אויפבויען די תליה האָט מען צוגעטיילט אויך זיידען: „ניין! איך?! ניין! — האָט זיידע זיך אָנגעצונדן אויף זיין שטייגער — איך וועל קיין תליה נישט בויען פאַר מיינע אומשולדיקע ברידער!"

(זעקס הערצבערגס פּאָליציאַנטן האָבן זיך באַטייליקט ביים הענגען. זיי האָבן באַקומען פאַר דער אַרבעט צו פינף און צוואַנציק דעקאָ ברויט מיט צען דעקאָ פערד-ווורשט. און דער הענגער, אַ טרעגער, אויך אַ ייד — ער האָט באַקומען אַ גאַנץ ברויט פון צוויי

---

*) ביז דעם טייך „וואַרטאַ" האָבן די דייטשן אַריינגענומען אין רייך. דאָס האָט אויך אַריינגענומען לאָדזש. זיי האָבן דעם קרייז גערופן „וואַרטיגאַו" אָדער „נויער רייך", אויף פּויליש וואַרטאַ. און יידן האָבן דאָס גערופן „דוועד".

קילאָ. טייל אַנטיילנעמער האָט באַנג געטאָן: סיי־ווי־סיי האָט מען דאָך געמוזט הענגען די דריי יידן. ווען מען הענגט יעדן איינעם באַזונדער — וואָלטן זיי באַקומען צו דריי מאָל דעם צוטייל).

צווייטע קרבנות זיינען גלייך אַרויסגעגאַנגען מיט דער פּאָליציי. דער דריטער האָט נישט געוואָלט מיטגיין. ווען ער איז געבליבן מיט זיידען אויג אויף אויג האָט ער געזאָגט צו אים: „פון מיינע ברידער וועל איך מיך נישט לאָזן פירן צו דער תליה! אוי יידן! יידן! ... איך צי מיין לעבן נאָך אַ סעקונדע. טאָמער ענדיקט זיך דאָך די מלחמה. איך גלויב, אַז יעדע סעקונדע קען זיך ענדיקן די מלחמה...״ דאָ איז אַריינגעלאָפן דער דייטש פון דער געשטאַפּאָ, וואָס איז געקומען אויספירן די עקזעקוציע מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער, מיט זלזולים און פלוצלונג האָט ער אים אַ זעץ געגעבן מיט דער אָפענער גרויסער לאַפּע איבערן פּנים און מיט אַ ווילדן אויסגעשריי: „לאָוס דרעקיקער יודע!״ האָט ער צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צום קאָפּ פון קרבן — און אַזוי זיינען זיי אָן לשון צוגעגאַנגען צו דער תליה.

זיידע האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס האָט זיך דער פאַרמשפּטער נישט געוואָרפן אויף דעם דייטש? און ער האָט גע־טראַכט: פאַר דער יידישער פּאָליציי האָט ער טאַקע נישט אַזוי מורא געהאַט. ווען דער דייטש מיט דעם אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער האָט אים פלוצלינג אַ זעץ געגעבן איבערן פּנים מיט זיין שווערע לאַפּע, האָט ער אים פאַרטויבט ווי אַ בהמה פאַר דער שחיטה. דאָ האָט דער דייטש שוין נישט געפירט קיין לעבעדיקן מענטש, כאָטש ער איז נאָך געגאַנגען אויף זיינע פיס. דאָ איז געגאַנגען אָן אויטאָ־מאַט. וויי, וויי, וואָס די דייטשן מאַכן פון אונדז! — האָט זיידע געהאַלטן אין איין איבערחזרן — וויי, וויי!״

באַלד נאָך דער עקזעקוציע האָט הערצבערג פאַראָרדנט צו באַשטראָפן זיידען מיט קאַרצער פאַר נישט וועלן „אַרבעטן״ (ס׳הייסט העלפן בויען די תליה). די פּאָליציי האָט זיידען מיט געוואַלד אַריינ־געוואָרפן אין קאַרצער אַריין. דאָס איז געווען אַ געמויערטער קאַסטן פון אַכציק צענטימעטער די הויך, זעכציק די לענג און פערציק די ברייט. זיידע איז דאָרטן געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. איבער אַ צען מאָל האָט אים דער פּאָליציאַנט אַרויסגעצויגן אַ פאַרחלשטן און אים אָפּגעמינטערט מיט קאַלטע עמערס וואַסער, וואָס ער האָט אויף אים ראַפּטעם אַ כליאַפּ־געטאָן.

שלום הערצבערג האָט פון די דייטשן צו זיין רשות באַקומען אַ שיין פערד מיט אַ שיינער דראָשקע און אַ באַלעגאָלע.

שלום הערצבערג איז געווען אַ הויכער, אַ ברייטביינִיקער, אַן

אויסגעפּרעסענער. ער האָט געהאַט אַ רויט גזלניש פּרצוף, אַ ברייטן, רויטן קאַרק. ער האָט געטראָגן אַ ציווילן אַנצוג פון מיליטערישן פאַסאָן. באַהאָנגען מיט „גאָלדענע“ עפּאָלעטן, מיט „גאָלדענע“ בענד־לעך און מיט אַ צוויי צענדליק „גאָלדענע“ מעדאַלן. דאָס זיינען געווען אויסצייכענונגען פון די דייטשן פאַר זיינע פאַרדינסטן. ער האָט געטראָגן אַ תּפֿיסה־פּאָליצייאיש היטל, מיט דריי „גאָלדענע“ קראַפּ־קעס פון פאָרנט און מיט אַ ברייט „גאָלדן“ בענדל אויף דער פרענטע און מיט אַ ברייטער, געפלאָכטענער „גאָלדענער“ שנור, פאָרנט אַרום דעם דאַשעק; הערצבערג האָט אויך געטראָגן גלאַנציקע אָפיצירן־שטיוול. דער טעאַטראַלער קאָסטיום האָט אַרויסגערופן באַציִונג און אָנגעוואָרפן אַ מורא. שלום הערצבערג איז געפאָרן איבער די געטאָ־גאַסן מיט אַזאַ קוראַזש, אַז מען האָט אַזש געהערט דאָס קלינגען פון זיינע מעדאַלן. ער האָט אויסגעזען קעגן די געטאָ־יידן ווי אַ דעמב צווישן פאַרטרוקנטע „באַדעלעס“*). אַלע האָבן אים באַגלייט מיט קללות.

בעת די ערשטע און גרויסע אויסזידלונגען (אַרויסשיקונגען) איז הערצבערג אויך געזעסן אין דער אויסזידלונגס־קאָמיסיע, ווען ער האָט געוווסט, אַז וועלכער ס'איז ייד האָט גאָלד, בריליאַנטן, וואַלוטע, האָט ער אים געשטעלט אויף דער ליסטע אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ. אַזוי ווי דער ייד האָט באַקומען די „חתונה־קאַרט“ (אַן איינלאַדונג אַרויסצופאָרן פון געטאָ), איז ער גלייך געלאָפן צו הערצבערגן מיט זיין אויסבאַהאַלטענעם פאַרמעגן. הערצ־בערג האָט אים העפלעך אויפגענומען, צוגענומען די מתּנה און דעם ייד מיט זיין משפּחה „באַפרייט“. דער ייד איז אַהיימגעגאַנגען אַ צופרידענער, וואָס עס איז אים געלונגען זיך אויסצוקויפן פון טויט. אָבער הערצבערג האָט נישט געוואָלט, אַז אין געטאָ זאָלן זיך געפינען יידן וואָס וויסן זיינע מעשים... מאַלע וואָס עס קען זיך אַמאָל מאַכן... אַ האַלבע שעה איידער דער נאָענטסטער טראַנספּאָרט איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער די דאָזיקע משפּחות פאַרלאַדנט אין די וואַגאָ־נען און מיטגעשיקט.

הערצבערג האָט געוווינט קייזערלעך. ער, זיין ווייב און קינדער זיינען געגאַנגען אין בגדי מלכות און אין זיין הויז איז געווען פון כל־טוב.

אַז די געשטאַפּאָ האָט פאַרקויפט פון געטאָ אַ טראַנספּאָרט קרעפטיקע יידן און די אונטערנעמער האָבן שוין פון זיי געהאַט אויסגעקוועטשט אַלע כּוחות (די יידן האָבן די דייטשן גענומען אין

*) באַדעלעס: אויסגעטריקנטע צווייגעלעך מיט בלעטער פון קאַרטאָפל.

ציגעלניעס אָדער צו שניידן טאָרף פון די זומפּן. זיי האָבן באַקומען מער געשלאָגן ווי עסן) און עס איז פון זיי געוואָרן „קלאַפּסעדרעס" (טויט-שאַרבנס), האָט מען די קרבנות אַריינגעשיקט אויף „טשאַר־ניעצקיעגאָ" און פון דאָרטן אין קרעמאַטאָריע. כמעט אַלע אַרויס־געשיקטע יידן האָבן אָנגעטראָטן אויף „טשאַרניעצקיעגאָ"; און אויף די וואַגאָנען פון די טראַנספּאָרטן האָבן די דייטשן אויפגעשריבן „יודען פאַרברעכער". ווער עס האָט נאָר איבערגעטראָטן דאָס טויער פון „טשאַרניעצקיעגאָ", דעם האָט מען אַרויסגעשיקט אַלס פאַר־ברעכער צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה און מיט אַלע די, וואָס האָבן פיגורירט אין „פאַמיליע-ביכל". אויסער דער ברויט-קאַרט און די שפּייז-קאַרט, זיינען אויך געווען „פאַמיליע-ביכלעך". אויף די פאַמיליע-ביכלעך האָט מען אָפּגענומען אַ ביסל גרינצייג. אַמאָל אַ ביסל קוילן-מיאַל. אָדער אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. אַז אין איין צימער האָבן געוווינט עטלעכע פאַמיליעס, האָט מען זיי געגעבן איין פאַ־מיליע-ביכל. יעדער באַזונדער האָט נישט באַדאַרפט שטיין אין די רייען — איינער האָט אָפּגענומען די צוטיילונג און מען האָט זיך צעטיילט. בכדי נישט צו דאַרפן שטיין אין דער ריי, האָבן גאַנצע הייזער מיט שכנים אַרויסגענומען נאָר איין פאַמיליע-ביכל. אָבער פון דעם גליק איז באַלד אַרויסגעקומען אַן אומגליק: מען האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ראַציעס, אָבער נאָר איין פּאַרציע אויף אַ פאַמיליע-ביכל. אַזוי אַרום האָבן עטלעכע משפחות צוזאַמען נאָר באַקומען אַזוי פיל ווי איין פּערזאָן, וואָס האָט געהאַט אַ פאַמיליע־ביכל. און מען האָט אויך אַרויסגעשיקט פון געטאָ אומצוברענגען אויף פאַמיליע-ביכלעך.

דער חבר זיידע האָט זיך געוויצלט: „מען וועט נאָך הענגען אויף „פאַמיליע ביכלעך. דער וואָס איז געזעסן אויף „טשאַרניעצ־קיעגאָ", אָדער ער איז געווען פאַרצייכנט ביי דער פּאָליציי, דעם האָט מען אַרויסגעשיקט פון געטאָ אומצוברענגען און צוזאַמען מיט אים די אַלע, וואָס האָבן פיגורירט אין דעם זעלבן פאַמיליע-ביכל. אַצינד האָט דעם חבר זיידען געדראָט אַרויסגעשיקט צו ווערן צו־זאַמען מיט זיין גאַנצער משפחה און עטלעכע שכנים, וואָס האָבן פיגורירט אויף איין פאַמיליע ביכל. זיידע איז אויך באַדראָט געווען אַרויסגעשיקט צו ווערן אוים נקמה פון הערצבערגן צוליב זיין חבר שמערקע בוצאַק, וועמען זיידע האָט געשטערט אויסצונוצן די הונ־געריקע מאַסע פאַר זיינע אייגענע נוצן, און אויך אַלס בונטאַוו־שטשיק קעגן „קייסער" און זיין מלוכה. ער איז געווען אַ פּאָליטי־שער פאַרברעכער, אָבער אַלץ איז געווען געווענדט אָן הערצבערגן. און דאָ האָט נישט ווילנדיק זיידען אָפּגעראַטעוועט דער צווייטער

אונטערוועלט יונג, דוד אַגרוד, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער „קרי־פאָ״. פונקט ווי הערצבערג מיט זיין פּאָליציי האָט דוד אַגרוד אויך מיט זיין פּאָליציי אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין יידישע שטובן און צוגענומען וואָס ער האָט געפונען פאַר דער „קריפּאָ״. אָבער הערצבערג האָט געמאַכט חצי שלי וחצי שלך און דוד אַגרוד האָט נאָר געזוכט צו כאַפּן הערצבערגן ביי אַן עבירה, כדי אים צו באַגראָבן. אָבער פריער מוז מען דערציילן וואָס עס איז געווען די „קריפּאָ״, וועמען דוד אַגרוד האָט געדינט.

די „קריפּא״

עטלעכע חדשים נאָך זיידעס אַרעסט האָט די „קריפּא״ (קרי־מינאַל־פּאָליציי) אַרעסטירט בלושטיינען, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט באַהאַלטן סחורה. ער איז דאָך עפּעס געווען משטיינס געזאָגט אַ סוחר; און מען האָט אים אויך באַשולדיקט, אַז ער ווייס ווו אַנדערע יידן האָבן באַהאַלטן סחורה, וואַלוטע און צירונג. דאָ האָט געשטעקט די האַנט פון אַגרודס באַנדע מוסרים.

די „קריפּאָ״ האָט זיך געפונען אין מיטן געטאָ, אין גלחים־הויז, ביי דער אַלטשטאָטישער קירך. יידן האָבן די „קריפּאָ״ גערופן „ס׳רויטע הויז״, ווייל די דייטשן האָבן דאָס ציגל־געמויערטע הויז און די ציגל־געמויערטע ווענט, געלאָזט אָפּמאָלן אויף בלוט־רויט. יידן האָבן אויך דאָס הויז אָנגערופן „ס׳שעכט הויז״. פרילינג און זומער האָבן דורך די שוואַרצע לאָקירטע שטאַנגען, אַרויסגעבליט בעז־ביימער און בלומען פון דעם גאָר גרויסן גאָרטן. ס׳זיינען גע־וואַקסן פירות און גרינצייג. דעם גאָרטן האָבן יידן געמוזט באַאַרבעטן.

אין דער „קריפּאָ״ אין געטאָ האָבן געאַרבעט פיר דייטשן, וואָס האָבן געקענט יידיש און העברעיש. דער גאַנצער ראש איז געווען אַ קריפּל, אַ נידעריקער. דריי זיינען געווען הויכע, ברייטע, ווי ריזן מיט מערדערישע און אויסגעפרעסענע פּרצופים. זיי האָבן געטראָגן טונקל־בלויע קאָמבינעזן, מיט גרויסע עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלעך אויף די ברוסטן, און לאַנגע, דיקע שטעקנס אין די הענט. ווען די „קריפּאָווצעס״ זיינען געגאַנגען איבער די געטאָ־גאַסן, האָבן צוויי זיך געמאַכט אַ וועג אויף דעם אופן: אַראָפּיאָגנדיק די יידן פון די טראָטוארן — שלאָגנדיק מיט די שטעקנס איבער די קעפּ — און איינער האָט יעדע פאַר מינוט אָנגעכאַפּט צי צוויי יידן ביי די קעפּ און ער האָט אַזוי לאַנג געהאַקט איין קאָפּ אין צווייטן, ביז בלוט האָט זיך געגאָסן. די דריי זיינען מיינסטנס געפאָרן אויף אַ ברישקע; מיטן פערד האָט אָנגעטריבן אַ יידישער אונטערוועלט־

יונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין יידישע צורה. זיי, די „קריפּאָווּ־צעס”, האָבן דאָס דורכגעפירט די רעוויזיע ביי בלושטיינען.

אין מיטן העלן טאָג, איז די „קריפּאָ” צוגעפאָרן צו בלושטיינען. דער באַלעגאָלע איז געבליבן אויף דער בריטשקע, און די „קריפּאָווּ־צעס” האָבן זיך אַריינגעריסן צו בלושטיינען מיט אויפגעהויבענע שטעקנס און גענומען שלאָגן בלושטיינען מיטן ווייב. נאָך עטלעכע פעסטע קלעפּ האָט דער עלטסטער געזאָגט אין אַ ריינעם יידיש:

„דו ביסט אַ סוחר! ווו האָסטו באַהאַלטן די סחורה?!”

„איך האָב נישט קיין שום סחורה”, — האָט בלושטיין מיט אַ בעטנדיק קול געענטפערט.

„איך מיין אין שטאָט, ווו האָסטו באַהאַלטן?!” — האָט אים דער „קריפּאָוויעץ” געפאָרשט.

„איך האָב אַלצדינג איבערגעלאָזט אין מיטן דער שטוב, ווו איך האָב געוווינט. איך האָב גאָרנישט באַהאַלטן”, — האָט בלושטיין אויפריכטיק דערציילט.

„ביי מיר וועסטו שוין זאָגן דעם אמת! — האָט ער בלושטיינען געסטראַשעט — און וואָס האָסטו באַהאַלטן דאָ אין שטוב?!”

„גאָרנישט, איך פאַרמאָג גאָרנישט”.

„הם, איך וועל שוין זען!”

די „קריפּאָווּצעס” האָבן געזוכט אין יעדן ווינקל, דורכגעוואָרפן און דורכגענישטערט יעדע זאַך — און זיי האָבן גאָרנישט געפונען.

„ווו האָסטו דאָס גאָלד, די בריליאַנטן, ס'זילבער און די וואַלוטע? ווו האָסטו דאָס אַלץ פאַרשטעקט?!” — האָט דער עלטסטער גע־שריגן, דראָענדיק מיטן שטעקן.

„איך האָב גאָרנישט, איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געהאַט. איך בין פון מיין געבוירן אָן אָרעם און שטענדיק געווען אַן אָרעמאַן”.

„יודען זיינען נישט אָרעם. אַלע יידן האָבן גאָלד, בריליאַנטן, אויסלענדישע וואַליוטע! ביי מיר וועסטו אַלצדינג אָפּגעבן, נישט באַשווינדלען די דייטשע באַהערדען! דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט? מיט „קריפּאָ”! דו ווייסט וואָס „קריפּאָ” איז? — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ פריינטלעכן טאָן.

די „קריפּאָווּצעס” האָבן אָפּגעווויגן דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז געלעגן אין דער וואַליזע און זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז עס שטימט לויט רומקאָווסקיס „ראַציע”. נאָך דעם האָבן זיי בלושטיינען ווייטער געשלאָגן.

„פריער האָב איך דיר באַצאָלט — האָט דער עלטסטער געזאָגט — ווייל כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל עפּעס ביי דיר געפינען און אַצינד באַצאָל איך דיר, ווייל איך האָב אומזיסט געאַרבעט”.

איידער זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ צעטל, אַז בלושטיין זאָל איבערמאָרגן זעקס פאַרנאַכט, אַליין קומען אין „קריפּאָ" אַריין, מיטברענגענדיק אַלצדינג וואָס ער האָט באַהאַלטן און ער זאָל זאָגן ווו און וועלכע יידן האָבן באַהאַלטן ווערט-זאַכן.

„אַ גוטן טאָג. צום ווידערזען אין „קריפּאָ"! האָט דער עלטסטער זיך געזעגנט מיט אַ סאַדיסטיש שמייכעלע.

וואָס בלושטיין און זיין ווייב שרהלע האָבן איבערגעלעבט דורך די צוויי טעג און צוויי נעכט איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. עס איז גענוג צו וויסן: יעדער ייד האָט קלאָר געוווסט, אַז דאָס „רויטע-הויז" איז אַ שעכט-הויז פאַר די יידן, וואָס פאַלן דאָרטן אַריין.

איידער בלושטיין איז געגאַנגען אין דער „קריפּאָ", האָט ער זיך מיט שרהלען געזעגנט אויף אַזאַן אופן, ווי ער וואָלט געגאַנגען צום טויט. ביידע האָבן געוויינט. זיידעס ווייב האָט זיי געטרייסט, אַז מען וועט אים גאָרנישט טאָן, אַז ער וועט באַלד אַהיימקומען אַ גאַנצער; און אַז זיידע זיצט שוין אַ פּאָר חדשים — פון דעסטוועגן האָט זי חלילה נישט פאַרלוירן די האָפענונג — ער וועט מיט גאָטס הילף בשלום אַהיימקומען. ביידע האָבן בלושטיינען אַרויסבאַגלייט. אַלע דריי זיינען געגאַנגען אין אַ טיפן שטילשווייגן. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער „קריפּאָ" האָט בלושטיין די ווייבער ווייטער נישט געלאָזט מיטגיין: „גענוג, גייט־צו געזונטערהייט, איך האָב זיי אין דר'ערד! איך וועל זיי איבערלעבן!" האָט ער צו זיי געזאָגט אין אַן איבערצייגנדיקן טאָן. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דריקן די הענט און מיט קושן. די צוויי ווייבער זיינען שטיין געבליבן, בלושטיין איז אַוועק כלומרשט ענערגיש. די ווייבער האָבן אים פון אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, ער'ט געהאַלטן אין איין אויסדרייען דעם קאָפּ צו זיי. זיי האָבן צו אים געפּאָכעט מיט די הענט און ער האָט צוריקגעענטפערט, ביז ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין דער גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די „קריפּאָ".

* * *

נאָך דעם ווי אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט פון בלושטיינען צו-גענומען דעם לייוונטענעם רימען פון די הויזן (קיין לעדערנעם רימען האָט קיין ייד נישט געטאָרט טראָגן.) מיט די בענדלעך פון די שיך און אים אויסגעליידיקט די קעשענעס, האָט ער אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל, און עס איז אַריינגעקומען אַ צווייטער יידי-שער פּאָליציאַנט, מיט דעם פּאַסיקל פון היטל אַריבערגעלאָזט איבער דעם גאָמבע — אַ צייכן אַז ער האָט „סלוזשבע". מיט דער לינקער האַנט האָט ער ווילעריש געקלונגען מיט אַ בינטל שליסלען און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער בלושטיינען

אנגענומען ביים קאָלנער: „נו, קום אין „גן־עדן" אריין". האָט ער זיך געוויצלט. בלושטיין האָט זיך אים איינגאַנצן אונטער־געגעבן. יענער האָט אים אַראָפּגעפירט אין קעלער אריין, האָט אויפגעשלאָסן אַ שווערע אייזערנע טיר און ער האָט אים אריינ־געלאָזט אין קאַמער אריין. בלושטיינען האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַ געדיכטע פאַר'עיפּוש'טע לופט. די טיר איז צוגעמאַכט געוואָרן מיט אַ טראַסק און עס האָט זיך געהערט דאָס צושליסן, דאָס ארויס־ציען דעם שליסל און דאָס אָוועקשפּאַנען פון דעם שליסער. בלו־שטיין האָט פאַר זיך געזען אַ גרויסע, פינצטערע קאַמער, אויבן נעבן סופיט — אַ קליין פענצטערל, אָן שויבן, מיט אייזערנע קראַטן אין דער לענג און ברייט, וואָס איז אינדרויסן פאַרהאַנגען מיט אַ שיף־בלעכן ווענטל. דאָ אַ נאָך איז אריינגעקומען די טאָג־ליכט און אַ ביסל לופט.

דריי רייען צי פיר פּריטשעס זיינען געשטאַנען איינער אויף דער צווייטער; אויף יעדער פּריטשע איז געלעגן אַ צעשלאָגענער ייד און געקרעכצט. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ מעטאַלענער עמער, וואָס האָט געדינט פאַר אַ בית־הכסא. די עיפּושדיקע לופט האָט געשטיקט. בלושטיין האָט זיך צעהוסט און געטראַכט: זיי באַדאַרפן מיך נישט דערהרגענען — די לופט אליין וועט מיך דאָ דערהרגענען. איידער בלושטיין האָט זיך ריכטיק אומגעקוקט, האָט מען אים פון די פּריטשעס קרעכצנדיק געפרעגט: „אַ נייער? אַ פרישער? וואָס הערט מען? ווען ענדיקט זיך די מלחמה?"

„ס'איז גוט! — האָט בלושטיין געענטפערט — „ער" איז שוין ניין איילן אין דער אדמה! „ער" האָט שוין נישט מיט וואָס צו „פייפן!" זאָגט מיר, יידן, ווי האַלט עס דאָ מיט עסן?" האָט ער אַ פרעג געטאָן.

„מיט עסן? נישקשה — האָט אַן עלטערער ייד געענטפערט — בעסער, ווי ביי רומקאָווסקין. זיי גיבן דאָ מער ברויט און צוויי געדאַכטע זופּן"...

„נאָר די „צולאַגע" טויג נישט — האָט אַ צווייטער זיך אריינ־געמישט — זיי שניידן צו צופיל פלייש, איר וועט באַלד פאַרזוכן, וועט איר זיך אליין איבערצייגן".

פון דעם טרויעריקן וויץ האָט בלושטיינען באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. עס איז אַ ביסעלע ליכטיקער געוואָרן, ווייל פון סופיט האָט אַצינד אַראָפּגעלויכטן אַן עלעקטריש לעמפּל פון אונטער אַן אייזער־נער שאָטקע. איינער דעם צווייטן האָט געקענט זען. די יידן האָבן בלושטיינען געגעבן „שלום־עליכם". מען האָט אים געפרעגט ווי ער הייסט, וווּ ער וווינט, וווּ האָט ער געוווינט פאַר דער מלחמה, וואָס

טוט ער, פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט, צי האָט ער אַ ווייב, משפּחה? בלושטיין האָט אַלץ דערציילט. עס האָבן זיך דערהערט טריט אין קאָרידאָר. אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אַ קעלט איז דורך דורך זייערע גופים. עס האָט זיך געהערט אויפשליסן די טיר. יעדנס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. באַלד האָט מען די טיר געעפנט און צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אויף אַ פעלד-בעטל אַריינגעבראַכט אַ צעהרגעטן, פאַרחלשטן יידן. אַזוי האָט זיך דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. בלושטיין האָט געזען, וואָס אים דערוואַרט. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם ייד וואָס מען האָט דעם לעצטן אַראָפּגעבראַכט און ער האָט צו אים געזאָגט: „איך בין אייך שוין מקנא, איר זענט שוין, געלויבט צו גאָט, איבערגעקומען דעם פאַרהער". דער צעהר־געטער האָט אים פון שוואַכקייט נישט געקענט ענטפערן. ער האָט נאָר אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן, נאָר דער ייד, וואָס האָט זיך פריער געוויצלט, האָט אים געענטפערט: „איר זעט? דאָס איז דאָס „צולאָג"-פלייש, וואָס זיי שניידן צו צו דער גרעסערער פּאַרציע ברויט און די צוויי זופּן, וואָס זיינען אַזוי געדיכט, אַז מען שטעקט אַריין דעם לעפל בלייבט ער שטיין."

בלושטיין האָט זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף, ער האָט גע־טראַכט וועגן זיין ווייב. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי שרהלע זיצט אַצינד אין דער פינצטער און זי וויינט, זיך גופא האָט ער געזען ווי ער ליגט שוין אַ דערהרגעטער. „כ'וויים, זיי וועלן מיך באַלד דער־הרגענען!" — האָט עס פון אים פּלוצלונג אַרויסגעשריגן.

„ניין, גוטער ברודער! — האָט אים אַ ייד געטרייסט — איר האָט גאָרנישט, וואָס מורא צו האָבן, זיי דערהרגענען קיינמאָל קיינעם נישט ביים ערשטן פאַרהער, און אַפילו נישט ביים דריטן פאַרהער. אַזוי אַז איר קענט גאַנץ רויק זיין און גאָרנישט זאָרגן". ער האָט דאָס געזאָגט גאַנץ תמימותדיק. בלושטיינען האָבן די ווער־טער געשניטן ווי חלפים.

אין מיטן דער נאַכט, ווען מען האָט שוין געהאַט צוריקגע־ברענגט דעם זעקסטן צעהרגעטן, האָט אַ יידישער פּאָליציאַנט אַרויסגערופן בלושטיינען און ער האָט אים אַרויפגעפירט צו פאַר־הערן. אויפן צווייטן שטאָק, וווּ די פענצטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין — צו דעם פירער פון דער „קריפּאָ" אין לאָדזשער געטאָ, סוטער.

סוטער איז געווען אַ פאָלקס-דייטש פון לאָדזש. כל ימיו האָט ער געלעבט פון יידן און מיט יידן. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט יידן, מען האָט זיך ממש געגעסן פון די פיסקלעך. ער האָט געקענט דאָס יידישע שטייגער לעבן, ער האָט גערעדט אַ לאָדזשער יידיש

און העברעיש. סוטער איז געווען א נידעריקער, ער האט געהאט א הויקער פון פארנט און פון הינטן, א פרצוף פון א שימפאנזע, גרינע קעצישע אויגן און קורצע הענט, באוואקסן מיט ברוינע האר. ער האט אויסגעזען ווי א געמיש פון א מאלפע, טיגער און מענטש. צוליב זיין אויסזען איז ער פארביטערט געווען. אז אין זיינע הענט איז ארייגעפאלן א ייד, האט ער זיך מיט אים געשפילט אזוי ווי א טיגער ווען ער כאפט א פויגל: ס׳ערשטע רייסט ער אים אויס די פליגל־פעדערן, דערנאך לאזט ער אים ארויס. דער פויגל לויפט א פאר טריט — כאפט ער אים ווידער, רייסט אים אויס נאך א פאר פעדערן און לאזט אים ווידער ארויס. אויף אזאן אופן שפילט ער זיך מיט דעם פויגל א צייט, ביז ער פארפייניקט אים צום טויט.

ווען מען האט בלושטיינען אריינגעברענגט איז סוטער געזעסן הינטערן טיש, אויף א העכערער שטול, וואס איז געווען ספעציעל געמאכט פאר אים: „א, א, שלום עליכם, ר׳ שמחה! — האט אים סוטער באגריסט מיט א חסידישער תנועה. — זעצט אייך — האט ער אים אנגעוויזן אויף א געבעטער שטול — מאכט אייך באקוועם. פיל דיך ווי ביי דיר אינדערהיים״, — איז ער איבערגעגאנגען אויף דו.

בלושטיין האט זיך נישט גערירט פון ארט, ער האט אינגאנצן געציטערט, עס האט אים געקלאפט א צאן אין א צאן, אז סוטער האט אזש געהערט. אזוי ווי סוטער האט דאס געזען איז ער גלייך אריבערגעגאנגען אויף א צווייט לשון: „דו ווייסט ווער איך בין? איך האב דעם כבוד פאר דיר זיך פארצושטעלן: איך בין דער באוווסטער סוטער! — האט ער אויסגעצויגן דעם נאמען, — אצינד ווייסטו שוין מיט וועמען דו האסט דעם כבוד צו רעדן. הער זשע מיך אויס, נאר מיט קאפ: ביי מיר וועסטו זיך נישט ארויסדרייען,ביים דייטש וועסטו שוין נישט קלוג ווערן, ביי רומקאווסקין וועסטו זיך נישט זאט אנעסן, און די מלחמה וועסטו סיי ווי נישט איבער־לעבן. איך רעד צו דיר ווי א ברודער. איז פאלג מיך: גיב אהער דיין פעקל, און גיי דיר אהיים לחיים טובים ולשלום״. בעתן רעדן האט ער בלושטיינען די גאנצע צייט געקוקט אין די אויגן אריין, צו זען וואס פארא ווירקונג זיינע רייד מאכן אויף אים.

סוטערס געמיטלעך רעדן און צביעותדיקן טאן, ווי צו אן איי־גענעם, האט בלושטיינען א ביסעלע בארויקט, און ער האט אים מיט הארץ געענטפערט: „איך פארמאג גארנישט. איך בין פון מיין געבוירן אן א קבצן. מיינע עלטערן זיינען געווען ארעם. כ׳בין צו זעקס יאר געבליבן א קיילעכדיקער יתום. מיין גאנץ לעבן האב איך אפגעלעבט אין נויט. אלץ וואס איך האב פארמאגט, האב איך

איבערגעלאָזט גאַנץ אָפּן אין מיטן דער שטוב, ווו איך האָב גע־וווינט אין דער שטאָט, ווען כ'בין געלאָפן אין געטאָ אַריין. איך האָב גאָרנישט געהאַט צו באַהאַלטן. וואָס איז שייך אַנדערע יידן האָב איך נישט געהאַט קיין רייכע באַקאַנטע און איך ווייס גאָרנישט פון דעם".

„הער וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך בין גרעסער פאַר משה רבינו: משה רבינו האָט געשלאָגן מיטן שטעקן אויף אַ שטיין איז אַרויס וואַסער; איך שלאָג מיט אַ שטעקן אויף אַ תחת — און ס'גייט אַרויס גאָלד און בריליאַנטן. דו וועסט זיך שוין מודה זיין ווו דו און דיינע באַקאַנטע האָבן פאַרשטעקט דאָס פאַרמעגן".

סוטער האָט אַ דריק געגעבן אַ קנעפּל אין אַ זייט פון טיש, און באַלד זיינען אַריינגעקומען די דריי „קריפּאָוצעס" אין די טונקל־בלויען אָוועראָלס, מיט גרויסע עלעקטרישע טאַשן־לעמפּלען אויף די ברוסטן, מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, און מיט די לאַנגע, דיקע שטעקנס אין די הענט — גרייט צו דער „אַרבעט".

סוטער האָט בלושטיינען געהייסן זיך אויסציען אויפן דיוואַן מיטן פּנים אַראָפּ. בלושטיין האָט אַזוי געטאָן. איין „קריפּאָוועץ" האָט אים פעסט אָנגעצויגן די הויזן. סוטער האָט בלושטיינען גע־הייסן אַריינגעמען דריי פינגער אין מויל אַריין; און ווען מען וועט אים שלאָגן, האָט ער אים געלערנט, זאָל ער וואָס שטאַרקער בייסן די פינגער. און ער האָט אים געוואָרנט: אויב ער וועט שרייען וועט ער קריגן צען מאָל מער.

אויפן הויף האָט שוין געררוישט דער עלעקטרישער מאָטאָר פון דער פּלומפּ. סוטער האָט אַ זאָג געטאָן: „אַרבעטן!" און אַלע דריי „קריפּאָוצעס" האָבן געשלאָגן מיט די שטעקנס. צוויי אין געזעס מיט אַ טאַקט, אַזוי ווי צוויי שמידן אין הייסן אייזן, און דער דריטער אין דער רעשט קערפּער, ווי ער האָט נאָר געקענט. בלושטיין האָט געביסן די פינגער, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין איין אויסגעשריי. פּלוצלונג האָט אים אָנ־געהויבן צו רוישן אין קאָפּ, ס'איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן — ער האָט מער גאָרנישט געפילט. און די שטעקנס האָבן אים געדרעשט ווי זאַנגען. סוטער האָט געזען, אַז זיין קרבן איז עפּעס צו שטיל. ער האָט זיך אין אים איינגעקוקט און געזאָגט: „ער חלשט". מען האָט אויף בלושטיינס פּנים אַ כליאָפּ געטאָן אַ קאַלטן עמער וואַסער — און ער האָט אויפגעעפנט די אויגן. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע ביז ער האָט זיך דערמאָנט ווו ער געפינט זיך. סוטער האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן, געקוקט אים אין די אויגן אַריין: „איז נישט בעסער זאָלסט זאָגן, ווו עס ליגן די

פעקלעך ? — האָט ער אים געפרעגט — און דו וואָלסט אונדז פאַרשפּאָרט אַן אַרבעט". בלושטיין האָט דערזען אויגן פון אַן אויפגע־רייצטן טיגער און אַ טיגערישער פּיסק, וואָס וויל אים שלינגען. ביי יעדן וואָרט, וואָס סוטער האָט אַרויסגערעדט האָט זיך בלושטיינען געדאַכט, אַז דאָס איז אַ ווילד געברום פון אַ אויסגעהונגערטן טיגער, וואָס וויל אים פאַרצוקן. „נו, וועסט אויסזאָגן, פאַרפלוכטער יודע ? ! האאאַ ?" האָט ער געשפּיזט מיט די שליפיעס אין בלושטיינס אויגן.

„איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן" — האָט בלושטיין קוים אַרויסגעקרעכצט.

מען האָט בלושטיינען דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער, ער האָט אויסגעטרונקען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט סוטער אַ זאָג געטאָן: „נו, ווייטער אַרבעטן !" און אַלע דריי האָבן ווייטער געשלאָגן. פּלוצ־לונג האָט פון בלושטיינס קאָפּ אָנגעהויבן שפּריצן בלוט, אַזש ביז אויפן סופיט.

„וואָס האָסטו פאַרדרעקיקט דעם סופיט, דרעקישער יודע ! ?" האָט סוטער געצאָרנט, און ער איז געשפּרונגען אויף בלושטיינען: אויפן קאָפּ, אויפן פּנים און איבערן גאַנצן קערפּער. דאָס בלוט האָט געשפּריצט אין אַ דיניטשקן בויגן ; און סוטער האָט געהאַלטן אין איין שרייען : „פאַרוואָס פאַרדרעקיקסטו דעם סופיט ! ?" איין „קרי־פּאָוויעץ" האָט אויף בלושטיינס קאָפּ אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק. סוטער איז פון בלושטיינען אַראָפּגעשפּרונגען, געגעבן אַ צייכן מיט די הענט — און די דריי האָבן ווייטער געשלאָגן מיט זייער איינגע־שטעלטער טאַקטיק. „דאָס באַקומסטו פאַר איינדרעקיקן דעם ווייסן סופיט. פאַר נישט זאָגן דעם אמת וועסטו באַזונדער קריגן". די „קריפּאָוועצעס" האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז ער האָט נאָכ־אַמאָל געחלשט און זיי האָבן אים אָפּגעמינטערט מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. סוטער האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל אין דער וואַנט און עס זיינען אַריינגעקומען צוויי יידישע פּאָליציאַנטן מיט אַ פעלד־בעטל. זיי האָבן בלושטיינען, אַ קרעכצנדיקן, אַראָפּגעטראָגן אין קאַמער אַריין. בלושטיינס גוף איז צעשניטן געווען ווי מיט מעסערס. צוויי יידן האָבן אָפּגעריסן שטיקלעך פון זיין העמד, איינ־געטונקען אין קאַלטן וואַסער און אַרומגעוואַשן ס'בלוט. זיין אייגענע השתנה האָבן זיי אים צוגעלייגט צו די אָפענע ווונדן. בלושטיין האָט זיך פריער אַ ביסל געקרומט, אָבער מען האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז די איין און איינציקע רפואה, וואָס מען קען דאָ האָבן, און אַז מיט דעם שטעלט מען אָפּ ס'בלוט, און אַז דאָס היילט ; אַלע היילן זיך דאָ די ווונדן מיט זייערע אייגענער השתנה„. ס'בלוט פון קאָפּ האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט, נאָר פון מויל און נאָז איז שווער

געווען אָפּצושטעלן. בלושטיין האָט געקרעכצט און געטראַכט וועגן זיין ווייב שרהלע.

אַ פריש געקומענער ייד איז צו אים צוגעגאַנגען אַ ביסל אים צו טרייסטן און אַ ביסל אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן: „רב ייד — האָט ער צו אים געזאָגט — נעמט אייך נישט צום האַרצן. גאָט צו דאַנקן, איר זענט שוין איבערגעקומען; איך בין אייך מקנא; איר זענט שוין אָפּגעקומען דאָס, וואָס איך דאַרף ערשט דורכגיין".

בלושטיין איז נישט בכוח געווען אים אַ וואָרט צו ענטפערן. ער האָט געטראַכט: „ווען ער איז דאָ אַריינגעקומען און ער האָט געזען דעם ערשטן צוריקגעבראַנגטן קרבן, איז ער צו אים אויך צוגעגאַנגען מיט די זעלבע ווערטער. אָבער, בין איך שוין דען זייערע פּטור? דאָס איז דאָך ערשט דער אָנהויב". בלושטיינס קערכצן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצן פון די אַנדערע צעשלאָגענע. עט־לעכע אַרעסטאַנטן זיינען געשלאָפן, און דער פריש־געקומענער האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ: ווי ער האָט נאָר געהערט אַ טריט אין קאָרידאָר אָדער אַ קלונג פון די שליסלען, האָט ער אָן אויפגע־ציטערטער אַ קוק געטאָן צו דער טיר צי מען קומט נישט נאָך אים. און אויף בלושטיינען האָט ער געהאַלטן אָן אויג צי ער אָטעמט נאָך.

* * *

די געשטאַפּאָ האָט געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע יידישע האָב און גוטס זאָל צו איר אַריינפאַלן; און די „קריפּאָ" האָט אויך געוואָלט דאָס זעלבע; נישט איינמאָל האָט איינער דעם צווייטן אונטער־געשטעלט אַ פיסל. למשל: די געשטאַפּאָ האָט פּלוצלינג אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען פון די בעטן אַלע יידישע מוסרים, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער קריפּאָ — און ביז די קריפּאָ האָט זיך דערוווסט פון דעם, זיינען שוין די מוסרים געווען ערגעץ אין אַ גאַז־קאַמער. פאַר דעם האָט די קריפּאָ נקמה גענומען אין דער געשטאַפּאָ: זי האָט איר צוריקגעצאָלט מיט דעם זעלבן. איין גרופּע מוסרים האָט דער צווייטער אונטערגעשטעלט אַ פיסל. יאָ: אַזוי ווי דוד אָגרוד איז געווען אַ גאַנצער מאַכער ביי דער קריפּאָ, און זיין קאָנקורענט איז געווען שלום הערצבערג, דער נאַטשאַלניק פון „טשאַרניעצקיעגאָ" און מאַכער ביי דער געשטאַפּאָ. איז אין מיטן דער גרויסער „אויסזידלונג" ווו מען האָט אַרויסגעשיקט צענדליקער טויזנטער יידן קיין כעלמנע אומצוברענגען, ווו הערצבערג האָט אויך געוואָלט אַרויסשיקן דעם חבר זיידען, האָט אָבער אין זיידעס „פאַמיליען־ביכל" פיגורירט אַ שכן, וואָס איז געווען אָגרודס אַ קרוב. האָט ער אָגרודן געבעטן, אַז ער זאָל אים ראַטעווען ס'לעבן. ער האָט אָבער נאָר געקענט אָפּגעראַטעוועט ווערן ווען מען וועט

זיידען נישט אַרויסשיקן. אָבער הערצבערג האָט דווקא געוואָלט נקמה נעמען און זיידען צוליב זיין, קאַלעגע, שמערקע בוצאַק.

„דער איינציקער וואָס קען דיך ראַטעווען, איז הערצבערג", — האָט אים אַגרוד אויפגעקלערט; און ער האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז ער זאָל אים אונטערקויפן מיט צירונג. דער שכן האָט גענומען זיין לעצטן פאַרמעג, זיין ווייבס כלה-מתנה — אַ פּאָר „קעפּ" (בריליאַנטענע אויערינגלעך) און ער איז אַוועק צו הערצבערגן. הערצבערג האָט דאָס צוגענומען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער קען אַהיימגיין און רויק שלאָפן, ווייל אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדענונג. אין צוויי שעה אַרום (דאָס איז געווען אין מיטן טאָג), ווען הערצבערג מיט זיין פרוי און צוויי זין זיינען געזעסן ביי אַ שיין געדעקטן טיש און האָבן הנאה געהאַט פון געשמאַקן און זאַטן מאָלצייט, האָט מען שטיל אויפגעעפנט די טיר און עס האָבן זיך באַוויזן אַלע דריי „קריפּאָווצעס„ אין די טונקל-בלויע אָוועראָלס, מיט די דיקע לאַנגע שטעקנס אין די הענט — און זיי האָבן הערצבערגן מיט דער פרוי און ביידע זין צעהרגעט און צעבלוטיקט. דערנאָך האָבן זיי דורכגעפירט אַ רעוויזיע: זיי האָבן דורכגענישטערט יעדן ווינקל, יעדער זאַך און יעדן מלבוש און גאָרנישט געפונען. צום סוף איז איין „קריפּאָוויעץ" איינגעפאַלן צו זוכן אין די פיס פון טיש, דאָס איז געווען אַ דעמבאָווער טיש, פון די אַמאָליקע שווערע טישן, מיט קיילעכדיקע אויסגעשניצטע דיקע פיס. טאַקע אין די פיס האָבן זיי געפונען עטלעכע קילאָ גאָלד, אַ שפּאָר ביסל בריליאַנטן און אויך ענגלישע פונטן און אַמעריקאַנער דאָלאַרן. די „קריפּאָווצעס" האָבן פון הערצבערגן אַראָפּגעצויגן די אָפּיצערסקע גלאַנציקע שטיוול, זיין מונדיר פון אַ תפיסה-נאַטשאַלניק, מיט די „גאָלדענע" מעדאַלן, עפּאָלעטן און פּאַסיקלעך. זיי האָבן די גאַנצע משפחה אויסגעטאָן נאַקעט, זיי צעמיתטט, און אין הילצענע שיך און אין שמאַטעס האָבן זיי געמוזט גיין דורכן גאַנצן געטאָ אין דער תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ", ווו הערצבערג האָט ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק מיט טעראָר געקיניגט.

גלייך נאָך הערצבערגס מפּלה האָט אַגרוד געפּועלט ביי הערצבערגס פּאַרטרעטער, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען זיידען פון דער ליסטע אַרויסגעשיקט צו ווערן צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס פיגורירן מיט אים אין פאַמיליען-ביכל. איידער עס איז נאַכט געוואָרן האָט מען הערצבערגן מיט זיין משפחה אַרויסגעפירט פון „טשאַרניעצקיעגאָ" צוזאַמען מיט דעם טראַנספּאָרט יידן, וואָס ער, הערצבערג, האָט פריער אונטערגעשריבן אַרויסצושיקן. הערצבערג איז געגאַנגען אין הילצערנע שיך און אין שמאַטעס; און זיין פּאָליציי אין די גרינע

היטלען, וואָס ער האָט געשאַפן, האָבן אים געהיטן און געפירט צו די וואַגאָנען, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף דעם טראַנספּאָרט אָפּגעשיקט צו ווערן קיין כעלמנע צו פאַרגאַזן. דאָס איז געווען דער סוף פון שלום הערצבערגן, וואָס האָט געדינט די דייטשן, געפייניקט זיינע ברידער און געוואָלט רייך ווערן אויף זייער אומגליק.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט די געשטאַפּאָ אויך אַרעסטירט דוד אַגרודן, און ער איז אויף אייביק פאַרשווונדן פון געטאָ.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער חבר זיידע באַפרייט געוואָרן פון „טשאַרניעצקיעגאָ", צוזאַמען מיט נאָך אַרעסטאַנטן. זיידע איז אַהיימגעקומען אַן אויסגעשעפּטער, און איינגעדאַרטער, אָבער ער האָט זיך נאָך געוויצלט אויף זיינע צרות. ווען זיין ווייב האָט אים געפרעגט: „וואָס וועט ווייטער זיין, צי ער וועט שוין קליגער ווערן?" האָט ער איר געענטפערט: „זעסט דאָך, יידענע, אַז איך האָב זיי אין דר'ערד! מיט דעם זעלבן טראַנספּאָרט, וואָס הערצבערג, ימח שמו, האָט מיך מיט דיר און די קינדער געוואָלט אַרויסשיקן, האָט מען אים מיט זיין ווייב און קינדער אַרויסגעשיקט! זאָרג נישט, מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן! און זייערע נעמען וועט מען אייביק דערמאָנען מיט אַ קללה!"

* * *

בלושטיין איז אויך באַפרייט געוואָרן פון די „קריפּאָ". ער איז געלעגן קראַנק. זיידע איז צו אים אַריינגעקומען און זיי האָבן זיך דערציילט זייערע איבערלעבונגען. זיידע האָט געצאַרנט: „אַ שאַנדע! — האָט ער געשריגן — ניין! מען וועט קיינמאָל נישט טאָרן מוחל זיין די, וואָס גיבן איבער די אייגענע ברידער אין די הענט פון דער „קריפּאָ"! „געשטאַפּאָ"! און אַנדערע מחבלים! אונדזערע תנאים האָט מען די צונגען אויסגעשניטן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זייערע ברידער פאַרראַטן! אַמאָליקע זיידעס האָבן זיך די אויגן אויסגעבערענט כדי זיי זאָלן נישט צוזען, ווי מען טוט זייערע ברידער פייניקן! זיי האָבן געטראָגן גאָט אין האַרצן. זיי זיינען דער עמוד-האש אין אונדזער גלות פינצטערער נאַכט! אָבער מיט וואָס באַשיינט זיך אונדזער דור? מיט רומקאָווסקין? מיטן „בייראַט"? מיט די פּאַרטיי-פּאַרפירער? מיט די מיניסטאָרן? קאָמיסאַרן? נאַטשאַלניקעס? מיט דער פּאָליציי?! דאָס זיינען סאַמע גנבים! בלוטזויגער! זיי זיינען אַלץ גרייט צו טאָן אַבי זייערע בייכער אָנצושטאָפּן!... אָבער איך האָב זיי אין דר'ערד! איך וועל זיי איבערלעבן! אָ, זאָל נאָר קומען די באַפרייונג, וועל איך זיך מיט זיי אָפּרעכענען! איך וועל אין זיי נקמה נעמען! און זייערע נעמען וועלן פאַרשוואַרצט ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט! אוי, יידן, יידן"...

„קאַך דיך נישט! — האָט אים בלושטיין איבערגעריסן — אַזוי איז עס אייביק געווען און פון אייביק אָן פאַלט די שולד אויף די פירער פון דער וועלט. זיי וואַרפן דעם מענטש אין שאול תחתיה אַריין. ס'איז הונגער און דער ווילן צו לעבן קען דעם מין מענטש צו אַלעם דערפירן! געבוירן ווערן נאָר געציילטע צדיקים, הונגער קען דעם מענטש פאַרוואַנדלען אין דער ערגסטער ווילדער חיה. ווי אַזוי האָט דער גאָלייטער גרייזער, ימח שמו! געזאָגט ביים שליסן די געטאָ? „די יודען וועלען זעלבסט זיך אויפפרעסן!" בעתן חורבן ירושלים האָט נעבעך אַ מאַמע פון הונגער אויפגעגעסן איר אייגן קינד. היינט איז אין אַלע פּרטים פונקט ווי אין חורבן ירושלים. פון דעמאָלט פאַלט די שולד אויף די רוימער און היינט פאַלט די שולד אויף די דייטשן. אָבער ווי ווייט מעגלעך דאַרף מען זען נישט צו ווערן אוים מענטש. מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן..."

בלושטיין האָט זיך פאַרהוסט. זיידע האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל וואַסער און געטראַכט וועגן די רייד. בלושטיין האָט געגעבן עטלעכע שלוקן, אָפּגעאָטעמט און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „הער, זיידע, איך בין נישט קיין גרויסער תלמיד-חכם, אָבער דריי זאַכן, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר, זיינען מיר גוט אין זינען אַריין. און דאָס איז מיין פילאָזאָפיע: דאָס ערשטע דאַרף אַ מענטש שטענדיק געדענקען פון וואָס ער קומט אַרוים — פון אַ פאַרשטונקענעם טראָפּן, און וווּ אַהין ער גייט — אין דער ערד אַריין. דאָס צווייטע, די מעשה פון דער חד-גדיא: דער הונט האָט אויפגעגעסן די קאַץ — ווייל די קאַץ האָט אויפגעגעסן דאָס ציגעלע, און דער שטעקן האָט געהרגעט דעם הונט — ווייל ער האָט געהרגעט די קאַץ, און אַזוי ווייטער און ווייטער. על דאטפת אטפוך, וסוף מטיפיך יטופון: הילל האָט געזען אַ קאָפּ פון אַ מענטש, וואָס איז געשווומען אויפן וואַסער, האָט ער געזאָגט צו דעם קאָפּ: „פאַר דעם, וואָס דו האָסט דערטרונקען אַנדערע מענטשן, האָט השי"ת געהייסן מען זאָל דיך דערטרונקען און דער סוף וועט זיין: די, וואָס האָבן דיך דערטרונקען, וועלן אויך דערטרונקען ווערן." פאַרשטייסטו, קיין איינער פון די פאַררעטער וועט נישט בלייבן לעבן, מיר וועלן זיי איבערלעבן. דער עיקר איז: נישט פאַרלירן דעם צלם אלוקים".

זיידע האָט פייערדיק אויסגעשריגן מיט זיין לייבן-שטום: „נאָר וואָס דען? מען האָט זיי טיף טיף אין דר'ערד! מען וועט זיי אַלע איבערלעבן!"

בלושטיין האָט זיך נאָך שטאַרקער צעהוסט און זיידע האָט אים דערלאַנגט נאָך אַ ביסל וואַסער. און בלושטיין האָט פאַרגעזעצט: „די דייטשן האָבן אונדז באַשאָנקן מיט אַ „קייסער", וואָס האָט אַן „איי-

געגע מלוכה". דער „קייסער" פירט אוים אַלץ, וואָס זיי ווילן. ווען זיי וועלן אים שוין נישט ברויכן, וועלן זיי אים שיקן דאָרטן, ווו ער שיקט זיינע ברידער און שוועסטער. אַזוי וועט עס זיין חבר זיידע".

זיידע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אוןביידע האָבן זיך פאַר־טראַכט אין די ווערטער.

דאָס שאַפן האַלץ־מאַטעריאַל

דער „קייסער" האָט אַרויסגעשיקט זיין פּאָליציי דורכצופירן רעוויזיעס ביי די אַלע, וואָס האָבן זיך פאַררעגיסטרירט אַלס טישלער. די פּאָליציי האָט טאַקע צוזאַמענגעקליבן אַ ביסל כלים. די קוימענ־קערער מיט די פייערלעשער האָט דער „קייסער" געשיקט איינצו־לייגן פּלויטן, שאַפעס און נישט באַוווינטע הילצערנע הייזער. די פּאָליציי האָט געהיט דאָס האָלץ. ביים אויפלאָדן אויף די וועגעלעך זיינען פאָרגעקומען ביטערע קאַמפן פון דער אויסגעהונגערטער, געפּרוּוירענער מאַסע מיט דער פּאָליציי. עס איז דער פּאָליציי גע־לונגען קוים אַ קליין ביסל האָלץ אָוועקצופירן. ווען די צוויי־פּיסיקע פערד זיינען שוין געווען אין מיטן וועג, אונטער דער שמירה פון פּאָליציי, איז זיי אַ צווייטע מאַסע באַפאַלן און כהרף־עין צעראַבירט די ברעטער. די פּאָליציי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זיי האָבן געשלאָגן מיט די „פּאַלקעס", אָבער עס האָט געלוינט אַריינצוכאַפּן קלעפּ אַבי אַריינקריגן אַ ביסל האָלץ. אגב האָבן די פּאָליציאַנטן זיך אויך געהאָלפן מיט האָלץ אין אַזאַ סומאַטאָכע.

דער „קייסער" האָט אַרויסגעשיקט די „איבערפאַלקאָמאַנדע" דורכצופירן שטרענגע רעוויזיעס און קאָנפיסקירן האָלץ.

עס איז געלונגען צונויפצוזאַמלען אַ ביסל האָלץ־מאַטעריאַל און מען האָט אויסגעאַרבעט קיכן־קרעדענסן. מען האָט אויך אין געטאָ אויפגעזוכט אַ ביסל לאַק און אָפּגעלאַקירט דאָס מעבל. די דייטשע סוחרים האָבן דאָס געקויפט פאַר אַ שפּאָט ביליקן פּרייז און גוט פאַרדינט. שפּעטער האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט האָלץ און אַלע מאַטעריאַלן. עס האָבן זיך אַנטוויקלט עטלעכע גרויסע טישלער־רעסאָרטן. יידן האָבן געאַרבעט אָבער נאָך מער געהונגערט און די דייטשן האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן. דער „קייסער" האָט טריומפירט: „מיין געטאָ איז פּראָדוקטיוו! איטשט בין איך זשיכער מיט מיין מלוכה! די דייטשן דאַרפן מיינע יידן און איך וועל הערשן איבער מיינע יידן! מיין געטאָ וועט גיין ווי אַ זשייגערל!"

ביי יעקבן

בלושטיין האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, יעקב ציטרינאָוויטש, וואָס האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון דעם שניידער-רעסאָרט. יעקב, אַליין אַ שניידער בן שניידער, האָט געהאַט אונטערנעמערישע פעיקייטן: נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער געהאַט דעם גרעסטן שניידער-שאַפּ אין לאָדזש. ער האָט געדונגען אַ גרויסן זאַל, אַוועק-געשטעלט עטלעכע צענדלינג זינגער-מאַשינען און מען האָט ביי אים גענייט מאַנטלען. ער האָט אַוועקגעשיקט טראַנספּאָרטן סחורה קיין אינדיע און אין אַנדערע קאָלאָניאַלע לענדער. לאָדזש אַליין האָט ביי אים גענומען צענדליקער טויזנטער מאַנטלען. די זשיראַרדאָווער פאַבריק, וואָס איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די דינע סחורה, און יעקב איז געווען דער איינציקער אָפּנעמער, האָט אים נישט באַוויזן צוצושטעלן גענוג סחורה. דאָס איז געווען האַרט פאַר דער מלחמה, ווען כמעט דער גרעסטער טייל שניידער איז געווען אַרבעטסלאָז.

ווי נאָר די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט, האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין פאַבריק, ער האָט פאַר זיך אָפּגעראַטעוועט אַ ביסל זינגער-מאַשינען, ער האָט גלייך באַקומען אַרבעט פון די דייטשן און ער האָט נישט שלעכט פאַרדינט. אים האָט אויך דאָס מזל צוגעשפּילט, וואָס זיין היים האָט זיך געפונען אויף דעם געטאָ-שטח. אין דער צייט ווען יידן פון שטאָט זיינען געיאָגט געוואָרן אין געטאָ אַריין און געדאַרפט זוכן אַ שטיקל דירה, האָט ער אין זיין דריי צימערדיקער וווינונג אָרגאַניזירט אַ שניידער-רעסאָרט, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו רומקאָווסקין מיט דער בקשה צו אָרגאַניזירן די שניידער-רעסאָרטן, און דער „קייסער" האָט אים דערלויבט און צו-געהאָלפן. יעקב האָט צונויפגערופן „קאָנפעקציאָנערן" און זיי האָבן געשאַפן די רעסאָרטן.

יעקב איז געווען אַ גוטהאַרציקער. ער איז געקומען פון אַ בכבודיקער משפחה. דער טאַטע, כאָטש אַ שניידער, איז געווען אַן איידעלער מענטש און אַ תלמיד-חכם. יעקב איז געווען אַ דיקלעכער, פון העכערן וווקס, מיט אַ קינדיש פּנים און שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן. די אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון די רעסאָרטן האָט דער „קייסער" געגעבן אַ „בייראַט צוטייל".

בלושטיינען איז איינגעפאַלן צו גיין צו יעקבן אים בעטן ער זאָל אים געבן אַרבעט. ווען ער איז אַריינגעקומען צו יעקבן האָט ער אין דער וווינונג געטראָפן אַריבער צען שניידער זיצן איבער

מאַשינען לערנענדיק זיך אויסנייען לעבער. יעקב האָט ביי זיך אינדערהיים געעפנט אַ שולע פאַר לעבער-נייער.

בלושטיין האָט יעקבן נישט געטראָפן, האָט ער צוגעוואַרט. צוויי אייגגעריסטע קינדער האָבן זיך גערישטשט אויף דער פאָדלאָגע און אין יעדן ווינקל האָבן זיי פאַרשלעפּט שטיקלעך ברויט: אויף די פאָדלאָגעס, אויף דער וואַסער-באַנק, אויף שטולן, אויף די בעטן. בלושטיין האָט נאָך אין זיין מויל היינט גאָרנישט געהאַט, דאָס האַרץ האָט אים געצויגן און דער קאָפּ האָט אים ווי געטאָן. זיין האַנט האָט זיך געוואָלט אויסציען נאָך אַ שטיקל ברויט. ער איז איבערציייגט געווען, אַז זיי וועלן שוין דאָס ברויט נישט נוצן נאָר אַרויסוואַרפן: „איי, ווי וויל איז זיי" — האָט ער זיי מקנא געווען. ער האָט געוואָלט נעמען כאָטש איין שטיקל אָבער ער האָט זיך געשעמט — אפשר וועט יעקבס ווייב דערזען. „ניין, כ'וועל איין שטיקל גיך אַריינלייגן אין דער טאַש און אינדרויסן אויפעסן... מעגלעך אַז זי וועט שפּעטער באַמערקן, אַז עס פעלט? אַ שיין פּנים וועל איך האָבן". בלושטיינען האָט אַלץ געצויגן צו דרייען זיך נעבן די שטיקער אָפּגעביסן ברויט און די אויגן האָבן עס געגעסן: איין שטיקל איז געווען אויסגעריסט פון די קינדערישע הענטלעך, ס'צווייטע איז נאַס געווען. ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט שענקען: „היינטיקע צייט זאָל ברויט זיך אַזוי אַרומוואַלגערן". עס האָט אים אַלץ געצויגן צונעמען אַ שטיקל אָבער די האַנט האָט זיך נישט געהויבן: „ניין איך וויל נישט פאַרלירן דעם צלם אלוקים" — האָט ער געזאָגט צו זיך.

ענדלעך איז יעקב אַריינגעקומען. ער האָט בלושטיינען וואַרעם באַגריסט. ער האָט אים געפרעגט ווי עס האַלט מיט דער מלחמה, ווי לאַנג זי קען נאָך דויערן, און וועגן אַלעם אין דער וועלט. נאָכן אַרומריידן פּאָליטיק, האָט אים בלושטיין דערציילט, אַז ער איז געקומען, ער זאָל אים געבן אַרבעט אין מאַגאַזין פון שניידער-רעסאָרט. יעקב האָט אים אָנגעקוקט פאַרחידושט: „איר, בלושטיין, דאַרפט מיין טובה? די חברטע רעגינע, דער חבר פישעלע דאַרפן אייך העלפן, אַז נישט גייט צו יאַאַכימקען דעם בונדיסט, ער איז היינט דעם פרעזעס' פאַרטרויונגס-מענטש, ער טיילט די אמתע פּאָסטנס... עטאַטיזירטע, ער דאַרף אייך געבן אַ פּאָסטן"...

„אָבער איך האָב נישט קיינעם — האָט אים בלושטיין איבער-געריסן — ווי קום איך צו אים, צו יאַאַכימקען? און ווי קום איך צו זיי, צו רעגינען און פישעלען? אָדער גאָר צו די פאָרשטייער פון די אַנדערע פּאַרטייען? איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהערט צו קיין פּאַרטיי. איך בין געקומען צו אייך איר זאָלט מיר

העלפן — האָט ער זיך געבעטן — איר קענט מיך פאַרשטיין, איר קענט מיר מיטפילן ווייל איר זייט אויך נישט קיין פּאַרטייאישער".
יעקב איז געשטאַנען מיט די הענט אין די טאַשן פון קורצן פּעלצל, זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. ער האָט רחמנות געקריגן אויף אים. ער האָט זיך פאַרטראַכט, געקנייטשט דעם הויכן שיינעם שטערן, געזוכט און געטישטערט אין זיין מחשבה יעדעם ווינקל פון רעסאָרט, ווו ער האָט אַ דעה. אָבער ער האָט באַרעכנט, אַז ער דאַרף פריער פאַרזאָרגן די מיטגלידער פון זיין אייגענער משפחה, פון זיין צד און פון זיין ווייבס צד — זיי קומען פריער, זיי זיינען אים נענטער. יעקב האָט אַרויסגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף בלושטיינס אָרעם: „אַז איך האָב גאָרנישט קיין אַרבעט פאַר אייערטוועגן — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ תנועה, אַז בלושטיין האָט אַזש אויף אים רחמנות באַקומען און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער פאַרשאַפט אים עגמת נפש. „עס ווענדט זיך אַלץ אין דעם פּרעזעס, אויב דער „קייסער" וויל נאָר... צו אים דאַרפט איר זען צו צוקומען" — האָט יעקב צוגעגעבן.
בלושטיין האָט פאַרלאָזט יעקבס הויז. עס איז שוין פינצטער געווען, אַ טרוקן שנייעלע האָט געשיט און געשטאָכן זיין פּנים. ער האָט אַלץ געזען די אַרומגעבויסענע, פאַרשמאַרעטע שטיקער ברויט, וואָס וואַלגערן זיך אַרום ביי יעקבן אין יעדן ווינקל. דאָס האַרץ ציט אים, דער קאָפּ טוט אים נאָך שטאַרקער וויי, ער ציטערט פון קעלט — „דאָס איז אַלץ פון הונגער" — האָט ער זיך געקלערט. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, פאַר וואָס ער האָט נישט גענומען אַ שטיקל ברויט. זיי וועלן דאָס סיי ווי סיי אַריינוואַרפן אין מיסט. „יאָ — האָט בלושטיין פילאָזאָפירט — דער וואָס הונגערט נישט קען גאָרנישט מיטפילן דעם הונגעריקן. איז וואָס איז נאָך מיט די, וואָס זיינען ווייט פון געטאָ? ניין, זיי וועלן קיינמאָל אונדז נישט קענען מיטפילן און קיינמאָל אונדז נישט קענען פאַרשטיין".
מיט די געדאַנקען איז ער אַהיימגעגאַנגען. אויפן וועג איז אים איינגעפאַלן צו פירן אַ טאָגבוך און פאַרצייכענען אַלץ, וואָס ער האָט יעדן טאָג איבערגעלעבט, כדי דאָס זאָל בלייבן, און זאָל די וועלט וויסן, וואָס יידן האָבן דאָ געהאַט אונטער דעם „קייסער" און זיינע משרתים.

אַ בקשה וועגן אַרבעט

בלושטיין האָט זיך דערנאָך געווענדט מיט אַ בריוו צום בונדישן טוער ווינאַגורע. אין בריוו האָט ער דערציילט וועגן זיין ביטערער לאַגע, ער האָט געבעטן מ'זאָל אים געבן אַרבעט אין זייער קיך: צו שלעפּן, צו הייבן, אָדער וואָס פאַר אַן אַרבעט עס זאָל נישט זיין, איז ער גרייט אָנצונעמען כדי ער זאָל קענען איבערלעבן די מלחמה. ער איז זיכער, אַז אַלס אַרבעטער-טוער און סאָציאַליסטן, וועלן זיי פאַרשטיין זיין לאַגע און אים העלפן.

ווינאַגורע האָט פון אים גענומען דעם בריוו און צוגעזאָגט צו לייענען אינדערהיים. ווינאַגורע איז פאַרן קריג געווען אַ טוער אין פאַריין פון די כאַלופּניקעס, דאָרטן האָט ער פאַרטרעטן זיין באַוועגונג. ווינאַגורע איז אין געטאָ נישט אָפּגעשטאַנען: ער האָט גע־האָלפן שאַפן די בונדישע קיך, ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די באַלמעלאָכעס. ווינאַגורע איז געווען ערלעך. ער איז געווען אַ דראָבנער, אַ שוואַרצער, מיט שוואַרצע אייגעלעך, ער האָט געהאַט אַ שאַרף קעפּל. אין טויזנט ניין הונדערט און פינף האָט ער געקעמפט אויף די באַריקאַדן.

פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ער געפירט אַ טישלער־ווערקשטעטל מיט עטלעכע געזעלן. און אַצינד אין געטאָ איז ער נאָך כמעט קיין איין טאָג נישט געווען אָן אַרבעט. ער האָט געאַרבעט אין ווירטשאַפטס-אַמט, ביי די רעמאָנטן: דער „קייסער" האָט גע־לאָזט איבערבויען אַ סך הייזער אויף פאַרשידענע אַמטן, ביוראָען און רעסאָרטן. זיין איינציקן זון, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט אין געטאָ האָט ער פאַרזאָרגט מיט אַ גוטע פּאָסטן אין דער בונדישער קיך. ער האָט חלילה נישט געהונגערט. ווינאַגורע איז געווען איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן צו זיין באַוועגונג, ער האָט פאַרן קריג אַ סך צייט און געלט אַוועקגעגעבן פאַר דער יידישער פאָלקסשול. ער האָט געהאַט פינף קינדער, אַלע האָט ער דערצויגן אין זיין גייסט. זיי האָבן געענדיקט די מעדעם-שול און אויך די פּוילישע גימנאַזיע. ווען די פּוילישע סאַנאַטאָרישע רעגירונג האָט אויסגע־ליפערט דאָס לאַנד צו די נאַציס, זיינען ווינאַגורעס קינדער געלאָפן פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט פון פּוילן, וואַרשע, קעגן די נאַציס און זיי האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די פאָלקס-מאַסן. ווינאַגורעס צוויי זין זיינען געפאַלן מיטן געווער אין די הענט. צוויי טעכטער, וועמען עס איז געלונגען איבערצולעבן די באַלאַגערונג, און אַלע פייערן, הונגער און קעלט, זיינען אַוועק קיין ראַטן-פאַרבאַנד. ביז היטלער איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד, האָבן זיי געשיקט שפּייז-פּעקלעך:

ווייסע חלה, פוטער, צוקער, ווורשט, האָניק. ווינאָגורע איז שטענדיק פאַריאָגט געווען.

בלושטיין איז אַצינד געווען פול מיט האָפענונג, ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט אַרבעטן אין קיך — און ער וועט שוין נישט הונגערן. אָבער ער האָט נישט געקריגן קיין ענטפער. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער ענדלעך געטראָפן דעם חבר ווינאָגורע. האָט ער אים געפרעגט: „וואָס איז געוואָרן מיט מיין בקשה?"

„איך האָב געלייענט אייער בריוו — האָט יענער אים געענטפערט — צו די אַנדערע חברים האָב איך אים נישט געגעבן לייענען, ווייל עס איז נישטאָ נאָך וואָס. איך מוז אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת און איר זאָלט מיך פאַרשטיין: איך וויל איר זאָלט נישט לעבן מיט קיין אילוזיע. אין דער קיך אַרבעטן נאָר אייגענע חברים. וועגן אַנדערע אַרבעט איז אויך דאָס זעלבע: פריער מוזן מיר פאַרזאָרגן אונדזערע אייגענע מענטשן. איר מיינט עס פעלן היינט אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע ווי איר? איר זייט נישט דער איינציקער. ווענדט אייך צום „קייסער" — ער קען אייך העלפן".

און ווידער האָט זיך פון בלושטיינס האָפענונג אויסגעלאָזט אַ גאָרנישט: „אַלע שיקן זיי מיר צום „קייסער" — האָט עס אין אים געצאַרנט.

אין דער שניידער קיך

בלושטיין איז ווייטער געקומען אין דער שניידער-צענטראַלע. ער האָט געוווסט אַז צום מאַגאַזין האָט ער שוין נישט קיין צוטריט, האָט ער געפּרוווט מזל אין דער שניידער-קיך. פון דאָ האָט מען צעפירט זופּ אין די שניידער-רעסאָרטן. ס'ערשטע האָט ער זיך געכאַפּט צוהעלפן אַרויפלאָדענען די קעסלען זופּ אויפן צוויי-רעדערדיקן וואָגן. דערנאָך האָט ער געהאָלפן שטופּן דעם וואָגן צו די „רעסאָרטן".

די צוויי טרעגער זיינען צופרידן געווען. זיי זיינען געגאַנגען פאָרנט ביים דישעל איינגעשפּאַנט מיט גראָבע שטריק און ער פון הינטן. עס איז געלעגן אַ הויכער שניי. דער שטאַרקער פראָסט און ווינט האָבן געשטאָכן ווי נאָדלען. אין די אַקסן האָט זיך געהאָט אַריינגעכאַפּט בלאָטע, זיינען זיי צוגעפרוירן געוואָרן. די רעדער האָבן זיך נישט געדרייט און דער וואָגן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די צווייפיסיקע פערד האָבן געאַרבעט מיט האַרץ. אַ שליטן וואָלט זיך געגליטשט אויפן שניי, אָבער ווו נעמט מען אַ שליטן אין געטאָ? ווען יידן האָבן געמוזט אָפּגעבן די דייטשן די וועגענער, האָבן די טרעגער אָפּגעראַטעוועט דעם דאָזיקן וואָגן אויף אַזאַ אופן:

זיי האָבן אים צענומען אויף פיצלעך און שטיקלעך און אויסבאַהאַלטן אפשר אויף צען ערטער.

מיט דעם האָבן זיי איינגעשטעלט זייער לעבן.

צוריקוועגס מיט די ליידיקע קעסלען איז עס שוין געווען לייכטער. ווען בלושטיין איז צוריקגעקומען איז ער אריינגעגאַנגען אין דער קיך צוזאַמען מיט די טרעגער און די באַלעבאָסטע האָט זיי איינגעטיילט צו ליטער זופּ. בלושטיין האָט געשלונגען, ער האָט זיך דערוואָרעמט און ער האָט געטראַכט: „אַצינד בין איך שוין אַ געראַטעווטער — כ׳וועל יעדן טאָג האָבן אַ זופּ. דאָס האַרץ האָט אים נאָר ווי געטאָן פאַרוואָס זיין ווייב קאָן נישט פון דעם געניסן. ווען ער האָט געהאַט אויפגעגעסן, האָט ער ערשט דערפילט, אַז די זופּ איז פאָסנע, אָן שום געשמעלצעכץ און דאָס האַרץ האָט אים נאָך מער געצויגן פון הונגער.

ביסלעכווייז האָט זיך בלושטיין אריינגעקריגן אינעווייניק. ער האָט געהאָלפן אָראָפּלאָדענען אַ פור קאַרטאָפל. מיט וואָס צו קאָכן איז נישט געווען, האָט ער געהאָלפן צעהאַקן אַ שטיק נאַסן בעליק. ער האָט אויסגעוואַשן די קעסלען, זיי צוגעשטעלט צו דער קיך אַריינצוגיסן די זופּ. ער האָט געהאָלפן די קעסלען שטעלן אויפן וואָגן און געשטופּט אים ביזן רעסאָרט. אַזוי איז דאָס געגאַנגען דריי מאָל אַ טאָג. און ער פלעגט באַקומען צו צוויי און טיילמאָל צו דריי זופּן טעגלעך. די זופּן האָבן בלושטיינען געברענט אונטערן האַרץ. האָט ער געהאַלטן אין איין נעמען טיי-זאַדע.

בלושטיין האָט נישט באַקומען באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. ווייל ער האָט נישט פיגורירט, אַז ער אַרבעט. כדי צו אַרבעטן אין דער קיך האָט מען אויך געדאַרפט האָבן „פּלייצעס" פון „קייסערס" אַ מענטש. איז מען אָנגעשטעלט געוואָרן אין דער „קיכן-אָפּטיילונג" האָט מען באַקומען אַ לוין און צוויי מאָל אַ וואָך צו פּעקלעך קינסטלעכן האָניק.

די קיך האָט געהאַט אַ ביוראָ. ביי דער ביוראָ אַ קליין צימערל, ווו די „פּרעמינענץ" פון דער קיך האָט ביי אַ טיש געגעסן אין טעלערס פון אויבן אַראָפּגעשעפּטע זופּ פון קעסל. די „פּרעמינענץ" איז געווען זאַט, האָט זי נישט ליב געהאַט קיין געדיכטע זופּ. פון קאָרידאָר, פון וואַנען מען איז אַריינגעגאַנגען אין עס-צימערל האָט אויך געפירט אַ טיר אין דער קיך. די קיך איז געווען אַ הויכער געמויערטער זאַל ווו עס זיינען געשטאַנען איינגעמויערט אין אַן אויוון דריי גרויסע קעסלען. אין צוויי קעסלען האָט מען געקאָכט און אין דריטן האָט מען טיילמאָל אַריינגעגאָסן די אָפּגעקאָכטע זופּ, אויף איבער נאַכט. אונטער די קעסלען איז געווען אַן אָפענער

איווזן מיט אַ „רושם״. דער הייצער, סעלצער, האָט געהאַלטן אין איין אונטערלייגן שטיקער נאַס האָלץ. עס איז באמת פון סעלצערן געווען אַ קונץ אונטערהאַלטן דאָס פייער עס זאָלן קאָכן אַזעלכע גרויסע קעסלען מיט פּיטש־נאַס האָלץ, נאָר וואָס אַרויסגעצויגן פון שנײ און אײַז.

סעלצער דער הייצער איז געווען אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, געזונטער יונג מיט אַ קאָפּ שוואַרצע קודלעס, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט אַ ברייט פּנים און גראָבע ליפּן ווי ביי אַ נעגער. סעלצער איז קיינמאָל נישט געשטאַנען ליידיק: אָדער ער האָט מיט אַ האַק געשפּאָלטן האָלץ, אָדער ער האָט אונטערגעלייגט האָלץ אונטערן פייער, אָדער ער האָט געשלונגען קאָכעדיקע זופּ. ער פּלעגט אַראָפּ־לאָזן אין זיין מאָגן אַ דרייסיק שיסלען זופּ טאָג טעגלעך.

צודקעוויטש דער קוכער, „קאַטליאַרזש״ (דער קעסלמאַכער) האָט מען אים גערופן, האָט אים כסדר אָנגעגאָסן איין שיסל זופּ נאָך דער צווייטער. ער האָט דאָך באַדאַרפט האָבן זיין טובה — ער זאָל אים געבן אַ גוט פייער. טאָמער האָט צודקעוויטש זיך געקלאָגט אויפן פייער האָט סעלצער אויף אים געעפנט אַ מויל, אַז עס איז אים געווען נישט מקנא צו זיין. סעלצער איז קיינמאָל נישט געווען איינגעריסט. פון זיין לענגלעך־קיילעכדיק פּנים האָבן תמיד מילד גע־קוקט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן. ער פּלעגט אַרבעטן פון זעקס פאַרטאָג ביז צען ביינאַכט. אין דער היים איז אים קאַלט געווען און דאָ ביים איווזן האָט ער זיך דערוואַרעמט מיט די שיסלען זופּ; ער האָט זיך באַקלאָגט: „וואָס מער ער עסט, מער הונגערט אים און ס׳ציט אים צו דער זופּ. און ביי דער אַרבעט און ביי די „שיסעלעך״ לויפן שנעל די שעהן״.

צודקעוויטש איז געווען אַ ברונעט מיט שוואַרצע וואָנסעלעך, אַ נידעריקער. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, ער האָט געהאַלטן אין איין לויבן סטאַלינען. ווי לאַנג ער איז געשטאַנען ביי די קעסלען האָט ער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין דער קיך אַריין, ער האָט פון זיך געטריבן די אַרבעטער. ווייל איז געווען צו בלושטיינען אויב ער האָט נישט באַוויזן צוצושטעלן צו דער צייט די אויסגעוואַשענע קעסלען, ווען די זופּ איז פאַרטיק געוואָרן. אָדער צו דערלאַנגען אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל, ווען דער קעסל האָט אָנגעהויבן קאָכן. דעמאָלט האָט דער קליינער צודקעוויטש זיך געזידלט אויפן הויכן קול, אַז דער זאָל האָט געהילכט: „דאַרמאָזיאַדעס, בחינמדיקע פרעסערס, פוילענצער, ווער עס אַרבעט נישט דער טאָר נישט עסן! אויף ליידיק גייער קאָן די וועלט זיך נישט האַלטן! אַרבעט דאַרף זיין רעליגיע! עס איז שוין צייט עס זאָל קומען די

סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זי איבעראַנדערשן דעם מין מענטש. ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט, וואָלט איך אַלע אויסגעלערנט צו זיין מענטשן!"

בלושטיין האָט זיך געטראַכט: ווי וואָלט געווען צו דער וועלט ווען אַזעלכע באַשעפענישן וואָלטן געהאַט די מאַכט. ער האָט אים גאָרנישט געענטפערט נאָר געלאָזט אים זיך אויסשרייען. עבד לא ימלוך!... אַ קנעכט זאָל נישט קיניקן.

בלושטיין האָט שוין אַכט אינדערפרי געמוזט זיין ביי דער אַרבעט און אַהיימגעגאַנגען איז ער פון די לעצטע. איינמאָל האָט בלושטיין נישט געהאַט וואָס צו טאָן ביי צודקעוויטשן. איז כדי מען זאָל זען, אַז ער ברענגט נוצן האָט ער צעהאַקט אַ שטיק נאַס האָלץ און האָט עס אונטערגעלייגט אין אייזערנעם אויוון אין דער „שיי-לאַרניע".

די „שיילאַרניע" איז געווען אַ פינצטערע שאַפע, מיט אַ שטיי-נערנער פאָדלאָגע. דאָ איז פריער געווען אַ פערד-שטאַל. ביי דער וואַנט איז געלעגן אַ בערגל פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, פון וועלכע עס האָט זיך געגאָסן וואַסער. אין דער מיט, אין אַ קרייז, זיינען געזעסן איינגעשרומפּענע פון קעלט אַ צוויי צענדליק יונגע מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט פּראַטעקציע אין דער קיכן-אָפּטיילונג, און האָבן געשיילט די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל און געפרוירענע קילעריבן, וואָס האָבן געשטאָכן אונטער די נעגל, ווי נאָדלען. די מיידלעך האָבן אַזוי געשיילט אַ גאַנצן טאָג און דערפאַר פלעגן זיי באַקומען דריי זופּן. שוין דריי שעה ווי זיי האַלטן אין איין קוקן צו דער טיר, צי צודקעוויטש קומט אַריין מיטן קעסל אויסצוטיילן זיי די זופּ.

לעצטנס האָט צודקעוויטש איינגעפירט אַ נייעם מנהג — אַז די „שיילאַרניע" זאָל באַקומען טעגלעך נאָר איין זופּ. עס קומט נישט אַריין געננוג שפּייז — האָט ער געזאָגט. צודקעוויטש האָט אויך ביי די רעסאָרטן אויסגעטיילט אָנשטאָט אַ ליטער זופּ נאָר דרייפערטל. האָבן זיך די שניידער געכאַפּט און פּראָטעסטירט. ווען זיי האָבן געשריגן האָט צודקעוויטש נאָך העכער געשריגן: „ביי מיר בונ-טעוועט מען זיך נישט, ביי מיר מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס, איך וועל אַלע איינזעצן אין טורמע!"

„וואָס? — זיינען די שניידער אויף אים אַרויפגעפאַלן, — מיר וועלן דיר באַלד אויפטרענען די געדערים!

צודקעוויטש האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן „טשערפּאַק" (שעפּ-לעפל). האָבן די שניידער עס פון אים אַרויסגעריסן, אָפּגעבראָכן דעם שטעקן און אַרויסגעוואָרפן צוזאַמען מיט צודקעוויטשן: „דיין גנבישע מאָס וועלן מיר ווייזן דעם „קייסער" — האָבן זיי אים געסטראַשעט."

דער סוף איז געווען, אז מען האָט אויסגעטיילט צו גאַנצע ליטער. צודקעוויטש האָט פון דעמאָלט אָן מורא געהאַט צו גיין אויסטיילן די זופּ אין „רעסאָרט". אָבער דאָ אין דער „שײלאַרניע", איבער די שוואַכע מיידלעך, האָט ער יאָ געוועלטיקט.

די שניידער האָבן געמוזט אַרבעטן: אין די „רעסאָרטן" האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט אַ סך מיליטערישע שינעלן און מונדירן, אויך תּפיסה־קליידער מיט פֿאַרשידענע באַצייכענונגען: געלע פּאַסן, רויטע, גרינע, שוואַרצע. די פּראָדוקציע האָט געמוזט צוגעשטעלט ווערן צו דער צייט. פֿאַר דער שניידעריי האָבן די דייטשן צוגע־שטעלט אַלצדינג: צוגעשניטענע סחורה, צודאַטן, נאָדלען, מאַשינען, האָלץ־קוילן צום פּרעסן. ביי די פּרעס־אייזנס האָבן די פּרעסערס זיך אויסגעבלאָזן די לונגען. לעצטנס האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט עלעקטרישע פּרעס־אייזנס, אַבי די אַרבעט זאָל אַרויסקומען ריין און שנעל. נאָר קיין שפּייז האָבן די דייטשן נישט אַריינגעשיקט.

שוין עטלעכע וואָכן ווי די געטאָ־באַפעלקערונג, חוץ די וואָס האָבן אַ „בייראַט־צעטיל" (טאַלאָנען פון „קייסער") באַקומט נישט מער ווי דאָס שטיקל קאַשטאַן־ברויט. אַלע קיכן זיינען געשלאָסן, אויסער דער שניידער־קיך און „רומקאָווסקיס קיך". דאָרט ביי רומ־קאָווסקיס קיך שטייען דערוואַקסענע און קינדער אין דער ריי פון מיטן נאַכט ביזן מיטן טאָג כדי זיך צו דערשלאָגן צו אַ ביסל זופּ. אַממיינסטן שטייען דאָ מאַמעס פון קליינע קינדער. פֿאַרטאָג ווען עס איז נאָך פינצטער, ווען בלושטיין גייט צו דער אַרבעט, הערט ער די געשרייען פון די, וואָס קעמפן פֿאַר אַן אָרט אין דער ריי, ערגעץ וויים ביי רומקאָווסקים קיך. עס העלפט נישט די פּאָליציי מיט די שטעקלעך. די הונגעריקע און געפרוירענע מאַמעס, וואָס זעען זייערע קינדער אויסגיין פון הונגער און קעלט שרעקן זיך שוין מער נישט פֿאַר דעם; די מענטשן זיינען צעווילדעוועט געוואָרן, זיי קאָנען נישט איינשטיין אין דער ריי. איז די פּאָליציי געפֿאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: אינעווייניק אין קיך־זאַל (אַ געוועזענע קינאָ) האָט מען צוגעקלאַפּט און צוגעפעסטיקט צו דער פּאָדלאָגע צוויי רייען שווערע טישן, אָפּגע־טיילט מיט אַ שפּאַרולע, ווו עס קאָן קוים איין מענטש דורכגיין די ריי וואָס האָט זיך געצויגן ביז צו דעם עקראַן. דאָרטן איז געווען דאָס פענצטערל, ווו מען האָט אויסגעטיילט די זופּ. ווען בלושטיין האָט דאָס געזען האָט דאָס אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ צוים אין אַ צירק, ווו מען לאָזט אַריינגיין די ווילדע חיות פון די שטייגן אויף דער אַרענע.

קיין עסנוואַרג פֿאַר דער שניידער־קיך האָבן די דייטשן כמעט ווי גאָרנישט אַריינגעשיקט. עפּעס אַ ביסל געפרוירענע קילעריבן

און געפרוירענע קאַרטאָפל איז יאָ אַריינגעקומען, און אויך ניט צו דער געהעריקער צייט. אַזוי אַז מען האָט ניט געקענט דריי מאָל קאָכן עס זאָל אויסקומען אויסצוטיילן פאַר אַלע שניידעריי־אָפּטיילונגען. די שיילאַרניע האָט דעם טאָג אויך נישט באַקומען די זופּ.

די וואָס האָבן געאַרבעט אין ביוראָ און די, וואָס זיינען געווען „עטאַטיזירט" (מלוכה־באַאַמטע) האָבן נאָרמאַל דריימאָל טעגלעך באַקומען די זופּ. צודקעוויטש האָט אויך אַרויסגעשמוגלט גאַנצע וויאַדרעס זופּ. אַצינד האָט בלושטיין פאַרשטאַנען פאַרוואָס צודקעוויטש יאָגט און טרייבט פון דער קיך אַרויס.

די „גאָספּאָדיניע" (באַלעבאָסטע), אַ געוועזענע גבירטע — דעם „קייסערס" פּראָטעקציע — אַן אַסימילאַטאָרקע, וואָס האָט נאָר געגעדט פּויליש, זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „אַז זי קען נישט פאַרשטיין די שניידערס פאַרוואָס זיי ווילן נאָר געדיכטע זופּן, בעת אַ שיטערע זופּ איז געשמאַקער און געזונטער. שניידערס בלייבן שניידערס, אַ בעל־מלאכה האָט קיין שכל נישט. שוסטערס און שניידערס זיינען נישט קיין מענטשן". זי זעט כלומרשט נישט צודקעוויטשעס גניבות. זי יאָגט נאָר אונטער די שיילערקעס און נעמט אַמאָל אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל אין איר אויסגעגכאַליעט הענטעלע אַריין מיט די מאַניקירטע לאַנגע, רויט־אָפּלאַקירטע נעגעלעך און זי זאָגט מבינות, צי עס איז גוט אָפּגעשיילט.

דער קעראָווניק, קרול, האָט ער געהייסן, איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ לענגלעך פּנים און אַ גרויען קאָפּ האָר. ער איז אַ געוועזענער „אָפּצעיגער" (דער וואָס גיט סחורה אויף אויסצאָל). שפּעטער האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און ער האָט געהאַט אַ גרויס קאָנפעקציע־געשעפט און ער האָט זיך אַסעקורירט ביי רומקאָווסקין. אַזוי אַרום האָט אים דער אַלטער געגעבן דעם פּאָסטן. קרול, האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן מיט אַ קיך. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף צודקעוויטשן. אויסער דער באַלעבאָסטע, די אַסימילאַטאָרקע, איז געווען נאָך איין באַלעבאָסטע, וואָס האָט אויך גאָרנישט געטאָן, אַ באַלעבאַטישע פרוי, וואָס איז נאָר אַריינגעקומען עסן.

ביי דער פראָנט־טיר אין דער קיך האָט קרול אַוועקגעשטעלט זיינעם אַ מענטש צו היטן, אַז די שניידערס זאָלן זיך נישט אַריינרייסן. גאַוורעש, איז געווען דעם וועכטערס נאָמען. אַ מיטלוווקסיקער, אַ שוואַרצער מיט קליינע שיקלדיקע זיזעוואַטע אויגן. דערפאַר האָט מען אים גערופן „שלעפּאַק". שלעפּאַק האָט דאָ געהאַט דעם בעסטן פּאָסטן: ער איז געווען עטאַטיזירט, ער איז געקומען פאַר צוועלף און אַהיימגעגאַנגען פיר. אַ גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען אין מאַנטל

און אין די הענטשקעס און ער האָט געהאַלטן אין איין שלינגען שיסלען זופּ איינע נאָך די צווייטע, וואָס צודקעווייטש האָט אים געגעבן. שלעפּאַק איז געווען אַ פּראָסטאַק, אַן אַלטער בחור, ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געאַרבעט. ער האָט געלעבט פון קאָרטן שפּילן און פון נקבות. זיין זכות, וואָס ער האָט דאָ אַזוי גוט געהאַט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פאַר דער מלחמה האָט ער דעם קעראָוווניק פון דער קיכן-אָפּטיילונג צוגעשטעלט שיינע נקבהלעך און ער איז אויך קרולס אַ שטיקל משפחה.

בלושטיין האָט דאָס ממש איבערגעקרענקט: ער אַרבעט אַזוי שווער, ברענגט נוצן און קריגט גאָרנישט באַצאָלט און פיגורירט אַפילו נישט, אַז ער אַרבעט, און דער שלעפּאַק טוט גאָרנישט: דרייט זיך אין דער וואַרעם מיט די הענט אין די הענטשקעס, שלאָפט זיך ביז מיטאָג, קריגט זיין וואָכן לוין און פרעסט וויפיל שיסלען ער וויל, ווייל דער קעראָוווניק האָט אַזוי געהייסן. „אוי פּלייצעס, פּליי-צעס! נאָר פּלייצעס דאַרף מען האָבן!" האָט בלושטיין געקרעכצט.

די קיך האָט אויך געהאַט אַ „ווידזשעלאַטשקע"(אַן אויס-טיילערין) ריווע, האָט זי געהייסן, אַ פול לייביקע מויד, אַ קרעפּטיקע, ווי אַ ביק, מיטן קול אַליין האָט זי ממש געקענט ממיתן. אַ קווי-טשערקע. זי האָט נישט גערעדט נאָר געקווייטשעט און געשיט מיט ניבול פה. זי איז אויך געווען עטאַטיזירט — אַ פאַרטרויונג-מענטש, זי האָט פון זיך געבלאָזן: זי הונגערט דאָך נישט, זי איז דאָך אַ מלוכה-אָנגעשטעלטע און זי טיילט דאָך עפּעס אויס זופּן. איז זי געווען זיכער, אַז קיין העכערס פון איר „גיבט" שוין נישט. איר פּראָטעקציע איז געווען זי גופא. מען האָט געזאָגט זי האָט אַ „גוטע פּלייצע"... ריווע ביק האָט מען זי גערופן.

ווען די טרעגער מיט בלושטיינען האָבן געפירט דעם וואָגן מיט קעסלען זופּ, איז ריווע ביק נאָכגעגאַנגען מיטן טשערפּאַק אין די הענט. זי פלעגט זיי אונטערטרייבן, אָבער די טרעגערס האָבן איר איינמאָל געגעבן אַזאַ גאָב, אַז עס איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און פון דעמאָלט אָן איז זי נאָכגעגאַנגען ווי אַ שטומע.

ביים אויסטיילן די זופּ האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ ווייסע שירץ און אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ. ווען אַ שניידער האָט פּראָטעסטירט, אַז די זופּ איז שיטער, האָט זי געענטפערט: „איידעלע מענטשן עסן נאָר שיטערע זופּן — איך קען גאָרנישט אין מויל אַריין נעמען קיין געדיכטע זופּ".

„זעט נאָר, זעט נאָר די איידעלע יאַפּע!"

„זי האָט זיך אויסגעפּאַשעט אַ הינטערשטן אויף אונדזער חשבון!"

„זי איז איבערגעזעטיקט !"

„זי פרעסט אַרוים די קאַרטאָפל און אונדז לאָזט זי איבער ס'וואַסער !"

האָבן די שניידער אָפּגעענטפערט.

טאָמער האָט איר אַ שניידער געזאָגט, אַז זי גיט אים ווייניק, האָט זי עפּעס געעפנט אויף אים אַ מויל : „איך גיב אַן ערלעכע מאָס ! איך בין אַ פאַרטרויונגס מענטש ! איך בין געשיקט פון פּרעזעס רומקאָווסקי אַליין !" און זי האָט אים געמאַכט דעם אמתן „מי שברך" מיט קללות און זילזולים. זי האָט זיך געפילט, אַז זי איז די מאַכט אַליין.

אויף בלושטיינען האָט די מויד געקוקט, ווי אויף אַ שלימזל, ווי עפּעס אויף אַן איבעריקן אויף דער וועלט.

די וואָס האָבן געאַרבעט אין דער שיילאַרניע האָבן געקוקט מיט קנאה און שנאה אויף יענע אַלע אין דער קיך און אין ביוראָ. די שיילערקעס. — די באַוואָלטסטע אין דער קיך, האָבן געוווסט, וואָס עס טוט זיך אין דרינען.

בלושטיין האָט היינט אַ גאַנצן טאָג געהאַקט נאָס האָלץ און אַריינגעלייגט אין אייזערנעם אויוון אין דער שיילאַרניע. דאָס האָלץ האָט נישט געפלאַמט נאָר געררויכערט. בלושטיינען האָט שוין די זייטן געבראָכן פון דער אַרבעט און די שיילערקעס האָבן געהאַלטן אין איין שרייען : „ס'איז קאַלט ! פייער !" בלושטיין האָט זיך געטראַכט : איך אַרבעט דאָ אָן שום באַלוינונג און זיי האָבן נאָך צו מיר טענות. אָבער זיי דאַרפן דאָס נישט וויסן, אַז נישט וועל איך ביי זיי קיין שום ווערט נישט האָבן.

אַ גאַנצן טאָג האָט קיינער פון דער שיילאַרניע גאַרנישט אין מויל געהאַט. אויפדערנאַכט איז אָנגעקומען אַ פור מיט געפרוירענע קאַרטאָפל און צוויי פורן מיט געפרוירענע קילעריבן. דאָס, וואָס די דייטשן און זייערע בהמות קענען נישט עסן שיקן זיי אַריין פאַר די יידן. בלושטיין האָט דאָס אַליין אַריינגעטראָגן אין דער שיילאַרניע אַריין. אַזוי ווי די שיילערקעס זיינען געווען שטאַרק הונגעריק, זיינען זיי געפאַלן אויף אַ פּלאַן : זיי האָבן צעשניטן קאַרטאָפל אויף פּעניצלעך און אַרומגעקלעפּט אויף דער רער פון אויוון. זיי זיינען אָבער אַזוי הונגעריק געווען איידער עס האָט זיך אָפּגעבאַקן האָבן זיי אַראָפּגעשאַבן מיטן מעסער און געגעסן. בלושטיין איז דאָך עפּעס געווען באַלעבאָס איבערן אויוון, האָט ער זיך אויך געבאַקן שטיק-לעך קילעריבן און שטיקלעך קאַרטאָפל. דאָס איז שוין געווען נאָך ניינע אָוונט ; יעדער האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו דער טיר צי צודקעווויטש מיט אַ באַלעבאָסטע קומען שוין אַריין מיטן קעסל

אויסטיילן די זופּ. אין דעם האָבן זיך פונדרויסן געהערט געשרייען און אַ קלאַפּן אין אַ טיר. די שניידער פון אַ גאַנצן רעסאָרט זיינען נאָך דעם טאָג ארבעט געקומען מען זאָל זיי געבן די היינטיקע זופּ. די טיר פון דער קיך איז געווען גוט צוגעמאַכט און פאַרשטעלט מיט אַ לאָדן. די שניידער האָבן דווקא געוואָלט אַריינרייסן זיך. זיינען זיי געלאָפן אין אַלע זייטן. זיי האָבן דערזען, אַז אַ ביסל ווייטער לייכטן עטלעכע שפּאַרעס פון פענצטער, זיינען אַלע צוגעלאָפן און דאָ האָבן זיי געעפנט אַ לאָדן, און געזען דורך די שויבן, ווי עס זיצן מיידלעך אַרום אַן אייזערנעם אויוון און שיילן קאַרטאָפל.

„איר זעט חברים — האָט איינער געשריגן — ווי וויל זיי לעבן זיך אויף אונדזער חשבון? זיי זיצן זיך אַרום אַן אויוון אינדער־וואַרעם מיט קאַרטאָפל!"

„אָ, איר זעט די פרעסערס?! זיי באַקן זיך פעניצלעך פון אונדזערע קאַרטאָפל!"

„ס'איז אייך ווייניק, וואָס איר פרעסט אויף אונדזערע זופּן, פרעסט איר נאָך אויך אונדזערע קאַרטאָפליעס?!"

„פרעסערס! פּופּלערס! נאַשערס! — האָבן זיי געצאַרנט — איר זאָלט דערשטיקט און דערוואָרגן ווערן!"

זיי האָבן אויפגעריסן די טיר און האָבן זיך אַריינגעשיט אין דער שיילאַרניע. יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אַ טאָפּ מיט אַ לעפל אין דער האַנט.

„מיר זיינען הונגעריק!"

„מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אָן עסן!"

„איר פרעסט אונדז אויף!" האָבן זיי געשריגן. בלושטיין האָט געזען, אַז די שיילאַרניע קען נאָך באַקומען קלעפּ, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „חברים! צו וועמען לאָזט איר אויס אייער צאָרן? צו אונדז אומגליקלעכע ווי איר זענט? מיר הונגערן פונקט ווי איר..."

„ס'איז אַ ליגן! — איז אים איינער אַריינגעפאַלן אין די רייד — איר פרעסט און נאַשט! איר זעט? קוקט? — האָט ער אָנגעוויזן אויף די פענעצלעך אויף דער רער — ווער קען זיך דערלויבן היינט אַזאַ לוקסוס?! — האָט ער געצאַרנט מיט געוויין — איר פרעסט אונדז אויף!..."

„חברים! — האָט בלושטיין אים איבערגעריסן — איר זעט אין וואָס פאַר אַ נעץ מיר זיצן? זעט דאָס וואַסער אונטער די פיס. מיר ווערן דאָ געפרווירן ווי די הינט! קוקט, זעט אונדזערע געשוואָלענע הענט! מיר האָבן נאָך היינט גאָרנישט געגעסן. מיר קוקן אויס אַ גאַנצן טאָג דאָס ביסל זופּ וואָס מען דאַרף אונדז אַריינגעבן פון

דרינען, פונקט ווי איר! פון הונגער, פון הונגער באַקן מיר די פּענעצלעך..."

בלושטיין האָט שוין זיינע רייד נישט פאַרענדיקט. אַזוי ווי די שניידער האָבן געהערט: „אין דרינען", האָבן זיך אַלע אַריינ־געשיט אין דער קיך.

אין דער קיך האָבן זיי נאָר געטראָפן צודקעוויטשן אַליין. (אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין ביוראָ) מיטן ווייסן פאַרטוך און ווייסן „טשעפּעקל" אויפן קאָפּ איז ער געשטאַנען אויף אַ טרעפּל נעבן דער קיך און געמישט אַ קעסל זופּ. ער האָט געציטערט מיט אַן אָנשטעל פאַרטיפט אין מישן. די שניידער זיינען אַריינגעקומען מיט אַ געשריי:

„מיר ווילן אונדזער היינטיקע זופּ!"

„שוין, איר באַקומט שוין, חברים! — האָט צודקעוויטש זיי איינגענומען — שטעלט אייך אויס אין אַ ריי. איר זענט גערעכט. אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, ווי איר זענט גערעכט, חברים!"

די שניידערס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי און צודקע־וויטש האָט זיי אויסגעטיילט פון גרויסן קעסל געדיכטע זופּ. ער האָט געהאַלטן אין איין שעפּן פון באָדעם כדי די זופּ זאָל זיין געדיכט. ער האָט געטיילט מיטן גרויסן טשערפּאַק, געגעבן אַן איבערמאָס און יעדן איינעם צוגעוואָרפן אַ חניפה וואָרט. אַזוי ווי אַ שניידער האָט נאָר באַקומען די זופּ האָט ער גליך געגעסן. די שניידערס האָבן געפילט אַ זיסן טעם פון נקמה אין צודקעוויטשן און אין די גאַנצע קיכן חבריה. שפּעטער האָבן די שיילערקעס אויך באַקומען אַ זופּ.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט צודקעוויטש אַליין געמייסטערוועט ביי דער טיר פון דער שיילאָרניע. ער האָט זי פאַרפעסטיקט מיט שטאַרקע שלעסער און די שליסלען אַריינגענומען צו זיך. ער האָט נאָר געעפנט די טיר ווען מען האָט באַדאַרפט עפּעס אַריינטראָגן.

אין דער קיך האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אַצינד פאָרזיכטיק זיין. ווייל דער „קייסער" רומקאָווסקי קען אומגעריכט אַריינפאַלן.

מען האָט זיך באַמיט עס זאָלן ריין זיין אין יעדן ווינקל, ווי ווייט מעגלעך צושטעלן די זופּן צו דער צייט אין די רעסאָרטן. דער בונט פון די שניידערס איז דאָך דערגאַנגען צום „קייסער" דורך זיינע שפּיאָנען. האָט דער „קייסער" באַשלאָסן אַז ער מוז ווייזן זיינע שניידערס, אַז ער נעמט זיך אָן פאַר זייער עוולה. אַ, ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן!

אויפן דריטן טאָג, פּלוצלונג ווי פון הימל אַראָפּ, האָט זיך דער

„קייסער" באַוויזן אין דער קיך. אַלע אין קיך האָבן געציטערט אימת מות. יעדער האָט זיך געכאַפּט אַרבעטן: צודקעוויטשן האָבן די הענט געציטערט ביים מישן אין קעסל, דער מאַגאַזינער האָט געכאַפּט אַ בעזים און געקערט, דער שלעפּאַק האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס מאַנטל און אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס און זיך געכאַפּט האַלץ האַקן. סעלצער, דער הייצער, האָט אונטערגעבלאָזן ס'פייער. ריווע די גראָבע, האָט זיך געכאַפּט כלומרשט אויסשייערן אַ קעסל. די באַלעבאָסטע האָט כלומרשט אַרויסגעגעבן באַפעלן. דער „קייסער" האָט זיך אומעטום אומגעקוקט און געני שטערט אין יעדן ווינקל און ער האָט צו זיך געזאָגט: „ס'איזש אין אָרדנונג, ריין, אַלטש קלאַפּט! אין פיר, פינף יאָר אַרום וועט מיין געטאָ גיין ווי אַ זשייגערל!" ער איז צוגעגאַנגען צו צודקעוויטשן, אַריינגעקוקט אין קעסל אַריין. צודקעוויטש האָט זיך פאַר אים געבויגן אין דרייען אונטערטעניק: „גוט מאָרגן הער פּרעזעס". האָט ער אים באַגריסט: „גוט מאָרגן, גוט יאָר. ווי גייט עס?"

„גוט, זייער גוט, הער פּרעזעס" — האָט ער געענטפערט מיט אַ חניפהדיק שמייכעלע.

דעם „קייסער" איז גוט געוואָרן אויפן האַרצן: ענדלעך הערט ער, אַז אין זיין מלוכה איז גוט. ער האָט זיך צעשמייכלט פון נחת.

דער „קייסער" איז אַריין אין דער שיילאַרניע. די מיידלעך זיינען געזעסן איינגעשרומפּענע פון קעלט און געשיילט די געפרוירענע קילעריבן, וואָס האָבן זיי געשטאָכן אונטער די נעגל ווי נאָדלען. זיי האָבן פאַר אים געציטערט אימת מות. די וואָס האָבן געגעסן שטיקלעך קילעריבן האָבן זיי שנעל אַריינגעוואָרפן אין די שיסלען שאָלן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אויפן שוים. דער „קייסער" האָט יעדע אָנגעקוקט. ער האָט געזען אַ יונג, וואונדערבאַר שיין מיידל, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. די תאווה האָט זיך אין אים צעשפּילט, האָט ער זיך ביי איר אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „ווי הייסטו? וווּ וווינסטו? האָסטו עלטערן?" דער אַלטער האָט זי געגלעט איבער די ראָזע בעקלעך. די שיילערקעס האָבן זי מקנא געווען. ער האָט דעם מיידל געגעבן אַ טאַלאָן אויף פינף דעקאָ צוקער און אַ טאַלאָן אויף פינף דעקאָ פּוטער. זי האָט אים העפלעך געדאַנקט. דער אַלטער האָט זיך דערמאָנט נאָך וואָס ער איז געקומען. ער האָט דעם מיידל נאָך אַ גלעט געגעבן איבערן פּנים און איז אַוועק.

בלושטיין האָט ביים אייזערנעם אויוון, אַן איינגעריסטער ווי אַ קוימענקערער, געהאַקט אַ שטיק נאַס האָלץ און אויפן אויוון האָט זיך געבראָטן אַ שטיקל קילעריב. דער „קייסער" האָט זיך ביי דעם אָפּגעשטעלט: „אַזשוי גאָר?!" — האָט ער זיך צעשריגן אויף זיין

ליטוויש לשון און ער האָט אים דערלאַנגט איין פּאַטש נאָך דעם צווייטן, צוהאַלטנדיק זיך מיט דער צווייטער האַנט די ברילן — דו פרעשט אויף מיינע אַרבעטער!? אַרויס פון מיין קיך! נאָך אין דער שעקונדע!"

דער „קייסער" האָט בלושטיינען אַרויסגעוואָרפן. קיינער האָט זיך נישט אַנטוואָגט אָנצורופן מיט אַ וואָרט אָדער צו רירן פון אָרט. בלושטיין איז פון אים אַנטלאָפן, ער האָט זיך געפילט ווי אַן אומשולדיקער קרבן, וואָס אַ מערדער איז אים אויסגעריכט באַפאַלן.

דער „קייסער" איז גלייך צוגעפאָרן צו דעם שניידער-רעסאָרט, וואָס איז איינעכמן אָוונט דאָ געקומען אָפּנעמען די זופּ, און ער האָט פאַר די אַרבעטער געהאַלטן אַזאַ רעדע:

„מיינע ליבע סוועסטער און ברידער! מיינע ליבע אַרבעטער! איך קום אַטשינד פון דער קיך. איך האָב אַרויסגעוואָרפן אַלע גנבים! פון היינט אָן וועט איר רעגולער יעדן טאָג צו דער געהעריקער טשייט באַקומען מיין זשופּ רעגולער ווי אַ זשייגערל; איך האָב גענוג טשו עשן אין מיין געטאָ און אויך גענוג אַרבעט זשאָרגט ניט, זשייט רויק און געהאָרכזשאַם אַרבעט מיט טשעפרידנהייט. לאָזשט אייך ניט אויפהעטשן פון די לאָבושעש, וועט אייך גוט זשיין אין מיין געטאָ! וועט אייך גאָרנישט פעלן אין מיין געטאָ! איך האָב אַלעש, אַלטשדינג, אין מיין געטאָ! און איך וועל אייך אַרוישפירן פון מיין געטאָ!"

טייל שניידער האָבן אויפגענומען די רייד ווי תורת משה און טייל האָבן אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ מטורף. דער אַלטער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין „שיינער" קאַטש און איז אַוועקגעפאָרן אַ צעפרידענער. טייל שניידער האָבן געזאָגט: „דאָס וואָס דער „קייסער" האָט געזאָגט: „איך האָב גענוג צו עסן", דאָס האָט ער נישט געזאָגט קיין ליגן."

אַ פּאַסטן

שמחה בלושטיין, האָט זיך געזען מיט דער חברטע רעגינע, ביי איר אינדערהיים. זי האָט געוווינט אין אַ גרעסערער שטוב מיט צוויי פענצטער. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן, נישט ווייט פון געטאָ-צוים. אין דעם הויז האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט בעסער-סיטואירטע פּאַלאַקן. צום איינגאַנג איז געווען צוגעבויט אַ וועראַנדע מיט שויבן אין אַלע זייטן. זומער האָט מען געקענט אויפהייבן די פענצטער-פליגל עס זאָל אַריינקומען די לופט פון גאָרטן. ווען בלושטיין איז אָנגעקומען, איז זיין אויג פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שיינעם גאָרטן. ער האָט פאַרגעסן אויף איין מאָמענט, אַז ער

איז אין געטאָ. די חברטע רעגינע האָט באַמערקט דורכן פענצטער, אַז עמעצער גייט צו איר. זי איז אים אַקעגן געגאַנגען, געעפנט די טיר: „אַ אַ אַ סערוווס! — האָט זי אים וואַרעם געדריקט די האַנט מיט אַ זיסן שמייכל — וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס אייך חבר בלושטיין? מאַכט אייך באַקוועם, אָ, אָט אַזוי — טוט אויס דעם מאַנטל, פילט אייך ווי ביי זיך אינדערהיים. זעצט אייך" — האָט זי אים אָנגעוויזן אַ שטול. בלושטיין האָט אַלץ געשוויגן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַוווּנדערט, ווי זויבער עס איז דאָ: אַ דיוואַן אויף דער פּאָדלאָגע, אַ שיין פאַרבעט בעט, אַ לענג־לעך קיילעכדיקער טיש. מיט שטולן, אַ קאַזעטקע, אַ שאַנק ביכער, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצע וואַנט, אַ שויבן־שענקל, אַ מלבושים־שאַנק און אַ קאַפלענע קיך. רעגינע האָט באַמערקט אין זיין קוקן, ווי ער באַוווּנדערט דאָס. האָט זי אים דערציילט: „דאָס אַלץ, חוץ די ביכער, האָב איך דאָ געפונען. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן דאָ געוווינט, האָבן דאָס איבערגעלאָזט. זיי האָבן מסתמא גערעכנט, אַז זיי וועלן באַלד צוריק אַהיימקומען".

„איידער מען האָט געשלאָסן די געטאָ — האָט בלושטיין גע־זאָגט — איז פּלוצלונג געקומען אַ באַפעל, אַז די עטלעכע הייזער דאָ גייען אַריין אין געטאָ; און אין געציילטע שעהן האָבן די פּאָליאַקן זיי געמוזט פאַרלאָזן, דערפאַר איז דאָס אַלץ געבליבן" — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

דערנאָך האָבן זיי געשמועסט וועגן אַלץ אין דער וועלט: פּאָלי־טיק, ליטעראַטור, וועגן דער מלחמה. רעגינע האָט באַלד דערפילט, אַז בלושטיין איז גאַרנישט אַזוי נאַריש, ווי זי האָט זיך אים פאָר־געשטעלט. בלושטיין האָט געצאָרנט קעגן די עוולות לגבי די יידן אין געטאָ, וואָס עס באַגייט דער „קייסער" רומקאָווסקי און זיינע מענטשן.

מיט דעם האָט ער רעגינען אינגאַנצן געוווּנען. רעגינע האָט זיך אָפּגערופן: „מיטן בלויזן רעדן וועט איר גאַרנישט אויפטאָן — מעשים! מען דאַרף מעשים!"

בלושטיין האָט געזאָגט: „איך בין מסכים מיט אייך. איך בין שטענדיק גרייט צום קאַמף פאַר דער גערעכטיקייט. איך שטיי תמיד אויף דער זייט פון די שוואַכע. דאָס זעלבע מיין חבר זיידע".

„אָבער סיי איר, סיי זיידע האָבן נישט קיין פּאָליטישע ליניע".

„וואָס אינטערעסירט אונדז אַ פּאָליטישע ליניע? דאָ, וווּ עס מישט זיך נאָר אַריין פּאָליטיק, ווערט פאַרגוואַלטיקט דאָס געוויסן. איך ווייס נאָר איינס: קעמפן פאַר אמת און יושר. אָט דאָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף די ביכער — דאָ ליגט גייסט, דאָ ליגט יושר,

גערעכטיקייט! אגב, פון וואַנען האָט איר אַזאַ רייכע ביבליאָטעק?״ — האָט ער זיך געוווּנדערט.

„די ביבליאָטעק איז נישט מיינע — האָט רעגינע געענטפערט — זי איז אַ געזעלשאַפטלעכע. מיר האָבן נאָך מער ביכער, וואָס לייענער האָבן אַרויסגעבאָרגט. ווער עס האָט אַ ביסל ביכער, גיט זיי דאָ אַריין — אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן די ביבליאָטעק. איך אַליין האָב צונויפגעזאַמלט אַ סך ביכער״.

„דאָס איז זייער אַ שיינע זאַך — האָט בלושטיין זיך אָפּגערופן — נו, לאָמיך נאָר זען וועמען איר פאַרמאָגט דאָ״. ער האָט געקוקט אויף די רוקנס פון די ביכער. דאָס זיינען געווען יידישע, פּוילישע, אַ קליינע צאָל העברעישע, רוסישע און דייטשישע ביכער. אין דער יידישער אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען איבערזעצונגען פון די וויכטיקסטע ווערק פון עטלעכע לשונות. זיינע אויגן זיינען דורכגעלאָפן: ראָמען ראָלאַן, לעוו טאָלסטאָי, טורגעניעוו, עמיל זאָלאַ, מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם, אַנסקי, אברהם רייזען, ח. נ. ביאַליק און די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור פון פּוילן, רוסלאַנד און אַמעריקע. עס איז אים וואַרעמער געוואָרן. זיין אויג האָט זיך פאַרהאַלטן ביי א. לוצקי. דאָ האָט פאַר אים אויפגעטויכט דער פול געפּאַקטער לאָדזשער פילהאַרמאָניע-זאַל מיט פאַרערער פון א. לוצקין, וואָס האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פון זיינע שאַפונגען ווען הערץ גראָסבאַרד האָט געלייענט: „אַ חתונה אין שטעטל״, „ביים רבינס טיש״, „פּאַסאַליעס״. ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס בוך. עס איז אים עפּעס גוט געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן רעציטירן „אַ חתונה אין שטעטל״. בלושטיין האָט מאָדולירט זיין קול. ער האָט, מיט זשעסטן, מימיק און שטימע, אויסגעשפּילט יעדן כאַראַקטער. ער האָט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי יידן טרינקען לחיים, ווי אַזוי מען באַדעקט די כלה, ווי אַזוי דער בדחן שטעלט זיך אַרויף אויף אַ שטול און ער באַזינגט די כלה, ווי אַזוי די פידלער שפּילן צו און די ווייבער וויינען. ווי אַזוי עס טאַנצן די געסט, די פעטערס, די מומעס, ווי אַזוי עס טאַנצט אַן אלמנה, ווי אַזוי מען טאַנצט דאָס מצווה-טענצל. די חברטע רעגינע האָט געעפנט מויל און אויערן. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די טיפן און בילדער. ווען בלושטיין האָט געענדיקט האָט זי אים געדריקט די האַנט: „מיין אָנערקענונג, חבר בלושטיין. אַ שטיק יידיש לעבן האָט דער דיכטער דאָ געשילדערט. ווי איז זיין נאָמען?״

„א. לוצקי״.

„איר, בלושטיין, טוט עס זייער פיין אויסשפּילן. איך קען מיך אויף דעם — איך האָב אַ מאָל געשפּילט טעאַטער״.

„אמת, אַ שטיק יידיש לעבן — האָט ער געזאָגט מיט באַדויער — דאָס, וואָס עס וועט שוין מער נישט זיין, דאָס, וואָס דער נאַציזם האָט אויסגעריסן מיטן וואָרצל! איז טאַקע גוט וואָס אַ דיכטער האָט עס פאַראייביקט. עס איז מיר אַ וווּנדער, וואָס איר האָט קיינמאָל נעשט געהערט דעם נאָמען א. לוצקי. אונדזער יוגנט האָט מיט אים געלעבט ווי מיט אונדזערע קלאַסיקער, ווי מיט דוד עדעלשטאַדטן". ער האָט איר דערקלערט דעם תוך פון דעם „רבינס טיש", וואָס אַזוינס עס איז אַ רבי און וואָס עס זיינען חסידים.

די חברטע רעגינע האָט זיך מודה געווען, אַז זי קומט פון אַסימילירטע קרייזן און אַז דאָס אַלץ איז איר פרעמד. זי האָט געקוקט מיט ביטול אויף דעם יידישן שטייגער לעבן, און זי האָט געמיינט, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, האָבן נישט קיין אייגענע קולטור. דאָ אין געטאָ האָט זי זיך ערשט דערוווּסט, אַז יידן האָבן אויך אַ מאָדערנע ליטעראַטור, ווי אַנדערע קולטור-פעלקער, און זי האָט צוגעגעבן: „מען דאַרף היינט פאַרשרייבן אַלצדינג, וואָס מיר לעבן דאָ איבער; אַלצדינג וואָס דאָ פאַסירט".

בלושטיין האָט איר דערציילט: „שוין אַ לענגערע צייט פיר איך אַ טאָגבוך אין געטאָ".

רעגינע האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס. זי האָט אים געבעטן ער זאָל ברענגען די כתבים און פאַר איר לייענען. בלושטיין האָט זיך דערפרייט: ער האָט שוין לאַנג פאַר עמעצן געוואָלט פאָרלייענען דאָס, וואָס ער האָט אויפגעשריבן. ער האָט די גאַנצע צייט געוואָלט מיט רעגינען רעדן וועגן דעם, וואָס עס האָט אים צו איר אַהער־געבריינגט: וועגן וועלכע ניט איז אַרבעט פאַר אים. אָבער ער האָט עפּעס נישט געהאַט די דרייסטקייט.

צומאָרגנס איז בלושטיין געקומען צו רעגינען און האָט מיט־געבראַכט אַ דיקן פאַרשריבענעם העפט, און אַ פּאַק פלאַקאַטן אַראָפּ־געריסענע פון די ווענט אין די געטאָ-גאַסן. דאָס זיינען געווען באַקאַנטמאַכונגען און גזירות פון די דייטשן און פון „קייסער" רומ־קאָווסקין, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן צו די יידן אין געטאָ.

בלושטיין האָט איר געוויזן די דאָקומענטן און דערציילט, אַז דאָס זאַמלט ער פון דער ערשטער מינוט אָן. ער האַלט, אַז דאָס איז וויכטיק פאַרן היסטאָריקער. ער האָט איר דערציילט, ווי רומ־קאָווסקיס אַ פּאָליציאַנט האָט אים אַרעסטירט ווען ער איז געשטאַנען אויף אַ בענקל מיט אַ מעסער אין האַנט און אָפּגעריסן פלאַקאַטן; ווי דער פּאָליציי-קאָמיסאַר אין קאָמיסאַריאַט האָט אויף אים גע־שריגן: פאַרוואָס ער קלעפּט פלאַקאַטן קעגן דער געטאָ-הערשאַפט. ער האָט אים קוים מיט צרות איבערצייגט, אַז פאַרקערט, ער קלעפּט

נישט, נאָר ער רייסט אַראָפּ. האָט יענער אים גענומען פֿאָרשן צוליב וואָס ער טוט עס. האָט אים בלושטיין אויפגעקלערט, אַז דאָס איז וויכטיק פֿאַר די פֿאָרשער, וואָס וועלן שרייבן די געשיכטע. איך האָב אים דערציילט וועגן „ייוואָ", וואָס זאַמלט אַזעלכע דאָקומענטן. ער האָט מיך געפֿרעגט „וואָס איז דאָס „ייוואָ?" האָב איך אים אַ ביסל אויפגעקלערט דעם ענין. קוים האָט ער מיך פֿרייגעלאָזט און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מער זאָל איך גאָר נישט אַראָפּרייסן פֿון די ווענט אָן אַ דערלויבעניש פֿון העכסטן פּאָליציי-קאָמיסאַר".

די חברטע רעגינע האָט אים געזאָגט, אַז ער טוט גוט, וואָס ער זאַמלט די דאָקומענטן און זי האָט אים געפֿרעגט: „וואָס איז דאָס טאַקע דער „ייוואָ?"

בלושטיין האָט איר אויפגעקלערט אַז „ייוואָ" איז אַ ראשי-תיבות „יידישער וויסענשאַפֿטלעכער אינסטיטוט". ער האָט איר דערציילט וועגן די אויפטואונגען פֿון „ייוואָ", וועגן די פּערזענלעכקייטן, וואָס אַרבעטן פֿאַרן „ייוואָ". ער האָט איר דערציילט וועגן ד"ר מאַקס וויינרייך, נחום שטיף, נח פּרילוצקי און וועגן ש. לעהמאַן, וואָס איז אַרומגעפֿאָרן איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, געהונגערט און געזאַמלט פֿאָלקלאָר: פֿאָלקסלידער, פֿאָלקסמעשיות, וויצן און פֿאָלקסווערטלעך. בלושטיין האָט גערעדט מיטן באַגייסטערונג ווי אַ חסיד, וואָס דערציילט די מופֿתים פֿון זיין רבין.

די חברטע רעגינע האָט דאָס באַוווּנדערט און ווידער צוגע-געבן: „מיר זיינען טאַקע אַ פֿאָלק, ווי אַלע קולטור-פֿעלקער, איך האָב דאָס אַלץ נישט געוווּסט, דאָס אַלץ, וואָס איר האָט דאָ אַצינד דערציילט איז פֿאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג. און אַצינד בלושטיין, זייט אַזוי גוט לייענט מיר פֿון אייער טאָגבוך".

בלושטיין האָט אַריינגעקוקט אין דעם דיקן העפֿט, געמישט די באַשריבענע בלעטער. ער האָט זיך געיִשובֿט ווו אָנצוהויבן. ענדלעך האָט רעגינע אָנגענומען אַ בינטל בלעטער, אַ מיש געגעבן: „דאָ לייענט!"

בלושטיין האָט זיך געשראָקן, עס האָט אים שוין באַנק געטאָן די גאַנצע זאַך — ער האָט מורא געהאַט עס וועט איר נישט געפֿעלן ווערן. „אָבער פֿאַרפֿאַלן — האָט ער געטראַכט — כ'בין אַריינגע-פֿאַלן". און ער האָט אָנגעהויבן לייענען:

„נעכטן, ווען כ'בין דורכגעגאַנגען דורך דער לאַגיעווניצקע גאַס, האָב איך געזען, וואָס הונגער קען מאַכן: צענדליקער מענער, פֿרויען און קינדער האָבן אין מיטן וועג פֿון אַ בלאַטע אַראָפּגעשעפּט אויל. דאָס האָט זיך אויסגעגאָסן פֿון אַ געפּלאַצטער פֿאַס, וואָס איז אַראָפּ-געפֿאַלן פֿון אַ פֿור, וואָס די טרעגער האָבן געפֿירט אין אַ קאָאָפּע-

ראַטיוו אַריין. די יידן האָבן דעם אייל אַראָפּגעשעפּט מיט כלים, טייל האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער בלאָטע און געלעקט דעם אויל מיט דער צונג. שוין חדשים ווי קיין שום פעטס איז אין געטאָ נישט אַריינגעקומען (אויסער אין די דיעטע־לאָדנס פאַרן „קייסערס" מענטשן). יעדער טראַכט, אַז אַ ביסעלע פעטס וועט אים ראַטעווען פון טויט, איינער דעם צווייטן האָט אַוועקגעשטופּט, מיט קולות און געשרייען, דאָס האָט זיך געצירט ביז טרערן. פּלוצלונג איז דער „קייסער" רומקאָווסקי אָנגעקומען אויף זיין דראָשקע, מיט זיין לייב־וואַך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעשטייגט און גענומען קאָפּן מיט די אָפּיצערסקע שטיוול די אייל־שעפּער. זיין לייב־וואַך, די צוויי פּאָליציאַנטן, האָבן געקלאַפּט איבער די גופים מיט די שטעקעלעך און האָבן צעטראָטן און פאַרשיט מיט געדיכטער בלאָטע דעם אויל. דער „קייסער" איז אַוועקגעפאָרן און די יידן האָבן אים נאָכגעוואָרפן קללות"...

בלושטיין האָט אויפגעהויבן די אויגן און געוואָלט זען, ווי אַזוי דאָס ווירקט אויף רעגינען.

„עס איז זייער גוט — האָט רעגינע געזאָגט — איר פאַרשרייבט אמתע פּאַסירונגען, אָן שום צופּוצונגען. דאָס האָט אַ ווערט פאַר דער געשיכטע און אויך פאַר דעם קינסטלער. יאָ, איר טוט אַ גוטע זאַך. גייט ווייטער אָן מיט אייער אַרבעט. איר, חבר בלושטיין, זייט אַ נוצלעכער מענטש. אייך דאַרף מען שטיצן, מען דאַרף זען איר זאָלט קענען איבערלעבן די מלחמה. איר דאַרפט קריגן עפּעס אַ לייכטע אַרבעט, כדי איר זאָלט קענען פאָרזעצן אייער שרייבן און דאָס צונויפזאַמלען די דאָקומענטן".

בלושטיין איז געזעסן שטיל. ער האָט נישט געוווסט צי מיינט זי ערנסט אָדער זי לאַכט פון אים. די חברטע רעגינע האָט זיך פאַר־טראַכט. איר הויכער שיינער שטערן האָט זיך געקנייטשט. ס'איז קענטיק געווען, אַז זי זוכט און נישטערט עפּעס אין דער מחשבה. פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר, אָנגעשריבן אַ בריוול, אַריינגעלייגט אין אַ קאָנ־ווערט, צוגעקלעפּט און אויפגעשריבן אויף פּויליש: פּישביין. זי האָט בלושטיינען דערלאַנגט דעם בריוו: „דאָ האָט איר — האָט זי גע־זאָגט, — באַלעמוטשעט נישט, גייט שוין אַהין צום „ווירטשאַפט אַמט" דערפרעגט אייך אויף פּישביינען, און גיט אים דעם בריוו אין די אייגענע הענט אַריין. ער וועט אייך געבן אַ לייכטע אַרבעט. דער עיקר וויל איך, אַז איר זאָלט ווייטער פאָרזעצן אייער שרייבן און דאָס זאַמלען די דאָקומענטן. גייט און לאָזט מיר וויסן, וואָס עס וועט פון דעם אַרויסקומען".

„גוט — האָט בלושטיין געזאָגט — כ'וועל טאָן אַלצדינג, ווי איר האָט מיר אָנגעזאָגט. סערווּס, סערווּס!" — האָבן זיי זיך געדרוקט די הענט. די חברטע רעגינע האָט פריינטלעך צוגעשמייכלט.

דעם בריוו האָט בלושטיין געהאַלטן אין קעשענע און נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האַלט אַן אוצר. ער איז געוואָרן האָפערדיקער. עס איז זיך אים עפּעס לייכטער געגאַנגען. ער האָט זיך געפילט ווי זיין גוף וואָלט געוואָרן אויסגעגליכט, העכער, ער איז עפּעס אַצינד געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. עס איז אים פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. ער איז נישט געגאַנגען נאָר ממש אַריינגעשוועבט אין „ווירטשאַפטס-אַמט" צו פישביינען.

פישביין איז געווען אַ גאַנץ נידעריקער. כדי ער זאָל נישט אויסזען אַזאַ קליינטשיקער, האָט ער געטראָגן ספּעציעלע שיך מיט אַ הויכן ספּוד, און אַ הויכן אויפגעשטעלטן קאָפּעלוש. פישביין האָט געהאַט אַ היפּשן שטערן, אַ גלאַט ראַזירט פּנים און קליינטשיקע אייגעלעך מיט אַ פוקסענעם בליק. פישביין איז געווען אַ גוטער רעדנער. ער האָט אויסשטודירט יורי. אָבער ער האָט אין סאַנאַציע-פּוילן נישט געוואָלט אָננעמען אַ פּאָסטן אין געריכט (ווו ער האָט געקענט באַקומען כאָטש מען האָט זעלטן צוגעלאָזט אַ ייד צו אַ מלוכה-פּאָסטן) ווייל ער וואָלט געמוזט אויספירן אַזעלכע מעשים, וואָס זיינען קעגן זיין געוויסן און פּרינציפּ. איז ער געוואָרן סעקרעטאַר אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע אין לאָדזש. פון דאָרטן האָט אים בלושטיין געקענט נאָך פון יענע צייטן, ווען ער, בלושטיין, איז געווען אַ האַנדלס-אָנגעשטעלטער און אָנגעפירט אַ שטרייק. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי פישביין האָט איינמאָל קאַנדידירט אַלס דעפּוטאַט צום פּוילישן סיים, אויף דער ליסטע פון די לינקע סאָציאַליסטן. אַצינד אין געטאָ האָט פישביין געהערט צו די „לינקע פּועלי ציון".

פישביין האָט זיך אין געטאָ אויסגעקליבן אַן אַמט, ווו ער זאָל קענען העלפן אַרבעטער: ער איז געווען דער קעראַוונִיק איבער די הויז-וועכטער און איבער די נאַכט-וועכטער. ער אַליין האָט אָרגאַני-זירט דעם אַמט. פישביין האָט נישט געמאַכט קיין אויסנאַם: ער האָט באַשעפטיקט מענטשן פון אַלע פּאַרטייען. ער האָט זיך באַמיט צו שאַפן וואָס מער אַרבעטס-פּלעצער. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע יידן אין געטאָ זאָלן אַרבעטן, און אַז אַלע זאָלן באַקומען אַ גלייכן שפּייז-צוטייל.

אַלס קעראָוונִיק איז פישביינען געקומען אַ „ביראָט-צוטייל", אָבער ער איז געווען דער איין און איינציקער קעראָוונִיק אין געטאָ,

וואָס האָט עס נישט געוואָלט נעמען. דערפאַר האָט דער „קייסער" רומקאָווסקי אים נישט פאַרטראָגן. ער האָט געחוזקט פון אים, וואָס ער חברט זיך נאָר מיט אַרבעטער, לעבט ווי אַן אַרבעטער „און דערצו איז ער נאָך אַ רעוואָלוציאָנער", — האָט זיך דער „קייסער" געקאָכט.

פישביין האָט פיינט געהאַט די פירער פון ווירטשאַפטס-אַמט און זייערע זיצונגען. דאָס זיינען אַלץ געווען דעם „קייסערס" מענטשן — געוועזענע פאַבריקאַנטן און גרויסהענדלער. זיין פאַרגעניגן איז געווען צו געפינען זיך צווישן עמך.

פון צייט צו צייט האָט ער געהאַט פאַרזאַמלונגען מיט זיינע הויז-וועכטער. כדי זיי זאָלן זיך מיט אים פילן נענטער און היימי־שער, האָט ער אויסגעטאָן דעם קאָלנער מיט דער בינדע, אַראָפּ־געוואָרפן די מאַרינאַרקע, און אַזוי איז ער געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט איינגעקאָלכטע, אויסגריסטע און פילנדיקע: פון קלאָריק, מיסט און אָפּפאַל. זיינע פינגער האָבן זיך געשפּילט מיט די שעלקעס, אָבער מיט אַ קנעפּל פון העמד, בעת ער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע. שטיל, רויק, ווי מען רעדט צו אַן אייגענעם. די וועכטער האָבן אין פישביינען געהאַט אַ פריינט, אַ חבר. זיי האָבן דאָס גוט געוווּסט. ער האָט פאַרדעקט די עוולות, וואָס די קאָנטראָלערן האָבן צו אים ראַפּאָרטירט. ער האָט זיך נישט געמאַכט זען אַ סך זאַכן. פישביין האָט זיך באַמיט צו הייבן די חשיבות פון זיינע אַרבעטער, און בכלל האָט ער געהאַלטן אין איין קעמפן מיטן „קייסער" פאַר בעסערע באַדינגונגען פאַר זיי, ווי אַ פירער פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין איז ער געשטאַנען וואָך לטובת זיינע אַרבעטער. ער האָט זיך גאָר־נישט אויפגעפירט ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעראָווניק. און דער „קייסער" מיט זיינע מענטשן האָבן אים דערפאַר נאָך שטאַרקער געהאַסט.

ווען בלושטיין איז אַריינגעקומען אין ביוראָ און געמאָלדן, אַז ער דאַרף צו פישביינען, האָט מען אים גלייך צו אים אַריינגעלאָזט.

פישביין איז געזעסן ביי אַ שרייב-טיש און עפּעס פאַרצייכנט. בלושטיין האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם בריוו אין דער האַנט אין דער קעשענע. אַצינד האָט ער אים אַרויסגעצויגן און דערלאַנגט. פישביין האָט גיך אויפגעריסן דעם קאָנווערט. שנעל איבערגעלייענט דאָס בריוול און צעריסן אויף פּיץ-פּיצלעך — עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן בלושטיינען אָנגעמאָסטן מיט אַ פוקסענעם בליק. ער האָט גענומען אַ צעטעלע, עפּעס אויפגעשריבן, געפרעגט זיין נאָמען, אַדרעס, און צוגעשטעמפּלט אַ צלמל. ער האָט אים דערלאַנגט דאָס צעטעלע, האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם, אַריינגעפירט אין ערשטן צימער און אים איבערגעגעבן צום סעק־

רעטאַר, וואָס איז געזעסן ביים פענצטערל צום וואַרט־צימער: „פאַר־רעגיסטרירט דעם מענטש" — האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן און ער איז צוריק אַריין צו זיין אַרבעט.

דער סעקרעטאַר, פּאַטאַש האָט ער געהייסן, איז געווען אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ גרויסן בויך. ער איז געווען אַן איידעם פון אַ פאַבריקאַנט. ער האָט פאַר דער מלחמה אויך געטאָן די זעלבע אַרבעט ביי זיין שווער אין פאַבריק. ער האָט ליב געהאַט צו פייניקן די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אין זיינע הענט. ער האָט ווייניק גערעדט, נאָר געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע וואָס דער אַרבעטער האָט געוואָלט. פישביין האָט דאָ נישט געקענט העלפן, ווייל פּאַטאַש איז אַריינגעשיקט געוואָרן דורכן „קייסער" רומקאָווסקי אַליין, וואָס האָט זיך געקענט מיט זיין שווער. יענער האָט זיך פאַרן קריג אַסעקורירט ביים אַלטן, וואָס איז געווען אַן אַגענט פון אַן אַסעקו־ראַציע־געזעלשאַפט.

די אַרבעטער האָבן פּאַטאַשן גערופן: „צולהכעיסניק".

בלושטיין האָט „צולהכעיסניקן" דערלאַנגט דאָס צעטעלע. ער האָט עס פון אים צוגענומען און אים געהייסן אַרויסגיין צום פענצ־טערל. פּאַטאַש האָט געזען, אַז עס שטייט אַ צלמל — האָט ער אויפגעעפנט אַ בוך און אויפגעמאַכט ס׳פענצטערל. ער האָט בלו־שטיינען געפרעגט ווי ער הייסט, ווו ער איז געבוירן, דעם נאָמען פון די עלטערן, ווו ער וווינט. בלושטיין האָט אים אויף אַלץ גע־ענטפערט און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז פון אַצינד אָן וועט ער שוין קענען אויסקויפן די „ראַציע" צו דער צייט, ער וועט שוין נישט הונגערן, ער וועט שוין איבערלעבן היטלערן מיט זיינע משרתים.

ווען פּאַטאַש האָט שוין אַלץ געהאַט פאַרשריבן, האָט ער גאַנץ קאַלט אַ זאָג געטאָן: „אַצינד קענט איר אַהיימגיין".

„און... אַ... כ׳מיין אַ פּאָסטן?..." האָט אים בלושטיין שטאַמלענדיק געפרעגט.

„מיר וועלן אייך לאָזן וויסן אין עטלעכע טעג אַרום".

בלושטיין האָט אים העפלעך אַ זאָג געטאָן: „אַ גוטן טאָג" — און איז אַרויס אַ ביסל אַנטוישט. באַלד האָט ער זיך איבערגע־טראַכט: „מסתמא פירט זיך אַזוי. דאָס איז נישט קיין שפייז־געוועלב אין די גוטע צייטן, ווו מען גייט אַריין, מען הייסט זיך געבן וואָס מען וויל, מען באַצאָלט און מען טראָגט אַהיים. דאָס איז דאָך עפּעס אַ פּאָסטן. אין אַלע צייטן איז אַ פּאָסטן צו קריגן נישט פון די לייכטע זאַכן. עס דאַרף דויערן עטלעכע טעג". ער איז גיך אַהיים־געלאָפן אַן אויפגעמונטערטער. אַזוי ווי ער האָט נאָר אויפגעעפנט די טיר האָט שרהלע, זיין ווייב, גלייך דערקענט, אַז ער איז עפּעס

פריילעך. זי האָט אים פאַרשפּאַרט פרעגן. ער האָט גלייך אויס־געשאָסן: „כ׳האָב געקריגן אַ פּאָסטן! מיר וועלן איבערלעבן היטלערן מיט זיינע משרתים!"

פון גרויס פרייד האָבן זיי זיך אַרומגענומען און צעקושט, ווי אַמאָל ווען זיי האָבן באַשלאָסן צוזאַמען אויפבויען זיך אַ היים מיטן גלויבן אין אַ שיין און גליקלעך לעבן.

עס איז אַוועק איין וואָך, צוויי, דריי, פיר וואָכן, און בלושטיין האָט אַלץ נישט געהערט וועגן דעם פּאָסטן. ער האָט נישט געקענט אויסקויפן די „ראַציעס" און געהונגערט. ביז די חברטע רעגינע האָט אים געגעבן נאָך אַ בריוו, און אים געהייסן אַרויפגיין שפּעט אין אָוונט צו פישביינען אין הויז אַריין און אים איבערגעגעבן דעם בריוו. בלושטיין האָט אַזוי געטאָן. ער האָט געטראָפן פישביינס פרוי און זייער יינגל. זי איז געווען אַ הויכע, שטאַלטנע פרוי — להיפך פון איר מאַן. זי האָט בלושטיינען געבעטן זיצן און צוווארטן אויף פישביינען. בלושטיין האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן טיש. זי האָט צוגעמאַכט דאָס בוך, וואָס זי האָט געלייענט און זיי האָבן געשמועסט, וואָס עס הערט זיך אין געטאָ, וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט, וועגן הונגער, וועגן די עפּידימיעס און שטערבלעכקייט.

„וואָס לייענען זי, פרוי פישביין?" — האָט זי בלושטיין גע־פרעגט.

„אברהם רייזענס לידער און דערציילונגען — האָט זי געענטפערט — מיר געפעלט זיין שילדערן די אָרעמקייט און זיין רחמנות אויף מענטשן. דאָ אין געטאָ זעט מען זיינע בילדער". פּלוצים האָט זי ווי אויסגעקרעכצט אברהם רייזענס שורות:

„הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן, פריי באַהערשט די וועלט
ברעכט די צווייגן, רייסט די ביימער, טוט וואָס איך געפעלט."
און זי האָט פאַרענדיקט מיט אַן „אוי!"

„יאָ, ס׳איז אַ שטורעם — האָט בלושטיין געזאָגט — אָבער אברהם רייזען ענדיקט דאָס ליד אַזוי: „לאַנג וועט דויערן דער ווינטער — זומער איז נאָך ווייט". איך זאָג אייך, אַז מיר דאַרפן אים קאָרעגירן: „נישט לאַנג וועט דויערן דער ווינטער — זומער איז נישט ווייט".

„איר זייט גערעכט — האָט זי צוגעגעבן — ערגעץ אַנדערש זאָגט ער טאַקע: „מיר ברעכן מיר ברעכן די אייזערנע ווענט". מיר האָבן נישט קיין צייט צו וואַרטן — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

זיי האָבן ווייטער געשמועסט און בלושטיין האָט באַוווּנדערט איר ערודיציע, איר חן און שיינקייט. און דאָס, וואָס זי איז אפשר נאָך אַמאָל אַזוי הויך פון פישביינען. ער האָט אויך באַוווּנדערט

ווי זויבער עס איז דאָ. די וווינונג האָט זיך געפונען אין אַ שיין הויז, אויפן דריטן שטאָק — אַ גרויסע „ווענעציקע" שטוב, האַלב-וועגן אויסמעבעלירט; אין די ווינקלען איז פינצטער געווען. נאָר ביים טיש אין מיטן שטוב האָט געלויכטן אַ קליין עלעקטריש לעמפּל (עס איז דערלויבט געווען נאָר פופצן וואַט) דאָס איינציקע פענצטער איז געווען גוט פאַרהאַנגען עס זאָל חלילה נישט אַרויסשלאָגן אַ פּאַסיקל ליכט (פאַר אַרויסשלאָגן אַ פּאַסיקל ליכט האָט מען נישט איין משפּחה געשיקט אין גאַז-קאַמער). די פרוי פישביין האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — עס איז שוין געווען צען מינוט צו צען. זי האָט געזאָגט: „אַנטשולדיקט אַ ווייל", און איז צוגעגאַנגען צו דער קיך, פאַרטיק מאַכן די קילעריבן-זופּ. בלושטיין האָט דערווייל אַריינגעקוקט אין דוד עדעלשטאַדטס לידער, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש.

„זיי, די דיכטער וואָס מיר האָבן ליב — האָט די פרוי פישביין געזאָגט — האָבן נישט קנעכטיש געדינט דעם מושל. אונדזער „קייסער" רומקאָווסקי האָט דאָך אויך זיין הויף-שרייבער, זיין „פּאָעט", וואָס האָט פאַר דער מלחמה געשפּילט אַ ראָלע אין אַ טאָג-צייטונג, אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל און ער האָט זיך געקאָכט אין אַלע באַוועגונגען. מען האָט געקענט מיינען ווער ווייסט וואָס פאַראַ קינסטלער ער איז — און דאָ זינגט ער „הלל" פאַר רומקאָווסקין אין דער „געטאָצייטונג" און אין זיינע „פּאָעמעס", מ'שטיינס גע-גאַזט! יאָ, יאָ, דער „קייסער" זאָרגט שטאַרק ער זאָל אַריין אין דער געשיכטע מיט גאָלדענע אותיות. אָבער עס וועט אים העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ער איז אַ פאַררעטער פון זיין פאָלק! דער משוגענער!"...

„ער האָט זיך אויך געקויפט אַ קונסט-מאָלער — איז בלושטיין איר אַריינגעפאַלן אין די רייד — וואָס מאָלט פון אים בילדער מיט אַ טענדענץ. ער שטעלט אים אַרויס אין אַ שיינעם ליכט אַלס העלד, אַלס פירער פון יידישן פאָלק, וואָס ווייטיקט איבער אים. ער האָט אים פאַרזאָרגט, דעם מאָלער, מיט אַ גוטער וווינונג און מיט טאַלאָ-נען. דער זעלבער מאָלער האָט זיך פאַר דער מלחמה אויך פאַר-קויפט צו אַ פאַבריקאַנט..."

„יאָ, עס איז מיר באַקאַנט די זאַך — האָט פרוי פישביין אים איבערגעריסן — אָבער איין זאַך פאַרשטיי איך נישט: אַ שרייבער דאַרף זיין דער היטער פון אמת, אַ קעמפער פאַר יושר און גערעכטי-קייט, זיין וואָרט דאַרף ביי אים הייליק זיין, ער דאַרף זיין אַ ביי-שפּיל פאַר זיין פאָלק. טאָ ווי אַזוי קאָן זיך אַ שרייבער פאַרקויפן פאַר ברעקלעך וואָס פאַלן פון יענעמס טיש?"

„פרוי פישביין — האָט בלושטיין איר אויפגעקלערט — עס

זיינען תמיד געווען און עס וועלן תמיד זיין כלומרשטע שרייבער, וואָס זיי דאַכט זיך, אַז פון איין זייט שאַפן זיי „ריינע קונסט”: לידער, פּאָעמעס, דראַמעז, ראָמאַנען, מ'שטיינס געזאָגט, צו וואָס דער בעסערער לייענער וויל זיך נישט צורירן; און זיי האַלטן אין איין שרייען, אַז דער לייענער איז נישט דערוואַקסן זיי צו פאַרשטיין. און פון דער צווייטער זייט: טוען זיי אַלדאָס בייז און אַלדאָס שלעכטס מיט דער פעדער — פאַרדעקן אַלע געמיינהייטן מיט שיינע פראַזן, דינען יעדן פאַן פאַר אַ ביסל געלט. זיי פאַרכאַפּן אומעטום דעם אויבן אָן, פאַרכאַפּן אַלע כיבודים און קאָכן זיך אומעטום, ווו זיי קענען אָפּלעקן אַ ביינדל; און ווו און ווען זיי זאָלן נישט קומען, זיינען זיי דאָס אויבערשטע פון שטויסל, דאָס זיינען באַלעמלאָכעס, וואָס פאַסן זיך צו אומעטום”.

„כ'בעט אייך, וואָס פאַרא געפיל, וואָס פאַרא האַרץ האָט אַזוינער!”

„זיי האָבן הערצער פון שטיין. זיי פילן נישט, נאָר טוען אַלץ מיטן קאָפּ. טעכניק קען מען זיך אויסלערנען — אפילו אַ פערד אָדער אַ בער, קען מען אויסלערנען טאַנצן. אַ ווערק, אָבער, ווערט געשאַפן מיט האַרץ. און אַ האַרץ רעדט צו אַ האַרץ”.

„יאָ, איר זעט דאָך, אַז די פאַרפירערישע פאַלשע משיחים זיינען מצליח — דער עולם-גולם גלייבט זיי!”

„אויף דעם קלאָגט שוין לאַנג דער נביא, פרוי פישביין”.

און ער האָט רעציטירט פון יחזקאל אויף יידיש, אין פרצס איבערזעצונג, אויף אויסנווייניק:

„גאָט זאָגט אַזוי צו זאָגן:
די פאַלשע נביאים וועל איך קלאָגן,
די שקרנים, די כזבנים
מיטן אומפאַרשעמטן פּנים.
ווייל זיי טראַכטן אויס און זאָגן
אין מיין נאָמען נאָר דמיונות
פאַר מטבעות, פאַר פדיונות,
כלומרשט איך האָב זיי געשיקט!
גאָר צו מיר אַרויפגעקוקט
ווייניק האָט מיין פאָלק געליטן,
דאַרפט איר נאָך זיין יאָך באַשווערן?
ווייניק בלוט נאָך, ווייניק טרערן? —
אויסגעריסן זאָלט איר ווערן!”

„די ווערטער, פרוי פישביין, זיינען שוין אַלט טויזנטער יאָרן”.
עס איז שטיל געוואָרן. פרוי פישביין האָט זיך פאַרטראַכט אין

די ווערטער און בלושטיין האָט ווייטער אַריינגעקוקט אין דוד עדעלשטאַדטס בוך, ער האָט געמישט און געזוכט, באַלד האָט ער ווידער דעקלאַמירט:

„עס איז אַ יחוס צו זיין אַ פּאָעט,
דאָך עקלט עס ווען מיט אייך אויף איין ברעט
שטייט אַ נפש מיט צוויי געזיכטער
און דערקלערט: ער איז אַ דיכטער!

היינט פּאַר אַ געבראָטנס מיט קאַרטאָפל
לעקט ער דעם רייכן לומפּס פּאַנטאָפל.
מאָרגן פּאַר אַ גילדן לוין
שרייט ער: זאָל לעבן די פרייהייטס פאָן!

דאָך וואָס גייט עס אָן די וועלט,
ווי אַלץ פאַרקויפט זיך פאַר געלט —
מעגסט זיין אַ נפש אָן ערע, פּרינציפּ,
אַבי נאָר עס גראַמט זיך ביסטו אונדז ליב״.

„זעט איר, אַפילו עדעלשטאַדט האָט אויך אויף דעם געקלאָגט״.
די פרוי פישביין האָט זיך איינגעהערט מיט הנאה. ווען ער האָט געענדיקט האָט זי געזאָגט: „איר לייענט וווּנדערבאַר״.

„איך האָב אַמאָל זיך געלערנט לייענען, כ׳האָב אויך געשפּילט טעאַטער. די דיכטער, וואָס איך האָב ליב לייען איך מיט געפיל. דער עיקר איז, אַז מען זאָל פאַרשטיין וואָס מען לייענט. נאָך דעמאָלט, ווען כ׳האָב געלערנט אין בית המדרש, ווען איך האָב נאָך געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, מיט פּיאות, האָב איך צוזאַמען מיטן לערנען די נביאים געלייענט דוד עדעלשטאַדטן און אברהם רייזענען. ביידע האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט. אברהם רייזענס קורצע דערציילונג „דער פּראָלעטאַריער אויף פרישע לופט״ האָט אין מיר געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע. איך קום פון אַ בירגער־לעכער היים, ווו מען האָט זיך געשעמט מיטן אַרבעטער, אָבער נאָכן איבערלייענען די דערציילונג, האָב איך אָנגעהויבן קוקן אויפן אַרבעטער מיט ליבע און רחמנות. דוד עדעלשטאַדט האָט אין מיר געשאַפן אַ שטאָלצקייט: כ׳זאָל מיך נישט פילן איבעריק, כאָטש כ׳בין אָרעם. ער האָט מיר אויפגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף געהערן צו די, וואָס שאַפן און בויען; און דעם פונק פון קאַמף, וואָס ער האָט איר מיר אָנגעצונדן, צעפלאַמט זיך אין מיר אַלץ שטאַרקער אויסצוקעמפן אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, ווי אונדזערע נביאים האָבן געטרוימט. איך האַלט, אַז דוד עדעלשטאַדט איז געווען

דער נביא אין זיין דור. ביי אונדז אין שטעטל האָט די יידישע יוגנט אַרומגעטראָגן זיך מיט די ווערק פון אונדזער מאָדערנער ליטע־ראַטור, ווי מיט ספרים. מען האָט געלעבט מיט זיי, מען האָט זיי געהאַלטן אין איין ציטירן, אויף יעדן צוזאַמענקום האָט מען זיי רעציטירט און געזונגען"...

„ביי אונז אין שטעטל איז אויך אַזוי געווען — איז זי אַריינ־געפאַלן אין זיינע רייד — אין יעדן שטעטל אין יעדער שטאָט. איך האָב די זכיה געהאַט אַ מאָל צו זען פרצן. די גאַסן זיינען איבער־געפּאַקט געווען פון זיינע פאַרערער, פון דער „וואַרשע־ווינער באַן", ביז צום „הזמיר"; יעדער האָט זיך געשטופּט אים צו זען, ווי די חסידים צו זייער רבין. איר האָט באַדאַרפט איבערלעבן דעם מאָ־מענט ווען פרץ איז אַריינגעקומען אין „הזמיר". איך בין נאָך דע־מאָלט אַ קינד געווען אָבער איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַלע זאַלן זיינען איבערגעפּאַקט געווען פון זיינע לייענער און פון אַלע, ווי פון איין ברוסט, האָט זיך אַרויסגעריסן איין פריידיקער אויסגעשריי: „פּרץ! פּרץ! פּרץ!" און באַלד האָט דער עולם זיך צעזונגען: „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם פּרצן מקבל פּנים זיין!" ווען ער האָט גערעדט איז עס געווען מיט אַזוי פיל ליבע צום יידנדן פאָלק און מיט שטאַרקן פּראָטעסט קעגן די תקיפים. פּרצס שאַ־פונגען זיינען סאָציאַל. האָט ער גאָרנישט געווירקט אויף אייך?"

„ווער זאָגט אַז נישט? פּרץ האָט מיך געמאַכט פאַר אַ וועלט־לעכן ייד! מיט זיין „שטריימל" האָט ער פאַר מיר אַנטפּלעקט די צביעות פון קלער, וואָס ווערט צוגעדעקט מיט אַ שטריימל. דורך זיין ליד „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע", האָב איך געזען ווי די מושלים האָבן די וועלט פאַרוואַנדלט אין אַ קרעטשמע און איך זע אויך אין דעם ליד די אָרדענונג אין אונזער געטאָ, וואָס רומ־קאָווסקי מיט זיין קליקע האָט איינגעשטעלט — מיט דעם כוח פון די דייטשן. אָבער עס וועט קומען דער טאָג פון דין און משפט. זיין „באָנטשע שוויג" האָט מיך געמאַכט פאַר אַ „בלושטיין שריי!" דאָ אויף דער וועלט דאַרפן מיר שרייען און אויסקעמפן אַ בעסער און שענער לעבן. פּרץ האָט מיט דער סאַטירע געוויזן דעם פאָלקס־מענטש אַ וועג. דער אמתער דיכטער איז אַ נביא, ער ווירקט אויף זיינע לייענער, ווייל ער האָט אין זיך אַ געטלעכן פונק".

„איך מיין ער איבערצייגט און מאַכט גליבן, ווייל ער אַליין גלייבט אין דעם וואָס ער זאָגט."

אַ שליסן אין טיר און אַ רייבן די שיך אין דער „סלאָמיאַנקע" האָט איבערגעריסן זייערע רייד. אַלע האָבן געקוקט צו דער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און פישביין איז אַריינגעקומען מיט אַ פריי־

לעכן: „גוטן אָוונט! ער האָט זיך צעקושט מיט זיין פרוי. זיין יינגל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל אין אַ ווינקל איז צוגעגאַנגען און צעקושט זיך מיט זיין פאָטער. דערנאָך האָט זיך פישביין געווענדט צו בלושטיינען: „איר האָט גאָרנישט מורא אַזוי שפּעט צו זיין אויסער אייער היים? — און ער האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט.

„איך מוז, פאַניע פישביין, איך מוז. איך האָב נישט קיין עצה — האָט אים בלושטיין געענטפערט מיט אַ בעטנדיקע שטימע — איך האָב אייך געמוזט זען", — און ער האָט אים דערלאַנגט די חברטע רעגינעס בריוו.

פישביין האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אָבער נישט דעם הויכן אויפגעשטעלטן הוט, כדי ער זאָל אויסזען העכער. זיינע אויגן זיינען שנעל דורכגעלאָפן דעם כתב: „בלושטיינען מוז מען העלפן ער זאָל קענען די מלחמה איבערלעבן. ער איז אַן אויפריכטיקער, ער איז פון די יחידים, וואָס אַ פאָלק דאַרף האָבן. ער איז אַ שרייבער. מיט חברישן גרוס, „רעגינע". פישביין האָט אַ קוק געטאָן אויף בלושטיינען: „איר שרייבט?"

„יאָ" — האָט בלושטיין אַראָפּגעלאָזט די אויגן — „צו ביסלעך".

פישביין האָט דעם בריוו צעריסן אויף פּיץ-פּיצלעך עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן.

בלושטיין האָט אַרויסגענומען פון בוזעם זיין ערשט ביכל לידער און ער האָט אים דערלאַנגט. פישביין האָט עס אויפגעמישט און איבערגעלייענט דעם שער-בלאַט: שמחה בלושטיין — לירישע לידער. ער האָט איבערגעמישט עטלעכע בלעטלעך און איבערגעלייענט אַ ליד. דאָס ליד האָט אים גערעדט צום הארצן און ער האָט געזאָגט מיט יראה: „איר האָט אַ שיינע נשמה, אַ פילבאַר האַרץ." בלושטיינען האָט דאָס הנאה געטאָן. אָבער ער האָט זיך געשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ יינגל.

פישביין האָט שנעל אויפגעשריבן אַ פּאָר ווערטער אויף אַ צעטעלע און צוגעשטעלט דריי פלוסן. ער האָט זיך אונטערגעשריבן מיט זיינע איניציאַלן און דערלאַנגט בלושטיינען: „דאָ האָט איר. מאָרגן באַלד אינדערפרי גייט איר ביוראָ און גיט דאָס פּאַטאַשן, דעם וואָס האָט אייך דעמאָלט פאַררעגיסטרירט. און אַ צינד גייט אַהיים פאָרזיכטיק.

בלושטיין האָט אים העפלעך געדאַנקט.

די פרוי פישביין האָט זיך אָנגערופן: „איך האָב באַלד דערקענט אין אייך אַ בעסערן מענטש, דערפאַר האָב איך אייך דער-

לויבט ווארטן. אזוי לאָז איך דאָ קיינעם נישט ווארטן — אַלע שיק איך אין ביוראָ".

„כ'דאַנק אייך זייער" — האָט בלושטיין צו איר געזאָגט און ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. פּישביינען האָט ער אויך דערלאַנגט די האַנט: „אַ גוטע נאַכט!"

„אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר! זייט פאָרזיכטיק!"

בלושטיין איז שנעל אַוועק.

עס איז געווען אַ פינצטערע, טריבע, ווינטער-נאַכט. בלושטיין האָט זיך געשאַרט הינטער די ווענט, ער האָט קוים אָנגערירט די ערד. ער האָט געשטעלט שטילע טריט, כדי עס זאָל אים, חלילה, נישט באַמערקן די דייטשע וואַך ביי די דראָטן און עפענען אויף אים אַ שיסעריי; אָדער דעם „קייסערס" אַ פּאָליציאַנט זאָל אים נישט פאַרהאַלטן. די הייזער זיינען געשטאַנען מיט אויסגעלאָשענע אויגן. פון אינעווייניק האָבן זיך דערטראָגן: קללות, קרעכצן, אַ הוסטן פון קראַנקע לונגען, אַ געוויין פון הונגעריקע קינדער, קריגערייען. פון אויסערן געטאָ האָט זיך דערטראָגן: אַ שווער סאָפּען פון אַ לאָקאָ-מאָטיוו, אַ טראַסקעריי פון רעדער אויף רעלסן, אַ בילעריי פון הינט. (בלושטיין האָט דאָס צעטעלע געדריקט אין דער האַנט.) דאָס אַלץ האָט אין זיין האַרץ דערוועקט אַ בענקשאַפט צו דער פריי. ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב האָט ער געטראָפן זיין ווייב אַ דערשראָקענע און אַ פאַרוויינטע: „עס האָט מיר באַנג געטאָן, וואָס איך האָב דיך געלאָזט אין דער צייט אַרויסגיין פון שטוב". בלושטיין האָט איר געוויזן דאָס צעטעלע: „אַצינד זיינען מיר געהאָלפן — כ'האָב אַ פּאָסטן! זעסט? זעסט? — האָט ער געוויזן די דריי קרייצעלעך — איך בין אַ מבין געוואָרן, דאָס הייסט דריי מאָל יאָ... זאָרג גאָר נישט, מיר וועלן שוין אַצינד קענען אויסקויפן די „ראַ-ציעס", מיר וועלן שוין נישט הונגערן, מיר וועלן איבערלעבן היט-לערן מיט זיינע משרתים!"

בלושטיין האָט פון גרויס איבעראַשונג די נאַכט נישט געקענט שלאָפן — ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם פּאָסטן. וואָס פאַר אַ פּאָסטן דאָס איז האָט ער אַלץ נישט געוווּסט. פאַרטאָג ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט זיך בלושטיינען געחלומט ווי ער שטייט אין אַ ווייסן פאַרטוך אין קאָאָפּעראַטיוו און גיט אַרויס שפּייז און ער האַלט אין איין נאַשן גוטע זאַכן. און ווען זיין ווייב איז אַריינגעקומען האָט ער איר געגעבן טאָפּלטע פּאָרציעס מיט אָן איבער-וואָג. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ווייב: „שרהלע, כ'האָב די נאַכט געגעסן און גענאַשט אַזוי פיל גוטע זאַכן, אַז דער טעם ליגט מיר נאָך אין מויל. אַי, ווען איך האָב כאָטש

אַצינד איין פּראָצענט פון דעם, וואָלט מיר מיין הארץ און מיין מאָגן אַזוי נישט דאָקוטשעט“.

„די הונגעריקע גאַנדז חלומט זיך האָבער“, — האָט זי אים געענטפערט.

באַלד אינדערפרי, מיטן ניכטערן מאָגן, איז בלושטיין אַוועק אין ביורא. ער האָט דערלאַנגט דאָס צעטעלע פּאָטאַש, דורכן פענצטערל.

פּאָטאַש האָט שוין, פאַרשטייט זיך פון פריער דערוווּסט זיך, אַז בלושטיינען דאַרף ער היינט צופרידן שטעלן — באַלד ביי פיש־ביינס אָנקומען אין ביורא אריין. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט און ער האָט זיך כלומרשט פאַרטיפט אין צעטעלע. ער האָט אָבער געזען דריי צלמלך: „אָ“ — האָט ער זיך געטראַכט — דאָ מוז עפּעס זיין אַ גוטע פּראָטעקציע.“ ער האָט אויפגעמישט אַ קליין ביכל, אויפגעשריבן אַן אַדרעס אויף אַ צעטעלע און דערלאַנגט בלושטיינען: „דאָ וועט איר אַהינגיין — האָט ער גאַנץ קאַלט גע־זאָגט — און שטיין אויף דער וואַך פון היינט אַכט אָוונט ביז מאָרגן אַכט אינדערפרי.“

בלושטיינען איז אַזש אַ קעלט אַדורך דורכן לייב. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער דרייט זיך אַ צעבראָכענער, אַן אויסגעפרוי־רענער אין דער לאַנגער טריבער חושכדיקער ווינטער־נאַכט. ניין! דאָס איז נישט פאַר מיר! די גמרא זאָגט: „איין נאַכט אויפזיין איז גלייך, ווי מען פאַסט דריי מעת־לעת.“ אָ־דאָ בין איך שוין אַ פּאַרטיקער, כ׳גיב מיך אַליין איבער דעם מלאך המות אין די הענט אריין“.

„איך וויל בעסער היטן ביי טאָג“ — האָט ער נישט דרייסט אַ זאָג געטאָן.

„איר ווילט דאָך אַרבעטן אַלס נאַכט וועכטער?“

„ווער׳ט דאָס געזאָגט? דאָס איז מיר קיינמאָל נישט איינגע־פאַלן“ — איז ער שוין דרייסטער צוגעשטאַנען.

פּאָטאַש האָט אים אָנגעקוקט קאַלט און שווייגנדיק. ער׳ט זיך אָבער דערמאָנט, אַז אין צעטעלע שטייען דריי צלמלעך. האָט ער זיך געטראַכט: „ער האָט גוטע „פּלייצעס“ ביי פישביינען גופא. אָבער אַ ביסל שפּעטער וועט ער שוין אַריינפאַלן אין מיינע הענט. כ׳וועל אים שוין אָנלערנען“.

ער האָט אים אויסגעשריבן אַן אַרבעטס־קאַרטל, האָט אים גע־געבן אַ געלע באַנד, מיט אַ שטעמפּל אין דייטש: „ווירטשאַפטסאַמט, דער עלטסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט־געטאָ“. אויף די אַר־בעטס קאַרטע: „אויב נישט נאַכט־וועכטער וועט איר דאָך היזק

האָבן אַ טאָג — האָט ער בלושטיינען כלומרשט פריינטלעך געראָטן — דאָס איז אַ שאָד, פאַניע בלושטיין" — האָט ער אים געקוקט אין די אויגן אַריין מעשה גוטער פריינט, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

זיין ווייכע שטימע האָט בלושטיינען אַ ביסעלע גערירט. אָבער ער איז באַלד צו זיך געקומען: „עס מאַכט נישט אויס זאָל זיין פון מאָרגן אָן".

„נו, גוט, מאָרגן אַכט אינדערפרי גייט איר אַהין אויף דעם זעלבן אַדרעס און איר וועט דאָרט שטיין ביז אַכט אָוונט. נישט אַוועקגיין פריער ביז אַ צווייטער וועט אייך פאַרטרעטן".

„כ'פאַרשטיי — האָט אים בלושטיין געענטפערט — דער עמוד-ענן טאָר נישט פריער אַוועקגיין ביז ס'וועט קומען דער עמוד-האש און פאַרקערט... יאָ אַ שיינעם דאַנק און אַ גוטן טאָג."

בלושטיין איז אַהיימגעלאָפן מיט דער גוטער בשורה. ער איז איבערצייגט געווען, אַז אַצינד איז ער אַ געהאָלפענער: „ער וועט שוין נישט הונגערן, ער וועט איבערלעבן היטלערן ימח שמו! מיט זיינע משרתים." נאָר וואָס פאַר אַ פּאָסטן דאָס איז האָט ער אַלץ נאָך נישט געוווּסט.

אויף דער פּלאַצוווקע

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי האָט בלושטיין, אין אַ ביסל אויפגעקאָכט וואַסער איינגעבראָקט אַ כזית ברויט, אַריינגעשיט אַ ביסל זאַלץ, אַ ביסל פּאַפּריקע-ערזאַץ. און ער האָט זיך אַ ביסל דערוואַרעמט מיט דער „ברויט-זופּ". ער האָט גענומען אַ יידיש בוך און אַוועק צו דער אַרבעט.

דער שניי איז שוין צעגאַנגען. בלושטיין האָט געטאָפּטשעט אין בלאָטעס, אויף די אויפגעריסענע טראָטואַרן. די זון האָט געשיינט. אויפן הימל האָבן זיך געיאָגט וואָלקנס. אין דער לופט האָט זיך שוין געפילט דער אָנקום פון פרילינג. דאָס האָט אין בלושטיינען דערוועקט אַ האָפענונג, עס איז אים פרייליכער געוואָרן אויפן הארצן. „יאָ, דאָס איז אַ גוטער סימן, — האָט ער געטראַכט — מיין פּאָסטן וועט פאַר מיר זיין מזלדיק — דער טאָג זאָגט עס אָן." ער האָט אַרויפגעצויגן די געלע באַנד אויפן לינקן אָרעם און אונטערגעיילט. די גאַסן זיינען ליידיק געווען. די מענטשן וואָס זיינען זעלטן אַצינד געגאַנגען, האָבן געוואָרפן בייזע בליקן אויף דער געלער באַנד, און האָבן בלושטיינען נאָכגעקוקט מיט קנאה און שנאה. בלושטיין האָט דאָס געפילט.

בלושטיין איז צוגעגאַנגען אויף זיין „פּלאַצוווקע", אויף דער טאָקאַזשעווסקיעגאַ גאַס, נעבן דער „קראַוויעצקע". ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר דער מלחמה איז דאָ אַ סכּנה געווען פאַר אַ יידן זיך צו געפינען — דאָ איז געווען דער צענטער פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן : פון דער „פאַלאַנגאַ"-אָרגאַניזאַציע. פאַרנט האָבן פון דער ערד אַרויסגעשטאַרטשט אָפּגעבראָכענע סלופּעס. אַ סימן : עס איז דאָ אַ פּלויט געווען, וואָס די אויסגעהונגערטע און אויסגעפרוירענע יידן האָבן דעם ווינטער צעריסן. אין הויף זיינען געשטאַנען נאַקעטעביימער און ביימעלעך אויף שוואַרצע בייטן, וואָס זיינען פאַרגאַסן געווען פון צעגאַנגענעם שניי. די ערד און די ביימער האָבן געהאַט איין קאָליר — שוואַרץ. אין די ווינקלען האָבן זיך נאָך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן בערגלעך שניי, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרשוואַרצט פּנים.

צווישן הויכע מויערן, ווו די זון האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט, איז געשטאַנען אַ געמויערט הויז אויף אַ נאַסן באָדן. דאָ האָבן פריער געוווינט די אָרעמסטע לאַדזשער פּאָליאַקן. אַצינד איז דאָס גאַנצע הויז באַוווינט מיט יידן, נאָר איין שטיבל, אויפן ערשטן שטאָק איז ליידיק. מען האָט עס באַדאַרפט רעמאָנטירן, האָט עס בלושטיין באַדאַרפט היטן, עס זאָל זיך נישט אַ מאָל ווער אַריינציען אָן דער דערלויבעניש פון „קייסערס" מלוכה, אָדער מען זאָל נישט אַרויסגנבענען דאָס ביסל געהילץ : פענצטער, טיר און פּאָדלאָגע.

בלושטיין האָט זיך געדרייט אין דעם שטיבל הין און צוריק. די פיס האָבן אים געצויגן און ס'איז געווען אים לאַנגוויייליק. ער האָט שוין געוואָלט דער טאָג זאָל אַוועק, ער זאָל פילן, אַז ער האָט פאַרדינט אַ טאָג אַרבעטסלוין. ער האָט זיך אונטערגעזונגען חסידישע ניגונים און לידער. ער האָט רעציטירט לידער פון יידישע דיכטער. פּלוצלינג האָט ער זיך געפרעגט : „וואָס היט איך?" און ער האָט באַטראַכט דאָס שטיבל : די טיר, דאָס פענצטער-ברעטל, די ליי טן פון דער פּאָדלאָגע און אויך די פּאָדלאָגע פון וועלכער עטלעכע ברעטער האָבן שוין געפעלט. אויף בלושטיינס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן איראָניש שמייכעלע : „וויי, וויי, אַ שיין פּנים האָבן מיר. מסתּמא האָט ווער מיט דעם אונטערגעהייצט ס'קעכל און זיך דערוואָרעמט מיט אַ ביסל וואַסער, אָדער זופּ און זיך ס'לעבן דערהאַלטן". אין הויז איז אַזוי שטיל געווען, ווי עס וואָלט דאָ קיין בעל-חי נישט געווען. בלושטיין איז דרייסטער געוואָרן און האָט אויף אַ העכערן קול געזונגען אַ שיר-המעלות, מיט אַ מאַדזשיצער מאַרש, וואָס מען זינגט פאַרן בענטשן. און האָט אַרומגעמאַרשירט צום טאַקט. איין שכן האָט געעפנט די טיר און האָט אים באַגריסט : „אַ גוט מאָרגן, רב

ייד! איר האָט היינט געמוזט עסן אַ גוטע סעודה. איר זינגט זמירות, ווי ביי אַ גוטן שלוש-סעודות פאַר דער מלחמה".

בלושטיין האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ: „אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר! — ער איז אַרויס אין קאָרידאָר און געזען אַן אויס-געדאַרט לענגלעך פּנים — יאָ אַ „גוטע" סעודה-שמידע!" — האָט ער איראָניזירט.

דער שכן האָט דערזען די געלע באַנד אויף בלושטיינס לינקן אָרעם. האָט ער אויף אים געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקטן בליק. ער האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן און פאַרהאַקט די טיר מיט רוגזה. דעם שכנס נאָמען איז געווען הערשל זייף.

די שכנים פון דער פּאַלצוווקע

די זון האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער און נישט געקאַרגט אירע וואַרעמע שטראַלן. זיינען די שכנים ביסלעכווייז אַרויסגעקראָכן פון די בעטן און אַראָפּגעגאַנגען אויפן הויף אַנ-וואַרעמען די דורכגעפרוירענע גלידער. נעבן טראָטואַר און טיפער אין גאָרטן האָבן אויף די ביימער זיך שוין געהאַט צעבליט דער פיאָלעטער און ווייסער בעז מיט דעם יאַשמין. די קאַרשן-ביימער זיינען געווען אַנגעטאָן אין ווייסע און אין ראָזע בליטן. בינען זיינען געפלויגן מיט געזאַנג פון איין בלום צו דער צווייטער. פייגעלעך האָבן געטשווירטשערט. עס איז געווען חודש מאַי. די שענסטע צייט פון יאָר אין מדינת פּוילן. אין ווינקל אונטער הערשל זייפס פענצטער, האָבן זיך די שכנים אויסגעזעצט אויף זייערע שטולן, וואָס זיי האָבן זיך מיטגעבראַכט און געשמועסט. ווער זיינען געווען די שכנים? אויבן קעגן איבער זייפן, האָט געוווינט אַן אַלמן, לעווין האָט ער געהייסן. ביים אַריינציאָגן אין געטאָ האָבן די דייטשן אין „בלוטיקן דאָנערשטיק" זיין ווייב דערמאָרדעט, ווען זי האָט זיך פאַרטיידיקט בעת זיי האָבן זי געוואָלט פאַראומגליקן. זי איז געווען אַ וווּנדערבאַר שיינע פרוי. זי האָט איבערגעלאָזט אַ זעכצן-יאָריקע שיינע טאָכטער און אַ פערצן-יאָריקן זון. לעווין איז יעדן פאַרטאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ צו צעוואָרפן די הייזער ווו יידן האָבן געוווינט אויף דער נאָוואָמיעיסקע גאַס. דאָס איז געווען דער גרעסטער האַנדלסצענטער אין לאָדזש. יידן האָבן אין לאָדזש אויפגעבויט דעם האַנדל און די אינדוסטריע. די דייטשן האָבן ביים איינלייגן די הייזער דורכגעניששטערט יעדעס פּיצל מויער און יעדן ווינקל, ווו זיי האָבן טאַקע געפונען סחורות און פאַרשידענע ווערטפולע זאַכן, וואָס יידן האָבן באַהאַלטן, כדי נאָך דער מלחמה דאָס צוריק אַרויס-

צונעמען. לעווין האָט געאַרבעט אונטער דייטשע אויפזעער צוועלף שעה יעדן טאָג אויסער זונטיק. דערפאַר האָט ער ביי דער אַרבעט באַקומען אַ זופּ פון „קייסער“ רומקאָווסקים קיך. און רומקאָווסקים „מלוכה“ האָט אים אויסגעצאָלט צוויי מאַרק מיט צוואָנציק פעניק פאַר אַ טאָג. אין געטאָ האָט ער אויף דעם „קיך-ביכל“ אויך באַקומען אַ זופּ, ווי יעדער געטאָ-איינוווינער.

לעווין איז געווען פון מיטעלן וווקס און אַ קרעפּטיקער. פאַר דער מלחמה האָט ער געהאַט אַ שפּייז-געוועלב. ער איז פון שטענדיק אָן געווינט געווען אַ סך צו עסן. ביים איינברעכן די הייזער האָט ער זייער שווער געאַרבעט און ער האָט זיך גאַנצע טעג געפונען אויף דער לופט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זיין אַפּעטיט. ווען ער האָט אָנגענומען אויף דער קאַרט אַ גאַנץ ברויט אויף אַכט טעג, האָט ער קיינמאָל נישט געקענט איינהאַלטן דעם יצר-הרע, נאָר ער האָט דאָס ברויט אויפגעגעסן מיט איין מאָל. ער האָט געזאָגט: „אַ דאַנק דעם, וואָס כאָטש איין מאָל אין אַכט טעג עסט ער האַלב צו זאַט, קען ער נאָך שטיין אויף די פיס. ווערליג דעם ווי דער „קיי-סער“ טיילט אונז איין צו עסן, איז עס אַ זיכערער טויט.“

אַזוי ווי יעדן אינדערפרי האָט ער נישט געהאַט וואָס טועם צו זיין, האָט ער זיך אָנגעפּאַקט אַ פולן מאָגן מיט „קאַווע-פוסעס“, וואָס ער האָט אויסגעקראַצט נעבן זיין היים פון אַ „קאַווע-קיך“. די קאַווע-פוסעס האָבן נישט געהאַט אין זיך קיין שום קראַפט. דאָס איז געווען געברענטער גערשטן, אויסגעמישט מיט פּלעוועס — וואָס די דייטשן האָבן פריער אויף אַ כעמישן אופן אַרויסגעצויגן ס׳מעל. לעווין האָט די ביטערע פוסעס פאַרזיסט מיט סאַכאַרין און אָנגעפילט דעם מאָגן. ווען ער האָט געהאַט אויסגעקראַצט דעם קעסל, האָט די באַלעבאָסטע אָפּגעקאָכט אַ פרישן קעסל „קאַווע“. אויף דעם „מאַכל“ זיינען געווען אַ סך בעלנים, נאָר לעווינען האָט דאָס מזל צוגעשפּילט, וואָס די באַלעבאָסטע איז געווען זיינס אַ קרובה. לעווינס מיידל מיט דעם יינגל האָבן זיך אויך געשאַפן עפּעס אַן אַרבעט: ביידע האָבן געפירט אַ בשותּפותדיקע ווירטשאַפט. איינער פאַר דעם צווייטן האָט אָנגענומען ס׳ברויט און די „ראַציעס“ האָבן זיי איינגעטיילט אַז זיי זאָלן יעדן טאָג האָבן עפּעס צו עסן. דער פאָטער האָט געפירט זיין באַזונדערע באַלעבאַטישקייט.

* * *

אונטער לעווינען האָט געוווינט די משפּחה קליגער אין דריי פינצטערע שטיבלעך, וואָס האָבן געפוילט פון ווילגאַטש. די ווענט זיינען געווען אָפּגעריסן ביז צו די רויטע ציגל. די פּאָדלאָגע — אַ שוואַרץ-ערדענע און אַ טיפע. ביים אַריינקומען האָט זיך געדאַכט,

אַז מען געפינט זיך אין אַ קעלער. אין די ווינקלען זיינען געוואַקסן שוואָמען. די משפחה קליגער האָט געהערט צו די רייכסטע און בכבודיקסטע יידן אין לאָדזש. זיי האָבן געהאַט אַ טעקסטיל-פאַבריק. זיי זיינען געווען גרויסע בעלי-צדקה. אין געטאָ זיינען זיי אַריינגעקומען אין איין העמד און אָן אַ גראָשן געלט. שכנים דערציילן וווּנדער פון זייער חתונה: איבער גאַנץ וסכאָדניע גאַס, ווו דער חתן איז איינגעשטאַנען, ביז צו דער כלה׳ס הויז, ווו די חתונה איז פאָרגעקומען, זיינען געווען אויסגעלייגט טעפיכער. די משפחה קליגער האָט געהאַט אָן אויסגעגעבענעם זון און אָן אויסגעגעבענע טאָכטער, וואָס האָבן זיך אויך געפונען אין דער לאָדזשער געטאָ. דאָ האָבן געוווינט טאַטע-מאַמע און זייערע צוויי טעכטער און צוויי זין. דער אַלטער וואָלף קליגער, אַ ייד מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, איז געווען אַ תלמיד-חכם. ער איז שטענדיק געזעסן איבער אַ ספר. אָבער תמיד האָט ער געהאַט אַ בייז אָנגעכמורעט פּנים. קיילע, זיין ווייב, איז געווען פון העכערן וווקס, די אַריסטאָקראַטישקייט האָט אַראָפּגעלויכטן פון איר פּנים. זי האָט שטענדיק האַרציק געשמייכלט. און פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. קיילע האָט געטראָגן אַ שייטל, לויט דער לעצטער מאָדע. זי איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן ריין און ציכטיק. מיט אַ קליין האַנט-וואָגל האָט זי יעדן איינעם צוגעוווגן זיין פּאָרציע ברויט און ראַציע. קיילע האָט געהאַלטן אַז דער עיקר איז אַ שטיקל ברויט צו דער זעט. זי האָט אויך נישט געקענט באַהערשן דעם יצר-הרע: אָנשטאָט אין אַכט טעג — האָט זי דאָס ברויט אויפגעגעסן אין פיר טעג.

אין דער צווייטער אָפיצינע האָט געוווינט אַ גרושה מיט צוויי מיידלעך און איין ייִנגל, אַ פאַרזעעניש, און אַ טויב שטומער. ער האָט אַליין קיינמאָל נישט געקענט עסן, נישט אָנטאָן זיך. זיין פּנים איז געווען ווי פון אַ מאַלפּע. ער איז שטענדיק געלעגן אין אַ בעטעלע מיט הויכע ווענטלעך, ער זאָל נישט אַרויספאַלן. ער איז שוין אַלט געווען זעקס יאָר. ער האָט, פאַרשטייט זיך, דער מאַמען פאַרשאַפט צרות. זי האָט געבעטן אויף זיין טויט. ער האָט אויך באַקומען זיין ברויט און ראַציע אויף זיינע קאַרטן. און די מאַמע האָט אים געקאָרמעט מיט זיין צוטייל. נאָר איינמאָל האָבן זיך געהערט געוואָלדן פון דער מוטער. זי האָט אים געשלאָגן מיט אַ שטעקן און אויף אים געשריגן. ער איז ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַליין אַרויסגעקראָכן פון בעטל און צוגעכאַפּט זיך צום ברויט. שטום ווי אַ פיש האָט ער צוגענומען די קלעפּ. האָבן אַלע באַוווּנדערט וואָס הונגער קען מאַכן.

איבער דער אלמנה האָט געוווינט אַ הויכער שלאַנקער

ייד, כלאַפּסקי האָט ער געהייסן. ער איז געקומען פון אַפּאַטשנע קיין לאָדזש און איז געבליבן שטעקן אין געטאָ. ער האָט געהאַט אַ נידעריקע, דיקלעכע פרוי, מיט אַן אָכצן יאָריקע טאָכטער וואָס איז געראָטן געווען אין אים — הויך און שלאַנק. כלאַפּסקי איז אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר, די צייט ווען דער מענטש איז ביי די בעסטע כוחות. אין משך פון ווינטער איז ער פון הונגער און קעלט אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער האָט געמוזט גיין אָנגעלענט אויף אַ שטעקן און שאַרן זיך ביי די ווענט.

אין דער נידער, קעגן איבער דער גרושה, האָט געוווינט אַ ייד אויך אין די דרייסיקער יאָרן. ער איז פון שוואַכקייט געקראָכן אויף אַלע פיר, ווי אַ קליין קינד.

עס האָבן דאָ אויך געוווינט: אַ שוסטער מיט עטלעכע קליינע קינדער, אַ בעקער — אַן אַלמן, מיט אַ טאָכטער און אַ צוויי יאָריק מיידעלע. זיין ווייב מיט דעם אײדעם האָבן די דייטשן דערשאָסן באַלד ביים אָקופּירן די שטאָט. עס זיינען דאָ געווען נאָך שכנים און קינדער.

עס האָט דאָ אויך געוווינט אַן עלטערער ייד ר' איציק, מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד. ער האָט זיך גוט געהאַלטן. עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמען זיך ביי ר' איציקן כוחות צו גיין גלייך, נישט איינגעבויגן, פון אַזאַ שטענדיקן הונגער. ער האָט געוווינט ביי אַ טאָכטער, וואָס האָט אויף אים אַכטונג גע־געבן. ר' איציק האָט זיך געהאַלטן ריין און ציכטיק. ער האָט גע־טראָגן אַ יידיש קאַשקעט־היטל מיט אַ זיידן בענדל. געגאַנגען מיט אַן אַלט־פרענקישן דיקן „שטשינע" שטעקן, מיט אַ לבנה־הענטל. אין די שמועסן פון די שכנים איז ר' איציק געווען דער ראש־המדברים.

* * *

ווער פון די שכנים עס האָט געהאַט אַ ביסל כח האָט איבער־געדרייט אַ שטיקל ערד און איינגעזייעט אַ ביסל סאַלאַט אָדער רע־טעך. און זיי האָבן געהאַט רעטעך־בלעטער.

דערווייל האָבן טישלער פון „קייסערס" ווירטשאַפטס־אַמט, אויסגערעמאָנטירט דאָס שטיבל, וואָס בלושטיין האָט געהיט.

איינמאָל איז בלושטיין אַוועק אָפּנעמען די זופּ. ווען ער איז צוריקגעקומען איז אים אַזש נישט גוט געוואָרן: פון דער טיר, וואָס מען האָט אריינגעזעצט און באַשלאָגן מיט נייע לייסטן, זיינען אַלע לייסטן אַראָפּגעבראָכן געוואָרן. ער האָט צו זיך געזאָגט: „דער גנב היט מיך — נישט איך היט דעם גנב". בלושטיין האָט געקלערט און געקלערט און נישט געוווּסט וועמען פון די שכנים צו באַשול־דיקן. ער האָט געוואָלט דערגיין ביי וועלכן שכן ס'איז היינט געווען

פייער. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן, אָבער חלילה יענעם גאָרנישט טאָן. בלושטיין איז דאָך פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך געווען. עס האָט אים געדראָט מען זאָל אים אָפּזאָגן פון פּאָסטן און אויך אַרויסשיקן פון געטאָ. ער האָט געשוויגן, קיינעם נישט געפרעגט, קיינעם נישט דערציילט און דאָס איז טאַקע גוט געווען. דער ענין איז אַדורך בשלום, ווייל דער קאָנטראָלער פון ווירטשאַפטס-אַמט, האָט נאָך נישט געהאַט פאַרשריבן, אַז די טיר איז באַקלאַפּט געוואָרן מיט נייע לייסטלעך.

נישט ווייט האָט געוווינט אַ שוסטער, וואָס זיינס אַ זון האָט זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ. ער האָט זיך געפונען ערגעץ אין דייטשלאַנד און דער פאָטער האָט פאַר דעם זונס אַרבעט באַקומען פון „קייסער" אַכט און פערציק מאַרק אַ חודש. דער זון האָט פון צייט צו צייט אַהיימגעשריבן אַ פּאָסטקאַרטל. אין דעם לעצטן פּאָסטקאַרטל האָט ער געשריבן: „אין די נאָענטסטע טעג וועט זיין קוזין „דובטשע" קומען קיין לאָדזש. ער האָט שוין אַלץ איינגעפּאַקט, ער איז שוין פאַרטיק צו דער רייזע" . . . יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דובטשע מיינט מען „דוב", דעם „בער" — רוסלאַנד. ס'הייסט, אַז די דייטשן מיט די רוסן זיינען צווישן זיך דורכגעקומען און זיי וועלן אין די נאָענטסטע טעג איינשטעלן די גרענעצן, ווי פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. דאָס פּאָסטקאַרטל איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און יידן האָבן געשיט מיט האָפּערדיקע סברות. די פרייד איז געווען אין לשער. זיי האָבן שוין געזען די גאולה.

די לאָדזשער געטאָ איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט. קיין שום ידיעה פון דרויסן איז נישט אַריינגעקומען. האָבן די יידן זיך געשפּייזט מיט אייגענע, אַליין פון זיך געשאַפענע האָפערדיקע ידיעות. מען האָט אַריינגעשמוגלט אַ דייטשע צייטונג; און אַז יידן האָבן אַדורכגעלייענט די צייטונג, האָבן זיי אַלצדינג אויסגעטייטשט פונקט קאַפּויער, ווי „ער" שרייבט. יידן האָבן געהאַלטן אין איין נביאות זאָגן: „אַז די רוסן וועלן קומען, עס וועלן זיין די זעלבע גרענעצן ווי פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה". די לאָדזשער געטאָ איז לגמרי אָפּגעשניטן געווען פון דער וועלט, טאַקע דערפאַר, ווייל עס זיינען נישט געווען קיין מויערן ווי אין וואַרשעווער געטאָ, נאָר שטעכל־דראָטן. האָט די דייטשע וואַך, וואָס איז געשטאַנען אויף יעדער פאָר צענדליק טריט, געקאָנט גענוי אָבסערווירן, וואָס עס טוט זיך אין און אַרום דער געטאָ. ווער עס האָט זיך דערנענטערט צו די דראָטן איז דערשאָסן געוואָרן. אויך פון אַלע הייזער, וואָס זיינען געווען נאָענט צו דער געטאָ, זיינען די פּאָליאַקן אַרויסגעטריבן גע־

וואָרן, און זיי זיינען באַזעצט געוואָרן פון פאָלקס-דייטשן, וואָס זיי-נען געווען גרעסערע רשעים פון די רייכס-דייטשן. אַזוי אַרום איז אוממעגלעך געווען עפּעס דורכצושמוגלען דורך די דראָטן.

אַז דאָס פּאָסטקאַרטל איז דערגאַנגען אויף די בענקלעך, אונטער זייפס פענצטער, צום אַלטן ר' איציק, האָט ער גלייך אַרויסגעבראַנגט דאָס ספר חבקוק, און ער האָט פאַרגעלייענט אַ פּסוק וועגן ביאת המשיח און אויפגעוויזן אַז דער פּסוק איז בגמטריא תשי"א: אין דעם היינטיקן יאָר מוז קומען משיח. „העכסטנס קען דער גלות נאָך דויערן ביז ראש השנה, תשי"ב, וואָס מאַכט אויס תשבי!" — האָט ער אויסגעשריגן מיט התפּעלות.

די מיטשמועסער זיינען אַצינד געוואָרן נאָר צוהערער און האָפּערדיקער. און דער אַלטער איציק האָט יעדן באַזונדער געוויזן דעם פּסוק. דערנאָך האָט ער גענומען אויסטייטשן די נייעס: „מען זאָגט אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען פראַנקרייך, בעלגיע און נאָך מלוכות. דאָס אַלץ איז פּראָפּאַגאַנדע. — ער האָט אַוועקגע-שטעלט זיין שטעקן נעבן זיין בענקל און האָט אויסגעמאָלט אַ בילד אויף זיין לשון: „אַן ערך אלף אלפים דייטשישע שרצים האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר פיש-כאַפּער און זיינען מיט וועגטקעס און נעצן אויף קליינע שיפעלעך אַרויסגעפאָרן אויפן סועץ-קאַנאַל, כלומרשט פיש כאַפּן. „יעקע נאַר" האָט געמיינט, אַז ער וועט אָפּנאַרן דעם ענגלענדער. ענגלאַנד חכם האָט „יעקע נאַר" געלאָזט צוקומען וואָס נעענטער. דער „יעקע נאַר" האָט זיך שוין געפרייט ווייל ער איז זיכער געווען, אַז אָט אָט נעמט ער איין ענגלאַנד. די ענגלענדער האָבן זיי צוגעלאָזט נאָך נעענטער און נאָך נעענטער, אָבער באַלד האָבן זיי געעפנט אויף די דייטשן אַזאַ פייער, אַז דער ים איז אַזש רויט געוואָרן פון זייער טרפה בלוט". דער אַלטער איציק דער-ציילט דאָס מיט אַזאַ גלויבן, אַז ער און די צוהערער פילן אַ זיסן טעם פון נקמה.

דער אַלטער איציק אָטעמט אָפּ און דערציילט וויטערדיקע נייעס: „די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט טויזנטער „ראַפּעלאַנען" אויף ענגלאַנד. זיי האָבן געוואָלט מאַכן פון לאָנדאָן אַ צווייט וואַרשע. זיינען דאָך אָבער די ענגלענדער נישט קיין פוילישע קרויט-קעפּ, האָבן זיי, פאַרשטייט איר מיך, אויפגעשטעלט אַ הויכע וואַנט, דין ווי שפּינ-וועבעכץ, מען זעט זי לגמרי נישט. די וואַנט איז אַ מאַגנעט, וואָס ציט צו און איז אַ רואה ואינו נראה. ווי נאָר די „ראַפּעלאַנען" האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן האָט זיי די וואַנט צוגעצויגן און האָט זיי אַלע, ווי איינעם, אַראָפּגעשליידערט אין דר'ערד אַריין. די דייטשן מיט די „ראַפּעלאַנען" זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף קויל,

פונקט ווי זיי האָבן געמאַכט, להבדיל בין טהרה לטומאה, מיט די ראַדאָמסקער יידן אין דער שול. מידה כנגד מידה! עס וועט לאַנג נישט דויערן ווי דער „קייסער" רומקאָווסקי וועט בלייבן אָן אַ מלוכה".

כלאַפּסקי ציטערט פון קעלט און עס רינט אים פון דער נאָז, אַלע אברים זיינען אים דורכגעקעלטערט. כאָטש עס איז היינט אַ גרויסע היץ. ער גייט אָנגעטאָן אין צוויי ווינטער-מאַנטלען, און אויך איינגעהילט אין אַ פוכענעם איבערדעק. ער דערציילט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים, ווי גליקלעך עס זיינען די יידן, וואָס האָבן משפחה אין רוסלאַנד אָדער אין אַמעריקע. זיינס אַ גוטער פריינט האָט אַ זון, וואָס איז אַוועק צו די רוסן. ער געפינט זיך היינט אין ביאַליסטאָק. שיקט ער יעדע צוויי וואָכן שוין איינמאָל פּעקלעך: ווייסע חלה, געבאַקן אויף בלויז אייער, גאַנצע „אָסעלקעס" שמאַנטפוטער, גאַנצע טאַרבעס קרישטאָל-צוקער און אַפילו טרוקענעם וווּרשט." „אבי מען האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָרטן אַ הונגער." „וואָס, אין רוסלאַנד אַ הונגער? ווער געדענקט נישט דאָס ווייסע מעל, די פעטע אָקסן, פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה? „פּאַניע חזיר" האָט שטענדיק געהאַט צו פרעסן". „זיי האָבן בעסער עסן פון אַמעריקע. די פּעקלעך, וואָס קומען פון אַמעריקע, האָבן נישט דעם טעם ווי פון רוסלאַנד. פון דאָרטן איז אַלץ קאָנסערווירט און פון דאַנען איז אַלצדינג פריש."

„הלוואי באַקום איך כאָטש אַ פּעקל פון אַמעריקע, וואָלט איך געוועזן אַ גליקלעכער מענטש" — זאָגט כלאַפּסקי. „איך אויך! איך אויך!" — רייסן אים אַלע איבער.' און כלאַפּסקי רעדט ווייטער: „ווער עס האָט אַ קרוב אין רוסלאַנד אָדער אין אַמעריקע — וועט איבערלעבן די מלחמה." — ער נעמט אַרויס אַ פּלאַקאַטל, געשריבן מיט דער האַנט, אויף אַ בלעטל פון אַ געליניירטן העפט, און ער לייענט: „איך שרייב רוסיש און ענגליש! ווער עס וויל די מלחמה איבערלעבן זאָל קומען צו מיר שרייבן בריוו. פון מיינס אַ בריוו באַקומט מען אַמגיכסטן די בעסטע פּעקלעך פון רוסלאַנד און פון אַמעריקע, און מען קען די מלחמה-איבערלעבן". אַדרעס לאַנגעוורניצקע פּופּצן, אַדוואָקאַט דר. ל. מאָן."

„דער דיקער מיטן גרויסן בויך, וואָס האָט געגעבן יורידישע עצות אין לאָדזשער טאָגבלאַט?"

„אָ, דער מיטן גרויסן בויך? וויפיל נעמט ער פאַר אַ בריוו?"

„וויפיל? ס'איז אַלצדינג ווערט, אָבער ווו נעמט מען קרובים אין רוסלאַנד און אַמעריקע?"

„די קרובים, וואָס געפינען זיך אין טיף-רוסלאַנד, זיינען פאַר אונז טויט, ווי שטענדיק — העלפן קענען נאָר די, וואָס זיינען אַצינד

אָוועקגעפּאָרן און געפינען זיך אויף דער געוועזענער פּוילישער טע־ריטאָריע: ביאַליסטאָק, לעמבערג און אַזוי ווייטער", — האָט זיך בלושטיין אַריינגעמישט.

בלושטיין האָט אויך מקנא געווען די, וואָס האָבן באַקומען פּעקלעך פון רוסלאַנד און אַמעריקע. נישט איינמאָל האָט ער פאַר־קויפט זיין זופּ, און פאַר דעם געלט זיך געקויפט צוויי קלעצעלעך רוסישן צוקער אין אַ געוועלב. ווייל די צוויי שטיקלעך צוקער האָבן מער קראַפט פאַרמאָגט ווי די וואַסערדיקע זופּ.

* * *

בלושטיין האָט זיך צוגעוווינט אויפצוהייבן פון דער ערד אַלץ וואָס ער האָט דערזען. ווען נאָר ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער נאָר געקוקט אויף דער ערד און געהאַלטן אין איין אויפהייבן און אָנפּאַקן די טאַשן מיט שטיקלעך האָלץ, ביינער, קוילן, אָדער שטיינקוילן. אויף אַזאַ אופן איז ער שטענדיק אַהיימגעקומען מיט פולע קעשענעס „ברען־מאַטעריאַל", און זיין ווייב האָט געהאַט מיט וואָס צו קאָכן.

קינדער האָבן צעגראָבן די פעלדער און אָנגעקליבן זעקלעך קוילן. די קינדער האָבן די קוילן פאַרקויפט, און דער געטאָ האָט עס אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן. די ערד האָט אין זיך פון דורות צוגעדעקט שטיקלעך קוילן און האַלב־אויסגעברענטע קוילן, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן צוזאַמען מיטן מיסט און אַש. די קינדער זיינען גע־קראָכן אונטער דער ערד, ווי די ווערים און האָבן אויסגעגראָבן די קוילן. מען האָט זיי גערופן „קוילן־גרעבער".

ווען דעם „קייסערס" מלוכה האָט אָוועקגעגעבן די פעלדער צו זיינע מענטשן, האָט זיין פּאָליציי אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די קינדער־„קוילן־גרעבער". זיי האָבן זיי אָנגערופן: ווערים וואָס רואי־נירן די ערד.

די „אויסדערוויילטע" האָבן באַאַרבעט די ערד. זיי האָבן באַ־קומען אין ווירטשאַפטס־אַמט אַלערליי זאָמען. און עס איז אַ פאַר־געניגן געווען צו זען, ווי די פעלדער האָבן זיך צעוואַקסן מיט אַלער־ליי ירקות, אויסער ציבעלעס און קאַרטאָפל, ווייל דאָס האָט דער דייטש נישט אַריינגעשיקט. די באַלעבאַטים האָבן פון די פעלדער אַראָפּגענומען פון אַלעם גוטן. אַלס קאָמיסאַר איבער די פעלדער האָט דער „קייסער" באַשטימט דעם טרויעריק באַרימטן תפיסה־נאַטשאַלניק שלום הערצבערג, ימח שמו! דער „קייסער" האָט גע־לאָזט אויסקלעפּן מודעות:

„צו מיינע יידן און מיין געטאָ! איך האָב געמאַכט פאַר קאָ־מיסאַר איבער אַלע מיינע פעלדער אין מיין געטאָ דעם תפיסה־

נאטשאלניק שלום הערצבערג. ווער עס וועט זיך אנטוואגן גנבענען פון מיינע פעלדער איבער מיין געטא — סיי קינדער, סיי דער־וואקסענע און סיי אלטע לייט וועל איך באשטראפן מיט דער הארב־סטער שטראף אין מיין צענטראלער תפיסה אויף טשארניעצקיעגא דורך מיין קאמיסאר שלום הערצבערג. דער עלטסטער דער יודען מ. ח. רומקאווסקי."

דאס האט טאקע אנגעווארפן א מורא. עס האט קיינער נישט געוואגט עפעס צו נעמען פון וועלכן ס'איז פעלד. יידן האבן גע־קוקט מיט קנאה און שנאה אויף די פעלדער און געווארפן קללות אויף די באלעבאטים.

יידן האבן זיך אויך געריממט מיט זייער פעיקייט: „מיר קענען אלצדינג. מיט די בלויזע הענט האבן מיר געמאכט פרוכטבאר די פעלדער. אוי, ווען מיר וואלטן געהאט אונזער אייגן לאנד ארץ־ישראל, וואלטן מיר באוויזן אזעלכע וואונדער, אז די וועלט וואלט דערשטוינט געווארן".

בלושטיין האט אצינד גאנצע טעג געלייענט אדער געשריבן. א חוץ פון דער ביבליאטעק ביי דער חברטע רעגינען, האט ער אויך אויסגעבארגט ביכער אין דער גרויסער ביבליאטעק ביי בלאנקעטן. בלאנקעט איז געווען א קולטור-טוער. ער האט אויפגעזאמלט ביכער און ספרים פון וואנען ער האט נאר געקענט. ער האט געבארגט אן שום באלוינונג יעדן איינעם, וואס ער איז זיכער געווען, אז ער וועט צוריקברענגען. ער איז געווען א יונגערמאן מיט א שווארצער טשו־פרינע, וואס האט אים געמסרט אז ער פארנעמט זיך מיט שרייבן. ער האט געוווסט, אז ביי א גוט בוך פארגעסט מען א ביסל דעם הונגער און עס שטארקט דעם גייסט.

בלושטיין האט אין דער ביבליאטעק אנגעהויבן מיט מ. באסינס „אנטאלאגיע פון דער יידישער פאעזיע". די ביכער האבן אים קלאר געמאכט א סך זאכן, וואס ער האט נישט געוווסט. בלושטיין האט אצינד נאכאמאל איבערגעלייענט גאנץ „זשאן קריסטאף" פון ראמען ראלאן. ער האט געלייענט מענדעלעס ווערק און ער האט געמאכט א פארגלייך פון אמאליקן תחום המושב, מיט די נאצישע געטאס, די טרייטל בעל טאקסעס האבן ביי בלושטיינען אויסגעזען מיניאטורן קעגן די „יודן-ראטלער". דער הונגער אין תחום איז אויך געווען א מיניאטור קעגן היינט. אבער ער האט געזען אין תחום יידן מיט די זעלבע השגות, ווי היינט, און יידן זיינען דעמאלט געווען אין גלות סיי ביי די גויים און סיי ביי יידן אליין, פונקט ווי היינט.

דערווייל האט דער ווירטשאפטס-אמט, פארדונגען דאס אויבער־שטיבל און געגעבן בלושטיינען צו היטן בלויז די קארשן-ביימער

מיט דעם איינציקן עפּלבוים. די קאַרשן האָבן שוין אָנגעהויבן צייטיק ווערן. און דאָ פֿעלן נישט קיין הונגעריקע, וואָס לויערן אויף די פּירות. האָט מען אויך צוגעשיקט אַ נאַכט-וועכטער, אַ שטרענג רעליגיעזן יונגמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פֿרוי מיט אַ קינד. ער האָט געהיט דעם גאָרטן פֿון אַכט אָוונט ביז אַכט אין דער פֿרי. זיין זכות איז געווען צו באַקומען דעם פּאָסטן, ווייל זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ טעקסטיל-פֿאַבריק און דער לייטער פֿון ווירטשאַפֿטס-אַמט האָט מיט זיי געפֿירט געשעפֿטן.

קאַרשן-ביימער זיינען נידעריק. עס איז לייכט די קאַרשן אָפּצו־רייסן. עס איז דעמאָלט געווען אַ יאָר, וואָס די קאַרשן זיינען געראָטן. די ביימער האָבן אויסגעזען ווי באַרעגנט מיט קאַרשן. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע קאַרשן זיינען מיט איינמאָל צייטיק געוואָרן. פֿון די גרינע בלעטער האָבן אַראָפּגעבליקט גרינע, גרין-געלבלעכע, ראָזע, רויטע און שוואַרצע קאַרשן. די שכנים מיט די קינדער, וואָס האָבן כסדר געהונגערט, זיינען פֿון זיי פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַלע חושים. זיי האָבן נישט איבערגעקליבן פֿון אַ צייטיקער צו אַ האַלב-צייטיקער קאַרש, דער מאָגן האָט דערפֿילט, אַז עס זיינען דאָ קאַרשן, האָט ער געפּייניקט: „קאַרשן, קאַרשן!״ און דאָס האַרץ און דער מח האָבן געוואָלט אויספֿירן זיין פֿאַרלאַנג: „סטייטש, די ביימער געהערן דאָך היינט צו קיינעם נישט. פֿריער האָבן זיי געהערט צום גוי, וואָס האָט געהאַט דעם גאָרטן. אָבער היינט?״ די שכנים און די קינדער האָבן זיך געדרייט אַרום די ביימער און געקוקט מיט טרויעריקע און לעכצנ־דיקע בליקן צו די קאַרשן, וואָס האָבן זיך מיט זיי געררייצט. און גלייכצייטיק האָבן זיי יעדע ווײַלע געגעבן אַ בליק מיט מורא צו בלושטיינען דעם היטער.

בלושטיין האָט זיך בכיוון פֿון צייט צו צייט אָוועקגעדרייט, זיך געמאַכט, אַז ער זעט נישט; און די שכנים מיט די קינדער האָבן זיך עטוואָס אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט עטלעכע קאַרשן. אָבער ווען בלושטיין וואָלט זיך צוגעקוקט וואָלטן זיי קיינמאָל נישט גע־וואַגט דאָס צו טאָן: סיי צוליב דרך-ארץ און סיי פֿאַר מורא.

בלושטיינען האָט וויי געטאָן דאָס האַרץ: פֿאַרוואָס זאָל ער זיין דער, וואָס צוליב אים זאָלן די קינדערלעך, וואָס האָבן נאָך היינט גאָרנישט אין זייערע מײַלעכלעך געהאַט, מורא האָבן אָפּצורייסן אַ קאַרש? ער האָט זיך געפֿילט עפּעס שולדיק. אין זייערע בליקן האָט ער געזען, אַז זייערע הערצעלעך טוען וויי. אָבער ער האָט דאָך געוווסט, אַז ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך, אַז די ביימער זאָלן נישט גערירט ווערן. אויף דעם האָט מען אים דאָ אַוועקגעשטעלט. בלו־שטיין אַליין האָט נישט געוואַגט צו פֿאַרזוכן אַפֿילו אַ קאַרש. ער'ט

איך מורא געהאַט עס זאָל אים אַמאָל נישט ווער פון די שכנים פאַרמסרן צוםווירטשאַפטס־אַמט. „וואָס פאַר אַ שומר איז ער דאָס, ווי אַזוי קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן, אַז ער אַליין גנבעט ?״ וועט מען אים פאַרוואַרפן. און מער דאַרף ער נישט אין רומקאָווסקים „מלוכה״! ער קאָן גלייך אַריינפאַלן אויף „טשאַרניעצקיעגאָ״, אין שלום הערצבערגס ידים אַריין. אָבער דעם צער פון די הונגעריקע קינדערלעך איז אים שווער געווען איבערצוטראָגן. האָט ער פאַר־זיכטיק — קיינער זאָל חלילה נישט באַמערקן — אָפּגעריסן אַ ביסל קאַרשן און יעדן קינד געגעבן צו עטלעכע. ער׳ט זיי געהייסן: „גייט אַהיימגיין און קיינעם נישט דערציילן.״ די קינדער זיינען מיט גרויס פרייד אַהיים געלאָפן. די מאַמעס האָט דאָס גערירט ביז טרערן.

שמחה בלושטיין איז באַליבט געוואָרן ביי אַלע שכנים. יעדער האָט זיך פאַר אים אָראָפּגערעדט פון האַרצן. זיי האָבן זיך מיט אים שואל־עצה געווען. אַז עס האָט ווער געהאַט אַ סיכסוך איז מען געקומען צו בלושטיינען אויסגלייכן זיך. אַלע שכנים, סיי די מאַמעס, סיי די טאַטעס און סיי די קינדער, האָבן זיך שוין געהאַט אַזוי איינ־געלעבט מיט בלושטיינען, ווי ער וואָלט געווען זייערס אַ בן־בית.

* * *

די שכנים, הינטער זייפס פענצטער, האָבן זיך דערציילט זייערע סימנים, ווי אַזוי זיי זעען, אַז די רוסן וועלן קומען אַ ליאַדע טאָג. זיי האָבן זיך שוין געשליפן די צונגען מיט רוסיש. טייל האָבן איבער־געגעבן, אַז זיי לערנען זיך פלייסיק רוסיש.

„ווען זיי וועלן אַריינקומען זאָל מען כאָטש קענען ס׳מויל עפע־נען״. האָט געזאָגט דער אַלטער איציק; און ער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן ווי ער קען נאָך רוסיש פון יענע גוטע צייטן. עס איז טאַקע, ווי דער פּרק זאָגט: „וואָס מען לערנט אין דער קינדהייט — פאַר־געסט זיך קיינמאָל נישט.״ זיי האָבן שוין אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוקם זיין אין די דייטשן און אין „קייסער״ רומקאָווסקי מיט זיין כנופיע און וואָס זיי וועלן טאָן אָנצוהייבן אַ ניי לעבן.

כלאַפּסקי, וואָס פון שוואַכקייט שאַרט ער זיך שוין ביי די ווענט און אויף דער ערד אויף אַלע פיר, ווי אַ קליינטשיק קינד, און, וואָס גייט אָנגעטאָן אין עטלעכע שווערע מאַנטלען און איז אויך איינגע־הילט אין אַ פוכענעם צודעק, כאָטש עס איז אַ היץ, דאָך וואַרפט אים אין קעלט, ער זאָגט: „איך וועל קענען אַרבעטן אין אַ ביוראָ...״

„שאַטס נאַר, וואָס איז דאָס ?!״ האָט דער אַלטער איציק איבערגעבראָכן מיט שרעק. — נישט נאַר ער אַליין האָט אויפגע־

ציטערט נאָר אויך אַלע שכנים. ער האָט געפרעגט: „ווער קומט? ווער קומט?"

„גאָרנישט, קיינער קומט נישט — האָט זיי בלושטיין באַרו־יקט. ער אַליין האָט זיך אויך דערשראָקן, נאָר ער האָט דער ערש־טער באַמערקט, וואָס עס איז געשען: אַן אַראָפּגעפאַלן בלעטל פון אַ בוים האָט זיך דורכגעטראָגן פון אַ ווינטעלע" — האָט ער גע־זאָגט.

„אוי!" — האָט דער אַלטער איציק אַ זיפץ געטאָן — די קללות פון דער תוכחה האָבן זיך אויף אונז אויסגעגאָסן. ווי שטייט אין חומש? „איר וועט זיך שרעקן פאַר אַ שאָרך פון אַ בלעטל".

אַלע האָבן צוגעזיפצט און דער אַלטער קליגער האָט צוגעגעבן: „משיחס צייטן."

„יאָ, יאָ, משיחס צייטן", — האָבן אַלע איבערגעחזרט.

קליגערס בחורל, משהלע, מיט פאַוּתלעך אונטער די אויערן, וואָס איז פון גאַנץ פרי געשטאַנען פון פאָרנט און זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף דעם פאָסט־טרעגער, וואָס דאַרף ברענגען די שטיצע, די „ניי־נער מאַרקן", איז געקומען צולויפן מיט דער בשורה: „מען זאָגט אַז די פאָסט האָט זיך געשלאָסן, מען זעט טאַקע נישט דעם פאָסט־טרעגער". און ער האָט זיך צוגעזונגען אונטערטאַנצנדיק אויף איין פיסל:

„מיט די ניינער מאַרקן איז אוממעגלעך אַ חודש צו לעבן,
דער „קייסער" דאַרף די ניינער מאַרקן
דריי מאָל אַ וואָך געבן.
ביז מען זעט די מאַרקן גלאָצט מען מיט די אויגן,
ביז מען זעט דעם פאָסט־טרעגער, ליגט מען אויסגעצויגן."

„שאַ, שאַ! שייגעץ! — איז דער אַלטער איציק אַרויף אויף דעם בחורל — סאָץ געהערט? לידעלעך ליגן אים אַצינד אין קאָפּ! אַז די פאָסט איז פאַרמאַכט — ווענדט ער זיך צו די שכנים מיט אַ מיסטישן טאָן — זעט עץ, יידן, דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיק. פאָסט — דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך. דאָס איז אַ סימן אַז די „עמלקים" ימ"ש האַלטן שוין ביי צוריקציען זיך. זיי וועלן איינשטעלן די גרע־נעצן ווי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה".

„יאָ, יאָ!" — האָבן אַלע צוגעבאַמקעט.

דאָס בחורל משהלע האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פון דעם אַלטן איציקס מוסר און ער זינגט זיך ווייטער:

„וואָס זאָל מען טאָן יידן, אַז עס צו אונז אַזאַ קלאָג?
וואָס זאָל מען טאָן יידן, אַז עסן מוז מען יעדן טאָג?
אַז דער מאָגן וויל נישט וויסן פון קיין געטאָ זאַך?

און ער שרייט און ער פארלאנגט גאר עסן נאר א סך?״

„שא, שא! וועסט שווייגן דו הולטאי?! — האט אים ווידער דער אלטער איציק געמוסרט — אין אזא צייט זינגט מען?!״

„וואס דען? ווען זינגט א ייד? ווען ער איז הונגעריק — האט אים משהלע אפגעענטפערט — וואס טויג מיר פאליטיק, אז מיין מאגן מאכט מיר דעם טויט? ער שרייט: „עסן, עסן!״

„נו, שוין האסטו דיר — רעדט ר׳ איציק צו די שכנים — א יינגלטשינע! א יינגל בלייבט א יינגל. דו שייגעץ, קוק בעסער אריין אין דער גמרא! א בלאט גמרא וועט דיך מאכן פארגעסן אין מאגן!״

„נו, שוין א דאגה, האט איר — רופט זיך כלאפסקי אן — משה׳־לע, מיר וועלן באלד אהיימגיין וועסטו שוין נישט הונגערן.״

דא איז אנגעקומען דער חבר זיידע. האבן זיך אלע מיט אים דערפרייט — ער ברענגט אלע נייעסן.

„א־א־א, א גוטן אוונט, פאניע זיידע!״

בלושטיין האט פארשטאנען, אז זיידע קומט נישט גלאט אזוי, מסתמא האט ער נייעס.

„נו, וואס הערט מען, זיידע? ס׳איז דא עפעס גוטע נייעס? נו, ארויס מיט לשון!״ — האט אים בלושטיין געמונטערט.

זיידע האט ארויסגעצויגן די הענט פון די רייט־הויזן־קעשענעס, די ליידיקע לולקע האט ער מיט די ציין פאררוקט אין א ווינקל פון מויל. ער האט מיטן קאפ א פארווארף געגעבן זיינע קאשטאן־רויטע קודלעס, און דורך די ציין האט ער ווילעריש ארויסגערעציטירט מיט זיין לייבן־שטים: „די דייטשן זיינען באפאלן רוסלאנד! ביידע שלאגן זיך! ס׳איז בליץ־קריג! — ער האט ארויסגענומען די לולקע פון מויל און געדונערט מיט זיין לייבן־שטים: „אצינד איז דער אנהויב פון „זיין״ מפלה! אצינד וועט „ער״ ברעכן האלדז און נאקן! כ׳האב אבער מורא רוסלאנד זאל פריער נישט אפגיין אין בלוט, ווייל זי האט געהאלפן דעם „היטלמאכער״ (היטלערן) בלוט פארגיסן מיט דעם, וואס זי האט אים געגעבן פאר מאשינען — ברויט און אויל. ווערליג דער יידישער מאראל, וואס איך האב געלערנט פון לייוויקס „גולם״, וואס איך האב געשפילט אין טעאטער, טאר מען אפילו דורך די הענט פון א גולם אויך נישט קיין בלוט פארגיסן. און ווער עס טוט פארגיסן בלוט — טוט זיין בלוט אויך פארגאסן ווערן!״ — האט ער גערעדט ווי פון א בינע אראפ.

ביי אלע צוהערער איז פלוצלינג דאס לשון אפגענומען געווארן. עס איז זיי שווער געווען צו גלויבן די נייעס, און צו זיידעס פילאסאפיעס האבן זיי זיך כמעט נישט צוגעהערט. ער האט גערעדט

אָבער זיי איז שווער געווען תופס צו זיין די נייעס. יעדער האָט גע־טראַכט: „די דייטשן האָבן שוין נישט מיט וואָס מלחמה צו פירן, זיי זיינען שוין אויסגעמאַטערט פון אַזוי לאַנג פירן קריג, אָבער די רוסן האָבן דאָך נישט געפירט קיין מלחמה, זיינען זיי דאָך נישט פאַרמאַטערט. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די דייטשן זאָלן פאַר זיך אַליין גראָבן אַ קבר?"

דער ערשטער האָט בלושטיין געעפנט ס'מויל און ארויסגעזאָגט זיין השערה:

„מען האָט געוווּסט, אַז ביידע „גוטע פריינט" וועלן זיך סוף כל סוף „צעקושן" מיט פייער און שווערד. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט דאָך אויפגעשטעלט היטלערן ער זאָל פאַרניכטן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. רוסלאַנד האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט. אַצינד קען מען יאָ רעכענען, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. אַז „זיין" מפּלה קומט..."

„יאָ, דאָס איז עס, בלושטיין." — האָט זיידע באַשטעטיקט.

„איך מוז שוין גיין. האָט'ס מיר אַ גוטן!" אָבער ער האָט זיך פאַרהאַלטן.

„דאָס איז טאַקע משיחס צייטן, — האָט דער אַלטער איציק זיך אָנגערופן און זיין לאַנגע, גרויע באָרד האָט מיטגעטאַנצט מיט זיין צושאָקלען זיך צו יעדן וואָרט — ס'איז טאַקע משיח'ס צייטן. דאָס איז מלחמות גוג ומגוג! מיר וועלן גאָר אין גיכן אויסגעלייזט ווערן! נו, איז עס נישט אמת, ווי עס שטייט אין חבקוק? וואָס איך האָב ענק געוויזן?" האָט ער התלהבותדיק גערעדט. די יידן זיינען מיט־געריסן געוואָרן, ביי טייל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע פון האָפענונג. און דער חבר זיידע האָט ווייטער גערעדט: „די ליצמאַנשטאַדטער צייטונג שרייבט: „די דייטשן האָבן שוין פאַרנומען ביאַליסטאָק, לעמבערג און, אַז זיי גייען אויף אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד..."

„שווייג! ביים דיר אָפּ די צונג! — האָט דער אַלטער איציק זיך צעשריגן און אים געסטראַשעט מיטן שטעקן — יידן הערט נישט, וואָס ער רעדט, דער, דער... פּושע עוכר ישראל! דאָס אַלץ איז שקר וכזב! דאָס איז דייטשע פּראָפּאַגאַנדע!"

„שאַט, שאַט, שרייט נישט אַזוי, רב איציק, — האָט אים זיידע איינגענומען. — איך גלייב זיי אויך נישט. איך זאָג אויך, אַז עס איז פּראָפּאַגאַנדע, ווייל וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין זיינען די רוסן שטאַרקער פאַר „אים".

בלושטיין האָט זיך פאַרטראַכט: „אַהאַ — האָט ער אַ מאַך געטאָן — דאָס איז עס געווען די ידיעה „אַז דער קוזין „דוב'טשע" וועט קומען אַ ליאַדע טאָג", וואָס דעם שוסטערס זון האָט געשריבן אין פּאָסט־קאַרטל. מסתמא האָט מען שוין אויסער די דראָטן נאָך

דעמאָלט עפּעס געוווּסט. נאָר יידן רעכענען שטענדיק אויס צום בע־סערן. — — — איז דאָס מעגלעך, אַז די דייטשן זאָלן שטאַרקער זיין פון דער רויטער אַרמיי? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „סיי ווי סיי וואָס עס זאָל נישט זיין, איז עס אַלץ נענטער צו „זיין" מפּלה." האָט ער געמאַכט זיין אויספיר. און דער חבר זיידע האָט מיט אים מסכּים געווען.

ווי די יידן האָבן זיך אַזוי געאַמפּערט צי עס איז יאָ אמת, צי ס'איז נישט אמת די נייעס, וואָס זיידע האָט געבראַכט, קיינער האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז די דייטשן האָבן צוריקגעטריבן די רוסן. יעדער האָט בעסער געגלייבט אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט עס זאָל זיין: אַז די רוסן טרייבן צוריק די דייטשן. איז אָנגעקומען אַ גמינע באַאַמטער מיט אַ געלער און ווייסער באַנד אויפן לינקן אָרעם און מיט אַ טעקע. ער האָט זיך געפרעגט אויף בלושטיינען. אָבער אַלע זיינען צוגעלאָפן צו אים: „איר דאַרפט דאָך יאָ וויסן? — האָבן אַלע מיט איינמאָל געפרעגט — „איר אַרבעט דאָך ביים מלכות?"

„אוודאי, אוודאי", — האָבן טייל צוגעגעבן.

„זאָגט מיר, איז דאָס אמת, אַז דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד שלאָגן זיך?" האָט אים געפרעגט דער אַלטער איציק.

„יאָ, אמת, — האָט ער געענטפערט — אָבער זאָרגט נישט, יידן, ס'איז גוט! דער פּרעזעס רומקאָווסקי האָט יענע וואָך גע־רעדט — האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „יידן, זאָרגט ניט! האָט בטחון ס'איז גוט! לעבט, לעבט און לעבט!" מסתמא האָט ער שוין דעמאָלט עפּעס געוווּסט, וואָס דען מיינט איר — ער ווייסט נישט? — ער האָט בלושטיינען דערלאַנגט אַ צעטעלע און געזאָגט: „מאָרגן אַכטע אָוונט זאָלט איר זיין אויף דעם אַדרעס; און היינט אַ גאַנצע נאַכט און מאָרגן אַ גאַנצן טאָג קענט איר שלאָפן מיטן פּאָמפּ אַרויף".

בלושטיינען איז טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן. דער באַאַמ־טער און שכנים האָבן דאָס דערפילט. דער באַאַמטער האָט נאָך צו־געגעבן: „דאָ אַהער וועט קומען אַ צווייטער היטן". און איז אַוועק. די שכנים האָבן אים נאָכגעשריגן: „ניין, מיר ווילן נישט קיין צווייטן — מיר ווילן בלושטיינען, בלושטיינען!"

דעם באַאַמטן האָט דאָס געחידושט.

די שכנים האָבן געזאָגט: „מיר וועלן גיין אין גמינע אַריין, אַז זיי זאָלן אייך דאָ צוריקשיקן. מיר ווילן אייך דאָ האָבן!" — האָבן זיי גערעדט מיט האַרץ — „זאָרגט נישט, פּאַניע בלושטיין."

פארנאכט

בלושטיין איז אהיימגעגאנגען מיט א פארקלעמט הארץ. עס איז אים שווער געווען פאר זיין ווייב צו דערציילן די ענדערונג פון זיין ארבעטס-פלאץ. עס איז זיך אים די נאכט אזוי לייכט נישט געשלאפן. צוליב עגמת נפש האט ער אויך פארלוירן דעם אפעטיט און נישט אזוי שטארק געפילט דעם הונגער.

אבער די מעשה איז אזוי געווען: ווי שוין דערציילט, האט דער גראבער בויך, פאטאש, וואס מען האט אים גערופן: „קאלטער לונג און לעבער“, וואס האט אין הויז-וועכטער-ביורא, אויסגעטיילט די ארבעט, האט באלד אין אנהויב בלושטיינען צוגעטיילט נאכט-וואך. ער האט די טאג-ארבעט באהאלטן פאר זיינע מענטשן, וואס האבן אים אריינגערוקט עפעס א ווערט-זאך אין יד אריין. ער האט דאס אצינד זיינס א מענטש פאר א מתנה איבערגעשיקט אויף בלו־שטיינס רויקן פלאץ, און בלושטיינען אויף יענעמס פלאץ.

בלושטיין איז געקומען אין ביורא רעדן מיט פאטאשן וועגן זיין אומצופרידנקייט. ער האט אים אויפגעקלערט, אז „ער איז א שוואַ־כער, ער טאר נישט אויפזיין ביינאכט“.

פאטאש האט אים בייז געענטפערט: „איר זייט שוין גענוג לאנג טאג-וועכטער. דער פרעזעס רומקאווסקי אליין — האט מיר „פאראָרדנט“ אייך צו מאכן פאר נאכט-וועכטער“. און ער האט צו־געהאקט דאס פענצטערל.

בלושטיינען האט דאס אויפגעקאכט. ער האט פארשטאנען, אז דאס איז נאר אן אויסרייד, און אז מיט יעדער געמיינהייט דעקן זיי זיך מיטן „קייסער“. ער איז גלייך אריין אין פישביינס אפיס, אבער ער האט אים נישט געטראפן.

פארנאכט האט שרהלע, בלושטיינס ווייב, אפגעקאכט א זופ, פון יונגע „יארמושקע“. (אזא גראז, וואס זעט אוים וויביימעלעך, דער שטאם איז פיאלעט און די גרינע בלעטעלעך שימערירן מיט זילבער). ווען די „יארמושקע“ איז גאנץ יונג, קאכט זי זיך ווייך. בלושטיין מיט שרהלען האבן מיט גרוים הנאה אויפגעגעסן די גראז־זופ מיט א שטיקל ברויט, וואס זיי האבן אפגעשפארט פון א גאנצן טאג. בלושטיין האט גענומען זיין שווערן ווינטער מאנטל. זיי האבן זיך געזעגנט מיט א קוש און ער איז אוועק צו דער ארבעט.

* * *

צווישן מערב און צפון האט די זון צו איר שלאפן גיין זיך אוים־געצירט א וועג פון א פורפור-רויט-פייערדיקן טעפיך. איבער איר קאפ האט געהאנגען א גאלדענע קרוין, באשפריצט מיט רויטן קופער

און אַרומגעזוימט מיט זילבער; איבערן בלויען הימל זיינען געשוו־מען ווייסע פּעלעכלעך, מיט גרויע פלעקן און מיט זילבערנע און גאָלדענע טראָלדן. אויף מערב און צפון האָט זיך געצויגן אַ קייט וואַ־סער־גרויע־בערג, באַצירט מיט רעגנבויגן־קאָלירן. די שפּיצן זיינען אַרומגעזוימט געווען מיט גאָלדענע ליצן. צום געזעגענען זיך האָט די זון אונטערגעצונדן די דעכער און די שטיבן, די רויטע פייער־פלאַמען, האָבן געטאַנצט אין די שויבן. ביי יעדן טריט, וואָס די זון האָט געשטעלט האָבן זיך אַלץ שענער די קאָלירן אויף די וואָלקנס געטוישט. די זון איז אַלץ גרעסער און רויטער געוואָרן און דאָס פייער אויפן הימל און אויף די דעכער און אין די פענצטער איז אַלץ שוואַ־כער און בלאַסער געוואָרן. מיט אַ מאָל איז די זון איינגעזונקען, ווי אַ ברענענדיקע שיף אויפן ים, און אַלץ האָט זיך גלייך מיטגעלאָשן און געוואָרן איינטאָניק־גרוי.

בלושטיין האָט זיך געשלעפּט אין שאָטן פון די הייזער. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער וועט די נאַכט מוזן אויפזיין. ער האָט זיך פון שוואַכקייט געווישט דעם שווייס פון שטערן און יעדעס מאָל איבערגעוואָרפן דעם שווערן מאַנטל פון איין אָרעם אויפן צווייטן: „וואָס מיר קוקן אויפן הימל? וואָס מיר זעען דעם זון אונטערגאַנג?" ער איז געגאַנגען פאַרטיפט אין זיינע צרות און זיין האַרץ און נשמה האָבן געוויינט.

דער הויף

אַזוי ווי די דייטשן האָבן אַריינגעשאָסן דורך די דראָטן צו די יידן אין די גאַסן און אין די שטובן, האָבן יידן פאַרקלאַפּט טירן, טויערן און פענצטער. אויסגעהאַקט לעכער אין ווענט, איינגעלייגט מויערן און פּלויטן — זיינען פון אַלע הייף געוואָרן איין הויף. און עס האָבן זיך געשאַפן הינטער־גאַסן. אַזוי אַרום האָבן יידן זיך לגמרי נישט באַוויזן אין די פאָרנטיקע גאַסן, ווו ביי די דראָטן האָט זיך געדרייט די דייטשע וואַך.

די אויבסט־ביימער, וואָס זיינען געווען אויפן הויף, האָט רומקאָוו־סקים „מלוכה" זיך צוגעאייגנט, כדי די שכנים זאָלן ניט גנבענען, האָט דער ווירטשאַפטס־אַמט דאָרט אַוועקגעשטעלט טאָג און נאַכט וועכ־טער. ווען בלושטיין איז צוגעקומען אויף דעם אַנגעוויזענעם אַדרעס האָט ער געזען איין גרויסן לאַנגן הויף, ווי אַ גאַס, און ער האָט געזען אַ צאָל קאַרשן־ביימער. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים אַהער געשיקט היטן די קאַרשן. ער האָט דאָ אויך געטראָפן צוויי נאַכט־וועכטער, וואָס האָבן געהיט די קאַרשן־ביימער. אָבער עס איז אים נישט קלאָר געווען, ווו און וועלכע ביימער ער דאַרף היטן.

איידער עס איז פינצטער געוואָרן, זיינען די שכנים דאָ פון עטלעכע הייף — פון גרויסע פינף־שטאָקיקע הייזער — זיך צונויפגעקומען אין קרענצלעך אין מיטן גרויסן פלאַץ און געשמועסט וועגן די לעצטע נייעס אין דער פּאָליטיק. איין גרופּע איז געווען פון אַריינגעטריבענע יידן אין געטאָ. אַ צווייטע גרופּע איז געוועזן פון אַרבעטער און אָרעמעלייט, און איין גרופּע איז געוועזן פון בעסער איינגעאָרדנטע, מיוחסים, וואָס וווינען נאָך דאָ פון פאַר דער מלחמה, וואָס צו אַ טייל פון זיי געהערן דאָס די הייזער דאָ. זיי האָבן דאָ פריער געהאַט זייערע הורט־געשעפטן. זיי קרעכצן, וואָס דער „קייסער“ לאָזט זיי נישט נעמען קיין דירה־געלט. עס דערקענט זיך אין זיי, אַז זיי הונגערן נאָך נישט. עס איז נאָך אַ נס וואָס ס'זיינען דאָ „זאַשילקאָוצעס“ וואָס פאַרקויפן זיי זייערע ראַציעס, ווען נישט וואָלטן זיי חלילה אויך געהונגערט. אין דער גרופּע מיוחסים איז דער הויפּט רעדנער אַמזעל: אַ קיילעכדיק יידל, מיט אַ גרויסן בויך, אַ געוועזענער וורשט פאַבריקאַנט. ער איז דאָ געבליבן אין דער זעלבער דירה פון פאַר דער מלחמה, ער גיט אַכטונג זיין פאַבריק זאָל נישט גיין אין ניוועץ, ווייל אַ ליאַדע טאָג קען זיך דאָך ענדיקן די מלחמה — לויט זיין אויסרעכענונג — זאָל ער שפּעטער האָבן מיט וואָס צו „פייפן“. די וואָס שטייען אין דער זייט און הערן זיך צו, האָבן געהאַלטן מיט די רוסן, אַז די רוסן וועלן בייקומען. אַמזל האָט געענטפערט מיט אַ חוזק שמייכעלע: „וואָס? פאָניע חזיר? דער קבצן? דער דלפון מיט די צעבראָכענע ביקסן אויף די פּאַפּירענע שטריקלעך און מיט די צעריסענע שינעלן? מען האָט שוין געזען זייערע כוחות אין פינלאַנד. ווי גרויס איז פינלאַנד קעגן רוסלאַנד? אַ מילב קעגן אַ העלפאַנט. פונדעסטוועגן האָבן זיי דאָרטן אַוועקגעלייגט אַ סך כוחות. און ווי לאַנג האָבן זיי געקעמפט? חדשים מיט חדשים אָדער אפשר יאָרן. ענגלאַנד וועט זיגן! נאָר ענגלאַנד!“ — פאַרענדיקט ער רויק און שפּאַצירט זיך אַוועק מיט דריבנע טריטעלעך אין די ווייכע שטעקלאַטשן, פאַרלייגט די הענט פון הינטן, ווי דער שטייגער אַמאָל שבת נאָכן טשאָלנט אָדער נאָך מיטאָגשלאָף, און ער וואַרפט צו: „פאַרוואָס אַנטלויפט ער, פאָניע חזיר?“

„הערט פאַניע אַמזעל — שטעלט אים איינער אָפּ — היטלער האָט געזאָגט: איך האָב די שענסטע ראַסע! טשערטשיל האָט געזאָגט: איך האָב די גרעסטע קאַסע! און סטאַלין האָט געזאָגט: איך האָב די גרעסטע מאַסע! טאָ ווער וועט פאָרט זיגן? די...“

„די קאַסע! — פאַלט ער אים אַריין אין די רייד — אַזוי גייט עס אויף דער וועלט — זיגן זיגט נאָר די קאַסע!“ און ער גייט אַוועק.

„ניין, נישט די קאַסע, נאָר די מאַסע!“ — שרייט ער אים

נאָך. אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער הערט נישט. ער שפּאַנט אַוועק אונ־טערברומענדיק אַ ניגונדל.

אַז דער הויפּט נייעס־איבערגעבער און קאָמענטאַטאָר, אַמאָל, איז אַוועקגעגאַנגען, זיינען זיך אויך די יחסנים צעגאַנגען און ס׳איז נאָר געבליבן עמך, אויף וועמען די יחסנים האָבן געקוקט מיט ביטול.

ערשט איצט האָט זיך אַ נידעריק יידעלע, מיט אַ געלער באָרד אָנגענומען מיט מוט: „הערט, — האָט ער געזאָגט שטיל און גע־לאַסן. איין גרופּע, וואָס איז נאָענט געשטאַנען, האָט זיך דאָ אַהער צוגעשאַרט, — אין אַן אַדערויף וועל איך אייך דערציילן אַ מעשהלע: אַ שטאַטישער פּריץ איז געקומען אין דאָרף אויף אַ קאַטש, מיט אַ פּאָר שיינע פערד. איז ער אַריין אין אַ זומפּ און די פערד האָבן בשום אופן נישט געקענט רירן פון אָרט. איז אַדורכגעפאָרן אַ פּויער מיט אַ פּאָר פערדלעך, וואָס האָבן קעגן דעם פּריצס פערד אויסגעזען ווי קעצלעך. ער האָט געזען דעם פּריצס פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און דער פּריץ האָט אים טאַקע געבעטן ער זאָל אים העלפן. דער פּויער האָט אויסגעשפּאַנט דעם פּריצס פערד און אַוועק־געפירט זיי אין דער זייט. דערנאָך האָט ער איינגעשפּאַנט זיינע פערדלעך און כהרף עין איז די קאַטש אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון זומפּ.

פאַר דעם פּריץ איז דאָס געווען וווּנדער איבער וווּנדער. האָט ער געפרעגט: „ווי איז דאָס מעגלעך? מיינע זיינען קעניגלעכע פערד, דיינע קעגן זיי זעען אויס ווי העזעלעך.״ האָט דער פּויער אים געענטפערט: „נאַשי, דאָס זיינען אייגענע — זיי זיינען דאָ געבוירן און דערצויגן.״ דאָס זעלבע, פאַרשטייט איר מיך, וועט זיין מיט די דייטשן. די רוסן וועלן זיי אַריינגאַרן אין זייערע זומפּן און דאָרטן אין דער היים וועלן זיי זיך מיט זיי אַן עצה געבן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן מיט נאַפּאָלעאָנען. וואַרטס, וואַרטס, זאָל נאָר קומען דער ווינטער. דער „גענעראַל־ווינטער״ וועט זיי אָנלערנען! די דייטשע אַרמיי איז נאָך גענוג גרויס, זיי זיינען אין די מיליאָנען — מען דאַרף פאַר זיי האָבן אַ קבר און די רוסישע סטעפּעס וועלן זיין זייערע קברים.״

די צוהערער האָבן הנאה און טראַכטן: אַ, ער רעדט נישט נאַ־ריש. עס ווערט זיי עפּעס גוט אויף די הערצער, זיי ווערן האָפער־דיקער. בלושטיין איז געגאַנגען פון איין גרופּע צו דער צווייטער, ער האָט זיך נאָר צוגעהערט און נישט אָנגערופן זיך מיט קיין איין וואָרט. און אין דעם יידס רייד האָט ער זיך אויך פאַרטראַכט.

* * *

עס איז טונקל געוואָרן. בלושטיין איז צוגעגאַנגען צו די פּאָר

קאַרשן-ביימער. דאָ האָט ער געטראָפן ביידע נאַכט-וועכטער: איינער איז געזעסן אויף אַ שטול, וואָס ער האָט זיך מיטגעברענגט. ער האָט געטראָגן אַ שווערע ווינטער-קאַפּאָטע. אויף דער ברוסט איז געהאַנגען אַ גרויסער וועק-זייגער אויף אַ שטריק איבערן האַלדז. בלושטיינען האָט דאָס אויסגעזען עפּעס מאָדנע. די זאַך איז אַזוי געווען: אַזוי ווי ער קען נישט אַ גאַנצע נאַכט אַרומגיין, די פֿיס טראָגן אים נישט, זעצט ער זיך אַנידער פֿון מאָל צו מאָל — כאַפּט אים דער שלאָף. דעריבער האַלט ער אין איין אָנשטעלן דעם זייגער ער זאָל אים אויפוועקן. ערשטנס, קיין הונגעריקע, וואָס לויערן אויף די קאַרשן, פֿעלן נישט, ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די ביימער. צווייטנס, קען אונטערקומען דער קאָנטראָלער און אים פּאַקן שלאָפֿן, איז ער פֿאַרטיק — איז אויס מיט דעם פּאָסטן, ווייל ביים „קייסערס" קאָנטראָלער ווערט ער פֿאַרשריבן ווי אַ דעזערטיר.

דער צווייטער וועכטער איז געווען אַ מאָדזשיצער חסיד. אַ הויכער, אַ ברייטביייניקער. ער איז געגאַנגען מיט אַ שווערן שטעקן. ער'ט געטראָגן שווערע חסידישע שטיוול, אַ קורץ רעקל און די הויזן אַריינגעלאָזט אין די שטיוול. ער האָט געהאַלטן אין איין אונטערזינגען זיך אַ מאָדזשיצער ניגון: „באָם באַי די די, דאַ דאַ דאַי". בלושטיין האָט אין דער טונקלקייט זייערע פּנימער גענוי נישט געקענט זען.

אַזוי ווי די דריי וועכטער האָבן געשמועסט זיינען אונטערגעקומען צוויי קאָנטראָלערן אין גרויסע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס און ברייטע קאָנאַרקאָווע פּאַסן, מיט געלע און ווייסע בענדער אויף די לינקע אָרעמס. איינער האָט זיך גענומען טשעפּען צו בלושטיינען פֿאַרוואָס ער שטייט נישט דירעקט אויף זיין פּלאַצוווקע. בלושטיין האָט נישט געוווסט ווו זיין פּלאַצוווקע איז. ער האָט דאָס פֿאַר קיינעם נישט געזאָגט, ווייל, ווי פּאַסט דאָס? פּאַטאַש דער „קאַלטער לונג און לעבער" אין ביוראָ האָט אים אויך נישט געזאָגט, וואָס ער האָט צו היטן. ער האָט אים נאָר אויפגעשריבן דעם נומער פֿון דער זגיערזשער גאַס; און דאָ איז פֿון צענדליקער הייף געוואָרן איין גרויסער לאַנגער הויף. בלושטיין האָט דעם קאָנטראָלער געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין און ער האָט זיך גלייך געלאָזט גיין נענטער צו די הייזער, זוכן אַנדערע ביימער. דער קאָנטראָלער האָט אים מוחל געווען. בלושטיין האָט געזוכט און געזוכט און דאָרטן קיין ביימער נישט געפֿונען. ערשט אין שיינע עטלעכע טעג שפּעטער האָט אים איין נאַכט-וועכטער געזאָגט, אַז דאָ געפֿינט זיך ערגעץ אַ שטיקל שאָפּע, וואָס דער ווירטשאַפֿטס-אַמט רעכנט פֿון דעם עפּעס אויפצובויען. דאַרף מען דאָס היטן די שכנים זאָלן זי נישט צערייסן

אויף ברען-מאַטעריאַל. אָבער דער באַלעבאָס ווינט דאָ — היט ער אַליין אויך צו.״

בלושטיין האָט געזוכט און געזוכט. ער האָט געזען אין הויף קאַמערן און שאַפּעס, אָבער וואָס ער היט האָט ער אַלץ נישט געוווסט. איינמאָל איז ער עקסטרע געבליבן אַ פּאָר שעה לענגער אין טאָג אַריין; ער האָט געמיינט אפשר וועט ער זען דעם טאָג-וועכטער, ער טאָר דאָך נישט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ ביז מען גיט אָן אַנדערן איבער די פּלאַצוווקע. אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען. ער האָט מורא געהאַט אַז אויב עס געשעט עפּעס, טאָ וואָס וועט ער ענטפערן די פּאָליציי? ער האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף ניסים.

ביינאַכט אויפן הויף

בלושטיין האָט געשטעלט מידע טריט איבער די הייף. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזען: אַ פולע לבנה האָט אַפויערגעשוועבט פון אונטער דער ריי הויכע הייזער. דער הימל איז געווען אַ טיפער און אַ לויטערער, אויסגעזעצט מיט שטערן. אין דער מיט האָט עס אויסגעזען, ווי באַשפּריצט מיט ווייסן קאַלך, און ווי קאַלך דורכגעצויגן מיט אַן אויסגעריבענעם פּענדזל. בלושטיין האָט אויף דעם אָנגעשטעלט די אויגן און געטראַכט: ווי בילדלעך די חכמים האָבן דאָס אָנגערופן: „מילך-וועג״. עס איז טאַקע ווייס ווי מילך. איז דאָס אמת, אַז דאָרטן זיינען פאַראַן מיליאָנען, טריליאָנען שטערן, פּלאַנעטן, וועלטן? צי לעבן דאָרטן מענטשן? הערשט ביי זיי אויך קנאה-שנאה, וואָס ברענגט צו מלחמות, געטאָס און קאָנצענטראַציע לאַגערן? און אפשר איז דער מענטשן-מין דאָרטן ציוויליזירטער, קולטורעלער און זיי לעבן ווי אין אַ גן-עדן? און אפשר זיינען דאָרטן בכלל נישטאָ קיין מענטשן און מיט דעם אַליין איז עס אַ גן-עדן?״ עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס באַוועגט זיך אויפן מילך-וועג. אַז ער זעט אייערלעך קלענערע און גרעסערע, וואָס ציען זיך איבערן גאַנצן מילך-וועג. דערנאָך האָט זיך בלושטיין פאַרגאַפט אין די זיבן שטערן, וואָס שאַפן אַ וואָגן — פיר רעדער מיט אַ צעבויגענעם דישעל. דערנאָך האָט ער אויסגעזוכט אויפן הימל דעם קליינעם וואָגן, ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט וועגן דעם געלערנט אין דער שולע און געלייענט אין וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען.

פון די פאַרשטעט און דערפער האָט זיך דערטראָגן אַ קוואַקעריי פון זשאַבעס. פון גאָרטן דאָ האָט זיך געהערט דאָס זעגן פון גרילן און גראַז-שפּרינגער. פון פאָרנט אויף דער גאַס איבערן געטאָ-

צוים האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פון לויפנדיקע פערדישע פּאַדקאַ־וועס, אין געשלעפּ פון אַ דראָשקע.

אַמאָל האָט מען אין אַזאַ נאַכט, אויך געהערט דאָס קלינגען און רוישן פון פאָרנדיקע טראַמווייען, דאָס טראַמביען פון טאַקסעס. די שטאָט האָט גערוישט. אָבער דאָס איצטיקע קלאַפּן פון די פערדישע פּאַדקאָוועס איז געווען אַ שוואַכער קלאַנג, וואָס זשיפּעט קוים מיט לעבן, אין אַ טויטער שטאָט. בלושטיינען האָט דאָס אויסגעוויזן, ווי אַ קלאַפּן פון אַ קראַנק האַרץ ביי אַ חולה־מסוכן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין אַזעלכע שיינע זומער נעכט זיינען די גאַסן פול געווען מיט שפּאַצירנדיקע; ווי ער פלעגט שפּאַצירן אויפן „פּריי־הייטס־פּלאַץ" אויף דער נאַוואָמיעיסקע, און אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס מיט אַ גרופּע חברים און חברטעס. ס'איז דעמאָלט עפּעס געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן. זיי האָבן געגעסן „לאָדעס" (אייז־קרים) אין דער זשעמיאַנסקע, און געהערט דעם אָרקעסטער פון וווּנדערבאַרע ציגיינער־מאַטיוון; און זיי האָבן געפירט דיסקוסיעס וועגן דער יידן־פראַגע, פּאָליטיק, ליטעראַטור, וועגן סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך קוים געקאָנט געזעגענען אַהיימצוגיין שלאָפן.

איבערן הימל איז אַצינד פון צייט צו צייט ליכטיק געוואָרן, אַזוי ווי עס וואָלטן אויפגעבליצט פּראָזשעקטאָרן. עס האָט זיך געהערט אַ שטיל רוישן פון אַ מאַשין און אויך באַפעלערישע קולות פון אַ מאַן אויף דייטש. בלושטיין האָט אויסגערעכנט, אַז מסתמא פאַריכט מען פאַרנט די טראַמוויי־רעלסן. יאָ, דאָס רוישן און אויפּבליצן איז טאַקע פון „שווייסן" (צולייטן אייזן).

דאָס קוואַקעריי פון די זשאַבעס איז שטאַרקער געוואָרן. בלושטיין האָט געהערט אַ מין „אָרקעסטער" פון פאַרשיידענע זשאַבעס. דאָס האָט אים דערמאָנט: פאַר דער מלחמה, ווען די חברטע רעגינע איז אַרויס פון דער תפיסה, איז ער אין אַ זונטיק מיט אַ גרופּע חברים און חברטעס, לכבוד איר באַפרייאונג פון דער תפיסה אַרויסגעפאָרן אין דאָרף זשאַביאַניץ, הינטער לאָדזש, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ קליינע אָזערע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט טאָפּאָל־ביימער. די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט געזאַנג פון זשאַבעס, פּונקט אַזאַ געזאַנג ווי אַצינד. ער האָט זיך דעמאָלט אויף דער נאַטור געפילט יינגער. ער איז אַריין אין הויכן שמעקנדיקן גראָז. פייגעלעך זיינען געפלויגן הויך איבער אים און געזינגען. ער האָט אָפּגעריסן פעלד־בלומען, די חברטע רעגינע האָט אויך געריסן בלומען. און עפּעס אַ פריילעך געזאַנג האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן און אַלע האָבן מיטגעזינגען, אַלע האָבן זיך גוט

געפֿילט. דער חברטע רעגינע האָט זיך פֿאַרגלוסט אַריינצוגיין מיט באָרוועסע פֿיס אין דער אָזיערע. אַז זי איז שוין געווען אויפֿן ברעג האָט זיך דערהערט אַ צאָרנדיק באַפֿעלעריש געשריי אין פּויליש — אין דעם קול האָט זיך געפֿילט אַ מין שנאה: „נישט צוגיין צום וואַסער!" רעגינע איז פֿאַרציטערט געוואָרן. בלושטיינען האָט דאָס שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט געפֿילט, אַז פֿאַר דער חברטע רעגינען איז דאָס, ווי פֿאַר אַ שטאַרק אויסגעהונגערטן, וואָס נעמט דעם ערשטן ביסן צום מויל און פּלוצלינג קלאַפּט מען עס אים אַרויס. בלושטיין האָט געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט דעם גוי, ער האָט גע־טראַכט עפּעס אים צו ענטפֿערן, אָבער ער האָט נישט געפֿונען דאָס פּאַסיקע וואָרט. מיט אַ מאָל איז אָנגעפֿלויגן אַ פֿייגעלע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער אָזיערע און פֿליענדיק אַריינגעשטאָכן דאָס שנאָבעקל און געטרונקען. האָט בלושטיין אַריבערגעשריגן צום גוי מיט אַ טאָן ווי עס וואָלט געשען אַ גרויס אומגליק: „פּאַניע! פּאַניע! אַ פֿייגעלע טרינקט ס'וואַסער! אָ, זע! זע!" — האָט ער אים געוויזן.

„אַ פֿייגעלע מעג — נאָר דער זשיד טאָר נישט!" האָט דער גוי צאָרנדיק געענטפֿערט.

„נו, וואָס זאָגסטו צו אים? — האָט בלושטיין זיך געווענדעט צו רעגינען, — פֿאַר אים, אים אויסצולייזן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ביסטו אָפּגעזעסן דיינע בליענדיקע יאָרן אין די תּפֿיסות? אָט האָסטו דיין לוין!"

די חברטע רעגינע האָט אים גאָרנישט געענטפֿערט. די פֿריי־לעכע שטימונג איז ביי אַלע פֿאַרשטערט געוואָרן און זיי זיינען אַוועק פֿון דעם אָרט.

„יאָ — טראַכט אַצינד בלושטיין. — שוין דעמאָלט האָב איך גע־דאַרפֿט פֿאַרשטיין, וואָס עס רוקט זיך אָן אויף אונדז יידן. מיין זיידע ע"ה האָט געזאָגט: „דאָס וואָס היטלער י"ש טוט מיט די יידן אין דייטשלאַנד איז נאָך אַזאַ אויסגעקליגטע רשעות אין דער וועלט נישט געהערט געוואָרן. אָבער אין פּוילן וועט ערגער זיין! אין יעדן דור גיט מען אונדז צו פֿילן אַז מיר זיינען אין גלות". „דער זיידע האָט געהאַט מזל, וואָס ער איז געשטאָרבן פֿאַר דער מלחמה". האָט בלו־שטיין געטראַכט. בלושטיינען איז אַצינד געקומען אויפֿן זינען זיין געבורטס־שטעטל מיט זיינע עלטערן און פֿאַרצווייגטער משפּחה: „ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך ביי זיי? שוין אַזאַ לאַנגע צייט ווי איך האָב פֿון זיי נישט געהאַט קיין שום ידיעה". ער האָט זיך דער־מאָנט אין אַזאַ לויטערן זומערדיקן אָוונט, ווי אַצינד, אין שטעטל, ווו

ער האָט פאַרבראַכט אין דעם יאָר פאַר דער מלחמה, טאַקע אין דעם זעלבן חודש. ער פלעגט ליב האָבן איינזאַם צו שפּאַצירן אין דער שפּעטער נאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געשלאָפן. ער איז געגאַנגען אין אַ ווייס זיידן העמד און העלע הויזן און אין ברוינע סאַנדאַלן. אַ וואַרעם ווינטעלע האָט זיך געשפּילט מיט זיינע לאַנגע געלאָקטע האָר. דאָס הויכע גראָז האָט זיך שטיל געוויגט אין כוואַליעס, די איינצלנע בעריאָזעס האָבן אים געגריסט מיט די אַראָפּגעהאַנגענע צווייגן־הענט. זיין האַרץ האָט געבענקט און ער האָט נישט געוווסט צו וואָס. דער סאָסנע־וואַלד, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס שטעטל האָט אויסגעזען ווי שוואַרצע פלושענע בערג. אינזעקטן האָבן געגרילט און געזעגט. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. פייער־פליגן האָבן אויפגעבליצט און זיך פאַרלאָשן. דער לויפנדיקער טייך האָט געזונגען. אויפן טונקל בלויען הימל מיט ווייסע וואָלקנס האָט שפּאַצירט אַ פולע לבנה, טיילמאָל האָט זי זיך געראַנגלט מיט זילבערנע וואָלקנס און איז שטענדיק אַרויס אַ זיגערין. די בלעטער פון די ביימער האָבן געשעפּטשעט: „שאַ, ס׳שטעטל שלאָפט.“ „אוף, אוף!“ — האָט אויף דער בריק איבערן טייך שווער געסאָפּעט אַ לאָקאָמאָטיוו, די רעדער האָבן געקלאַפּט אין די רעלסן. פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין און ער האָט זיך צעוויינט מיט אַ טרויעריקן פייף. ער האָט זיך געבעטן איינמאָל און נאָכאַמאָל: „עפן מיר דעם וועג“. דאָס אַלץ האָט אין בלושטיינס האַרץ געשאַפן נאָך אַ גרעסערע בענקעניש. אַצינד אין געטאָ בענקט ער, ער זאָל כאָטש נאָך איינמאָל קענען איבערלעבן אַזאַ נאַכט אין שטעטל. „זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה. זאָלן נאָר אויפגעריסן ווערן די דראָטן וועל איך...“

„בים בוי די די דאַ די דאַי“ — האָט דער מאָדזשיצער ניגון פון דעם נאַכט־וועכטער איבערגעריסן בלושטיינס רעיונות. דער מאָדזשיצער חסיד האָט פאַרהילכט דעם הויף מיט זיינע שווערע טריט און מיט דעם צוקלאַפּן צום טאַקט מיט זיין שווערן שטעקן אויף דעם שטיינערנעם ברוק. ער האָט געטראָגן אַ קורצן אָנצוג מיט אַ מאַטשעיווקע היטל. ער האָט שוין אויך נישט געהאַט די באָרד. (צו וואָס זאָל ער זיך איינשטעלן ס׳לעבן? נישט איין ייד האָבן שוין די דייטשן געשאָסן דורך די דראָטן ווייל ער האָט געטראָגן אַ באָרד). בלויז די שטיוול זיינען אים געבליבן פון וואָכעדיקן אויסערלעכן חסידישן שטייגער.

„איר זעט, פאַניע בלושטיין — טוט ער אַ זאָג מיט פרייד — דאָס פייער וואָס שיינט אויף פון צייט צו צייט איבערן הימל? דאָס קומט פון די רוסן. זיי שטייען שוין הינטער זגיערזש (אַ שטעטל נעבן לאָדזש) מיר קענען אַ ליאַדע שעה געהאָלפן ווערן. איך האָב

זיי שוין אַפילו געהערט שיסן. יאָ, יאָ, רוסישע שאָסן. איך געדענק זיי נאָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אָ, אָ! איר זעט ווי ליכטיק ס׳איז ווידער געוואָרן? — ווייזט ער מיטן שטעקן אויפן הימל — די רוסן וואַרפן ראַקעטן. זיי ווילן זען ווי די עמלקים אַנטלויפן שוין...״

„גייט שוין גייט, — האָט אים בלושטיין איבערגעריסן — דאָס איז פון „שוויסן״, די רעלסן, פון די טראַמווייען, וואָס מען פאַר־ריכט פון פאַרנט אויף דער גאַס. איר הערט נישט פון צייט צו צייט באַפעלערישע קולות? דאָס איז פון דעם אָנפירער פון דער אַר־בעט...״

„נו, יאָ, דאָס שרייען? דאָס באַפעלן די אָפיצירן דעם מיליטער, וואָס ציט שוין אָפּ. מיינס אַ שכן האָט טאַקע דערציילט, ווי זיינס אַ פעטער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון וואַרשע. שרייבט מען, אַז זיי עסן אַ סך אַרבעס, קניידלעך, גרויסע דיניעס, קאַוועניעס, באַניעס און הענגלעך וויינטרויבן, און אַז עס איז יעדן טאָג ערב פּסח: מען רוימט, מען האַלט אין איין איבערשטעלן דאָס מעבל, און עס האַלט זיך אין איין צעברעכן, און אַז זיי מוזן שלאָפן ביים פעטער „קעלע־ראַווסקי״ און ביי דער מומע „בוידעמאָווסקי״. איר פאַרשטייט דאָס לשון? האָ? די רוסן גיבן זיי צו שמעקן און צו לעקן. זיי זיינען זיי מכבד מיטן אמתן פּולווער! איר פאַרשטייט? אַרבעס? קניידלעך? גרויסע באַניעס? הענגלעך וויינטרויבן — מיינט מען אַ הענגל באָמבעס מיט באָמבעלעך. אַ ליאַדע טאָג וועלן די רוסן פאַרנעמען וואַרשע! אַזאַ בריוו דאַרף מען קענען פאַרשטיין.״

„כ׳בעט אייך, ווי ווייט איז דאָס פון וואַרשע קיין לאָדזש? פאַרוואָס באָמבאַרדירן זיי שוין נישט אין איין וועגס לאָדזש?

„לאָדזש וועלן זיי איינעמען אָן אַ שאָס!״

„ווייל איז אייך, וואָס איר האָט אַזעלכע פאַנטאַזיעס.״

„אוי, פאַניע בלושטיין, איר זענט אַ קאַלטער ייד, איר האָט ווייניק בטחון אין רבונו של עולם. ביי אים איז אַלץ מעגלעך. איך פאַרלאָז מיך אויף אים, אויפן רבונו של עולם! — האָט ער אַרויפגעוויזן מיטן שטעקן צום הימל — אין איין מינוט קען ער ברענגען די ישועה!״ און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ניגון: „בים בוי די די דאַ די דאַי״, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן שווערן שטעקן און שווערע שטיוול אויפן שטיינערנעם ברוק.

בלושטיין האָט זיך געטראַכט: אים איז וווּיל, אים איז מקנא צו זיין! און עס האָט אין אים אויפגעזונגען פאַפּירניקאָווס:

אַ געזאַנג:

„זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופט מיינע שלעסער.
זאָל זיין אַז מיין גאָט איז אינגאַנצן נישטאָ.
אין טרוים איז מיר לייכטער, אין טרוים איז מיר בעסער,
אין טרוים איז דער הימל נאָך בלויער ווי בלוי.
זאָל זיין, אַז מיין שיף וועט צום ברעג נישט דערלאַנגען.
זאָל זיין, אַז כ'וועל קיינמאָל נישט קומען צום ציל.
עס גייט נישט אין דעם, אַז כ'זאָל האָבן דערגאַנגען,
עס גייט נאָר אין גאַנג פון אַ זוניקן וועג" *).

* * *

עס האָבן זיך דערטראָגן געוואַלדן פון אַ פרוי, וואָס האָבן אויפ־געוועקט די שכנים. בלושטיין איז נאָכגעגאַנגען דאָס געשריי. דאָס איז געווען אפשר מיט פינף הייף ווייטער. דער הויף איז פול געווען מיט אויפגעוועקטע שכנים. דער פרוים געשריי איז אַלץ העכער און יאָמערלעכער געוואָרן. מען האָט נישט געקענט דערגיין, וואָס איר איז, צי עס טוט איר עפּעס וויי. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געשריגן. איר מאַן האָט זיך אַרומגעדרייט, געשעמט דעם קאָפּ אויפ־צוהויבן און געקרעכצט: „אוי, רבונו של עולם! אוי, טאַטע דער־באַרמדיקער, העלף איר! אוי, אל רחום וחנון!" די פרוי האָט זיך אַלץ נישט איינגעשטילט. עס האָט געדויערט איבער אַ שעה ביז עס איז געקומען די גיכע הילף: אַ דאָקטאָר אין אַ גרויסן הוט, מיט אַ ברייטן באָרדאָ־פּאַס און אַ גלאַנציקן דאַשעק, מיט אַ טעקע אין האַנט. אַ געהילף האָט אים נאָכגעטראָגן אַ גרויסן קאַסטן מיט מכשירים. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „דאָס איז אַ נערוון־אַטאַקע. די פרוי דאַרף אַן איינשפּריץ." איז אין דער שטוב פינצטער — ס'איז נישטאָ קיין עלעקטריע. האָט ער זיך נאָכגעפרעגט: „אפשר געפינט זיך דאָ ערגעץ אַ שטוב ווו עס איז פאַראַן עלעקטרע?" אָבער אין ערגעץ איז קיין עלעקטרע נישט געווען. מען האָט געענטפערט: „לא כל אָדם זוכה!".

„מיר זיינען נישט קיין „ביירעאַטניקעס" (די וואָס באַקומען אַ ספּעציעלן צושטייל פון ביירעאַט).

„מיר זיינען נישט דעם „קייסערס" מענטשן."

„מיר זיינען „זאַשילקאָוצעס" (רעליפניקעס).

איין שכנטע האָט געברענגט אַ שטיקל ליכטל, איז אָבער נישט געווען מיט וואָס עס אָנצוצינדן. איז דער דאָקטאָר געפאַלן אויף

---

*) אַ פּאָפּולער יידיש ליד פון דעם דיכטער י. פּאַפּיערניקאָוו פון מדינת ישראל.

א גוטן פלאן: ער האט געהייסן די פרוי אוועקזעצן אויף א שטול אין מיטן הויף. די פולע לבנה איז געשטאנען אין מיטן הימל. די פרוי האט נאך אלץ יאמערלעך געשריגן אן ווערטער. דער דאקטאר האט איינגעטונקען א שטיקל פאפירענע וואטע אין אלקאהאל, האט איינגעריבן איר לייב און איר געגעבן אן אפיום-איינשפריצונג.

ווען מען האט די פרוי צוריק אריינגעטראגן אין שטוב האט זי שוין נאר געקרעכצט, און וואס אמאל רויקער און שוואכער. באלד איז זי איינגעשלאפן.

* * *

בלושטיין האט שפאצירט איבער דעם הויף אזוי לאנג, ביז די פיס האבן אים שוין מער נישט געטראגן. ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א שטיין. אבער ער האט נישט געקענט איינזיצן. עס האט אים געצויגן צו ליגן; די שלעפעריקייט האט אים געפייניקט: „איך דארף נויטיק שלאפן, אויב נישט, פיל איך, אז איך וועל אוועק־חלשן." האט ער געזאגט צום מאדזשיצער חסיד. יענער האט אים אנ־געוויזן א ווינקל, אין א פאדער-הייזל, אויף דער גאלער ערד: „דא לייגט אייך אונטער דעם מאנטל און שלאפט! האט פאר קיינעם נישט קיין מורא, אז עס וועט קומען א קאנטראלער וועל איך אייך אויפוועקן."

בלושטיין האט אים געפאלגט. ווען ער האט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, איז אים עפעס גוט געווארן, עס האט זיך אים לייכטער געאטעמט. ער האט צוגעמאכט די אויגן, ער האט געוואלט, וואס גיכער איינשלאפן. דער וועכטער איז אוועק מיט זיין ניגון, צוקלאפנ־דיק צום טאקט מיט זיין שווערן שטעקן און שווערע שטיוול אויפן שטיינערנעם ברוק, וואס האט אין דער שטילקייט פון דער נאכט אפגעהילכט איבער די הייף. בלושטיין האט איצט דערפילט אז ער איז טאקע א שוואכער מענטש. אנדערע קענען אויפזיין גאנצע נעכט, אבער ער ווערט צום טויט פארמאטערט. ער האט באשלאסן, אז ער מוז פטור ווערן פון דער נאכט-וועכטעריי. ער וועט רעדן מיט פישביינען, ער וועט אים פארשטיין און העלפן. אויב, חלילה, נישט — איז עס פאר אים א זיכערער טויט. בלושטיין האט געטראכט: „ווער ווייסט, צי מיין ווייב קען יא איצינד שלאפן? זי מוז זיכער איבער־קלערן וועגן מיר. אבער דאך ליגט זי אויף א געלעגער." עס איז אים קאלט געווארן און ער האט זיך איינגעקארטשעט. ער האט אלץ געהאלטן צוגעמאכט די אויגן, אבער אנטשלאפן ווערן האט ער נישט געקענט. האט ער איבערגעטראכט, וואס ער זאל מארגן פאר־שרייבן אין זיין טאגבוך. ער האט דורכגעווארפן אין זכרון אלע פא־סירונגען און זיינע אייגענע איבערלעבונגען פאר די לעצטע צוויי

טעג אין געטאָ. און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַלץ איז וויכטיק, און אַז ער טאָר קיין זאַך נישט דורכלאָזן.

דער חסיד האָט זיך ווידער דערנענטערט מיט זיין: „בים בוי די די דאָ די דאַי".

„נו, האָט איר זיך שוין אויסגעשלאָפן? זעט איר, דער מאָדזשי־צער ניגון האָט אין זיך אַזאַ כוח, אַז ער מאַכט מיך וואַכעדיק. ווער מיר שלאָפן? וואָס מיר שלאָפן? ביי דעם ניגון ווילן אַלע אברים טאַנצן. די פיס הייבן זיך: „בים דאַי די די דאָ די דאַי..." זינגט ער זיך אונטער און טאַנצט זיך אונטער מיט אַלע אברים און טופּעט צו מיטן שטעקן.

„איר הערט, פּאַניע בלושטיין! דער עיקר איז חדוה! פרייד! בטחון! אַפילו דער דייטש, די כפרה זאָל ער זיין! זאָגט אויך: „מוט פאַרלוירן — אַלעס פאַרלוירן." איך פיל, כ'זע באַשיימפּערלעך אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן אַ ליאַדע טאָג, און מיר וועלן אַהיים־גיין. און דער משוגענער רומקאָווסקי וועט ווערן אויס „קייסער". זיין גאַנצע „מלוכה", מיט אַלע זיינע אַמטן, מיט אַלע זיינע געזעצן, מיט אַלע זיינע יוצר משרתים, האָבן אַ האַפּט ווי פּוטער אויף דער זון! ס'איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט! זיי מיינען טאַקע, אַז דאָס איז עפּעס, אַז זיי זיינען עפּעס. נאַראָנים! שוטים! נישט מער! אַי, וועט זיך דאָס קרענצל צעפּאַלן. יעדער פון זיי וועט אַנטלויפן אין אַ מויזן לאָך אַריין! אוי, אוי ,אוי!" — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

בלושטיין האָט דערקענט, אַז דער חסיד באַלעקט זיך עפּעס און לויט יענעמס שטימונג האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער האָט עפּעס געהאַט אין מויל; ווייל ביי אַ געטאָ־ייד קומט די שטימונג לויט דער ליידיקייט אָדער אָנגעפּילטקייט פון מאָגן. האָט ער אים אַ פרעג געטאָן: „האָט איר עפּעס אַצינד געגעסן?"

„עט, געגעסן, געשמעסן! וואָס? ווו? ווען?"

„כ'מיין... כ'ווייס? אפשר אַ ביסל קאַרשן?"

„קאַרשן, שמאַרשן! דאָס איז אַ מאכל פאַר בייראַטניקעס, פאַר דעם „קייסערס" סוויטע. אָבער נישט פאַר קיין נאַכט־וועכטער."

„איך געדענק גאַנץ גוט — דערציילט בלושטיין — ווען די דייטשן האָבן אַנומלט אַריינגעשיקט פּיעטרושקע און, אַז יעדער קאָפּ האָט באַקומען צוגעטיילט פּיעטרושקע — דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק — האָבן יידן עפּעס געהאַט אַ פרייליכן שבת: מען האָט געגעסן אַ סעודה פון בלויז פּיעטרושקע פרייטיק צונאַכטס, שבת

אין דער פרי. מען האָט געשטעלט טשאָלנט פון פּיעטרושקע און דערנאָך האָט מען אויך געגעסן פּיעטרושקע שפּאַצירנדיק אין די גאַסן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געקנאַקט קערן אָדער ניסלעך אין די גוטע צייטן. פּיעטרושקע, פאַרשטייט איר מיך, רייניקט די נירן... און די בלאָז... האָט זי געהאָלפן יידן „שטעלן אויף די פיס"... אַפילו די אָפּגע־שוואַכטסטע, וואָס ליגן אין די בעטן, האָט אויך די פּיעטרושקע אויפגעשטעלט אויף די פיס... יידן האָבן געקייעט די פּיעטרושקע אַ גאַנצן טאָג; און אַז יידן האָבן געהאַט וואָס צו קייען, מ'שטיינס געזאָגט, נו, נו, האָט זיך עפּעס צעשפּילט זייער פאַנטאַזיע פון גוטע נייעס: טייל יידן זיינען גרייט געווען שוין זיך איינצופּאַקן און אַהיימגיין. זיי האָבן געהאַט די גאולה אין וועסטל-קעשענע."
דער חסיד האָט געשוויגן.

דער אמת איז געווען, אַז דער חסיד האָט יאָ עפּעס אַצינד גע־האָט געגעסן, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר קנאה און פאַר אַ בייז אויג. עפּעס אַ קלייניקייט היינט אַ ביסל עסן? היות ער היט אַ קיך — לאָזט מען פאַר אים איבער יעדע נאַכט אַ ביסל זופּ. אַי, זי איז קאַלט? אַזאַ אויסגעהונגערטער פילט עס נישט. טיילמאָל טרעפט ער נאָך אויך אַ נישט אויסגעוואַשענעם קעסל, קראַצט ער אים אויס. דערפאַר האַלט ער דעם פאַסטן פאַר אַ גליק — דאָס קען אים העלפן איבערצולעבן די מלחמה און אַזאַ אוצר דאַרף מען האַלטן בסוד סודות. מען קען אים נאָך חלילה אויסכאַפּן. עס פעלן דען בעלנים אויף אַזאַ גליק, וואָס האָבן „פּלייצעס" ביים „קייסער" אָדער ביים קעראַוווניק פון דער קיכן אָפּטיילונג? „אַ מענטש, להבדיל, איז ווי אַ הונט, אַז ער כאַפּט אַ ביין אַנטלויפט ער מיט אים אין אַ ווינקל, קיינער זאָל אים נישט זען". אַזוי האָט בלושטיין געטראַכט.

ענדלעך איז בלושטיין איינגעשלאָפן און עס האָט זיך אים גע־חלומט: ער איז אין זיין געבורטס שטעטל. ביי די עלטערן אין דער היים און די מאַמע מאַכט אים ס'בעט מיט שניי־ווייסע אייבערצוג און זי זאָגט: „זעסטו, זון מיינער, דאָ וועסטו שלאָפן", אין אַ זיידענע פּידזשאַמע האָט ער זיך אַריינגעלייגט. דאָס בעטגעוואַנט האָט גע־שמעקט פון פריש גרעט. ער האָט זיך אויסגעצויגן, אונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און געפילט גרויס הנאה. דער קאָפּ איז אויסגעקומען ביים אָפענעם פענצטער. די לבנה האָט אַריינגעשיינט און עס האָט אַריינגעווייעט אַן אָפּפרישנדיק ווינטל, וואָס האָט גע־ברענגט אַ ריח פון פרישן היי. פּלוצלינג האָט ער געזען, ווי דאָס פּוילישע מיליטער אַנטלויפט אין אומאָרדענונג, דייטשן פאָרן אויף טאַנקן. און דאָ דערזעט ער אַ הויכן שניי מיט אַ זאַוויערוכע. יידן: מענער, פרויען און קינדער מיט פּעק און פּלעצאַקעס לויפן, דער ווינט

רייסט, און ער מיט זיין פּרוי זיינען צווישן די געיאָגטע. און דאָ געפינט ער זיך ווידער אין בעט ביי דער מאַמען אין דער היים. דאָס בעט האַלט זיך אין איין וויגן ביז עס האָט זיך איבערגעדרייט, ער איז אַרויסגעפאַלן און איז אויפגעקומען. ער איז אויפגעשטאַנען. עס איז שוין טאָג געווען. די שכנים זיינען נאָך געשלאָפן. ער האָט געהאַלטן אין איין גענעצן, געפּילט אַ מידיקייט און דער שלאָף איז אים געלעגן אויפן האַרצן. ער האָט זיך עפּעס געפּילט, ווי נישט אויף ד ע ר וועלט. דער חלום איז אים געלעגן אין זינען און ער האָט צו זיך געזאָגט: „בעט, שמעט — אַ הונגעריקע גאַנדז חלומט זיך האָבער״. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּלומפּ, זיך אָפּגעוואַשן די הענט מיטן פּנים און האָט זיך אַ ביסל דערפרישט. אָבער די אויגן האָט ער נישט געקענט אויסוואַשן. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַר־קלעפּט מיט ראָפּע. וואָס מער ער האָט זיי געוואַשן אַלץ מער האָבן זיי זיך געקלעפּט. בלושטיין האָט געטראַכט: „דאָס איז פון שמוץ, ווו כ׳בין געלעגן, און אויך פון נישט שלאָפן.״

ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אין דער היים, אַריינלייגן זיך אין בעט און שלאָפן ביזן אָוונט. עס איז נאָך געווען אין דער צייט ווען יידן האָבן נאָך נישט געטאָרט אַרויסגיין אין גאַס. האָט ער דערווייל שפּאַצירט איבער די הייף און זיך אומגעקוקט אין יעדן ווינקל. ער האָט געזען „דזשיאַלקעס״*), שטיקלעך ערד פון אַרויפּ־געשיטן זאַמד אויפן ברוק, אָדער ערד אויפן אָרט פון איינגעלייגטע קאַמערן. די „ערד״ איז געווען פון קוילן־מיאַל, פון אַש, אָדער גרוז. ביים פענצטער איז געשטאַנען אַ ייד, וואָס האָט געהיט אַ ז אַ „גאָרטן״: צוויי בייטן אַרויפגעשיטע ערד אויפן ברוק. עס האָט געוואַקסן אַ ביסל קאָפּער, וואָס האָט אויסגעזען ווי גראָז. אין מיטן איז זיך גע־שטאַנען אַ הויכער צווייג קאָפּער און האָט פון זיך געבלאָזן און גע־גרויסט זיך. אויף דער צווייטער בייט איז אַרויסגעוואַקסן אַ קעפּל סאַלאַט. די רעשט איז געווען אַ נידעריק און שיטער ווילד געוויקס. איז ווי בלושטיין האָט דאָס באַטראַכט האָט דער באַלעבאָס, וואָס האָט געהיט, דורכן פענצטער נאָכגעקוקט בלושטיינס יעדע באַוועג־גונג. בלושטיין האָט געזען, אַז דער ייד גייט ממש אוים פון אימה, אַז ער זאָל אים חלילה נישט באַגנבענען דעם „גאָרטן״, האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגן. ער האָט מורא געהאַט דער ייד זאָל אַ מאָל נישט מאַכן אַ געוואַלד, אַז מען באַגנבעט אים און ער קען נאָך אַ מאָל אומ־שולדיק אַריינפאַלן אין הערצבערגס ידים אַריין, אויף „טשאַרניעצ־קיעגאָ״. בלושטיין האָט זיך געלאָזט אַהיימגיין. די זון איז געקראָכן

*) „דזשיאַלקעס״ פון פּויליש טיילעכלעך.

אויף די דעכער. די גאַסן זיינען ליידיק געווען. נאָר איין יונגער, קרעפּטיקער מאַנספּאַרשוין איז שנעל געגאַנגען. ער האָט זיך גע־איילט. דאָס איז געווען אַ ייד, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט דער „קריפּאָ" (קרימינאַל פּאָליציי). ער איז געגאַנגען דרייסט אָן מורא. בלושטיין האָט דאָס באַוווּנדערט. בלושטיינען האָבן אַצינד באַשלאָגן טויט־אַנגסטן. ווייל זיינע אויגן האָבן שוין געזען די בריק, וואָס ער דאַרף אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט געטאָ. אָט זעט ער שוין דעם געטאָ־צוים. „ווער ווייסט — האָט ער געטראַכט — צי עס שטייט נישט דאָ אַצינד דער געלער זעלנער. ער מוז יעדן טאָג שיסן אַ ייד." אָט זעט ער שוין די טרעפּן פון דער הילצערנער בריק. ער זעט שוין דעם גאַנצן רויטן קאַשטשיאָל, מיט דעם זייגער וואָס איז שטיין געבליבן באַלד ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט לאָדזש.

אויף דער גאַס צווישן די דראָטן פאָרן טראַמוואַיען, דראָשקעס, פּויערים מיט פורן גרינצייג, פורן אויבסט. בלושטיין האָט זיך אָנ־געגורט מיט מוט און איז נאָכגעגאַנגען דעם „קריפּאָוויעץ".ביידע זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף דער בריק. אין צווייען איז זיך אים בעסער געגאַנגען. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויבן האָט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט פון די הויכע זעקס און דרייסיק טרעפּ. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אַריבערגיין דעם בראַנד. זיינע אויגן האָבן געקוקט צו דער שטאָט — צום „פרייהייטס־פּלאַץ". דער פּלאַץ האָט געגרינט פון גראָז. דער „טאַדעוש־קאָשטשושקאָ מאָנומענט", אַ סימ־באָל פון פרייהייט, איז שוין אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן. (דעם בראַנדז האָבן די דייטשן צעשמאָלצן אויף גילזן פאַר קוילן). בלושטיין האָט געזען פאַר זיך נאָר אַ טייל פון פּיעטריקאָווער גאַס — היינט: „אַדאָלף היטלער שטראַסע". דאָס איז געווען די הויפּט גאַס פון לאָדזש. ער האָט אויך געזען, ווי מען לייגט איין די נאַוואָמיעסקע גאַס. דאָס אַלץ האָט ער געזען רעכטס. אויף לינקס האָט ער נאָר געזען אַ לאַנגע גאַס מיט דעם דראָטן־צוים פון ביידע זייטן, מיט די דייטשע באַהעלמטע סאָלדאַטן, מיט ביקסן און שפּיזן. ער האָט אויך באַמערקט, ווי אויף אַ לאַסט־אויטאָ ליגן קאַסטנס פּאָמעראַנצן. איין אַרבעטער שיילט אָפּ אַ פּאָמעראַנץ, וואַרפט אַוועק די שאָלן און פּאַקט צו טיילעכלעך אין מויל אַריין. בלושטיין האָט געטראַכט: „ווי גליקלעך וואָלט איך געווען ווען כ'וואָלט כאָטש געקענט אויפ־הייבן די שאָלן". כל זמן ער איז געגאַנגען אויף דער בריק און נעבן דער בריק, האָט אים די לופט געבריט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט אָט שיסט אויף אים די דייטשע וואַך. אויפן וועג צו זיין היים האָט ער באַמערקט, ווי ביסלעכוויי, ביסלעכוויז זיינען די געטאָ־איינוווינער אויפגעשטאַנען צו אַ טאָג פון נייעליידן און פּיין.

ווען בלושטיין איז אַהיימגעקומען האָט אים שרהלע געפרעגט צי ער וויל עפּעס עסן?

„ניין! — האָט ער געענטפערט — איך דאַרף נאָר שלאָפן!" זיין בעט איז געווען צוגעגרייט נאָך פון נעכטן. ער האָט זיך געלייגט און האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געלייענט אַ בוך און קנאַפּ וואָס תופס געווען. דער שלאָף איז אים געלעגן אויפן האַרץ. דער חבר זיידע האָט אים געזאָגט: „נישקשה, דו וועסט זיך צוגעוווינען. וואָס טוען דען בעקערס? זיי אַרבעטן ביינאַכט און שלאָפן בייטאָג."

„דו, זיידע, האָסט פאַרגעסן, אַז דער בעקער באַקומט אַ שטיקל ברויט ביי דער אַרבעט. חוץ דעם, בין איך דאָך, ווי דו ווייסט, אַ שוואַכער מענטש. די נאַכט איז געשאַפן געוואָרן צו שלאָפן אויף אַ געלעגער."

„נו, אַ גוטן טאָג. כ'בין נאָר געקומען געבן אַ בליק אויף דיר, כ'וויל דיר נישט שטערן. קודם שלאָף זיך אויס, שפּעטער וועל איך אַריינקומען וועסטו מיר איבערגעבן אַלע נייעס". און ער איז אַרויס.

בלושטיין האָט זיך געדרייט און געוואָרפן אויף אַלע זייטן אין בעט, ווי עס וואָלט אים געהויבן פון געלעגער. ער איז אַראָפּ פון בעט, געפּרוווט לייענען, אָבער עס האָט אים געררונען פון די אויגן. פון איין שורה זיינען געוואָרן עטלעכע. ער האָט געוואָלט שרייבן און נישט געקענט.

בלושטיין האָט שוין בכלל נישט געפילט קיין הונגער. פון עט־לעכע טעג האָבן זיך ביי אים אָנגעזאַמלט פּאַרציעס ברויט. ער האָט שוין אַצינד געהאַט „צופיל"; ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוויינען בייטאָג צו שלאָפן. ער איז געוואָרן אויסגעבלייכט, באַ־קומען אַ טויטע צורה. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס פּוילישע וואָרט: „מאַנקאָ" (מאַנגל), וואָס די דאָקטוירים זאָגן: „אויב עס איז נישטאָ קיין מאַנקאָ אין ברויט — טויג שוין גאָרנישט". יאָ, ביי מיר איז שוין נישטאָ קיין מאַנקאָ — איך האָב שוין „צופיל". נישט כ'קען עסן, נישט כ'קען לייענען, נישט כ'קען שרייבן, נישט כ'קען שלאָפן, כ'בין שוין אַ לעבעדיקער מת", — האָט ער געטראַכט און ער האָט באַשלאָסן דאָס איבערצוגעבן דער חברטע רעגינע.

שרהלע איז אַוועק צו דער חברטע רעגינע. זי האָט איר אַלצ־דינג דערציילט. רעגינע האָט איר געהייסן קומען מאָרגן נאָכמיטאָג, וועלן זיי ביידע אַהינגיין צו פישביינען און באַלד דערליידיקן ער זאָל שוין מער נישט אַרבעטן קיין נאַכט־שיכט.

פאַרנאַכט, איידער בלושטיין איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט שרהלע אָפּגעקאָכט אַ ביסל זופּ פון „יאַרמושקע". ער האָט נאָר אויס־

געזופּט דאָס ביסל הייסע וואַסער און מער גאָרנישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. ער האָט געגומען דעם שווערן-ווינטערמאַנטל און ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו זיין „פּלאַצוווקע". ווען ער איז אַהינגעקומען איז שוין טונקל געווען. ווי דער שטייגער זיינען שוין געשטאַנען קרענצלעך יידן, און מען האָט געשמועסט פּאָליטיק. בלושטיין האָט זיך צוגעהערט און געשוויגן. פּלוצלינג דערהערט ער אַ בריטון: „אַ אַ אַ, שלום עליכם, חבר בלושטיין!" די שטים איז אים באַקאַנט געווען. ער קוקט זיך איין — דאָס איז דער הויכער ברייטבייניקער שלמה טענענבוים. ביידע האָבן אַ מאָל געאַרבעט ביי איין פאַך. טענענבוים איז געווען אַ גאַנצער רעדנער. זיין פּאַרטיי האָט אים געלערנט זיין אַ רעדנער. ער האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אין זיין פּאַרטיי. אין פאַראיין איז ער געשטאַנען אין דער אָפּאָזיציע און שטענדיק געשיט פעך און שוועבל אויף דער פאַרוואַלטונג, באַנוצט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און פראַזן. אויף דעם אופן האָט ער זיך געוואָלט אַרויפכאַפּן אויפן בענקל.

„הא, בלושטיין, דו האָסט פאַרראַטן וואָס? דו טראָגסט אַ געלע באַנד, אַ באַאַמטער?! דעם משוגענעם רומקאָוסקים אַ מענטש?! געדענק, ס'וועט קומען די צייט, וואָס מען וועט זיך מיט דיר אָפּרעכענען!" — האָט שלמה טענענבוים זיך געקאָכט און געסטראַשעט, נצחונדיק געקוקט, דאָ אויף די צוהערער און דאָ אויף בלושטיינען. טייל פון דער גרופּע האָבן אויך געקענט בלושטיינען פון דער אַרבעטער-סביבה, און זיינען באַווירקט געוואָרן פון טענענבוימס רייד. טענענבוים האָט געמיינט, אַז בלושטיין וועט רויט און טויט ווערן פאַר חרפּה און דאָ האָט ער גאָר אויפגענומען זיין פאָרוואורף רויק מיט אַן איראָניש שמייכעלע.

אָ, איר זעט, ער שעמט זיך שוין גאָרנישט, מען וועט נקמה נעמען אין דיר צוזאַמען מיטן „קייסער" און אַלע זיינע משרתים!"

„לעולם וואָלט איך דיר גאָרנישט געענטפערט, — האָט בלושטיין צו אים גערעדט רויק און געלאַסן — נאָר וואָס דען? עס איז נעבעך אַ רחמנות אויף דיר. די דעמאַגאָגיע, וואָס דו האָסט געלערנט אין דיין פּאַרטיי, איז אין דיר געבליבן. מיט דיין דעמאַגאָגיע פאַנגסטו אַזעלכע נאַראָנים ווי דו ביסט אַליין און נאָך גרעסערע טפּשים. ווער? וואָס? ווען? וואָס פאַר אַ באַאַמטער בין איך? וואָס פאַר אַן אָנפירנדיקן אַמט פאַרנעם איך? איך האָב צו זאָגן איבער מענטשן? איך באַקום אַ העכערן געהאַלט? איך באַקום אַ צוגאָב-ראַציע? אָדער איך ברענג עפּעס נוצן די דייטשן מיט מיין אַרבעט? פאַר אַ גאַנצער נאַכט אויפזיין, ווו איך פּטר מיין געזונט

און לעבן, באַקום איך צוויי „סמאַרק" מיט צוואַנציק פּעניק. עס סטייעט מיר אַפילו נישט רומקאַוואָסקים „ראַציע" אויסצוקויפן. כ'בין נישט מער, ווי אַ פּשוטער געטאָ־שקלאַף. אַי, איך טראָג אַ באַנד? דאָס מוז איך טראָגן אויף דער פּלאַצוווקע!" — האָט ער ביטער פאַר־ענדיקט.

די צוהערער האָבן צוגעבאַסעוועט, אַז בלושטיין איז גערעכט און טענענבוים איז שטיל געבליבן, נישט געקענט די אויגן אויפהייבן. בלושטיין איז אַוועקגעגאַנגען און טייל צוהערער האָבן צו אים גע־ווינקען און פריינטלעך צוגעשמייכלט.

צו מאָרגנס ווען בלושטיין איז אַהיימגעקומען האָט שרהלע גע־זען, אַז ער קען שוין אויף די פיס נישט שטיין, אַז ער איז שוין טאַקע אַ לעבעדיקער מת. האָט זי נישט געוואַרט ביז נאָך מיטאָג צו גיין מיט דער חברטע רעגינע צו פישביינען, נאָר זי איז גלייך אַליין געגאַנגען אין ביוראָ. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז זי וועט טרעפן פישביינען און זי וועט פון אים נישט אָפּטרעטן, ביז ער וועט בלושטיינען צוריקגעבן זיין פריערדיקע פּלאַצוווקע.

שרהלע האָט גראָד פישביינען געטראָפן. ער האָט זי פריינטלעך אויפגענומען. זי האָט אים דערציילט ווי איר מאַן איז שוין אַ האַלבער מת; און אַז די אויגן טוען אים וויי, ער קען נישט שרייבן. (פיש־ביין האָט אויך שטילערהייט געשריבן) ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ער איז אַריינגעלאָפן צו פּאַטאַשן און באַפוילן: „מאָמענטאַל צוריקגעבן בלושטיינען זיין פּלאַצוווקע! נאָך היינטיקע נאַכט זאָל ער שלאָפן אין זיין בעט!" פּאַטאַש, דער „קאַלטער לונג און לעבער", האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן גלייך אויסגעשריבן אַ צעטעלע, דאָס געגעבן שרהלען זי זאָל עס אַהינ־טראָגן צום וועכטער וואָס האָט איבערגענומען בלושטיינס ערשטע פּלאַצוווקע. שרהלע איז געלאָפן אין איין אָטעם, ווען זי איז צוגע־קומען צום פּלאַץ און די שכנים מיט די קינדער האָבן זי געזען, האָבן זיי זי אויפגענומען מיט פרייד. „פרוי בלושטיין איז דאָ! בלושטיין קומט צוריק! בלושטיין קומט צוריק!" האָבן זיי געשריגן און פון פרייד האָבן זיך ביי טייל געוויזן טרערן אין די אויגן. „יאָ, איר האָט געטראָפן!" — האָט זיי שרהלע געזאָגט. — איך דאַרף האָבן דעם וועכטער, ווו איז ער?"

מיט איין האַלבער שעה פריער האָט זיך דער וועכטער געקריגט מיט די שכנים, ווייל די אויסגעבלייכטע אויסגעהונגערטע קינדער האָבן זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן און האָבן געפּרוווט אָפּרייסן קאַרשן. האָט ער זיי געשלאָגן און געשאָלטן. אַז די מאַמעס האָבן געהערט ווי די קינדער וויינען, האָבן זיי זיך פאַר זיי איינגעשטעלט.

האָט דער וועכטער געזאָגט, אַז ער וועט זיי לאָזן איינזעצן אויף „טשאַרניעצקיעגאַ" (אין תפיסה). זיי האָבן מיט אים איינגעטענהט, אַז ער זאָל זיך נישט מאַכן זען, ווען אַ הונגעריק קינד רייסט אָפּ אַ קאַרש, ווי האָט ער גאָט אין האַרצן, אַז ער האָט נישט קיין רחמנות אויף אַ קינד?"

„אויף דעם זיץ איך דאָ — איך זאָל היטן!"

„ניין, איר וועט דאָ מער נישט זיצן! מיר וועלן גיין אין דער גמינע אַריין און מיר וועלן בעטן מען זאָל דאָ אַהער צוריקשיקן בלו־שטיינען!"

„אדרבא גייט, פאַרמסרט מיך (מיט דעם האָט ער געוואָלט, אַז מען זאָל זיך דאַרט דערוויסן ווי געטריי ער דינט). דאָס וועט אייך העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, איך וועל דאָ זיצן און בלושטיין וועט שוין דאָ קיינמאָל נישט צוריקקומען. נישטאָ דער כוח, וואָס זאָל מיך פון דאַנען אַוועקנעמען. אַפילו דער פּרעזעס רומקאָווסקי אַליין קען דאָ אייך גאָר נישט העלפן!"

ער האָט זיך געריצט מיט די שכנים. אַ וואָרט צו אַ וואָרט ביז עס איז דערגאַנגען צו הויכע קולות און קללות. אַצינד האָבן כמעט אַלע שכנים מיט די קינדער שרהלען צוגעפּירט צו דעם „חכם". דאָס איז געווען אַ קרעפּטיקער מאַנספּאַרשוין אין די פּערציקער יאָרן. זיין הולך און זיין פּנים האָבן עדות געזאָגט, אַז ער הונגערט נאָך נישט, און אַז ער האָט געהאַט גוטע צייטן. ער האָט נאָך געטראָגן די חסידישע געהאַקטע קאַפּאָטע פון טייערן וואָלענעם שטאָף. ער איז געזעסן אויף אַ ווייכן שטול אין שאָטן פון אַ בוים מיט אַ דיקן שטעקן אין האַנט (צו שרעקן די קינדער). זיין „אויסגעקלאַרעוועט" פּנים האָט געמסרט זיין פוילקייט און גראָביונגישקייט. ער האָט זיך געקויפט די פּלאַצוווקע ביי פּאָטאַשן פאַר אַ היפּשער מתנה.

שרהלע האָט אים געזאָגט: „איך האָב פאַר אייך אַ בריוו". ער האָט צוגענומען און איבערגעלייענט: „היינט ביינאַכט און מאָרגן אַ גאַנצן טאָג איז ער פריי. און פון מאָרגן אַכט אָוונט האָט ער צו היטן אויף זגיערסקע אַכט און דרייסיק." (דאָס האָט געהייסן אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ). עס איז אים שיער נישט גוט געוואָרן. ער האָט זיך געביטן אין פּנים. די שכנים און די קינדער האָבן געשריגן: „בעע! בעע! הוראַ! הוראַ!"

דער וועכטער האָט נישט געקענט די אויגן אויפהייבן. און די שכנים האָבן זיך געפרייט — זיי האָבן אין אים דערלעבט אַ נקמה. ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען האָבן זיי אים באַגלייט מיט קללות.

* * *

בלושטיין איז די נאַכט געשלאָפן ווי אַ קינד.

צומאַרגנס אין דער פֿרי איז בלושטיין געקומען צו דער אַרבעט אויסגערוט. ער האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק. ער האָט אַ צינד געזען די וועלט מיט אַנדערע אויגן. די שכנים מיט די קינדער האָבן אים האַרציק באַגריסט. זיי האָבן אים דערציילט, ווי זיי האָבן נאָך אים געבענקט, ווי זיי האָבן געבעטן ער זאָל צוריקקומען. זיי האָבן אים דערציילט ס׳איז שלעכטער מענטש יענער וועכטער איז געווען. זיי האָבן געזאָגט: „טאַקע ווייל יענער איז אַזאַ כלב — האָבן זיי ביי אים געריסן קאַרשן. אָבער ביי אים, ביי בלושטיינען, וועלן זיי נישט רייסן. פֿאַרקערט, זיי וועלן נאָך צוהיטן ער זאָל, חלילה, קיין עגמת-נפש נישט האָבן“.

בלושטיין האָט זיך פֿון דעם מצער געווען. ער האָט נישט געקענט צוקוקן, ווי די אויסגעבלייכטע, הונגעריקע קינדערלעך קוקן מיט בענקשאַפֿט און מיט צער אויף די קאַרשן. עס האָט אים ווי געטאָן פֿאַרוואָס דאַרף ער זיין דער, פֿאַר וועמען זיי זאָלן זיך שרעקן אָפּצורייסן אַ קאַרש, כדי עפּעס צו געבן דעם ניכטערן מאָגן. ער האָט זיך אומגעקוקט צי קיינער זעט נישט און ער האָט אָפּגעריסן פֿאַר יעדן קינד צו צוויי צייטיקע קאַרשן און זיי איינגעטיילט. די קינדער האָבן באַהאַלטן די קאַרשן און גיך אַהיימגעלאָפֿן אין דער שטוב מיט פֿרייד.

טיילמאָל איז בלושטיין בכיוון אַוועקגעגאַנגען פֿון די ביימער כדי די שכנים זאָלן זיך קענען העלפֿן. זיי האָבן אָפּגעריסן די צייטיקע קאַרשן און ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער ווייסט נישט און זעט נישט.

איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט איז בלושטיין אַהיימגעגאַנגען. איידער עס איז געקומען דער נאַכט-וועכטער, האָבן די שכנים „איבערגעאַרבעט“ דעם איינציקן עפּלבוים, וואָס האָט זיך דאָרטן געפֿונען. דער בוים איז געווען צעצווייגט און געדיכט באַוואַקסן מיט עפּל. די שכנים האָבן געקלאַפּט מיט שטעקנס, מיט בעזעמער, מיט בערשט. די יינגלעך האָבן געוואָרפֿן שטיינער; און אַז די עפּל זיינען אַלץ נישט געפֿאַלן, זיינען זיי אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שטאַם און אויף די צווייגן, אַראָפּגעריסן די נישט צייטיקע עפּל, און געבראָכן די צווייגן אַזוי לאַנג, ביז דער פּרעכטיק צעוואַקסענער בוים האָט באַקומען אַ פּנים פֿון אַן אויסגעריבענעם בעזים.

די שכנים זיינען קראַנק געוואָרן אויף די בייכער פֿון די נישט צייטיקע עפּל. טייל האָבן באַקומען דיזענטעריע. אַז בלושטיין איז געקומען און האָט דערזען וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, האָט אים דאָס האַרץ געשניטן אי פֿאַר דעם בוים און אי פֿאַר די שכנים.

בלושטיין האָט פֿאַר זיך די גאַנצע צייט קיין קאַרשן נישט אָפּגעריסן. ער האָט געוואָלט האָבן אַ ריינעם געוויסן, נישט אויס-

נוצן די געלעגנהייט. ווארעם פאר וואס קומט עס אים יא און אן אנדערן נישט? אבער דער הונגער האט אים געצווונגען עפעס צו פארבייגיין. פלעגט ער מיט מורא און ווייטיק אין הארצן אפרייסן איינצלנע קארשן און אויך אויפעסן די מאנדעלעך פון די קערעלעך. בלושטיין האט זיך איבערצייגט, אז די מאנדעלעך זעטיקן בעסער, ווי די קארשן. אבער ער האט פאר דעם טייער באצאלט: ער האט אויפ־געקנאקט די קערעלעך מיט די ציין — האבן זיך אנגעגריפן די ווארצ־לען און ער האט געמוזט ארויסרייסן עטלעכע געזונטע ציין, ווייל זיי האבן אים פארשאפט יסורים און מען האט זיי נישט געקענט היילן.

בלושטיין האט אפגעריסן א ביסל קארשן און געגעבן דעם אלטן איציק, מיט דעם אלטן קליגער — זאלן זיי מאכן „שהחינו". ער אליין האט פון דעם נישט געהאלטן. אבער ער האט געוואלט פאר־שאפן א ביסעלע פארגעניגן די צוויי זקנים: אי זיי וועלן טאן א מצווה מיט דעם מאכן די ברכה, אי זיי וועלן האבן די געלעגנהייט טועם צו זיין עטלעכע קארשן. זיי האבן געמאכט די ברכה מיט גרוים כוונה און בשעת מעשה האבן זייערע פנימער אויפגעשיינט. זיי האבן נאר גענומען צו צוויי קארשן. בלושטיינען האט דאס גרויס הנאה געטאן.

די פארביימער זיינען פאר בלושטיינען וואס א טאג געווארן א גרעסערער עול און אים פארשאפט נאך א גרעסערן עגמת נפש און הארץ ווייטיק. ער איז ערשט געווארן ווי אויפגעבונדן, ווען עס איז געקומען א קאמיסיע פון „קייסערס" „אגראנאם־אמט", אפצושאצן די פירות. פון עפלבוים איז שוין נישט געווען וואס צו פארקויפן. און די קארשן האט געקויפט א שכן, דער שוסטער, וואס זיינע קינדער האט בלושטיין שטענדיק געגעבן צו עטלעכע קארשן. דער שוסטער האט שוין אצינד געהיט די ביימער ביי טאג און ביי נאכט. נישט נאר די שכנים נאר אויך בלושטיין האט נישט געוואגט אפילו צו קוקן אויף די קארשן־ביימער.

דאס שטיבל אויבן איז דאך שוין געווען פארדונגען. האט בלו־שטיין נאר געדארפט היטן א ביסל אלטע ברעטלעך פון אן איינגע־לייגטער קאמער, אין א חרובער שטוב, וואס דעם „קייסערס" „רע־מאנטן־אמט" האט דא איבערגעלאזט. אזוי ארום איז בלושטיין גאנצע טעג געזעסן א הונגעריקער און געלייענט אדער געשריבן. ווען דער שוסטער האט אראפגעריסן אלע קארשן, איידער ער האט זיי אוועק־געטראגן צו פארקויפן, האט ער געברענגט פאר בלושטיינען אויף א טעלערל א ביסל קארשן. בלושטיין האט זיך געפילט באליידיקט, וואס יענער גיט אים א מתנה א פאר נעבעכדיקע קארשלעך. ער האט

געטראַכט: „איך האָב מיר איינגעשטעלט מיין לעבן ווען איך האָב זיינע קינדער געגעבן אפשר פופציק מאָל אַזוי פיל און ער איז אַזאַ קמצן." האָט ער אים העפלעך געדאַנקט און געזאָגט: „איך דאַרף נישט און וויל נישט קיין קאַרשן, זאָלן דאָס בעסער אייערע קינ־דער אויפעסן, אָדער פאַרקויפט עס בעסער". דער שוסטער האָט גע־שמייכלט און איז אַוועק אַ צופרידענער מיט דעם טעלערל קאַרשן. אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס „גרויסע גליק" מיט די קאַרשן אויף בלושטיינס „פּלאַצוווקע".

אַ קינדער שפּיל אין געטאָ

די קינדער פון לאָדזשער געטאָ האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין שפּילפּלעצער און גערטנער נישט געהאַט — האָבן זיי זיך געשפּילט אין דעם הויף.

ביי די שכנים דאָ, די משפחה קליגער איז געווען אַן אַכצן יאָריקע טאָכטער, טאַבטשע. הויך און שלאַנק, מיט אַ קאָפּ לאַנגע, שאַטינע האָר, מיט אַ לענגלעך שטענדיק שמייכלענדיקן פּנים און שוואַרצע אויגן מיט ברוינע און גרינע פינטעלעך — האָט זיך טאַב־טשע כסדר פאַרנומען מיט די קינדער פון גאַנצן הויף. פון אייגענעם גוטן ווילן האָט זי אַכטונג געגעבן אויף זיי און געשפּילט זיך מיט זיי.

די קלענערע קינדער, וואָס זי פלעגט נעמען אויף די הענט און צערטלען, פלעגן גלעטן אירע זיידענע לאַנגע צעפּ. זי האָט זיך גע־שפּילט מיט די קינדער אין אַ ראָד, געזונגען זיי יידישע, העברעאישע און פּוילישע לידעלעך, געטאַנצט — און די קינדער האָבן מיטגע־זונגען און מיטגעטאַנצט. טאַבטשע האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אי ווי אַ דערציערין אי ווי אַ קינד. זי האָט זיי צונויפגענומען, גע־לערנט זינגען לידעלעך און פאַרשידענע שפּילערייען. דערציילט מעשהלעך, וואָס זי האָט געדענקט נאָך פון דער שול, אָדער גע־לייענט צי געהערט דערציילן. זי פלעגט אָבער בעת די שפּילערייען נאָכטאָן אַלע שטיפערייען און איינפאַלן פון די קליינע קינדער: גע־מאַכט פאַרשידענע קונצן, שפּרינגענדיק איבער אַ שנור אָדער שפּילנ־דיק אין פילקע; זי האָט צוזאַמען מיט זיי געשפּילט אין באַהעל־טעלער, אין בלענדעניש צי אין „שלעפּע באַבע".

און ווייל זי האָט ליב געהאַט די קינדער, האָבן איר די קינדער מיטן זעלבן אָפּגעצאָלט — זי ליב געהאַט און געקלעפּט צו איר.

טאַבטשע נעמט אויף איר שויס אַ פינף־יאָריק יינגעלע און פרעגט אים:

„יאָסעלע, דו קענסט שוין דעם אלף בית?"
„יאָ!" ענטפערט ער.
„נו, לאָמיר הערן."
און דאָס יינגעלע זינגט אויס מיט אַ חדר־ניגון:
„אלף, בית, גימל —
עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל;
דאַלעד, האַי, וואָוו —
מיר זיינען זיינע שאָף;
זין, חעס, טעס —
גאָט צו לויבן נישט פאַרגעס;
און דער צענטער אות איז יוד —
גאָט דער פאַסטוך היט;
כוף, לאַמעד, מעם —
די רייד פון דער תורה פאַרנעם;
נון, סאַמעך, עין —
אין חדר טאָר מען נישט שרייען;
פעי, צאַדיק, קוף —
מיר פאָלגן טאַטע־מאַמע, הערן זייער רוף;
ריש, שין תאָוו —
זיי גוט און צו גאָט האָף;

דאָס יינגעלע ענדיקט, קלאַפּט טאַבטשע בראַוואָ און אַלע קינדער טוען איר נאָך און טופּען צו מיט די פיסלעך, צושרייענדיק פרייִלעך: „או, או, או, או!"

די וועלט זאָגט: „קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען". האָבן די קינדער אויסגעטראַכט שפּילערייען וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק לעבן פון געטאָ: זיי האָבן געשפּילט אין „קיך", אין „קאָאָפּעראַטיוו" און אין „געטאָ". דאָס איז געוועזן אַ קינדער פאָלקלאָר, און אָט ווי ס'איז ביי זיי פאָרגעקומען:

מיט אַ לאַנגן שנור האָבן די קינדער געמאַכט אַ „געטאָ־צוים" און בעת מעשה האָבן זיי צוגעזונגען:

„רומקאָווסקי חיים
האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע..."

נעבן דעם צוים אינעווייניק האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יינגעלע מיט אַ קורץ שטעקעלע — אַ „געטאָ־פּאָליציאַנט". אויסנווייניק פון דער צוים האָט זיך געדרייט אַ צווייט יינגעלע — כלומרשט די דייטשע וואַך — שוין מיט אַ לאַנג שטעקל אויפן אָרעם, דאָס איז געווען

די „ביקס". די צוויי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, ווייל אַזוי איז טאַקע געווען דאָס דייטשע געזעץ. נאָך אַ ייִנגעלע — דער „קייסער רומקאָווסקי" אַליין, איז געזעסן פון דער ווייטנס אויף אַ שטיין. די קינדער ייִנגעלעך און מיידעלעך — האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און דער קייסער האָט זיי אויסגעטיילט „טאַלאָנען" פאַר דער קיך אָדער קאַרטן פאַר דעם „קאָאָפּעראַטיוו".

קיינער פון די קינדער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו שפּילן די ראָליעס נישט פון „דייטש", נישט פון „געטאָ-פּאָליציאַנט" און אַפילו נישט פון „קייסער". געוווּסט האָבן זיי, די קינדער, אַז יענע זיינען שלעכטע מענטשן. אָבער, אַז טאַבעטשע האָט עמעצן אויס-געקליבן פאַר די ראָליעס, האָט מען איר געפאָלגט, ווייל טאַבעטשע איז דאָך אַ גוטע...

טאַבעטשען האָבן די קינדער געמאַכט פאַר די אויסטיילערין פון דער זופּ אין „קיך" און פאַר דער אַרויסגעבערין פון די „שפּייזן" אין קאָאָפּעראַטיוו.

באַלד נאָך דעם אָפּנעמען די „טאַלאָנען" האָבן זיך די קינדער אויסגעשטעלט אין אַ צווייטער ריי נעבן טאַבעטשען, און זי האָט זיי אַרויסגעגעבן די „זופּ" און די „ראַציע": מעל, צוקער, עסיק, זאַלץ, וואַש-זאָדע. דערצו האָבן געניצט — זאַמד, שטיינדלעך, צעשטויסע-נע רויטע ציגל, בלעטלעך, גראָז. דאָס אַלץ איז פון פריער געווען אָנגעגרייט אויף אַן אייזערנער פּלאַטע נעבן טאַבעטשען.

די קינדער פלעגן די שפּייזן גלייך נעמען כלומרשט עסן — צונעמען צום מויל און געמאַכט זיך קייען.

אין דער ריי האָבן זיך די קינדער (פּונקט ווי די דערוואַקסענע אין געטאָ...) געשטופּט, געשטויסן און געשריגן. דער „געטאָ-פּאָ-ליציאַנט" האָט געמאַכט אָרדענונג:

„רויק! שטיל זאָל זיין! האַלט דעם שנאָוץ! אָרדנונג מוז זיין!"

— און... געשלאָגן מיטן שטעקעלע.

די קינדער זיינען שטיל געוואָרן.

דערנאָך איז דער „קייסער רומקאָווסקי" צוגעקומען קאָנטראָ-לירן, צי עס ווערט ערלעך אויסגעטיילט. דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט געשפּילט די ראָליע פון רומקאָווסקי, האָט אים אַקוראַט נאָכגע-מאַכט, ווי ער שטעלט שווערע טריט און ווי ער רעדט. די קינדער האָבן זיך פאַר אים פאַרקלאָגט:

„פּאַניע „קייסער", די זופּ איז קאַלט!"

„פּאַניע „קייסער", קיין איין פּיצל קאַרטאָפל האָב איך נישט געפונען!"

„זי האָט מיך באַגנבעט אויף דער וואָג! — האָט איין מיידעלע אַנגעוויזן אויף טאַבטשען.

„פּאַניע „קייסער", ווי אַזוי קען מען לעבן מיט בלויז עסיק און וואַש־זאָדע?!"

איין קינד האָט פאַרצויגן אַ לידל, און אַלע קינדער האָבן מיטגעזונגען:

„רומקאָווסקי חיים,
ער גיט אונז מים,
ער גיט אונז פעפער,
ער גיט אונז סם . . .
ר'האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ דיעטע.
ר'האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע —"
און ער שרייט, אַז ער איז גערעכט!...

דער „קייסער" רומקאָווסקי צעשרייט זיך אויף זיין ליטווישן אַקצענט:

— סווייגט, בונטאָווסציקעס! איך האָב געגוג עשן! אין מיין געטאָ פעלט גאָרניסט. איך האָב אַלטשדינג! פאַרמאַך זיי די מיילער! — באַפעלט ער דעם פּאָליציאַנט. דערנאָך רייסט ער אַרויס ביי אים דאָס שטעקעלע און הייבט אָן אַליין שלאָגן.

די קינדער שלאָגן אים צוריק און שרייען:

„משוגענער! משוגענער!"

„סווייגט, ממזרים! — צאָרנט דער „קייסער" — וואָרן איך וועל אייך ממיתן, איך וועל אייך אַלע הייסן געבן סמיץ!..."

אין די קינדער האָט זיך צעשפּילט אַ נקמה־געפיל און זיי האָבן צוריקגעשלאָגן. האָט זיך פאַר אים אָנגענומען דער געטאָ־פּאָליציאַנט. דעמאָלט האָבן די קינדער אויך אויף אים אויסגעלאָזט זייער כעס. ווען דער „קייסער" מיט זיין שומר האָבן שוין אַריינגעכאַפּט אַ שפּאַרע פאַרציע קלעפּ, האָט זיך אַריינגעמישט די „דייטשע וואַך" — דאָס יינגעלע מיטן לענגערן שטעקעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זייט שנור:

— פאַרריקטע יודען! וואָס מאַכט איר מיט אייערן עלטעסטן?!

— האָט ער זיך צעשריגן. — דאָנער וועטער, יודישע שווינע! — און דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די „ביקס" און גענומען זיך צילן:

„פּוי־פּוי!"

„דער דייטש שיסט!"

„ער שיסט! ער שיסט!"

מיט אַ געשריי צעלויפן זיך די קינדער אין אַלע זייטן — און דאָס איז געווען דער סוף פון שפּיל...

אַ קראַנקן-טאַלאָן

שמחה בלושטיין, פלעגט אָפט שמועסן מיט טאָבטשען, וועגן די יידישע צרות, ליטעראַטור און פּאָליטיק. בלושטיין האָט אין איר דערזען אַ פּאָעטישע נשמה. זי האָט באַטראַכט יעדעס בלעטל, יעדעס בלימל. זי האָט אויף אַלץ רעאַגירט אויף איר אייגענעם אופן. טאָב־טשע איז געווען דאָס געליבטסטע קינד אין איר משפחה צוליב איר ליטישקייט, קלוגשאַפט און גוטהאַרציקייט.

אָט די קוועקזילבערדיקע טאָבטשע האָט זיך מיט אַ מאָל אַנידער־געלייגט אין בעט מיט הויכער היץ און איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין. איר שמייכלענדיק פּנים איז געוואָרן פאַרוויינט. זי האָט באַקומען אָפענעם טובערקלאָז (דאָס זעלבע, וואָס דער גרעסטער טייל יוגנט אין געטאָ). אין די יאָרן וואַקסט מען, די לונגען אַנטוויקלען זיך — דאַרף מען עסן צו זאַט. און צוליב אַזאַ הונגער, איז אַלץ אינעווייניק פאַרצערט געוואָרן, און די מיקראָבן האָבן אויפגעפרעסן די לונגען.

אין אַ וואַרעמען טאָג האָט מען טאָבטשען אַרויסגעטראָגן אויפן בעט אונטער די ביימער, זי זאָל האָבן פרישע לופט.

קיינער פון זייער שטוב האָט נישט געאַרבעט. זיי האָבן באַ־דאַרפט לעבן פון דער שטיצע, די „ניינער מאַרקן" וואָס דער „קיי־סער" רומקאָווסקי האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן יעדן ערשטן פון חודש. און דאָס האָבן זיי זעלטן באַקומען. טאָג־טעגלעך האָבן זיי זיך אויסגעקוקט די אויגן נאָך דעם פּאָסט־טרעגער, מיט די „ניינער מאַרקן", אָבער ער איז נישט געקומען. די קליגערס האָבן נישט גע־קאָנט אויסקויפן די ראַציעס. אַ ברויט האָט דער „קייסער" געגעבן אויף אַכט טעג, האָט מען זיך דאָס באַדאַרפט אַליין איינטיילן, אָבער זיי זיינען אַזוי אויסגעהונגערט געווען, אַז זיי האָבן דאָס ברויט מיט איין מאָל איינגעשלונגען.

גאָר גיך איז פון דער פול לייביקער טאָבטשען געוואָרן הויט און ביינער. בלושטיין האָט זיך אַ סך מאָל געטיילט מיט זיין שטיקל ברויט מיט טאָבטשען — ער האָט איר געבאָרגט ביז די מוטער האָט אַרויסגענומען איר ברויט.

טאָבטשע איז געלעגן אויפן בעט מיט אַן אָפּגעשוואַכטן גוף, אָבער איר מוח האָט געאַרבעט און איר האַרץ האָט אַצינד נאָך שטאַר־

קער געפילט. זי האָט זיך צוגעהערט צו די בטחונדיקע שמועסן פון די שכנים אויף די בענקלעך.

בלושטיין האָט איר איבערגעגעבן גאָר האָפערדיקע ידיעות, אַז די מלחמה ענדיקט זיך גאָר אינגיכן, כאָטש ער אַליין האָט אין דעם נישט געגלייבט.

טאַבטשע, די משפחה און אַלע גוטע פריינט, האָבן געטרוימט זי זאָל באַקומען אַ טאַלאָן, אויף פוטער, שמאַלץ און נאָך גוטע זאַכן, וואָס דאַרפן אויסהיילן די לונגען. נאָר איין און איינציקער דאָקטאָר האָט געקענט פאַרשרייבן אַ טאַלאָן, אָבער אויף דעם דאָקטאָר האָט מען געמוזט לאַנג וואַרטן. דער דאָקטאָר איז ערשט דעמאָלט געקומען, ווען די דאָקטוירים האָבן אָנגעגעבן אַ באַריכט, אַז עס איז שוין נישטאָ ווער צו ראַטעווען. ענדלעך איז דער דאָזיקער דאָקטאָר געקומען. דאָס איז געווען אַ פּרוי. זי האָט נישט באַדאַרפט טאַבטשען אַ סך אונטערזוכן: לויט איר מראה און לויט איר ציען דעם אָטעם האָט זי געזען, אַז זי קען נאָך לעבן בלויז געציילטע טעג.

די דאָקטאָרין איז געווען ברייטהאַרציק: זי האָט איר געגעבן אַ טאַלאָן אויף אַ גאַנצן חודש, אָפּצונעמען אין פיר מאָל — יעדע וואָך אַ טייל. און זי האָט געזאָגט: „אַזעלכע טאַלאָנען וועט טאַבטשע באַקומען יעדן חודש, ביז זי וועט געזונט ווערן". די פרייד איז געווען אין לשער.

מען האָט באַלד געבראַנגט דעם ערשטן טאַלאָן אויף אַ וואָך צייט, פון כל טוב: קאָנסערווירט פלייש, חזיר־שמאַלץ, שמאַנט־פוטער, אַ פלעשעלע בוימל, צוקער, שווייצער־קעז, קאָלאָניאַלקע צו קאָכן. די מאַמע האָט אָנגעקוואָלן. זי האָט געקאָכט, טאַבטשע איז געלעגן ווי אַ שטיין, און זי האָט זי געקאָרמיעט, ווי אַ קליין קינד. זי האָט געהאַלטן אין איין אַריינפּאַקן אין איר טאַבטשען די אַלע גוטע שפּייזן:

„עס, עס, טאַבטשעשי, דאָס וועט דיר זיין צו רפואה שלמה! ענדלעך האָב איך דערלעבט אויסצובעטן ביים רבונו של עולם אַ טאַלאָן! אַצינד וועסטו שוין זיכער געזונט ווערן, ווייל דו וועסט באַקומען יעדע וואָך אַ טאַלאָן ביז דו וועסט געזונט ווערן". — האָט די מאַמע אין איר אַריינגערעדט און טאַבטשע האָט געגעסן — „זעסטו, טאַבטשעשי, דאָס פלייש, מיט דעם שמאַלץ, מיט די פּוטער, מיט דעם בוימל וועלן דיר מיט גאָטס הילף אויסהיילן דיינע לונגען."

אויפן דריטן טאָג האָט זיך די מאַמע דערפרייט: זי האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז עס איז איר טאָכטער בעסער געוואָרן. טאַבטשע האָט זיך אויפגעזעצט, דאָס פּנים איז איר געוואָרן לעבעדיקער, די באַקן האָבן זיך גערויטלט: „זעט איר דעם כוח פון אַ טאַלאָן?

גאָר אַ ווייטיק, וואָס זי האָט פריער דאָס נישט באַקומען" — האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין זאָגן צו די שכנים.

ביינאַכט האָט טאַבטשע נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געפילט זייער נישט גוט. די מאַמע איז אַלץ געשטאַנען ביי איר מיטן שפּייז פון טאַלאָן און געוואָלט אַריינפּאַקן אין איר טאָכטער. אָבער טאַבטשע האָט שוין גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין. האָט די מאַמע אין געהיים זיך געווישט די טרערן און געקרעכצט: „שוין! נישטאָ שוין מער קיין „מאַנקאָ" (מאַנגל אין שפּייז). זי האָט שוין אַצינד נעבעך צו פיל צו עסן... אַז עס איז נישטאָ קיין „מאַנ־קאָ" איז אַ שלעכטער סימן... איז נישט גוט..."

צומאָרגנס איז דער טאָג געקומען אַ לויטערער, אַ זוניקער, און צוזאַמען מיט אים טאַבטשעס גסיסה. אין איינגעדאַרטן פאַרמעטן פּנים זיינען די אויגן פאַרגלייזט געווען. די ברוסט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דאָס שווערע אָטעמען האָט זיך געהערט ווי אַ זעג, דער־נאָך איז עס איבערגעגאַנגען אין אַ שווער כאָרכלען פון שלאָף. טאַ־טע־מאַמע און די גאַנצע משפחה זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון בעט. אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ נס. עס איז זיי שווער געווען צו זען, ווי זי מאַטערט זיך. אויף טאַבטשעס פּנים איז געווען אַן אויסדרוק פון באַדויער.

שכנים זיינען געשטאַנען אונטערן פענצטער. איין שכנטע האָט געעצהט: „מען זאָל איר צושטעלן צו די אויגן צוויי אָנגעצונדענע ליכט, וועט זי לייכט אָפּגעבן די נשמה". אַ צווייטע שכנטע האָט געזאָגט: „דאָס וואָס עס איז איר נעכטן בעסער געוואָרן האָב איך באַלד געזען, אַז דאָס איז נישט קיין גוטער סימן — פאַרן טויט ווערט שטענדיק בעסער. אויף איר פּנים האָט געבליט דער טויט. זי האָט שוין נעכטן נישט געהאַט קיין לונגען. איך וויים, איך בין שוין נעבעך אַ מבין אויף די זאַכן."

די שכנים האָבן געהאַלטן אין איין רעדן און אין איין געבן עצות: וואָס מען האָט באַדאַרפט פריער טאָן, און וואָס מען דאַרף אַצינד טאָן. אַריינגיין אינעווייניק האָט קיינער נישט געוואַגט. ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מערב האָט זיך געהערט פון דער מאַמען אַ יאָמערלעך געשריי: „טאַבטשע! טאַבטשע!"

דער אַלטער איציק האָט זיך מיט זיין לינקער האַנט געגלעט די לאַנגע גרויע באָרד. אַנגעלענט אויף זיין שטעקן איז ער דרייסט אַריינגעגאַנגען: „שאַאַטס! גייט אַוועק!" האָט ער אַלעמען אַוועק־געשאַרט פון בעט. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ פעדער פון אַ קישן, צו־געלייגט טאַבטשען צו דער נאָז, ער האָט געקוקט אַ שיינע פּאָר סעקונדן, מיט דער האַלטונג פון טאָן אַ הייליקע שליחות. ווען ער

האָט געזען, אַז די פּעדער רירט זיך נישט, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געבראָכענער שטים: „שוין! ... ברוך דיין אמת! ה׳ נתן ה׳ לקח!" טאַבטשעס אויגן זיינען געווען צוגעשלאָסן און איר פּנים האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט. דער אַלטער איציק האָט שנעל איבערגעדעקט איר פּנים מיטן איבערבעט און ווי ער וואָלט באַפוילן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „צינדט אָן צוויי ליכט!" מען האָט אים דער־לאַנגט צוויי ליכט מיט שוועבעלעך און ער אַליין האָט זיי אָנגעצונדן און אַנידערגעשטעלט די ליכט טאַבטשען צוקאָפּנס.

מען האָט טאַבטשען דעם זעלבן טאָג נישט אויסגעמאָלדן, ווייל צומאָרגנס איז פּונקט אויסגעפאַלן דער טאָג אָפּצונעמען ס׳ברויט. האָט זיך צומאָרגנס טאַבטשעס יינגערע שוועסטער געפּעדערט, זי איז געווען די ערשטע אין קאָאָפּעראַטיוו און אָפּגענומען ס׳ברויט אויף טאַבטשעס קאַרטל. און באַלד נאָך דעם איז דער שוואָגער געלאָפן אין „חסד של אמת" אָפּגעבן טאַבטשעס ברויט־קאַרטל און זי אויסגעמאָלדן (דאָס ברויט־קאַרטל איז געווען דער פּאַס: אָן דעם ברויט־קאַרטל האָט מען גאַרנישט געקענט דערליידיקן אין קיין שום אמט. אַז מען האָט געוויזן דאָס ברויטקאַרטל האָט מען געוווסט, אַז דער מענטש לעבט נאָך). טאַבטשעס טויט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש. מען האָט זי מטהר געווען אין דער היים. באַלד צומאָרגנס איז פאָרגעקומען די לויה, — מען האָט זי געברענגט צו קבורה אויסער דער ריי. די פּראָטעקציע האָט דער שוואָגער דערליידיקט. די קינדער מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּילט זיינען נאָכגעגאַנגען דער לויה מיט געוויין. די מיטה האָט מען געטראָגן דעם גאַנצן וועג.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז איר פאָטער געשטאָרבן. די מאַמע, קיילע קליגער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן און איינגעהילט אין אַ שוואַרצן זיידענעם שאַל, האָט זיך אַרומגעדרייט אין די זאַקן אויף דער פּייכ־טער שוואַרץ־ערדערנער פּאָדלאָגע און זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם: „טאַטע, פאָטער אין הימל, זאָג מיר, ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן צוויי לויות אין איין וואָך, אין איין שטוב? ענטפער מיר, פאַרוואָס קומט עס מיר?"...

זי האָט זיך געזעצט שבעה אויף אַ נידעריק בענקעלע. זי איז געוואָרן קלענער, איינגעשרומפּן. פון די פּינצטערע, פייכטע ווענט האָט געשמעקט מיט ווילדע שוואָמען, וואָס האָבן געוואַקסן. די מאַמע האָט מיט טרערן געשעפּט טרייסט פון ספר איוב אויף עברי־טייטש:

„און עס איז געווען אַ מאַן אין לאַנד עוץ, וואָס זיין נאָמען איז געווען איוב". דער טרויעריקער תחינה־ניגון האָט זיך אַרויסגעטראָגן אין דרויסן און בלושטיינס האַרץ האָט מיטגעוויינט: „הם — האָט ער אַ שווערן זיפץ געגעבן — אויבן האָבן מיר אַ מלך, וואָס קיניגט

איבער דער וועלט און דאָ האָבן מיר אַ „מלך", וואָס קיניגט איבער דער געטאָ און בײַדע, ווי איך זע, העלפֿן די דײַטשן אומברענגען די ייִדן."

דאָס „גליק" מיט קאַרטאָפֿל

דער הונגער האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט און ווייטער גע־ברענגט עפּידעמיעס און איבער הונדערט לוויות טאָג־טעגלעך. פּלוצ־לינג איז פֿרייילעכער געוואָרן אין געטאָ. די דײַטשן האָבן אַרײַנגע־שיקט נײַע קאַרטאָפֿל. ס'איז געוואָרן אַ גדולה, אַ שׂמחה. ייִדן האָבן געשמועסט, אַז די קאַרטאָפֿל קומען פֿון האָלאַנד. אַ חוץ דעם פּיצל ערזאַץ־ברויט און די קאַרטאָפֿל איז גאָרנישט געווען, און מיט וואָס אָפּצוקאָכן די קאַרטאָפֿל איז אויך נישט געווען. האָבן ייִדן געגעסן רויע קאַרטאָפֿל. און אַז מען האָט געקאָכט די קאַרטאָפֿל, האָבן זיך נאָר טיילן געקענט אָפּקאָכן און די רעשט איז געוואָרן האַרט ווי גלאָז. עס איז אָבער אַ „שאָט געווען אַרויסצוואַרפֿן" — האָבן זיי געגעסן די „גלאָזעס" און האָבן באַקומען בויכווייטיק און דריקעניש אין מאָגן, און זײַנען געשטאָרבן פֿון אַ נײַער עפּידעמיע. נאָכן אויפֿעסן אַזאַ פּאָר־ציע קאַרטאָפֿל מיט גרויס אַפּעטיט און הנאה האָט עס געשטאָכן אין מאָגן ווי אַ נאָדל. ייִדן האָבן זיך געמוזט צוויילן אויפֿצועסן די קאַרטאָפֿל, ווײַל האַלטנדיק זיי עטלעכע טעג האָבן זיי געפֿוילט און שרעקלעך געשטונקען. עס איז שווער צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ קאַרטאָפֿל דאָס זײַנען געווען.

דאָס ייִנגל, וואָס איז אַרומגעלאָפֿן איבער די גאַסן און געשריגן: „ייִדן, געוואַלד! עס הונגערט מיך! גיט־ץ מיר עפּעס צו עסן!" איז שוין אַצינד נישט געלאָפֿן און נישט געשריגן. ער האָט זיך פֿאַמע־לעך געשאַרט בײַ די ווענט און שטיל געוויינט אָן ווערטער פֿון די יסורים אין מאָגן און אין בויך; און פֿון בײַדע „נאַגעוויצעס" (הויזנס) האָט זיך פֿון אים געגאָסן, און פֿון די יסורים איז ער ערגעץ אויסגע־גאַנגען.

צוליב די קאַרטאָפֿל זײַנען געווען אַ סך קרבנות. און דער חבר זיידע האָט געצאָרנט: „אַ סאַדיסטיש שפּיצל פֿון די דײַטשן! מיט די קאַרטאָפֿל האָט זיך זיי שוין איינמאָל אײַנגעגעבן אונדז צו פֿאַר־סמען!"

בלושטיין האָט גאַנצע טעג צונויפֿגעקליבן פֿולע קעשענעס מיט פּיצלעך האָלץ, פּיצלעך קוילן, פּאַפּע, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּ־געריסן פֿון די דעכער, טאָוול, פּאַפּיר און שרהלע האָט מיט דעם געקאָכט די קאַרטאָפֿל. עס האָט טאַקע לאַנג געדויערט ביז עס האָט זיך אָפּגעקאָכט אָבער עס האָט געלוינט. דערנאָך האָט זי צעקוועטשט די קאַרטאָפֿל מיט אַ לעפֿל און אַרויסגעוואָרפֿן די „גלאָזעס". זי האָט

דאָס פרישערהייט געברענגט בלושטיינען אויף דער „פלאַצוווקע".
ביידע האָבן געגעסן און האָבן אָנגעהויבן אַ ביסל בעסער אויסצוזען.

אַ שאַנק אין געטאָ

הערש זייף איז געווען אַ דאַרער, מיט אַן אויסגעבלייכט לענגלעך פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן. ער איז געקומען פון קאַליש קיין לאָדזש און דאָ חתונה געהאַט עטלעכע וואָכן איידער די צווייטע וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכן. עס איז אים, מיט זיין ווייב העניע, געלונגען אַריינצוראַטעווען אין געטאָ אַריין זייער גאַנצן חתונה-אויסשטייער, אויך צוויי בעטן, אַ טיש מיט שטולן און אַ וועש-שענקל.

הערש זייף האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אין איין לויפן אין דער גמינע נאָך אַרבעט, ביז עס זיינען אים פּאַרמיאַוסטע געוואָרן די פּאָר-פירערישע ענטפערס פון די באַאַמטע און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער עיקר זיינען „פּלייצעס" (פּראָטעקציע). און אַצינד ליגט ער אין איין בעט, זי אין צווייטן בעט, כמעט דעם גאַנצן מעת-לעת, פון הונגער און קעלט, פונקט ווי אַלע שכנים דאָ.

זי, העניע, איז געווען אַ נידעריקע און אַ שמאָלע, אויך שוין מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן פּנים און גרויסע אויסגעלאָשענע, שוואַרצע אויגן. העניע איז געווען אַ שטילע ווי אַ טויב. קיינמאָל האָט מען פון איר קיין הויך וואָרט נישט געהערט. זי האָט אין זיך געטראָגן דעם צער פון הונגער און קעלט. ביידע האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז די מלחמה וועט זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן.

ווען די זון איז געגאַנגען העכער און נישט געקאַרגט אירע שטראַלן און האָט זיך אויך באַוויזן ביי זייערע פענצטער, האָבן ביידע אַרויסגעהאָנגען אינדרויסן איבער די פענצטער, זייער גאַנצן חתונה-אויסשטייער: הערש זייפ'ס שוואַרצן ווינטערמאַנטל מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, אַ טונקל בלויע געהאַקטע קאַפּאָטע, און הויזן מיט מאַנקעטן, מיט אַ קנייטש: אַ פּאָר גאַנצע און אַ פּאָר האַלבע שטובלעטן, אַ האַלב-טוץ ווייסע איבערהעמדער מיט פּיקענע קעלנער, אַ פּאָר ווייכע, לעדערנע שטעק-לאַטשן און אַ יידיש היטל (אַ קליינס, אַ קיילעכדיקס, פון שוואַרצן טוך מיט אַ דאַשעק אין פאָרם פון אַ נאַר-וואָס געבוירענער לבנה). זיי האָבן אויך אַרויסגעהאָנגען צוגלייך:

העניעס אַ שוואַרצן ווינטערמאַנטל, אַ העלען זומער-מאַנטל, אַ קאָסטיום, עטלעכע קליידער, אַ פּלושן היטעלע און אַ היטעלע, וואָס זי אַליין האָט זיך אויסגעשטריקט און צוויי פּאָר לאַטשן.

דאָס אַלץ איז ניי געווען, ווי פון דער נאָדל אַוועק. נאָר באַוואַקסן מיט גרינעם שימל... נאָך עטלעכע טעג הענגען אויף דער זון, איז דער שימל ווייס געוואָרן און מיט נאָך עטלעכע טעג הענגען אויף דער זון,

איז דער שימל אַוועק. אָבער נאָכ'ן צוריקהאַלטן עטלעכע טעג אין שטוב, איז ווידער געווען גרינער שימל. האָבן זיי באַשלאָסן טאָג־טעגלעך דעם אויסשטייער צו לופטערן סיי עס איז יאָ דאָ זון, סיי נישט, אַבי עס וועט נישט רעגענען. דערביי האָבן זיי געמאַכט אַ קאָמונע מיט דער זון: איין טאָג האָט ער אויפגעהאַנגען זיין אויס־שטייער איבער דעם פענצטער, ווו עס איז איצט אויף עטלעכע שעה צוגעקומען די זון, און איין טאָג זי. צום צווייטן פענצטער איז די זון לגמרי נישט צוגעקומען, ווייל עס איז געווען אין אַ ווינקל נעבן אַ הויכער מויער.

ווען זייף האָט דערזען, אַז דער שימל איז אַראָפּ, האָט זיך אויף זיין אויסגעדאַרט פּנים באַוויזן אַ נחתדיק שמייכעלע:

— יאָ, די מלחמה קען זיך יעדע מינוט ענדיקן, ביים רבונו של עולם איז אַלץ מעגלעך און מיר וועלן אַהיימגיין אין נייע מלבושים. יאָ, יאָ, העניע לעבן! — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „מסכים".

* * *

הערש זייף האָט אַרויפגערופן צו זיך אין שטוב אַריין דעם וועכטער שמחה בלושטיין:

„נו, טרעפט, פּאַניע בלושטיין — האָט ער אים געפרעגט מיט זיין שוואַכער שטים. — מיט וואָס האָט מיין ווייב היינט אָפּגעקאָכט?

— קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, מיט אַ שקאָציש שמייכעלע, ווי אַ חדר־יינגל, וואָס טוט צונאַר מאַכן זיין חבר מיט אַ שווער רעטעניש.

בלושטיין האָט זיך אַרומגעקוקט אין יעדן ווינקל און געזען אַז אַלץ איז ווי געווען: די לייסטן פון דער טיר, פענצטער און דער פּאָד־לאָגע האָט די קיך שוין לאַנג איינגעשלונגען. די פּאָדלאָגע גופא, קען ער ניט אַרונטעררייסן, ווייל ער קען נאָך אַרונטערפאַלן — ער וווינט אויפן צווייטן שטאָק. אויסער דעם: קאָנטראָלירט אים יעדע פּאָר טעג דעם „קייסער" רומקאָווסקים אַ מענטש, — צי ער צערייסט נישט די פּאָדלאָגע. די בעטן, דער טיש מיט די שטולן שטייען גאַנצע. אַגב, זיינען דאָס נייע מאָדערנע בעטן. פּאַר זייערע אַלטע, שווערע דעמבאָווע בעטן האָבן זיי באַקומען די נייע, און מען האָט זיי נאָך צוגעצאָלט אַזויפיל געלט, וויפיל שוועררער זיי האָבן געווויגן. בלושטיין האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ער האָט געוואָלט טרעפן, ער זאָל נישט בלייבן אַן אָפּגענאַרט יינגל.

— „נו, טרעפט! — איר וועט נישט טרעפן, האַ?" — רייצט זיך שוין הערש זייף מיט אים.

„פאַרוואָס נישט? מיט דעם ברעט, וואָס איר האָט גענומען ביים בלעכער!" — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ טאָן, ווי מען פּאַר־

ענטפערט אַ רעטעניש.

„כאַ־כאַ־כאַ! אַ שיינע מעשה. פאַרוואָס זאָגט איר נישט, אַז מיטן פאַראַיאָריקן שניי? — נאָך דעם ברעט האָט שוין לאַנג אַ האָן געקרייעט. עס איז שוין אַפילו פון אַש קיין זכר נישטאָ!" — האָט זייף טריומפירט.

די מעשה איז אַזוי געווען: ס'האָט ביי זייפן אַריינגערעגנט, אַז ער האָט געמוזט אונטערשטעלן שיסלען אויף די בעטן. האָט ער זיך קוים מיט צרות דערבעטן ביים אַדמיניסטראַטאָר איבער די הייזער, פון דעם ראַיאָן, ער זאָל אים שיקן אַ בלעכער, צו פאַרריכטן דעם דאַך. דער בלעכער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידים. עס דויערט נישט קיין צוויי מינוט און זייף הערט איבער זיין קאָפּ רייסן ברעטער און דער בלעכער איז זיך באַלד בנעימותדיק אַראָפּגעגאַנגען מיט ברעטער אונטערן אָרעם. איז זייף צו אים אַרוים מיט אַ געוואַלד:

„איר זענט אַ רוצח! איר האָט מיך אָפּגעשאַכטן אָן אַ מעסער! ביז איך האָב אייך דערלעבט צו זען, איז מיר שיער די נשמה אַרוים. אַנשטאָט צו פאַרריכטן דעם דאַך האָט איר אים גאָר צעבראָכן?! אַנשטאָט צו ברענגען ברעטער צום פאַרריכטן, נעמט איר גאָר אַהיים ברעטער?! ווו האָט איר גאָט אין האַרצן?!"

„גייט שוין! גייט שוין! — האָט אים דער בלעכער בנעימותדיק געענטפערט — צוליב אַזאַ „דראַבנאַסטקע" (קלייניגקייט) לויינט זיך אייך אַזוי ס'האַרץ אָפּצועסן? דאָס הויז איז דען אייערס? ביז ס'וועט רעגענען, קאָן זיך די מלחמה ענדיקן. איר זעט דאָך וואָסאַראַ היצן עס זיינען, אינעם זומער רעגנט זעלטן, און אַז עס רעגנט יאָ, איז קוים אַ רעגנדלטשינע — דער דאַך ווערט אַפילו נישט איינגע־נעצט. דערצו איז היינט אַ טרוקענער זומער — שבועות האָט נישט גערעגנט, אויב עס רעגנט נישט אין שבועות רעגנט זומער זעלטן. און ביז האַרבסט, וועט מען שוין האָבן פאַרגעסן אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מלחמה, מיט אַ געטאָ און מיט אַ „קייסער" רומקאָווסקי..."

„אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אַז די מלחמה זאָל נאָך דויערן ביז האַרבסט — איז אים זייף אַריינגעפאַלן אין די רייד — די מלחמה שלעפּט זיך שוין באַלד צוויי יאָר!"

„נו, יאָ, — נעמט אייך אַ ברעט, וועט איר אויך האָבן מיט וואָס אָפּצוקאָכן. דאָס איז אַ סגולה די מלחמה איבערצולעבן." — האָט ער אים אַריינגערוקט אַ ברעט אונטערן אָרעם.

זייף האָט זיך געטראַכט: אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, ווי דער ייד איז גערעכט.

„וואָס זאָל איך מיט אייך טאָן? זאָל איך אייך איבערגעבן צום „קייסערס" פּאָליציי? ווי קען איך דאָס? — האָט ער צו אים

געזאָגט צוכאַפּנדיק דאָס ברעט מיטביידע הענט. — אָ, פאַר אים דאַרפט איר זיך היטן — האָט זייף אָנגעוויזן אויף בלושטיינען — ער איז דער, וואָס גיט אַכטונג, אַז מען זאָל נישט גנבענען קיין האָלץ."

דער בלעכער האָט זיך אַביסל דערשראָקן. נאָר בלושטיין האָט אים אַ גלעט געגעבן מיט אַ רחמנותדיקן בליק, האָט עס אים באַרויקט. און זייף האָט צוגעגעבן:

„שרעקט אייך נישט. אַזאַ יאָר שוין אויף מיר וואַסאַראַ מענטש דער ייד איז, הא פּאַניע בלושטיין? אויף אייך קען איך שווערן, אַז איר וועט קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן."

דער בלעכער האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן מיטן בינטל ברעטער, און זייף האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין מיטן ברעט. ער האָט עס צעפּיצלט און איינגעטיילט אין חלקים אויף עטלעכע טעג צו קאָכן.

ביים צוטיילן די חלקים האָלץ דעם ווייב, האָט ער זי געפרעגט:

„הענשי, ווי זאָגט מען אין משוגענעם „מלוכה": ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז ביי יידן זאָל פערד-פלייש זיין כשר און האָלץ טריפה?"

„אין אַ פאַרדרייטער וועלט — איז אַלץ פאַרקערט", האָט זי אים געענטפערט — „דאָס איז נאָר מעגלעך אין רומקאָווסקיס „מעלעקע" (מלוכה).

„אַלזאָ, טרעפט זשע פּאַניע בלושטיין, מיט וואָס האָט מיין ווייב היינט אָפּגעקאָכט?... איר וועט נישט טרעפן, הא?" האָט ער זיך שוין מיט אים געריצט.

„ניין!" האָט בלושטיין מיט אַ זיכערן טאָן אַ זאָג געטאָן.

הערש זייף האָט געעפנט דאָס וועש-שענקל מיט אַ מינע פון אַ דערפינדער, בעת ער דעמאָנסטרירט זיין ווערק.

בלושטיין זעט: אַלץ שטייט אין בעסטן אָרדענונג: אי דאָס גלאָזוואַרג, אי דאָס פּאַרצעלאַן. אַפילו דאָס פּאַפּיר, וואָס איז אונטערגעלייגט אונטער די וועש, איז אויסגעגלגלייכט אָן אַ קנייטש. די וועש ליגט אין בעסטן אָרדענונג. בלושטיין וווּנדערט זיך: „וואָס ווייזט ער מיר דאָ?"

זייף האָט שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן נישט צו באַווייזן זיין חכמה. האָט ער גיך אויפגעהויבן ס'פּאַפּיר און געוויזן:

„איר זעט?... צו וואָס דאַרף מען האָבן גאַנצע ברעטער אויף פּאָליצעס, אַז ס'זיינען גענוג לייסטן? — דרייט ער מיטן גראָבן פינגער מיט אַ גמרא-ניגון — האָב איך מיר, פאַרשטייט איר מיך, אַרויסגענומען די ברעטער, דריי האָב איך צעהאַקט, צוויי צעשפּאָלטן אויף לייסטן און איך האָב מיר קייזערלעך אויסגעלייגט לייסטלעך, אַרויפ-

געלייגט ס׳פּאַפּיר, ווי קיינמאָל גאָר נישט און איך האָב מיר פּאַליצעס ווער מיר שוין גוטס גינט! נו דערקענט מען עפּעס? און אַצינד ווערט מיין ווייב האָבן צו קאָכן און צו קאָכן אַ לענגערע צייט — ווייזט ער אים אויף די באַהאַלטענע בינטלעך האָלץ, וואָס ער האָט איינגעטיילט צו עטלעכע פיצלעך — מער טאָר מען נישט פאַרנוצן! נישט נאָר בלויז דער „קייסער" רומקאָווסקי טיילט צו אַ ראַציע, נאָר איך טייל אויך צו מיין ווייב אַ ראַציע — אַ האָלץ־ראַציע. — דאָס וואָס דער „קייסער" טיילט קיינמאָל נישט; און וואָס צו קאָכן געבליבט צו גאָט האָב איך!" — און ער האָט בלושטיינען געוויזן אַ באַרג וואָרצלען פון קרויט.

נישט ווייט פון זייפן, אויף אַ גרויס פעלד, וואָס דער „אַגראַר־אַמט" האָט פאַרדונגען רומאַקווסקים אַ מענטש, אַ געוועזענער פאַב־ריקאַנט, ווען יענער האָט אָראָפּגענומען ס׳קרויט, האָט זייף אויס־געגראָבן די וואָרצלען. דאָס איז געווען ביטער ווי גאַל און הארב. זייף האָט אויך אַהיימגענומען די ביטערע קרויט־בלעטער, וואָס זיינען געבליבן נעבן די וואָרצלען.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט זייף ווידער אַרויפגערופן בלו־שטיינען און אים געפרעגט:

„אדרבה, זייט אַ חכם און טרעפט מיט וואָס האָט מיין ווייב היינט אָפּגעקאָכט ס׳ביסל עסן?"

און עס איז פאָרגעקומען דער זעלבער שפּיל, וואָס מיט צוויי וואָכן צוריק. בלושטיין האָט זיך ווידער געבראָכן דעם קאָפּ, געזוכט, געשנישטערט אין יעדן ווינקל און נישט געפונען קיין שום סימן. ענדלעך, ענדלעך, האָט זייף ווידער פאַרענטפערט דאָס רעטעניש:

„פּאַניע בלושטיין, צו וואָס דאַרף אַ שאַנק — האָט ער אַ פראַל אויף געגעבן די טיר פון דער וועש־שאַנק — האָבן אַ הינטער־וואַנט? איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, טאַקע אַרויסגענומען די איבעריקע וואַנט און מיין ווייב וועט האָבן מיט וואָס צו קאָכן און צו קאָכן."

די פרוי זייף האָט פון די קרויטוואָרצלען און ווילדע בלעטער געמאַכט פאַרשפּייזן: פיש, פלייש, פאַרשידענע זופּן און צימעס. זי האָט דאָס נאָר אַביסל געלאָזט קאָכן און אַריינגעשיט אַ סך טיי־זאַדע. ווייל טיי־זאַדע אין היימן וואָסער קאָכט, האָט זי געמיינט: אי עס קאָכט און אי עס ציט אַרויס דעם סם (די וואָרצלען קענען זיך סיי־ווי־סיי, אַפילו ביים גרעסטן פייער נישט אָפּקאָכן). הערש זייף האָט פון דעם סם זיך געמאַכט „איינגעמאַרינירטן הערינג" (דאָס איז גע־ווען זיינס אַן אייגענע דערפינדונג). ער האָט אַרויסגעשיילט די גלאָמפּן פון די וואָרצלען, שטאַרק איינגעזאַלצן און געלאָזט אַביסל

שטיין. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַביסל עסיק מיט וואַסער, אַריינגע־וואָרפן אַ סאַכאַרינקע, אַריינגעשיט אַביסל פּאַפּריקע־ערזאַץ (דאָס האָבן די דייטשן אַריינגעגעבן לרוב, ווייל דאָס האָט פאַרבּרענט די גדערים, ס'האַרץ מיט לונגען). זייף האָט אין דעם געטונקען דאָס נויקעץ ערזאַץ־ברויט און אָן איבּעררייס אויסגעדריקט זיין הנאה: „אַ־אַ־אַ־אַ־ה־ה־ה, אַ מחיה!" און ער האָט צוגעשמאַטשקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געגעסן אַ גוט געבראָטנס. זייף האָט זיך אויך אונטער־געבּרומט אַ חסידישן ניגון און צוגעפּויקט מיטן פינגער אין טיש:

„אַ־אַ־אַ־ה־ה־ה, אַ טייערער געמאַרינירטער הערינג, העניע, הע־ניעשי, ס'איז דער טעם גן־עדן! קיין שונא זאָל נישט וויסן דעם טעם!" — האָט ער געזאָגט צום ווייב, און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ביידע האָבן מיט גרויס הנאה געגעסן די מאכלים.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט זייף ווידער אַרויפגערופן בלו־שטיינען און אים געפרעגט:

„נו, טרעפט מיט וואָס האָט היינט מיין ווייב אָפּגעקאָכט דאָס ביסל גרינע בלעטער? אַצינד מוזט איר טרעפן!"

און ער האָט אים גלייך אָנגעוויזן אויף דעם שענקל, וואָס איז אַצינד פאַרהאַנגען געווען מיט אַ קאָלדרע:

„נו, איר זעט? היינט בין איך נאָך קלוגערער געוואָרן: צו וואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, דאַרף אַ שאַנק האָבן אַ טיר? און אַזוי איז שלעכט? טויג נישט?... פון דער טיר וועט מיין ווייב האָבן צו קאָכן און צו קאָכן און די שאַנק איז זיך געבליבן שאַנק!"

בלושטיין האָט אַ ריר געגעבן די שאַנק מיט זיין פינגער, זי האָט זיך געוויגט הין־און־צוריק, כדי די שאַנק זאָל נישט פאַלן פון חשיבות האָט זי זייף פאַרטיידיקט:

„דאָס איז גאָרנישט! ווער וועט זיך שלאָגן מיט איר? קיין גיבור דאַרף אַ שאַנק ניט זיין!"

צומאָרגנס האָט שוין די זייפאָווע אַ דערשראָקענע און אַ פאַר־וויינטע, אַריינגערופן בלושטיינען:

„זעט נאָר, פּאַניע בלושטיין, וואָס ס'איז פון מיין מאַן געוואָרן?"

זייף איז געלעגן אין בעט, עס איז אים שווער געווען זיך צו רירן פון אָרט. איבער נאַכט איז ער אַזוי געשוואָלן געוואָרן, און דאָס פּנים מיטן קאָפּ איז געווען אַזוי לאַנג און ברייט, אַז עס האָט פאַר־נומען דאָס גאַנצע קישן, פאַרן קערפּער איז דאָס בעט צו שמאָל געווען.

„איר זעט, פּאַניע בלושטיין, וואָס עס איז פון מיר געוואָרן? — האָט זייף געזאָגט מיט זיין שוואַכער שטים — אַלץ ווייל כ'האָב נישט קיין „פּלייצעס" (פּראָטעקציע).

בלושטיין האָט געזוכט עפּעס אַ וואָרט אים צו טרייסטן, אָבער עס איז אים שווער געווען צו געפינען.

„זאָרגט ניט, פֿאַניע זייף, די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאָדע טאָג. מיר וועלן צוזאַמען אַהיימגיין.“

„יאָ, פֿאַניע בלושטיין, איך און מיין ווייב האָבן נאָך אַפילו אונדזער חתונה-אויסשטייער נישט באַניצט.“

„פֿאָלגט מיך, פֿאַניע זייף, פֿאַרקויפֿט עפּעס פֿון אייער חתונה-אויסשטייער און קויפֿט אייך אַ שטיקל ברויט, אַ פּיצל פֿלייש. אין שטאָט וועט איר שוין קומען צו מלבושים... נאָך צו בעסערע...“

„פֿון אונזער אויסשטייער וועלן מיר קיינמאָל גאָרנישט פֿאַר-קויפֿן! איר האָט דאָך געהערט, אַז מיר האָבן עס נאָך אַפילו נישט באַנייט. מיר היטן דאָס ווי אַן אויג אין קאָפּ. צו-להכעיס די דייטשן וועלן מיר אין די קליידער אַהיימגיין!“

בלושטיין האָט אים נישט געוואָלט מער צוריידן, כדי זייף זאָל נישט צווייפֿלען, אַז די מלחמה ענדיקט זיך שוין אַ ליאָדע טאָג. האָט ער אים געזאָגט, אַז דאָס געשווילעכץ איז גאָרנישט. ער האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער איז זיכער געווען, אַז זייף וועט שוין לאַנג נישט קענען קעמפֿן מיטן הונגער. ביי דער טיר האָט ער אים געזאָגט:

„אינמיטן דער נאַכט וועל איך קומען צולויפֿן אייך אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט!“

און בלושטיין איז אַראָפּ אויפֿן הויף. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געלייענט אין דער אַריינגעשמוגלטער דייטשער צייטונג אין דער רעדע פֿון גאָולייטער האַנס גרייזער, ימח שמו! — וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר דער היטלער יוגנט דעם ערשטן מאַי, טויזנט ניין הונדערט און פֿערציק, אין טאָג, ווען די לאָדזשער געטאָ איז גע-שלאָסן געוואָרן (אַרומגערינגלט מיט שטעכל-דראָט):

„די יודען זיינען געבענדיגט! — האָט ער געזאָגט — פֿון הונגער וועלן די יודען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿאַרריקטע הינט! איין יודע דעם צווייטן וועט אַראָפּרייסן שטיקער פֿלייש! זיי וועלן זעלבסט זיך אויפֿפֿרעסן די יודען!...“

„מיר שטאַרבן טאַקע אויס פֿון הונגער — האָט בלושטיין צו זיך געזאָגט, — אָבער קיין ווילדע חיות זיינען מיר נישט געוואָרן. נישט נאָר בייסט מען נישט אָפּ שטיקער פֿלייש איינער פֿון צווייטן, נאָר מען וויל אַפילו נישט אויסטוישן קיין חתונה-מלבושים אויף אַ שטיקל ברויט און פֿלייש. עס קומען אין געטאָ נישט פֿאָר קיין רויבערייען, קיין מאָרדן, ניין! „ער“ קען אונז נישט פֿאַרוואַנדלען אין משוגענע

הינט! אויסערלעך זעען מיר אויס ווי מתים, אָבער אינערלעך האָבן מיר איינגעהאַלטן דעם צלם אלוקים..."

צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, איז שוין בלושטיין אַליין אַרויפ־געגאַנגען צו זייפן. ער האָט מורא געהאַט, אַז זייף וועט שוין די נאַכט נישט אויסהאַלטן, אָדער אפשר האָט ער, חלילה, אַליין זיך ס'לעבן גענומען, פון די יסורים.

בלושטיין איז אָבער איבעררא‌שט געוואָרן: זייף איז איבערנאַכט דאַר געוואָרן ווי אַ שטעקן און די הויט איז געווען ווי פון אַ מת. ער האָט נישט געקענט אַראָפּגיין פון בעט.

בלושטיין האָט אים אַצינד ווידער געטרייסט:

„זעט איר, דאָס געשווילעכץ איז אַוועק. וואָס האָב איך אייך געזאָגט: דאָס איז אַ סימן, אַז עס ווערט אייך בעסער, איר וועט שנעל געזונט ווערן. האַלט אייך, פאַניע זייף, מיר וועלן צוזאַמען אַהיימגיין!"

„אָ, איך האָב נאָך, חלילה, דעם בטחון נישט פאַרלוירן! וואָס רעדט איר פאַר אַ נאַרישקייטן, אַז איך וועל גיך געזונט ווערן, וואָס? איך בין דען, חלילה, קראַנק? איך בין נאָך אין מיין לעבן נישט קראַנק געווען. כ'בין נאָר אַצינד אַ ביסל אָפּגעשוואַכט פון הונגער. אַ, איך האָב יסורים? דאָס איז גאַרנישט! מען האָט „זיי" טיף אין דר'ערד! איר דערמאָנט זיך, פאַניע בלושטיין, וואָס האָנס גרייזער — ימח שמו! — האָט געזאָגט נאָך אין יענע צייטן? איר דאַרפט דאָך יאָ געדענקען? „די יודען זענען געבענדיקט!" גלויבט מיר, „ער" איז שוין געבענדיקט! מיר וועלן „זיי" איבערלעבן! איך האָב די נאַכט געהאַט גאָר אַ גוטן חלום: אַז עס איז געווען נאָך דער מלחמה און איך האָב געשניטן לעבעדיקע פּאַסן פון די דייטשן און פון „קייסער" רומקאָווסקי מיט זיינע משרתים! אוי, האָב איך נקמה גע־נומען! אוי, האָב איך מיר געקילט מיין האַרץ! איך האָב אויך געזען מיין טאַטן ע"ה און דאָס איז אַ גוטער סימן. איך זאָל אַזוי זוכה זיין זיך צו זען מיט מיינע קרובים, ווי „זיי" וועלן איינעמען אַ מיתה משונה!" — האָט זייף געפייערט מיט זיין שוואַכער שטים.

ס'איז גוט, פאַניע זייף! גוט, וואָס איר האָט נישט פאַרלוירן דעם בטחון! איך האַלט פון אייך, מיר וועלן צוזאַמען אַהיימגיין!" האָט אים בלושטיין געטרייסט און ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט האַרץ־ווייטיק, טראַכטנדיק:

„ווער ווייס, וואָס עס וועט פון אים ווערן? דער הונגער האָט אים שוין געמאַכט פאַר אַ „קלאַפּסעדרע" (אַ פּנים — ווי אַ טויט־אָנזאָג). דער מלאך־המות האָט אויף אים שוין אַרויפגעלייגט זיין חתימה..."

אביסל שפעטער האט בלושטיין ארויפגעברענגט צו זייפן א האלבן קילא קארטאפל:

„דא האט איר. ווען איר וועט אפנעמען אייער „ראציע" וועט איר מיר אפגעבן. איך האב נאר וואס אפגענומען מיין „ראציע".

זייף מיטן וויב האבן זייערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

„הערשל, דאס וועט פאר דיר זיין א רפואה שלימה, אבער מיט וואס וועל איך עס אפקאכן, אז איך האב שוין נישט קיין קריש האלץ? האט זי געזאגט א פארזארגטע.

„נעם ארוים פון שענקל דאס לעצטע שופלאד". און זי האט אזוי געטאן.

„זעסט, העניע לעבן, אז גאט פארלאזט נישט און די שאנק איז געבליבן שאנק."

אויף זייפס פנים האט אויפגעבליצט א שמייכעלע.

און זיי האבן די נישט־אפגעשיילטע קארטאפל געטונקען אין זאלץ און געגעסן. ווייל די געטא־יידן האבן געזאגט: „שאלעכץ איז געזונט. אין הייטל געפינט זיך אייזן און אונטערן הייטל געפינט זיך צוקער און דערפאר זיינען בהמות אזוי געזונט און קרעפטיק, ווייל — זיי עסן שאלעכץ".

באשטראפט

פון צייט צו צייט פלעגט קומען א קאנטראלער זען צי בלושטיין געפינט זיך אויף זיין „פלאצוווקע". ווי נאר בלושטיין איז ארויסגע־גאנגען פון זייפס שטוב, האט אים א שכן געזאגט אז אונטן איז דא זיין קאנטראלער. בלושטיין איז שנעל אראפגעלאפן און געזען, אז דער קאנטראלער פארצייכנט עפעס אין א נאטיץ־ביכל, האט ער פאר־שטאנען, אז דאס איז וועגן אים. דער קאנטראלער איז געווען אן אכצן יאריקער בחור. ביז דער מלחמה איז ער געגאנגען אין דער שולע. אויפן לינקן ארעם האט ער געטראגן א געלע און ווייסע באנד און האט געהאלטן א טעקע. ער האט זיך געפרעגלט אין נחת פון דעם, וואס ער קען הערשן איבער מענטשן, וואס די ווערטער ליגן אין זיינע הענט. ער איז געווען א הויכער, א ברו־נעטער מיט שווארצע נארישע אויגן. אז בלושטיין איז צו אים צו־געקומען האט ער אים באגריסט מיט מורא און צעטומלטקייט:

„גוט... מארגן... פאניע פלאוואצקי".

אנשטאט אן ענטפער האט פלאוואצקי זיך גאר צעשריגן:

„פאר וואס זענט איר נישט אויף „אייער פלאצוווקע"! איך וועל אייך אנלערנען!" האט ער „געשוויצט" אין פויליש.

„איך בין דאך יא אויף מיין „פלאצוווקע" — איך בין געווען

אויבן און מיין „פלאַצוווקע" איז דאָך אין דעם זעלבן הויז," — האָט זיך בלושטיין פאַרענטפערט אין יידיש.

פלאַוואַצקי האָט אים נאָכגעקרימט ווי אַ גוי, וואָס שפּעט נאָך ווי אַ ייד רעדט. „איר האָט אַ ראַפּאָרט! מאָרגן צוועלף אַזייגער זאָלט איר קומען אין ביוראָ, וועט איר זיך דאָרטן פאַרטיידיקן!" — האָט ער באַפעלעריש געזאָגט פאָ פאָלסקיעמו און ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ צעטל. בלושטיין האָט עס אונטערגעכאַפּט און דער קאָנטראָלער איז שנעל אַוועק.

בלושטיין האָט ניט געקענט שלום מאַכן פאַר וואָס עס קומט אים מ'זאָל אים מאַכן אַ ראַפּאָרט. — ער איז דאָך דאָ אויפן ריכטיקן אָרט. אַזאַ „שוויצער" דער פלאַוואַצקי! דאָס ערגסטע איז, וואָס מען באַשטימט אַז אַ ייִנגל זאָל הערשן איבער דערוואַקסענע מענטשן. וויל ער זיך באַווייזן, אַז ער איז אַ גדול. נו, יאָ, ער האָט דאָך די אמתע „פּלייצעס" אין ווירטשאַפטסאַמט. ער וועט נאָך באַקומען אַ העכערן אַמט פאַר זיין צושטעלן ראַפּאָרטן. בלושטיין האָט פון דעם געהאַט גרויס עגמת נפש: „וואָס וועט ער טענהן פאַר פישביינען? ווי אַזוי וועט ער זיך קענען ווייזן אין זיינע אויגן? יענער פראַטעזשירט אים דאָך! פאַר וואָס זאָל ער פון אים פאַרדרוס האָבן?"...

צומאָרגנס אין מיטן טאָג, האָט בלושטיין געמוזט קומען אין ביוראָ אַריין. אַצינד האָט שוין נישט אויסגעמאַכט, וואָס די „פלאַ-צוווקע" ווערט פון קיינעם נישט געהיט. קודם האָט פּאַטאַש, דער „קאַלטער לונג און לעבער" פון אים צוגענומען זיין אַרבעטס-קאַרטל, און ער האָט אים אויך נישט אַרויסגעגעבן דעם טאַלאָן אָפּצונעמען די הייַנטיקע זופּ אין קיך. בלושטיין האָט געזען, אַז ער איז נישט דער איין און איינציקער, וואָס פלאַוואַצקי האָט געמאַכט דאָ אַהער-צוקומען, וואָס די באַאַמטע פון ביוראָ ווען הייַנט „אַרפּאַשלינגען" זייערע זופּן. נאָך מיטאָק האָט מען בלושטיין אַריינגערופן אין צווייטן צימער. פישביין איז דאָרטן אַליין געזעסן ביים שרייבטיש. בלושטיין האָט זיך פאַר אים פאַרשעמט. פישביין האָט אים געבעטן זיצן און מיט אַן אָנגעשטעלטער שטרענגקייט — די באַאַמטע זאָלן הערן, — האָט ער אים געפרעגט אין פויליש: „פאַרוואָס היט איר נישט אייער פלאַץ?!" — און שטילערהייט אין יידיש מיט אַ טאָן ווי צו אַן אייגענעם — „אַז מען ברענגט מיר אַ ראַפּאָרט קען איך מיר נישט העלפן — מוז איך באַשטראָפן", און ווידער שטרענג אין פויליש — „דאָס זאָל זיין צום לעצטן מאָל! איר ווערט באַשטראָפט מיט איין מאַרק!" פישביין האָט עפּעס פאַרצייכנט אונטער דעם ראַפּאָרט און אים אַוועקגעלייגט אין דער זייט. בלושטיין האָט אין זינען געהאַט זיך צו פאַרטיידיקן, צו דערציילן, אַז דער ראַפּאָרט איז

אַ בילבול. אָבער פישביין האָט דאָס געמאַכט אַזוי גיך און אַזוי שנעל אַרויסגעגעבן דעם אורטייל, אַז בלושטיין האָט נישט באַוויזן קומען צום וואָרט. ס'איז אים אַזש אָפּגענומען געוואָרן ס'לשון. בלושטיינען האָט אויך ווײ געטאָן וואָס ער דאַרף באַצאָלן אַ מאַרק, וואָס דאָס איז געווען אַ האַלבער טאָג אַרבעטסלוין. קיין אַנדערן איינקונפט האָט ער נישט געהאַט. „פאַרוואָס זאָל איך פאַר אומזיסט און אומנישט פאַרשריבן זיין אין באַשטראָפונגס-בוך? ווער קען וויסן צי דאָס וועט אַמאָל נישט אַרויסקומען צום שלעכטן?!" האָט עס אים געפּייניקט.

* * *

איינמאָל איז פישביין אַליין געגאַנגען אויף קאָנטראָל. ער איז צוגעקומען אויף בלושטיינס פּלאַץ און אים נישט געטראָפן. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג איז אים בלושטיין אַקעגן געקומען מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. האָט אים פישביין פאָטערלעך געזאָגט, „אַז ער קומט פון זיין „פּלאַצוווקע". ער גייט אויף קאָנטראָל". בלושטיין האָט זיך פאַרשעמט און אַ ביסל מורא געקריגן און זיך פאַרטיידיקט „אַז ער קומט פון דער ביבליאָטעק — פון דער חברטע רעגינע." פישביין האָט אים ווידער פאָטערלעך געזאָגט: „אויב איך אַליין טרעף אייך נישט אויף דער „פּלאַצוווקע", מאַך איך מיך נישט וויסן. אָבער אַז מען ברענגט מיר אַ ראַפּאָרט קען איך גאָר נישט העלפן, מוז איך באַשטראָפן. דעריבער ראָט איך אייך איר זאָלט פון פּלאַץ נישט אַוועקגיין". ער האָט זיך מיט אים פריינטלעך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

און גראָד איז אויסגעקומען, אַז וויפיל מאָל בלושטיין האָט עפּעס געמוזט דערליידיקן אין גאָס, האָט אים, צום שלימזל, פישביין געטראָפן. יענער האָט נאָר אויף אים אַ בליק געגעבן מיט די קלוגע קליינע אייגעלעך און געמאַכט זיך, אַז ער זעט אים נישט. און בלושטיין האָט זיך געטראַכט: אַן אמתער צדיק איז דער פישביין!"

קאַרטאָפל

האַרבסט, ווען פוילן ווערט פאַרפלייצט מיט קאַרטאָפל — האָבן די דייטשן אַריינגעשיקט אַ ביסל קאַרטאָפל אין געטאָ. דער „קייסער" רומקאָווסקי האָט באַשטימט פופצן קילאָ אויף אַ קאָפּ. ס'ערשטע האָט ער איינגעטיילט זיין פּאָליציי און זיינע באַאַמטע. דערנאָך — פאַר די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די רעסאָרטן. גאָר צום לעצט האָט ער אַריינגעשיקט די קאַרטאָפל אין די קאָאָפּעראַטיוון. די קאַרטאָפל-ראַציע איז אַצינד געוואָרן דער חלום פון די הונגעריקע אין געטאָ.

זייף, וואָס דאָס געשווילעכץ איז אים אָפּגעפאַלן אָבער איז נאָך אַלץ געלעגן אַ פאַרשוואַכטער פון הונגער, האָט געזען זיין „גאולה" אין דער קאַרטאָפל-ראַציע. כדי אים צו דערמוטיקן, האָט זיין ווייב אַראָפּגעריסן אַ פּלאַקאַט פון דער גאַס און אים אַהיימגעברענגט. זייף האָט איבערגעלייענט אויף אַלע דריי לשונות: דייטש, פויליש און יידיש: „איך גיב אַרויס אַ קאַרטאָפל-ראַציע פון פופצן קילאָ פאַר אַלע מיינע יודן אין מיין געטאָ. די קאַרטאָפל קען מען שוין אָפּנעמען אין אַלע מיינע קאָאָפּעראַטיוון. דער עלטסטער דער יודען אין ליצמאַנשטאַדט-געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי."

זייף האָט זיך עפּעס דערפרייט: „הא, וואָס זאָגסטו מיין ווייב? הא? וואָס האָב איך געזאָגט? נאָר בטחון! איך פיל, אַז די קאַר-טאָפל וועלן מיך אַרויסנעמען פון בעט אַרויס". ער האָט דעם געלן פּלאַקאַט אַרונטערגעלייגט צוקאָפּנס, ווי אַ סגולה, און דאָס ווייב האָט ער געשיקט מיט אַ זאַק אין קאָאָפּעראַטיוו אַריין. זי איז אָפּגע-שטאַנען אין די רייען עטלעכע טעג מיט די „שפּייז-קאַרטן" און „פאַ-מיליע-ביכל" אין דער האַנט און איז אַהיימגעגאַנגען מיט גאָרנישט.

דער קעראָווניק פון קאָאָפּעראַטיוו, ווו בלושטיין האָט באַלאַנגט. האָט געהאַט גוטע „פּלייצעס" אין אַפּראָוויזאַציע-אַמט, האָט ער פון די קאָאָפּעראַטיוון דער ערשטער באַקומען די קאַרטאָפל. אַזוי אַרום האָט בלושטיין פריער פאַר זייפן באַקומען די קאַרטאָפל. די פרוי זייף האָט אים דעריבער געבעטן ער זאָל איר באָרגן צוויי קילאָ קאַרטאָפל. פון אָפּזאָגן האָט בלושטיין נישט געוווסט, איז ער שנעל אַהיימגעלאָפן און געברענגט די צוויי קילאָ קאַרטאָפל. די פרוי זייף האָט גענומען אַ וואָג איבערגעוויגן און זי האָט געזען אַז עס איז דאָ אַן איבערוואָג, האָט זי געזאָגט: „פאַניע בלושטיין, גלייך ווי איך וועל נאָר אָפּנעמען מיינע קאַרטאָפל, וועל איך אייך אָפּגעבן מיט דאַנק. איך האָב נישט קיין ווערטער פאַר אייך, פאַניע בלו-שטיין. ווער ווייסט דאָס היינט באָרגן קאַרטאָפל, וואָס זיינען טייע-רער ווי בריליאַנטן, טייערער ווי ברויט?" בלושטיין האָט אַראָפּ-געלאָזט די אויגן, ווי אַ יינגל ווען מען מאַכט אים אַ קאָמפּלימענט: „אַ, ס'איז גאָרנישט — האָט ער געזאָגט — איך טו אַ מענטשלעכן חוב."

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט בלושטיין געזען, ווי אַלע שכנים האָבן אַהיימגעברענגט די קאַרטאָפל, נאָר די זייפס האָבן דאָס גע-מאַכט בשתיקה, ווען בלושטיין איז נישט געווען. בלושטיין איז נישט אַריינגעגאַנגען מאָנען זיין חוב. זייף האָט זיך צוגעכאַפּט צו די קאַרטאָפל, ער האָט זיי געגעסן מיט די שאָלן און ער איז טאַקע אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און האָט אַ ביסעלע בעסער אויסגעזען. די

זייפס האָבן זיך געשעמט בלושטיינען צו קוקן אין די אויגן אַריין, זיי האָבן זיך בכלל פאַר אים נישט געוויזן. בלושטיין האָט זיך פריער געטראַכט: „פאַרוואָס זאָל איך ביי זיי מאָנען? היינט האָב איך דאָך נאָך קאַרטאָפל." און שפּעטער ווען ער האָט שוין נישט געהאַט, האָט ער געטראַכט: „מסתמא האָבן זיי שוין אויך נישט. איז פאַרוואָס זאָל איך זיי נאָך ווי טאָן מיט מיין מאָנען?"

דערווייל האָט מען בלושטיינען אַראָפּגענומען פון דער „פּלאַצוווקע", מען האָט אים געגעבן צו היטן עטלעכע בענק אויף אַן אָפענעם פּלאַץ. דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט. עס זיינען געווען זאַווערוכעס, שניי מיט שטאַרקע פרעסט. מער ווי דאָס שטיקל ערזאַץ-ברויט איז נישט געווען. טייל טעג האָבן די קאָאָפּעראַטיוון דאָס ברויט אויך נישט געהאַט אַרויסצוגעבן. בלושטיין האָט נישט געהאַט קיין פאַר גאַנצע שיך און נישט קיין געהעריקן אָנצוג און מאַנטל. דער הונגער און קעלט האָבן אים געפּייניקט. האָט ער געטראַכט: זייף האָט זיין גאַנצן אויסשטייער. ער דאַרף עפּעס פאַרקויפן און אים אָפּגעבן די קאַרטאָפל. ער האָט דאָך אויך נישט מער באַקומען פון אים. פאַר געווג געלט קען מען נאָך היינט אַלצדינג קריגן. אָדער ער דאַרף אים כאָטש געבן אַ מלבוש, וועט ער האָבן מיט וואָס זיך צו שיצן פון קעלט. אַראָפּגיין פון דער „פּלאַצוווקע" צו זייפן קען ער נישט, ווייל פּלאָוואַצקי, דער קאָנטראָלער, קען יעדע ווילע אונטערקומען און אים מאַכן אַ ראַפּאָרט.

אָנטקעגנאיבער איז געווען אַ בלעכער וואָס האָט אויסגעאַרבעט רערן און אייוועלעך פון אַלטן בלעך, אין זיין בודקע איז געווען וואַרעם. דעם בלעכערס פרוי מיט ביידע קינדער זיינען דאָ אויך געזעסן גאַנצע טעג, ווייל אין דער היים איז קאַלט געווען. פלעגט דאָ בלושטיין זיך אַריינכאַפּן אַ האַנט אָנצוואַרעמען ביים ברענענדיקן אייוועלע. פונקט דעמאָלט, ווי אויף צו להכעיס, פלעגט פּלאָוואַצקי אונטערקומען. און אַזוי ווי ער האָט בלושטיינען נישט געטראָפן נעבן די בענקלעך האָט ער אים געמאַכט אַ ראַפּאָרט. דעם בלעכערס פרוי האָט געהאַלטן אין איין טענהן: „וואָס איז דאָ פאַראַן צו היטן, ס'איז דען אַ מאַגאַזין מיט דינאַמיט? וואָס מאַכט ער אייך אַזוי דעם טויט, דער סאַדיסט?" דער בלעכער מיטן וויב האָבן געוואָלט אַז בלושטיין זאָל ביי זיי זיין גאַנצע טעג. זיי האָבן גיך אין אים דערקענט אַ פריינט. בלושטיינען האָט דער הונגער געפּייניקט און געלאָזט נישט פאַרגעסן אָן די קאַרטאָפל, וואָס אים איז געקומען פון די זייפס, אָבער גיין מאָנען האָט אים ס'האַרץ נישט געלאָזט. אים איז לייכט צו באָרגן אָבער עס איז אים שווער צו מאָנען.

די ערשטע אויסזידלונג

די דייטשן האָבן צוריק אַריינגעשיקט אין געטאָ אַ ביסל יידן, וואָס האָבן זיך פרייוויליק פאַרשריבן אויף אַרבעט אויסער דער געטאָ. די דאָזיקע יידן האָבן דאָרטן נישקשהדיק געלעבט. זיי האָבן געטאָן לייכטע אַרבעט, טייל האָבן געאַרבעט אין ביוראָען, טייל זיינען געווען געהילפן ביי דאָקטוירים. זיי האָבן געגעסן צו דער זעט, האָבן געהאַט באַזונדערע צימערן, ס'איז זיי געווען וואַרעם און ליכטיק אין די דייטשע שטעט. זיי האָבן לחלוטין נישט געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם און דאָ אין געטאָ זיינען זיי פּלוצלינג צוריק אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין הונגער, קעלט און שמוץ. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן: וועגן זייערע פריערדיקע גליקן, ווי גוט עס איז זיי געווען אויסער דער געטאָ. יידן האָבן זיי מקנא געווען. זיי האָבן זיך גאָר געריסן צוריק אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ. קיין שום ייד וואָס די געשטאַפּאָ האָט געפיניקט ביי דער אַרבעט און נישט געגעבן צו עסן האָבן זיי נישט צוריק אַריינגעשיקט.

דערווייל זיינען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן יידן פון בערלין, האַמבורג, פון פּראָג, פון פראַנקפורט אַם מיין, פון ווין, פון לוקסעמבורג די דייטשן האָבן די יידן געלאָזט מיטנעמען וויפיל באַגאַזש זיי האָבן נאָר געוואָלט, האָבן זיי מיטגעברענגט: קופערטס מיט טייערע וועש, טייערע מלבושים, שיך, צירונג, אַ סך זייגערלעך, גוטע לעדערנע טעקעס און וואַליזן. די דייטשן האָבן זיי געזאָגט, אַז מען שיקט זיי אין „קוראָרט", און דאָ זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ גיהנום. זיי האָבן דערציילט וועגן זייערע גליקן: ווי זיי האָבן נישט געפילט קיין אַנטיסעמיטיזם, ווי זיי האָבן נישט געוווּסט פון קיין הונגער, זיי האָבן נאָך אַפילו מיטגענומען מיט זיך קאָנסערוון אויף אַ לענגערע צייט. זייער טרוים איז געווען צוריק אַהיימצופאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָס זיינען געווען עלטערע, מיטליאַריקע און יונגע מענטשן. די דייטשן האָבן זיי אַהער אַריינגעשיקט מיט זייער לעצט ביסל האָב און גוטס, ווייל דאָ וועט מען איבער זיי מאַכן סעלעקציעס. דערווייל זיינען דאָך נישט געווען קיין וווינונגען פאַר די צענדליקער טויזנטער דייטשע יידן, האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט כלומרשט אויף אַרבעט די תושבים פון געטאָ: אָפּגעשוואַכטע, קראַנקע, מאַמעס מיט קינדער, אַלע די וואָס האָבן געלעבט פון שטיצע — די „זאַשילקאָוצעס" — און אַלע די וואָס האָבן נישט געאַרבעט און נישט גענומען קיין שטיצע. די דייטשן האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יידן וועלן באַזעצט אין די דערפער אויף ערד-אַרבעט; אַז עס שטייען פאַר זיי גרייט הייזער, ווו עס האָבן געוווינט פּאָליאַקן.

רומקאָווסקי האָט אַרויסגעשיקט אויפפאָדערונגען: ווו און אין וועלכער שעה צו צושטעלן זיך. דער גרעסטער טייל פון די, וואָס זיינען צוריקאַריינגעשיקט געוואָרן פון דער אַרבעט אויסערן געטאָ, האָבן זיך אַליין מיט זייערע משפחות פאַרשריבן. דער עולם האָט געשטראָמט פרייוויליק. אָנגעכאַפּט זיך אין דעם „גליק" אַזוי ווי אַ טרינקענדיקער אינעם שאַרף פון אַ בריטווע.

טיילמאָל פלעגט דער פּאָליציי-קאָמיסאַר, אויף דער בקשה פון אַ קראַנקן, מיט דער באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטאָר, באַפרייען פון אַרויסגעשיקט ווערן אויף „אַרבעט". האָבן יידן אין דעם געזען אַ סימן, אַז מען פּאַרט טאַקע אויף אַרבעט — ווייל מען באַפרייט דאָך קראַנקע; און פון דער אַנדערער זייט האָט די יידישע פּאָליציי אַרויפגעלייגט הונדערטער אַזעלכע קראַנקע אויף די וועגענער, וואָס זיינען ביים פאַרלאָדענען אין די וואַגאָנען אויסגעגאַנגען.

די דייטשן האָבן אויך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג דורך דער יידישער פּאָליציי און באַאַמטע, אַז די יידן ווערן געשיקט אין פּראָטעקטאָראַט אַריין און דאָרט וועט יעדער קענען גיין, ווו ער וועט וועלן. אין דער אויפפאָדערונג איז אויך געווען באַצייכנט, אַז יעדער קען מיטנעמען וויפיל באַגאַזש ער וויל. האָבן יידן מיטגעשלעפּט: בעטגעוואַנט, געפעס, וועש. דאָס אַלץ האָט מען נישט געלאָזט מיטנעמען אין די וואַגאָנען. זיי האָבן דאָס איבערגעלאָזט אויף דער ראַמפּע, נעבן דער באַן. מען האָט זיי געזאָגט, אַז דער באַגאַזש וועט „נאָכקומען" מיט אַ ספּעציעלן צוג. אָבער דאָס אַלץ איז דערווייל געבליבן אין געטאָ.

טייל משפחות מיט קליינע קינדער זיינען אין דער שרעקלעכער קעלט געפאָרן האַלב-באָרוועס און האַלב-נאַקעט און זיינען אין מיטן וועג פאַרפרוירן געוואָרן. די דייטשן איז געלונגען צו פאַרשפּרייטן נאָך אַ פאַלשן קלאַנג, אַז די יידן ווערן באַזעצט אויף ערד-אַרבעט אין די דערפער אַרום קאָנין.

די פּאָליאַקן זיינען טאַקע פון יענער געגנט אַרויסגעטריבן געוואָרן. און כדי די יידן צו פאַרפירן — האָבן זיי דאָרטן באַזעצט עטלעכע צענדליק יונגע, קרעפטיקע יידן, וואָס האָבן באַאַרבעט די פעלדער. און די טראַנספּאָרטן זיינען טאַקע דאָרטן אַהינגעשיקט געוואָרן, ווו די דייטשן האָבן פאַרגאַזט אין אויטאָס, אויפן וועג צו די גריבער אין די וועלדער אַרום קאָנין, און אויך אין גאַז קאַמערן.

איינמאָל איז בלושטיינען איינגעפאַלן, אַז ער מוז אַהינגיין זען, וואָס עס מאַכן די שכנים, ווו ער האָט געהאַט זיין ערשטע „פּלאַצווקע". ער איז אַהינגעגאַנגען אין אַן אָוונט, האָט ער געטראָפן ווי די משפחה קליגער פּאַקט זיך אין וועג אַריין. זייף מיטן וויב, האָבן שוין געהאַט איינגעפּאַקט זייער גאַנצן חתונה-אויסשטייער;

זיי האָבן געוואָרט, אַז די פּאָליציי זאָל זיי קומען נעמען אויף אַ פור צו דער באַן. די זייפס האָבן זיך געשעמט בלושטיינען צו קוקן אין די אויגן אַריין צוליב דעם חוב פון די צוויי קילאָ קאַרטאָפל. בלושטיין האָט זיך געטראַכט: „זיי וואָלטן מיר כאַטש פאַר דעם געדאַרפט געבן אַ מלבוש." ער האָט זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט, געוווּנטשן גליק. ער האָט אויך נישט געוווּסט, וווּהין זיי ווערן געשיקט. ער האָט זיי מיטגעגעבן זיין אַדרעס און געבעטן שרייבן ווו זיי וועלן זיך געפינען. זייף האָט אים דאָס צוגעזאָגט. און ער האָט זיך געטרייסט אויפן קול: „אַז ער וועט נאָר קומען אין פּראָטעקטאָראַט אַריין — איז ער אַ געהאָלפענער. ער האָט דאָרטן משפּחה און ער וועט זיך שוין אַן עצה געבן..."

אַ פרייל עכמאַכער אין געטאָ

אַז פאָלקסזינגער זיינען קינסטלער און זייערע שאַפונגען ברענגען פיל מאָל מער נוצן פאַרן פאָלק, ווי לידער פון פּראָמינענטע דיכטער — דאָס איז נישט קיין נייס.

דער פאָלקסזינגער זינגט אויס דאָס, וואָס דאָס פאָלק טראַכט און פילט. אויב דער דיכטער איז דער אויסגעשולטער חזן, מיט דער גאַנצער טעכניק און שיינע דריידלעך זיינע, איז דער פאָלקסזינגער דער בעל תפילה, וואָס טרוימט נישט פון דער שיינער, געפּוצטער שול, מיט דער וווּנדערבאַרער באַלייכטונג און גאָלדענעם עמוד, נאָר ער דאַוונט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ערגעץ אין אַ פינצטערן קעלער, און ווו נאָר עס לאָזט זיך — פאַרן פּשוטן עולם, מיט זיין נישט געקינצלטקייט. מיט זיין שטאַרקן געפיל, מאַכט דער בעל תפילה ווייגען זיינע צוהערער, ווייל ער טרעפט צו זייערע הערצער.

דאָס וואָס דער פאָלקסזינגער אין געטאָ האָט אין די פינצטערע צייטן פון דער היטלער־ממשלה אויפגעטאָן מיט זיין ליד פאַר די קרבנות — ער האָט זיי געמאַכט לאַכן, געגעבן זיי מוט און בטחון; האָט קיין שום ווערק פון די באַקאַנטסטע פּאָעטן נישט אויפגעטאָן.

ערשטנס איז נישט געווען די געלעגנהייט צו לייענען אַ גרעסער ווערק. דאָס פאָלקס־ליד און דער אַנעקדאָט זיינען געווען אַ מין תורה שבעל פה. אַפילו דער וואָס האָט אינגאַנצן נישט געקאָנט לייענען, האָט עס נאָכגעזאָגט אָדער געזונגען.

אין לאָדזשער געטאָ זיינען געווען אַ סך אַזעלכע פאָלקסזינגער, וואָס האָבן געשאַפן און געזונגען זייערע לידער, סיי אין יידיש, סיי אין פּויליש. איינער פון זיי האָט געהייסן שמעון יאַנאָווסקי.

ש. יאַנאָווסקי האָט געהאַט אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג — אַ חדר און אַ פאָלקסשולע. ער איז אויך געגאַנגען אויף אָוונט־

קורסן אין דער באַרכאַוו־שול און אין דער מעדעם־שול. ער האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן און ער האָט געמוזט גאַנץ יונג אָנהויבן אַרבעטן ביי שטריקערייַ. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געמיט צו דער אַרבעט, עס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט גראַמען אין קאָפּ און עס האָט אים געצויגן צו דער בינע.

ער האָט געשריבן פּאַראָדיעס אין גראַמען אויף די פּאַרטיי־פירער, דעקלאַמירט און געזונגען פאַר אַ גרופּע פון זיינע פאַרערער. די פּאַראָדיעס האָבן זיך גיך צעטראָגן איבער דער שטאָט. ער האָט אויך געשריבן לידער און דעקלאַמאַציעס און האָט צוגעפּאַסט מעלאָדיעס פון באַוווסטע פאָלקסלידער. צייטנווייז האָט ער אויך געשפּילט טעאַטער און געווען אַ מיטגליד פון דער „לאָדזשער פאָלקס־בינע", און דער טעאַטער־סטודיע „גרינע קאַטשקע" אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון משה בראָדערזאָן.

אין יאָר 1937 איז אין לאָדזש דערשינען זיין ערשט ביכל, א. נ. „צו זינגען און צו זאָגן". לידער, הומאָרעסקעס און דעקלאַמאַציעס. דאָס קליין־קונסט טעאַטער „די יידישע באַנדע" האָט אויפגעפירט אַ ריי זאַכן פון דעם בוך. „לאָדזש מיין לאָדזש" איז געזונגען געוואָרן פון דער באַוווסטער סובּרעטין חנה גראָסבאַרד. אין דער זאַמלונג איז אויך אַריין די באַוווסטע פּאַראָדיע אויפן יידישן פּאַרטיי־לעבן „פּאַרטייען קאָכן זיך", געשריבן אונטערן איינדרוק פון „פּאַסאָליעס קאָכן זיך" פון דיכטער א. לוצקי.

אַ טייל פון יאַנאָווסקיס לידער און דעקלאַמאַציעס זיינען באַליבט געוואָרן ביים פאָלק. מען האָט זיי דעקלאַמירט און געזונגען אויף פאַרווייַלונגען, איבערהויפּט זיין באַוווסטע דעקלאַמאַציע אין גראַמען „אַלץ לעבט פון מיין מאַרינאַרקע".

שמעון יאַנאָווסקי איז אויפגעטראָטן אויף פיל אונטערנעמונגען. אַז ער האָט פאָרגעלייענט זיינע זאַכן האָט דער עולם געקייכט פון געלעכטער. אין יאָר 1939 האָט יאַנאָווסקי אָפּגעדרוקט זיין צווייט בוך, א. נ. „פייגל אין די לופטן". לידער, הומאָרעסקעס און דעקלאַמאַציעס, וואָס זיינען געווען אונטער דער ווירקונג פון א. לוצקי, משה נאַדיר און טונקעלער. די פוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט דאָס בוך קאָנפיסקירט. דער צענזאָר וואָס האָט עס קאָנפיסקירט איז געווען דער באַוווסטער משומד ערליך, ווייל יאַנאָווסקי האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ הומאָרעסקע: „גאָט האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיינע מלאכ'טע". דער פּראָצעס האָט געזאָלט פאָרקומען אין מיטן סעפּטעמבער און די מלחמה האָט אויסגעבראָכן דעם 1טן סעפּטעמבער.

דעם 6טן סעפּטעמבער איז יאַנאָווסקי געלאָפן פּאַרטיידיקן וואַרשע קעגן די נאַציס, אָבער ער איז אַהין נישט דערגאַנגען. דעם 8טן

סעפּטעמבער האָבן שוין די דייטשן געהאַט אָקופּירט דעם גאַנצן וועג קיין וואַרשע. צוריקגייענדיק אַהיים, אַ דערשעפּטער, איז אַ דייטשער אָפיצער אַרויף אויף אים מיט אַ מאַטאָציקל, און יאַנאָווסקי האָט פאַרלוירן דעם רעכטן פוס.

אין געטאָ האָט יאַנאָווסקי באַקומען אַ פּאָסטן אַלס פּאָרטער, אין אַ שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. דעם פּאָסטן האָט אים געגעבן דער פאַרוואַלטער פון שפּיטאָל י. שולמאַן, געוועזענער רע־דאַקטאָר פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט". דער שפּיטאָל האָט זיך גע־פונען אויף דער וועסאָלע גאַס, אויפן אַלטן יידישן בית עולם. מיט אַ גרופּע אַרבעטער, אונטער דער אויפזיכט פון ש. יאַנאָווסקין, איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ גרויסע גרוב אויפן בית עולם און מ'האָט דאָרט מקבר געווען שמות און אַלטע ספרים, לויט דער פאַראָרדענונג פון די דייטשן. ער האָט די אַרבעטער אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך נישט איבעראַרבעטן און פון צייט צו צייט האָט ער געמאַכט אַן איבער־ריים און פאַר זיי פאָרגעלייענט זיינע הומאָרעסקעס און מעשיות. איין מעשה זיינע „דער רבי ר' זימל פליט אין הימל" איז באַקאַנט געווען אין געטאָ, טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט פאַרצולייענען, ווען ער האָט נאָר געהאַט עטלעכע מענטשן, וואָס זאָלן אים הערן.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס עס האָט עקזיסטירט דאָס רעווי־טעאַטער אין געטאָ, האָט יאַנאָווסקי געשריבן זאַכן פאַר אים. דאָס טעאַטער איז שטענדיק געווען איבערגעפּאַקט. ער האָט אויך גע־שריבן לירישע לידער, אָבער אומעטום האָט זיך אַרויסגעזען דער אַקטיאָר. טייל פון זיינע איינאַקטערס און לידער זיינען געווען איבער־געאַרבעטע טעקסטן, מיט פאַרטיקע מעלאָדיעס. משה נאַדירס „דער רבי אלימלך" האָט ער איבערגעמאַכט אויף —

„רומקאָווסקי אונדזער „מלך"
האָט געהייסן זיין לוסטיק, פריילעך".

אָדער דאָס ליד, „אַז דער רבי וויל איז אַ קליינינקייט" האָט ער געמאַכט:

„אַז דער קראַנקער וויל איז אַ קליינינקייט, אַ קליינינקייט.
אַלץ גייט מיטן קראַנקס (לייטערס) כוח,
אַז דער קראַנקער וויל שיסט אַ בעזים אויך!"

* * *

אַזוי איז עס טאַקע געווען: דאָס לעבן פון יעדן געטאָ־מאַרטירער איז געלעגן אין די הענט פון זיין אויפזעער. וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן מיט זיינע אַרבעטער, צוגענומען די זופּ פון שווערן אַרבעטער און אַוועקגעגעבן וועמען ער האָט געוואָלט. אויב עמיצער

איז דעם אויפֿזעער נישט געפֿעלן געווען, האָט ער אים אַרויסגעשיקט פֿון געטאָ צום טויט, דערפֿאַר האָט די גאַנצע געטאָ געזונגען יאַנאָווסקים סאַטירע. אַזוי ווי דער „אינערן מיניסטער" פֿון געטאָ, ברוך פּראָשקער, איז געווען אַ ווילדער און צעטראָגענער מענטש, ער האָט אַלץ געמאַכט שנעל און עס האָט געטויגט אויף כּפּרות, האָט יאַנאָווסקי אָנגעשריבן אַ שטאַרקע סאַטירע אויף אים.

די „קראָוויניקעס" האָבן פֿון יאַנאָווסקין געהאַט גרויס נחת, ווען זיי האָבן זיך געזען אויף דער בינע, ווי מען קאָפּירט זיי נאָך, ווי מען זינגט וועגן זיי לידער. אָבער אין דעם אַלעם האָט יאַנאָווסקי אויך אַריינגעגעבן איראָניע און פֿאַרביטערונג. דאָס פֿאָלק האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס; דאָס איז געווען גאַלגאַן הומאָר. נישט בחינם זיינען די לידער געזונגען געוואָרן פֿון קינד און קייט.

דער געטאָ־ייד האָט זיך באַצויגן מיט יראה צום געשריבענעם יידישן וואָרט, און די לייטערס האָבן געמיינט, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי פֿאַראייביקט. די יידן אין געטאָ זיינען נים געווען פּעסימיסטיש, נאָר גאַנץ האָפֿערדיק. זיי האָבן קאָרעגירט אברהם רייזענס „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן". די אַלעגאָריע פֿון דעם ליד האָט זיך געפּאַסט צו דער צייט (און ווען פּאַסט עס זיך נישט?), נאָר אָנשטאָט: „לאַנג וועט דויערן דער ווינטער, זומער איז נאָך וויים", האָבן טייל געזונגען:

„שוין נישט לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נישט וויים"...

און שמעון יאַנאָווסקים לידער און הומאָרעסקעס זיינען אויסער הומאָר אויך געווען באַהויכט מיט בטחון.

אַ צוזאַמענטרעף

אַ שבת פֿאַרנאַכט זיינען קרוב צו צוואַנציק יונגע מענער און פֿרויען, צווישן זיי די חברטע רעגינע און דער חבר זיידע, בלושטיין, שמואליק און ווישליצקי, זיך צונויפֿגעקומען אין אַ גרויסער בוידעם־שטוב ביי דער זינגערין שוויאַטלאַ, וואָס איז אויפֿגעטרעטן אויף קאָנצערטן אין געטאָ.

פֿאַר דער מלחמה האָט שוויאַטלאַ געזונגען אין כאָר פֿון דער „קולטור ליגע" און „הזמיר". זי איז געווען אַ מיטלוווקסיק, שלאַנק, חנעוודיק פּאָלקסמיידל, זי האָט געהאַט לאַנגע בלאָנדע צעפּ, בלאָנדע אויגן־ברעמען, בלויע אויגן, אַ קיילעכדיק פּנימל, אַ געטאָקט נעזל, אַ קליין מויל און שמאָלע ליפּן. פֿון פֿערצן יאָר אָן האָט זי שוין געמוזט אַרבעטן אויפֿן שטיקל ברויט. זי האָט געהאַט אַ זיסן אַלט, געזונגען מיט האַרץ און מיטגעריסן די צוהערער.

קיין כיבוד איז נישט געווען, אַלע זיינען הונגעריק געווען. נאָכן דורכשמועסן זיך האָט די חברטע רעגינע פאַרגעשלאָגן, אַז שוויאַטלאָ זאָל עפּעס זינגען און אַלע האָבן זי געבעטן. זי האָט געזונגען עט־לעכע פאָלקס-לידער און מען האָט איר שטאַרק אַפּלאָדירט. שוויאַטלאָ האָט אַצינד אויסגעפּאַקט כמעט איר גאַנצן רעפּערטואַר: יידישע און העברעאישע לידער, פּוילישע און רוסישע און אַפילו די בונדישע און פּועלי-ציוניסטישע שבועות. ווען זי האָט געזונגען „רבינו תם" האָבן אַלע מיטגעזונגען דעם רעפריין.

גאָר באַחנט האָט שוויאַטלאָ אויסגעזונגען איציק מאַנגערס:

„הייסן היים איך יאָסל בער
און איך דין אין מיליטער,
אוי ראַ ראַ ראַ ראַ,
טראָגן טראָג איך אַ מונדיר,
ווי להבדיל אַן אָפיציר,
אוי ראַ ראַ ראַ ראַ."

זי האָט דערביי מאַרשירט הין און צוריק ווי אַ סאָלדאַט. איר יעדער אבר האָט מיטגעלעבט און זי האָט מיטגעריסן די צוהערער. ווען זי האָט געענדיקט האָט מען איר שטאַרק אַפּלאָדירט און זי האָט זיך געגנויגט ווי פון דער בינע אַראָפּ.

בלושטיין איז צו איר צוגעגאַנגען און איר אַ קוש געגעבן אין שטערן.

„דע! דע! עמך! — האָט זיידע צו אים ווולעריש געשריגן — כ'וועל דערציילן פאַר דיין שרהלען! שוויאַטלאַן קומט נאָר אַ האַלבן קוש און דעם דיכטער קומט דעם אַנדערן האַלבן."

„און וואָס איז מיטן קאָמפּאָזיטאָר? — האָט זיך שמואליק אָנגערופן — וואָס איז ער, אַ הונט? דאָס שענסטע און בעסטע ליד אָן מוזיק איז טויט."

„אַ גוט ליד קען מען רעציטירן."

„הם, רעציטאַטאָרן וועסטו אָפּציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, אַן אמתער רעציטאַטאָר איז אַ ווירטואָז. אָבער אַז אַ ליד האָט מוזיק קענען עס אַלע זינגען. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַזוי שיין ווי שוויאַטלאָ."

„איך האָב אַמאָל געזען איציק מאַנגערן — האָט שוויאַטלאָ דערציילט מיט אַ מיסטישן טאָן — אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס, נישט ווייט פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט".

„איציק מאַנגער, זאָגט מען, — דערציילט בלושטיין — איז אַזוי ווי טשעכאָוו: ווען ער איז אונטערן גלעזל, שאַפט ער גוטע

לידער. אַ, ער איז שוין איינמאָל אַ דיכטער! ווען מען זינגט זיינע לידער פאַרגעסט מען אין די צרות פון געטאָ.״

„אַ גרויסער קונץ איז צו פלאַפּלען נאַרישקייטן ווען מען איז אונטערן גלעזל? — האָט זיך לענטשיצקי אָנגערופן — כ׳האָב אַ מאָל אריינגעקוקט אין דעם איציק מאַנגערס אַ בוך, האָב איך טייל לידער אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען. אַצינד איז מיר שוין קלאָר פאַרוואָס די לידער האָט ער געשריבן ווען ער איז געווען אונטערן גלעזל. גיט מיר אַ פלאַש בראַנפן וועל איך אייך אָנפּלאַפּלען נאָך מער נאַרישקייטן פון דעם מאַנגערן. פון די לידער, זעט איר, וואָס שוויאַטלאַ זינגט, זעט מען אַרוים אַז ער האָט זיי געשריבן ווען ער איז געווען ניכטער...״

„הער שוין אויף, לענטשיצקי, מיט דיינע נאַרישע רייד — האָט אים בלושטיין איבערגעריסן — דו פאַרשטייסט דיך אויף פּאָעזיע אַזוי ווי אַ האָן אין בני אָדם. צו פּאָעזיע דאַרף מען האָבן אַ געפיל, דאָס דאַרף מען פילן, פאַרשטייסט!״

„גיי שוין, גיי! — האָט שמואליק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איציק מאַנגער איז נישט אונדזער דיכטער. ער מאָלט נישט דאָס לעבן פון אַרבעטער־קלאַס, ער ווייזט אים נישט קיין וועג צו דער אויסלייזונג.״

„ער איז אָבער פאָלקסטימלעך, ער שעפּט פון פאָלקלאָר — האָט אים בלושטיין געענטפערט. — ער איז אַ קינד פון אָרעמען פאָלק. נישט יעדער דיכטער קען זיין אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז נישט אויס־געוואַקסן אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה און דאָס איז באמת אַ שאָד״, — האָט ער אים פאַרטיידיקט און באַדויערט.

„ווער ווייסט, — האָט שוויאַטלאַ אַ קרעכץ געגעבן, — צי איציק מאַנגער לעבט נאָך? אפשר האָבן אים די נאַציס אומגעבראַכט? וואָס ער איז געווען איז ער געווען, אָבער ער האָט אַ שיינע נשמה, אַ פילבאַר האַרץ, אַן אמתער פּאָעט. הערט, בלושטיין, אויב איך וועל איבערלעבן די מלחמה און טרעפן איציק מאַנגערן, וועל איך אים אָפּגעבן אייער קוש אין זיין פאַרוויינט, פאַרצאַרנט פנים אַריין״.

„וואָס זאָגט זי? — פרעגט ווישליצקי, — אַ פאַרוויינט פאַר־צאָגט פנים האָט ער גאָר? וואָס איז ער אַ יעזוס קריסטוס?״

„אין מיינע אויגן האָט עס אויסגעזען — האָט שוויאַטלאַ גע־ענטפערט — אַז אויף זיין פנים ליגן זיינע ליידן און די ליידן פון אַ גאַנץ פאָלק.״

זיידע האָט אַרויסגענומען זיין ליידיקע לולקע פון מויל און ער האָט זיך אריינגעמישט: „חברטע שוויאַטלאַ, וואָס עפּעס אַזוי פּאָע־טיש? אַנטשולדיקט, כ׳מיין פּאַטעטיש? נישט געזאָרגט! מיטן

קאָפּ אַרויף, חברטע שוויאַטלאַ! נאָך דער מלחמה וועט איר אויפֿטרעטן אין דער פֿילהאַרמאָניע. איר וועט זיין אונדזער פֿאָלקסזינגערין און איר וועט טאַקע אויך זינגען איציק מאַנגערס לידער. איר געפֿעלט מיר מיט דעם וואָס איר האָט ליב שעפּערישע מענטשן, דאָס באַווייזט אַז איר זענט אויך אַ שעפּערישער מענטש. בראַוואָ! בראַוואָ! אונדזער פֿאָלקסזינגערין שוויאַטלאַ!" — האָט ער אַפּלאָדירט און אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן.

שוויאַטלאַ האָט זיך גערויטלט און זיך געשעמט די אויגן אויפֿצוהויבן. זי האָט נישט געוווסט, אויב זיי מיינען ערנסט, אָדער אפשר חוזקן זיי. און אַליין האָט זי נישט געגלייבט, אַז זי, אַן אַרבעטסמיידל, זאָל דאָס קענען דערגרייכן. עס איז שטיל געוואָרן און די חברטע רעגינע האָט איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ קרעכץ: „וועד ווייסט, וויפֿיל שעפּערישע יידן די דייטשן האָבן שוין אומגעברענגט אין דער מלחמה? אוי, צייטן, צייטן! ס'איז נאָך קיינמאָל אויף אונדז יידן אַזאַ חורבן נישט געווען! אין אַלץ איז שולדיק דער קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט, וויל ער זיך ראַטעווען מיט מלחמות און מיטן פֿאַרניכטן דאָס יידישע פֿאָלק".

„און איידער דער קאַפּיטאַליזם איז אַנטשטאַנען, האָט מען אונדז יידן דען בעסער באַהאַנדלט? — האָט זי בלושטיין געפֿרעגט — שוין איבער צוויי טויזנט יאָר ווי מיר יידן ליידן פֿון אַלע פֿעלקער! קוקט אַריין אין דער געשיכטע, וועט איר זען: בעת די קרייץ-צוגן האָבן די גערמאַנישע באַרבאַרן וויניק יידיש בלוט פֿאַרגאָסן? אין פֿערצנטן יאָרהונדערט, בעת עס האָט זיך איבער אייראָפּע און אַזיע געטראָגן די שוואַרצע פּעסט, האָט מען גלייך באַשולדיקט אונדז יידן, אַז מיר האָבן אַרויסגערופֿן דאָס אומגליק. אַז מיר יידן האָבן פֿאַרסמט די ברונעמער, כדי די קריסטן צו טויטן; און דער פֿינצטערער המון האָט געגלויבט און באַלד האָט זיך געגאָסן טייכן יידיש בלוט. אין בייערן און עלזאַס האָט מען יידן מאַסנווייז דערטרונקען און פֿאַרברענט און זיך צעטיילט מיט זייער האָב און גוטס. אין וואָרמס האָט דער שטאָט-ראַט באַשלאָסן צו פֿאַרברענען אַלע יידן. נאָר אונדזערע ברידער האָבן אַליין אונטערגעצונדן זייערע הייזער און אַליין זיך אַריינגעוואָרפֿן אין די פֿלאַמען. דאָס זעלבע איז געווען אין פֿראַנקפֿורט און אין אַנדערע שטעט. אין אָפּענהיים און אין קעלן האָבן זיך אונדזערע ברידער פֿאַרטיידיקט און פֿון אידישע הענט זיינען געפֿאַלן הונדערטער קריסטלעכע רוצחים. צום סוף, ווען דער שונא האָט זיי באַזיגט, האָבן די יידן אונטערגעצונדן זייערע הייזער און אַליין זיך פֿאַרברענט. זיי האָבן געהאַנדלט ווי אין ביתר בעתן חורבן ירושלים. יידן זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין פּחדנים און מיר

דאַרפֿן זיך פֿון זיי אָראָפּנעמען אַ ביישפּיל. איר וועט זען, וואָס איך זאָג אייך: מיר יידן אין די געטאָס וועלן נאָך שטאַרבן מיט כבוד און גבורה!..."

„יאָ, יאָ, יאָ!" — האָבן אַלע צוגעשטימט.

„אָבער לאָמיר גיין ווייטער — האָט בלושטיין פֿאָרגעזעצט — אַצינד אין אָנהויב פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, ווען אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד האָט זיך פֿאַרשפּרייט די רעפֿאָרמאַציע און די קאַטאָליקן האָבן זי באַקעמפֿט, זיינען מיר יידן ווידער געווען דער שעיר לעזאזל: מען האָט אונדז באַשולדיקט, אַז דורך אונדזער „אַפּיקורסישן" איינפֿלוס האָט זיך דאָס געגומען דער פּראָטעסט קעגן דער רוימי־שער רעליגיע; און ווידער האָט מען פֿאַרגאָסן טייכן יידיש בלוט מיט דער ברכה פֿון הייליקן פּויפּסט. און ווייטער: מען האָט אונדז געטריבן, געפּייניקט, דערניידעריקט, דערטרונקען, געשאָכטן, געברענט און געבראָטן אין ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל. די שפּאַנישע אינקוויזיציע, וווּ מען האָט יידן פֿאַרברענט אין מיטן גאַס, געמאַטערט אין די אינקוויזיציע־קעלערן מיט די כלערליי ענויים, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די קריסטלעכע רעליגיע. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אויסרייד, כדי צוצורויבן ביי די יידן זייער פֿאַרמעג, זייער האָב און גוטס. און דאָס זעלבע טוען היינט די דייטשן: פֿאַר דעם צוגערויבטן יידישן פֿאַרמעגן פֿירן זיי די מלחמה. אין טייל לענדער האָט מען אונדז יידן, פּונקט ווי היינט, אַריינגעטריבן אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן און געצוווּנגען צו טראָגן ספּעציעלע היטלען מיט הערנער, טראָגן געלע לאַטעס. יידן האָבן נישט געטאָרט אַפֿילו גיין אויף די טראָטואַרן.

„אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיי געגעבן אַ גאָט; אַ פֿאָלק, וואָס האָט שוין געהאַט אַ קולטור, בעת זיי זיינען נאָך אַרומגעלאָפֿן נאַקעט אין סטעפּ, און געשאָכטן די אייגענע קינדער צום אָפּגאָט, — האָבן מיר שוין געגעבן דער וועלט די „עשרת הדברות" מיטן „לא תרצח!" צוליב דעם טאַקע האָסן זיי אונדז. ווייל די חיה ציט צוריק אין דזשאָנגל אַריין. זיי האָסן אונדז ווייל מיר שטייען העכער. צוליב קנאה האָט זיך געשאַפֿן די שנאה.

„אָבער פֿון קיינעם האָבן מיר אַזוי פֿיל נישט געליטן ווי פֿון די דייטשן: סוף דרייצנטן יאָרהונדערט האָט מען אַלע יידן אַרויס־געטריבן פֿון ענגלאַנד; סוף פֿערצנטן יאָרהונדערט — פֿון פֿראַנקרייך; סוף פֿופֿצנטן יאָרהונדערט — פֿון שפּאַניע און פֿון פּאָרטוגאַל. פֿון דייטשלאַנד האָט מען אונדז נישט געטריבן נאָר אַריינגעטריבן די יידן אין די שולן און אין שטאַלן און זיי אונטערגעצונדן. און אין רוסלאַנד, און אין פּוילן האָבן אויך די דייטשן געהאָלפֿן פֿאַרשפּרייטן

דעם אַנטיסעמיטיזם פּונקט ווי היינט. און פון די אוקראַינער, רומע־נער, אונגאַרן האָבן מיר ווייניק געליטן? און די פּאָגראָמען ביי אונדז אין פוילן? מילא, דאָס ווייסט איר דאָך. וועגן די יידישע צרות קען מען טאַקע זאָגן שלמה המלכס ווערטל: אין חדש תחת השמש. נאָר וואָס? ס'איז שווער צו פאַרשטיין דאָס היינטיקע דייטש־לאַנד: דאָס פאָלק פון פילאָזאָפן, פּאָעטן, וויסנשאַפטלער און טעכ־ניקער זאָלן זיין די זעלבע באַרבאַרן, ווי בעת די קרייץ־צוגן. ס'איז מיר שווער צו פאַרשטיין, וווהין גייט דער מענטשן־מין מיט זיין וויסן און טעכניק?“

„דאָס אַלץ איז אמת — האָט אים די חברטע רעגינע געענט־פערט — וויל רעליגיע, אַבערגלויבן און רעאַקציאָנערע־אידייען מאַכן דעם מענטשן בלינד און ווילד. אַפילו די אייגענע ברידער פון איי־גענעם פאָלק האָט די קירכע אוימגעבראַכט אויף די שווידערלעכסטע אופנים, ווען זיי זיינען געקומען מיט אַן אייגענעם געדאַנק, וואָס האָט געקענט שאַדן ברענגען זייערע אינטערעסן. טאָרקוועמאַדאַ און זיינס גלייכן זיינען רעליגיעזע פאַנאַטיקער, משוגעים, וואָס זיינען אַלץ בכוח צו טאָן אין נאָמען און אין זייערע אייגענע אינטע־רעסן. דאָס זעלבע איז אויך געווען און עס איז ביי אונדז יידן: וואָס איז געווען מיט ישו הנוצרי? ער האָט געקעמפט קעגן די כוהנים און פּאָליטיקער, וואָס האָבן אויסגעזויגן דעם מאַרך פון דיביינער פון אָרעמען פאָלק... דערפאַר האָבן זיי אים פאַרפאָלגט און שפּע־טער אים איבערגעגעבן צו די רוימער. און מיט זיין קאַמף קעגן זיי איז ער שוין ממילא געגאַנגען קעגן די אימפּעראַטאָרן, דערפאַר האָבן זיי אים געקרייציקט און די שולד פאַלט אויף די רוימער...“

דאָ האָט איר בלושטיין איבערגעריסן: „דאָס, חברטע רעגינע, איז נאָך ווייט נישט זיכער צו די כוהנים טאַקע האָבן אים איבער־געגעבן צו די רוימער. די אַלע זאַכן שטאַמען פון דער עוואַנגעליע, וואָס מיט דער גאַנצער קריסטלעכער ליבע פאַרשפּרייט זי בלבולים, שנאה און מאָרד קעגן יידן. די קריסטן פאַרשפּרייטן בלבולים, אַז מיר יידן נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער צו די מצות — בעת זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז יעדער מין בלוט איז ביי יידן טריף — און מיט דעם העצן זיי אויף דעם המון אונדז צו פּאָגראָמירן. דאָס „שענסטע“ פון דעם איז: איידער די קריסטן זיינען געקומען צו דער מאַכט האָבן זיי די רוימער באַשולדיקט מיט דעם זעלבן בלוט־בלבול, אַז זיי, די קריסטן, נוצן בלוט פון רוימישע קינדער אין זייער „רייך־ברויט“ וואָס זיי עסן. דער נאַציזם איז אַ פּראָדוקט פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס דאָס קריסטנטום פאַרשפּרייט. די רוימער האָבן זיך געיאָגט נאָך ישו מחמת פּילאַטוס דער פּראָקוראַטאָר האָט אים

געהאַלטן פאַר אַ בונטאָווושטשיק. ס'איז אויך, רעגינע, אינטערעסאַנט, וואָס אין דער לעצטער צייט זיינען אַרויסגעקומען פאַרשער און געלערנטע און דוקא נישט קיין יידן, וואָס האָבן בכלל געוואָרפן אַ צווייפל צי אַזאַ מאַן, ישו הנוצרי, האָט גאָר אינגאַנצן עקזיסטירט."

„אָבער — האָט רעגינע געזאָגט — לאָמיר צוקומען צו די נענטערע טעג. לאָמיר זען: וואָס האָבן אונזערע רבנים געטאָן צו אוריאל אַקאָסטאַ? צו ברוך שפּינאָזאַ? און וואָס האָבן געטאָן יידישע עסקנים און טייל רבנים צו די יידן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון זיי יושר און גערעכטיקייט ווען דאָס איז געווען קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן? האָבן זיי זיך נישט באַמיט מיט אַלע זייערע כוחות אויסצוורייסן זיי מיטן וואָרצל? און דאָס זעלבע זעען מיר היינט מיט אונדזער „קייסער" רומקאָווסקי און זיין קליקע דאָ אין געטאָ: צי דינען זיי נישט די דייטשן פונקט ווי די יידישע פּלוטאָקראַטיע האָט געדינט די רוימער? זיי דאָ זיינען אויך גרייט איבערצוגעבן דער געשטאַפּאָ יעדן ייד, וואָס אַרבעט קעגן די דייטשן און קעגן זייערע אינטערעסן. מיר וואונדערן זיך אויף די אומווירדיקע מעשים פון רומקאָווסקין מיט זיין קליקע, פון שלום הערצבערגן, פון דוד אַגרודין, פון זיגמונד ריינגאָלדן, דער פאַר־מלחמהדיקער עסקן פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און היינטיקער קאָמיסאַר פון דער „זאָנדער" (יידישער געשטאַפּאָ) — אָבער דאָס זיינען באַקאַנטע מעשים פון דער געשיכטע: בעת מען האָט די יידן אין שפּאַניע געברענט אויף שייטערס, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, זיינען אויך דעמאָלט געווויסע יידן געווען קרוב למלכות. זיי האָבן געהאָלפן אין דעם פינאַנץ־אַפּאַראַט די מלוכה זאָל קענען מלחמה האַלטן. דער סוף זייערער איז געווען דער זעלבער, וואָס אונדזער „קייסער" מיט זיין קליקע וועלן האָבן. עס זיינען דאָ מענטשן און אוממענטשן ביי אַלע פעלקער. אָבער די היינטיקע מלחמה און די יידן־פאַרניכטונג איז נאָר אַ דאַנק דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט און מוז אונטערגיין. (און צולאָזן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג) און מיט דעם באַרבאַריזם וויל זי זיך ראַטעווען..."

„דאָס חברטע רעגינע, בין איך מסכים מיט אייך, — איז איר בלושטיין אַריינגעפאַלן אין די רייד — יעדע מלחמה איז אַרויסגערופן געוואָרן פון אַ קעניג, וואָס האָט שוין געהאַלטן שמאַל מיט זיין מלכות; און ווו נאָר אַ מלחמה, גייט עס באַלד אויס צו יידישע קעפּ. מען פאַרפאָלגט אונדז צוליב עטלעכע זאַכן. אי צוליב אונדזער אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן אין אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן וואַנדערן; אי צוליב דעם, וואָס מיר ווילן אַריינטראָגן יושר און גערעכטיקייט אין דעם סדר פון דער

וועלט, און אויך כדי צו צורויבן אונדזער האָב און גוטס..."

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען שמעון יאַנאָווסקי, אויף איין פוס, אויף צוויי קוליעס. אויף זיין פנים האָט זיך באַוויזן אַ געצוואונגענער שמייכל: „סערוווס, סערוווס, חברה! — האָט ער פריילעך אַ זאָג געטאָן — איך האָב געהערט אויף די טרעפ אַז איר פילאָזאָפירט. צו וואָס? צו ווען? איך וועל אייך בעסער דערציילן גוטע נייעס."

„נו, אדרבה, דערציילט," האָבן אים אַלע געבעטן.

יאַנאָווסקי האָט אַוועקגעשטעלט די קוליעס, מען האָט אים געמאַכט אַן אָרט ביים טיש. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, צוגעקעמט די לאַנגע שאַטינע געלאָקטע האָר, אָפּגעווישט זיך פון שטערן דעם שוויים, וואָס איז אים געקומען פון אָפּגעשוואַכטקייט:

„הערט — האָט ער אָנגעהויבן — ענגלאַנד וועט געווינען די מלחמה. איינער האָט מיר היינט דערציילט אַזאַ מעשהלע: אָנהייב מלחמה איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פעלד און פון גרויס פאַרצווייפלונג גערעדט צו זיך: „ווער וועט געווינען די מלחמה?" האָט ער גע־האַלטן אין איין פרעג אויפן הויכן קול. פלוצלונג איז אָנגעפלויגן אַ פייגעלע און עס האָט אים פאַרענטפערט די מאַטערנדיקע פראַגע: „טשיר־טשיר, טשיר־טשיל!"

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„הערט ווייטער, — האָט יאַנאָווסקי פאַרגעזעצט — ווען היטלער ימח שמו! איז געקומען צו דער מאַכט, האָט יעדער פאַרוואַלטער באַוויזן ווי געטריי ער דינט דעם פירער. ווי איר ווייסט, האָט מען דאַך אומעטום: אין מיליטער, אין די שולעס, אין אַלע פאַבריקן, אין אַלע אַנשטאַלטן און אין אַלע אַמטן לכבוד דעם פירער איינגעאָרדנט פאַראַדן און אים באַגריסט: „הייל היטלער!" האָט דער פאַרוואַלטער פון אַ משוגעים־הויז אויך געוואָלט אַרויסווייזן, ווי געטריי ער איז דעם פירער. האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלע משוגעים אויפן הויף, זיי אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג און מיט זיי איינשטו־דירט אפשר הונדערט מאָל, ווי אַזוי צו באַגריסן דעם פירער. היטלער איז אָנגעקומען, ער האָט דורכשפּאַצירט שטאָלץ, מיט גאוה און אַלע האָבן אים באַגריסט: „הייל היטלער!" אין דער זייט איז זיך גע־זעסן דער וועכטער שטיל, רויק, ווי נישט אים מיינט מען. איז היטלער צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט: „פאַרוואָס באַגריסט דו נישט דעם פירער פון דייטשישן פאָלק?" האָט אים דער וועכטער תמימותדיק געענטפערט: „אַנטשולדיקט, איך בין נישט קיין משוגע־נער."

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און יאַנאָווסקי אויך.

„יאנאווסקי, קיין פרישערע סחורה קאנסטו נישט דערלאנגען?"
— האט אים בלושטיין געפרעגט — דעם וויץ האסטו גענומען ביי משה נודעלמאנען אין ווארשעווער עקספרעס" און דו האסט אים איבערגעניצעוועט."

„גיי שוין, גיי, — האט זיך שמואליק אריינגעמישט — ער פארקויפט נאר יענעמס סחורה — צו אייגענע האט ער זיך נאך נישט ארויפגעארבעט!"

„צו אייגענע סחורה וועט ער זיך שוין קיינמאל נישט ארויפארבעטן — האט בלושטיין צוגעווארפן — אבער דאס איז נישט וויכטיק. איך וועל אייך דערציילן א מעשהלע, וואס עס האט מיר דערציילט א קלוגער ייד. דאס איז א טייער מעשהלע, וואס שפיגלט אפ די פסיכאלאגיע פון אונדז פוילישע יידן: ס'איז שוין נאך דער מלחמה און פארשטייט זיך, אז די דייטשן האבן איינגענומען א מיתה-משונה און די דריי קנאקערס אן א נון: היטלער, גערינג, און געבעלס האבן זיך באהאלטן אין א קעלער אין א יידישער געגנט. ווי לאנג קען מען אויסהאלטן אן עסן? האבן זיי באשלאסן, אז דער אויסגעפאשעטער חזיר — גערינג זאל ארויסגיין אויפזוכן עפעס עסן. גערינג גייט ארויס אויף די גאסן — און עס ווערט אים פינצטער פאר די אויגן: די גאסן זיינען פול מיט יידן און פול מיט יידישע געשעפטן. ער האט אפגעשטעלט א ייד און געבעטן ער זאל אים בארגן צוואנציק מארק. דער ייד קוקט אים אן און ענטפערט בייז: „כ'האב נישט!" ער האט אפגעשטעלט אפשר צען יידן און ביי אלע האט ער געהאט דעם זעלבן שווארצן סוף. בקיצור, ער איז צוריקגעקומען מיט א גרויסן... גארנישט. האט געבעלס געזאגט: „איך וועל אייך וויזן, אז איך וועל אייך יא ברענגען עסן." ער איז ארויס אויף די גאסן. איז ער שיעור אוועקגעפגרט פון זען אזוי פיל יידן מיט אזוי פיל האב און גוטס: „אומזיסט איז געווען מיין ארבעט, — האט ער צו זיך געזאגט, — די יידן געוועלטיקן ווידער". ער האט אפגעשטעלט א ייד און ממש פאר אים געוויינט: „עס איז מיר ביטער ווי דער טויט. איך האב א ווייב מיט קינדער און מיר האבן שוין עטלעכע טעג גארנישט אין מויל געהאט. אזוי ווי יידן זיינען א פאלק פון רחמנים, דעריבער בעט איך ביי אייך א קליינעם גמילת-חסד פון א צען מארק". דער ייד האט אים אנגעקוקט און געענטפערט: „ניין!" און דעם זעלבן סוף האט געבעלס געהאט אפשר ביי צען יידן. בקיצור, געבעלס איז אויך אהיימגעגאנגען מיט גאר א גרויסן... גארנישט.

„הכלל, ס'איז באשלאסן געווארן אז היטלער בכבודו ובעצמו זאל ארויסגיין שאפן עפעס צו עסן. ער האט זיך געוואלט ארויס-

דרייען: ווי אַזוי וועלן זיי מיר יאָ וועלן העלפֿן? אָ, איך קען זיי די זאָו יודען! דאָנער וועטער! באַפרייט מיך, קאַמעראַדן, פֿון דעם," — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן. אָבער, ניין. עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפֿן. היטלער איז אַרויס אויף דער גאַס. ווען ער האָט דערזען אַזוי פֿיל יידן מיט אַזוי פֿיל האָב און גוטס, האָט ער שיעור באַקומען אַ פּאַפּלעקציע. עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט געוואַגט צו צוגיין צו אַ ייד און נישט דרייסט האָט ער אים געבעטן אַ קליינעם גמילת-חסד: אַ צוויי מאַרק אויף אַ שטיקל ברויט." דער ייד גיט אויף אים איין קוק און ער כאַפּט אַרויס אַ קנאַקנדיקן הונדערטער און דערלאַנגט אים. היטלער איז אַזש נבהל ונשתומם געוואָרן. האָט ער אַ פֿרעג געטאָן דעם ייד: „איר קענט מיך נישט? ווי אַזוי האָט איר נישט מורא מיר צו געטרויען אַזאַ גרויסע סומע?"

„דו ביסט קראַנט — האָט אים דער ייד געענטפֿערט — דו האָסט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע און אָפּגעגעבן!"

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„וואָס דען? ער וועט נישט אָפּגעבן? אוי, וועט ער אָפּגעבן, ווי אַ טאַטע." האָט בלושטיין צוגעגעבן.

„ער וועט אַפֿילו דייטשלאַנד אויך אָפּגעבן!" האָט זיידע אַ זאָג געטאָן.

„שוין, גענוג מיט די וויצן — האָט די חברטע רעגינע זיך אַריינגעמישט. — יאַנאָווסקי, זינגט בעסער עפּעס אַ ניי ליד פֿון געטאָ."

„יאָ, כ'האָב אָנגעשריבן אַ ניי ליד וועגן „קייסער", אַ „דודעלע", — האָט יאַנאָווסקי געזאָגט.

„שוין ווידער אַן איבערגעניצעוועטע קאַפּאָטע!" — האָט בלו-שטיין אַריינגעוואָרפֿן.

יאַנאָווסקי האָט זיך נישט געמאַכט הערן און ער האָט געזונגען מיט דעם אַלטן ניגון:

„רומקאָווסקי חיים, רומקאָווסקי חיים,
רומקאָווסקי חיים, רומקאָווסקי חיים,
רומקאָווסקי חיים, כ'וועל דיר אַ דודעלע זינגען!
דו-דו-דו-דו-דו.

איה אמצאך ואיה לא אמצאך?
ווו קען איך דיך יאָ געפֿינען
און ווו קען איך דיך נישט געפֿינען?
דו, דו, דו, דו, דו.

אַז ווו איך גיי, דו!
און ווו איך שטיי, דו
אויף די ווענט — דו, אויפן לוח — דו,
אויפן געלט — דו, אויף די פּאָסטמאַרקעס — דו
דו, דו, דו, דו, דו.

איז עמיצן גוט — דו
ביטער ווי דער טויט — דו
אוי דו, דו, דו, דו

זאַט זיין — דו, הונגערן — דו!
אויף דער פריי — דו, תפיסה — דו!
חתונה — דו, מקבר זיין — דו,
בלייבן אין געטאָ — דו, אַרויסשיקן — דו!
דו, דו, דו, דו...

דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון לאַכן. ווען ער האָט געענדיקט זינגען האָט מען אים שטאַרק אַפּלאָדירט. עמיצער האָט אויסגערופן: „אַט די ניטשעווקע איז גוט אָנגעפּאַסט אויף דעם משוגענעם רומקאָווסקי, בראַוואָ, בראַוואָ, יאַנאָווסקי!״ פּלוצלינג האָט מען זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין צום חבר וואלאך אויסהערן זיין באַריכט פון דעם אונטערערדישן ראַדיאָ. יאַנאָווסקי האָט, מיט זיינע קוליעס, דער לעצטער פאַרלאָזט די פאַרזאַמלונג.

אין פּייפּער געסל

בלושטיין איז איבערגעשיקט געוואָרן אויף אַ „פּלאַצוווקע״ אין דער דריטער טייל פון דער געטאָ. דאָס איז געווען די קלענסטע טייל. דאָרטן האָט ער באַדאַרפט היטן אַ חרובע שטוב, ווו טיר און פענצטער זיינען פאַרקלאַפּט געווען.

עס איז שוין געווען טיף אין ווינטער. ער האָט נישט געהאַט ווו אַריינצוגיין, האָט ער זיך געמוזט דרייען אינדרויסן אויף דער קעלט גאַנצע צוועלף שעה אין מעת-לעת.

פון שטענדיק אָן איז דאָס געווען דער אָרעמסטער יידישער קוואַרטאַל אין לאָדזש. דאָס „פּייפּער״-געסל, אין באַלוט. דאָ האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט: דראָשקאַזשעס, טרעגער, באַלעגאָלעס, מדינה-גייערס, קונצן-מאַכער, קאַטאַרינקאַזשעס, „ווילע יונגען״, — גאַסן-פרויען און האַנט-וועבער, שניידערס, כאַלופּניקעס און אויך בכבודיקע פרומע, אָרעמע יידן.

די וווינונגען זיינען דאָ געווען אָדער לאַנגעברייטע שטובן פאַר

האַנט-וועבשטולן, אָדער ענגע קעמערלעך. דאָס זיינען אַלץ געווען הילצערנע בודעס, ווו עס האָבן זיך געראַיעט אַלערליי ווערים און שרצים. אין די הייסע, שטיקנדיקע זומערדיקע נעכט פלעגן די וואַנצן אַראָפּטרייבן די מענטשן פון די געלעגערס אין די הויף אַריין.

אויף ביידע זייטן פון די טראָטואַרן האָט זיך געצויגן דער געטאָ-צוים, ווו עס איז אַרומגעגאַנגען די געטאָ-וואַך. אין מיטן איז געפאָרן דער טראַמוויי קיין אַלעקסאַנדרווו. איבער דער גאַס האָט זיך געפונען אַ הילצערנע בריק, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס „פייפער"-געסל מיט דער „פּריוועטן"-גאַס (בית הכסא-גאַס) אַזוי האָבן יידן זי אָנגערופן, ווייל די הייזער האָבן אויסגעזען ווי פּריוועטן. די מיסט-קאַסטנס און די בית-הכסאס זיינען געלעגן ביי די ווענט פון די שטובן. קינדער, באָרוועסע, נאַקעטע און איינגעריסטע האָבן דאָ געהאַט זייער „שפּיל-גאָרטן" אין די פּלאַכע, אייביק-נאַסע, שמוציקע רינשטאָקן פון אויס-געגאָסענע פאָמעשאַפער ; די איינוווינער פון די דאָזיקע געסלעך זיי-נען תמיד זשעדנע געווען פאַר אַ שטיקל ברויט.

יעדן פּסח האָבן די פּוילישע אַנטיסעמיטן אויסגעלאָדנט זייער צאָרן אויף אָט די יידישע „קאַפּיטאַליסטן" פון די געסלעך מיט פּאָגראָמען : זיי האָבן אויסגעהאַקט די שויבן, צעבראָכן די ווענט, די פענצטער און טירן, צעבראָכן דאָס ביסל אָרעמע געפעס, די וועב-שטולן, די נײ-מאַשינען, פון שניידער און שניידערקעס, צעבראָכן דאָס ביסל אָרעמע מעבל, צעפּליקט דאָס אָרעמע בעטגעוואַנט און געלאָזט אויפן ווינט די פעדערן און די יידן און זייערע קינדער געשלאָגן מכות-רצח. זיי האָבן געשריגן :

„אַ טויט די יידישע קאַפּיטאַליסטן !"
„זשידעס קיין פּאַלעסטינע !"
„זשידעס באַלשעוויקן !"

אויף די הויף פון די נאָענטסטע פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן איז די פּאָליציי געשטאַנען גרייט אויף פערד כלומרשט נישט צו דערלאָזן קיין פּאָגראָם אויף די יידן ,נאָר ערשט נאָכן פּאָגראָם האָט דער קאָמיסאַר באַפוילן : „שנעל אַרויסרייטן היטן די אָרדענונג פון די בירגער !" אָבער, אַ מאָדנע זאַך : קיינמאָל איז „נישט" געווען וועמען צו באַשטראָפן. פונקט ווי אין די צאַרישע צייטן פלעגט מען נישט „קענען" געפינען קיין שולדיקע אין פּאָגראָמירן פּאָליאַקן.

אין מיטן ווינטער, איידער רומקאָווסקי האָט געשאַפן די געטאָ, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג : לאָדזש מוז בלייבן „יודען-ריין". פון די אָרעמע באַלוטער געסלעך, ווו עס איז שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן די געטאָ, האָבן די דייטשן אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעריסן

די יידן פון זייערע נעסטן און ערגעץ פאַרשיקט. האָט יעדער ייד ביי זיך אין שטוב — אַפילו אַ קינד— געהאַט גרייט אַ פּלעצאַק מיט די נויטיקסטע זאַכן. די יידישע גמינע האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די אָרעמעלייט, נאָר גלייכצייטיק האָט זי אויך נישט געוואָלט, אַז די רייכע יידן זאָלן אַנטלויפן פון לאָדזש. האָט מען פאַר זיי באַדאַרפט האָבן וווינונגען. דעריבער האָט רומקאָווסקי מודיע געווען, אַז די יידן פון באַלוט, וואָס וועלן פאַרלאָזן לאָדזש, וועלן באַקומען אַ סומע געלט אויף הוצאות הדרך. די בהלה, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן לאָדזש, איז געוואָרן מיט יעדע מינוט גרעסער. האָבן זיך די אָרעמע לייט פאַררעגיסטרירט אין דער גמינע אַרויסצופאָרן. זיי האָבן באַקומען דאָס צוגעזאָגטע געלט אויף הוצאות, האָבן איבערגעגעבן די שליסלען דער גמינע און האָבן גענומען די נויטיקסטע זאַכן מיט די קינדערלעך אויף די הענט און האָבן זיך געלאָזט דורך די הויכע שנייען און זאַווערוכעס אין פּראָטעקטאָראַט אַריין. טייל זיינען געפאָרן אויף פערד און וואָגן, טייל האָבן זיך געשלעפּט צופוס, אַ סך האָבן גאָרנישט דערלעבט צו קומען אין פּראָטעקטאָראַט אַריין; און די וואָס זיינען יאָ אָנגעקומען אין אַ שטעטל, ווו עס האָבן געוווינט יידן, אָדער זייערע קרובים, האָבן זיי געמוזט גיין ווייטער, ווייל די דייטשן האָבן זיי נישט דערלויבט זיך צו באַזעצן. און אַזוי האָבן זיי זיך געמוזט שלעפּן פון שטעטל צו שטעטל. אין יעדער יידישער גמינע האָבן זיי נאָר געקענט איבערנעכטיקן איין איינציקע נאַכט, זיי האָבן באַקומען אַ פּאָר מאַרק און האָבן געמוזט ווייטער זיך שלעפּן.

די יידן האָבן באַלד געזען, אַז פון דעם „גליק״, וואָס רומקאָווסקי האָט זיי צוגעזאָגט אין פּראָטעקטאָראַט, האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט אַן אומגליק. אַז מען האָט געהאַט געלט, האָט מען נאָך אין לאָדזש געקענט קויפן אַ גוט ברויט פאַר אַ נאָרמאַלן פּרייז. און אין פּראָטעקטאָראַט האָט מען נאָר אויף דעם קאַרטל געקענט קריגן שוואַרץ ברויט געמישט מיט קרייד, אָדער גיפּס. אַ שטיקל בעסער ברויט האָט מען נאָר באַקומען אויסער דעם קאַרטל, פאַר אַרויפגעשרויפטע פּרייזן. האָבן זיך אַ סך יידן צוריק אַריינגעשמוגלט קיין לאָדזש, וואָס איז געווען דער „נויער רייך״, ווו מ'האָט געקאָנט קריגן בעסער ברויט און אַ ביסל ביליקער. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען צו זייערע וווינונגען, האָבן זיי געטראָפן אַז זיי זיינען פאַרנומען פון יידן, וואָס האָבן פריער געוווינט אין דער שטאָט אין גרויסע לוקסוריעזע וווינונגען. די צוריקגעקומענע האָבן געוואָלט צוריק אַריין, האָבן די געוועזענע גבירים געטענהט: „מיר האָבן פאַר דעם לאָך באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט דער יידישער גמינע״.

צוליב די וווינונגען זיינען פאָרגעקומען קריגערייען צווישן די ייִדן, ווייל עס איז נישט געווען ווו די אָרעמע ביינער אָוועקצולייגן.

שבת אין חסידים שטיבל

אויף איינעם פון די באַלוטער הייף ווו בלושטיין האָט אַצינד געהאַט זיין „פלאַצוווקע" האָט זיך געפונען אַ דריי שטאָקיק הויז אין דער פאָרם פון אַ דלד. דאָ איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פאָלקס־שול. אַצינד איז דאָ געווען אַ קאָאָפעראַטיוו, ווו עס זיינען שטענדיק געשטאַנען רייען און עס האָבן געהילכט די געשרייען פון די פאַר־הונגערטע און פאַרפייניקטע ייִדן. אויבן האָט זיך געפונען אַ לאַגער פון די פאַרשיקטע דייטשע ייִדן. אַז די פלויטן און שאַפעס זיינען צעריסן געוואָרן אויף באַהייצונג האָט זיך פון אַלע הייף אין געסל געשאַפן איין הויף. דאָ האָט זיך בלושטיין איצט אַרומגעדרייט און געפרווירן געוואָרן.

שפּעטער האָט זיך בלושטיין באַקענט מיט אַ משפּחה, וואָס האָט געוווינט אויבן איבער דער שטוב, וואָס ער האָט געהיט. דאָ איז געווען אַן אַלמנה פון אַ תּלמיד־חכם, אַ ראש ישיבה וואָס איז נפטר געוואָרן דעם ערשטן זומער אין געטאָ צוליבן הונגער. ער האָט איבער־געלאָזט אַ צוואַנציק יאָריקן זון, אַ זעכצן יאָריקער טאָכטער און אַ בר־מצווה בחורל. דער זון האָט געהאַט אַ שוואַרץ שיטער קורץ בערדל. ער איז געגאַנגען אין זיין פאָטערס דרכים. געוווינט האָבן זיי אין אַ גרויסער שטוב מיט אַ קליין חדרל. דאָרטן אין אַ פאַר־דעקטן אָרון־קודש האָט זיך געפונען אַ ספר־תורה. דאָ האָט אַ גרויסער מנין געדאַוונט צוויי מאָל אַ טאָג. שבת האָט דער זון גע־פירט טיש: ער האָט קידוש געמאַכט איבער רויטן באָרשט, וואָס איז פאַרזיסט געוואָרן מיט סאַכאַרין. לכבוד שבת האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצע אַטלאַסענע זשופּיצע, אַ סאַמעטן היטל. לחם־משנה האָט קיינמאָל נישט געקענט זיין, אָבער די מאַמע האָט אַזוי געווירט־שאַפט, אַז שבת זאָל איר זון קענען אַ המוציא מאַכן איבער אַ גאַנץ ברויט. צו שלוש־סעודות האָט יעדער פון די מתפּללים זיך אָפּגע־שפּאָרט איין כּזית ברויט און עס מיטגעברענגט. יעדער האָט זיך געוואַשן, געזאָגט: „שאו ידיכם" מיט כּוונה, אויפגעפּאַקט דעם כּזית ברויט און האַלטנדיק אין דער האַנט געמאַכט די המוציא מיט כּוונה. און דערביי אויסגעזונגען די גאַנצע שבתדיקע זמירות. אַ בחורל האָט געברענגט מים אחרונים. יעדער האָט איינגענעצט די שפּיץ פינגער, און דער זון האָט גענומען אַ גלאָז רויטן באָרשט אין דער רעכטער האַנט אַריין, ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און אויסגעזונגען מיט אַ טראַדיציאָנעלן טרויעריקן ניגון: „רבותי, מיר וועלן בענטשן!"

און אַלע האָבן אָפּגעענטפערט אין דעם זעלבן נוסח: „יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם!" בעת די מאַנסלייט האָבן געבענטשט, איז די אַלמנה געזעסן אין קיך ביים פענצטער און אָנגעציילט אויפן הימל דריי שטערן און זי האָט מיט איר מיידל געזאָגט „גאָט פון אברהם":

„גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט און באַשירם דיין ליב פאָלק ישראל
וועגן דיינעם לויב.
אַז דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק,
די זיסע ליבע וואָך זאָל קומען:
צו געזונט און צו לעבן, צו שלום,
צו מזל, צו ברכה, צו פרנסה טובה,
צו לויטער מצוות, צו קיין עברות,
צו גוטע בשורות טובות,
צו ישועות און נחמות.
אָמן, אָמן! ס׳זאָל זיין וואָר.
מלך המשיח בן דוד זאָל קומען דאָס יאָר,
קומען זאָל ער צופאָרן
אין זיינע שיינע יאָרן.
קומען זאָל ער אויף אַ וויים פערד צורייטן,
אין זיינע שיינע צייטן.
אליהו הנביא קומט אין אונדזער הויז אַריין,
נעמט דעם בעכער אין זיין רעכטער האַנט,
און מאַכט אַ ברכה איבער אונדזער לאַנד.
די ברכה זאָל הויך זיין,
זאָל איבער אונדז אויך זיין.
אליהו הנביא קומט אין אונדזער הויז אַריין —
ברענגט ער אַלדאָס גוטס אַריין.
אליהו הנביא גייט פון אונדזער הויז אַרויס,
טראָגט ער אַלדאָס שלעכטס אַרויס.
מיר און טויער שטייט דאָך אָפן,
צו דיר פאָטער, אל רחמים, שדי,
אין זיבעטן הימל טוען מיר האָפן".

די לעצטע זיבן שורות האָבן זיי געזאָגט דריי מאָל. און די אַלמנה האָט פאַרענדיקט:

„היטלער זאָל אָנגעמען אַ מיתה-משונה! מיר זאָלן גאָר אין גיכן אויסגעלייזט ווערן! מיר זאָלן די אַלע צרות דערציילן אין פריידן. אמן, אמן!"

נאָכן בענטשן האָט אַ פֿאָטער אַראָפּגעשיקט אַ ייִנגעלע אויפֿן הויף. ער איז באַלד צוריק אַרויפֿגעקומען און דערציילט, אַז ער האָט שוין געזען דריי שטערן אויפֿן הימל, אַז עס איז שוין אויס שבת. די טאָכטער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און די ייִדן האָבן געדאַוונט מעריב מיטן וואָכעדיקן ניגון. אַ קליין ייִנגל איז אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ שטול און געהאַלטן דאָס ליכט אַזוי הויך, ווי ער האָט נאָר געקענט די הענט אויסציִען, און דער בעל־הבית האָט געמאַכט הבדלה איבער אַ גלעזל רויטן באָרשט. אַלע האָבן געמאַכט די ברכה: בורא מאורי האש. און בעת־מעשה האָבן זיי אויפֿגעהויבן די הענט צום ליכט און געקוקט אויף די נעגל. ווען דער בעל־הבית האָט פֿאַרענדיקט די הבדלה האָבן אַלע אין איין קול געזאָגט: „גוטוואָך! אַ גוטע וואָך! אַ מזל־דיקע וואָך!“ און זיי האָבן געזונגען: „הבדיל בין קודש לחול“ און „אליהו הנביא“. דערנאָך זײַנען זיי זיך צעגאַנגען.

איין ייִד, וואָס האָט געהאַלטן ביי די הענט זײַנע צוויי קינדער האָט געזאָגט: „אַצינד, אַז עס איז שוין אויס שבת, מעג איך דאָך שוין רעדן. כ'האָב צייט מעך צו צושטעלן ביזגאַלע נײַנע אַ זייגער. נאָך נעכטן ביזגאַלע לאַכט־צינדן, זײַנען שוין אַלע פֿלעצאַקעס געווען אײַנגעפּאַקט.“ די עטלעכע ייִדן וואָס זײַנען נאָך געבליבן האָבן אים אויסגעהערט מיט רחמנות. „איך און מײַן ווײַב — האָט ער ווייטער גערעדט — שלאָפֿן שוין נישט זינט מיר האָבן באַקומען די „חתונה־קאַרט“. ווער ווייסט... איין גאָט אין הימל ווייסט, וווהין זיי שיקן אונדז“, — האָט ער גערעדט מיט פֿאַרצווייפֿלונג.

„אוי, פֿאַרלירט נישט דעם בטחון אין רבונו של עולם: צרות רבים חצי נחמה!“

„חלילה! — פֿאַרטיידיקט ער זיך — ווער זאָגט, אַז איך האָב נישט קיין בטחון אין רבונו של עולם? איר זעט? — ווײַזט ער אויף די קינדער — כ'האָב זיי פֿאַר איין ברויט אויסגעקליידט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. כ'האָב ביי אַ „יעקע“ (דײַטשן ייִד) געקויפֿט טייערע שיך, מאַנטעלעך, קליידער, וועש. כ'האָב זיי אַפֿילו פֿאַרזאָרגט מיט פּוילישע לערן־ביכלעך: אַ גראַמאַטיקע, אַן אַריפֿמעטיקע, אַ געאָ־גראַפֿיע און שרייב־מאַטעריאַל אויך. כ'ווייס, אפֿשר דאָרט, וווּ מען וועט אַהינקומען, וועט מען נישט קענען באַקומען די זאַכן. די יאָרן אַנט־לויפֿן דאָך און קינדער מוז מען לערנען, זיי זאָלן אויסוואַקסן מענטשן“.

דער ייִד האָט זיך געאײַלט, אַלע האָבן אים אַהיימבאַגלייט און געזעגנט מיט ברכות און יעדער האָט זיך געטראַכט: „יעדע מינוט קען ער באַקומען אַ „חתונה־קאַרט“ אַרויסגעשיקט צו ווערן פֿון געטאָ. און ווער ווייסט צי נישט צום טויט.“

בלושטיין איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל. זיך צוגעהערט און

צוגעקוקט צו די חסידישע ייִדן. אין דער שטוב פלעגט ער אָפּזיצן גאַנצע טעג, אַראָפּקוקן דורכן פענצטער, היטן צי רייסט נישט ווער אָפּ אַ ברעטל פון דער חורבה, וואָס ער דאַרף היטן, אָדער צי עס קומט נישט אָן קיין קאָנטראָלער. די חסידישע משפּחה האָט זיך מיט אים אַזוי איינגעלעבט. אויב ער איז אַמאָל נישט געקומען, האָבן זיי נאָך אים געבענקט. אַצינד ווען די ייִדן האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט בלושטיין געזאָגט צו דער אלמנה:

„די דייטשן זיינען שוין איינמאָל ראַפינירטע בעסטיעס: זיי האָבן אַריינגעשיקט די דייטשע יאָהודים מיט פולע קופערטס קליי־דער, שיך, וועש, צירונג. און די נאַקעטע און באָרוועסע פּוילישע ייִדן גיבן אַוועק זייער ביסן ברויט פון מויל פאַר אַ מלבוש, פאַר אַ פּאָר שיך. אַזוי פרעסט איין ייִד אויף דעם צווייטן. און אויף „מאַ־רישון", ביים פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען, נעמען די דייטשן סיי ווי סיי אַלצדינג צו."

די אלמנה האָט נישט געענטפערט. זי האָט נאָר געקרעכצט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

* * *

שוין וואָכן ווי דער „קייסער" רומקאָווסקי גיט נישט קיין שום שפּייז־צוטייל אַ חוץ די פּאָר דעקאַ ליימיק ברויט. די בעקער האָבן געמוזט ווערן קינסטלער צו קענען אויסבאַקן ברויט פון אַ קליין ביסל קאָרן־מעל־ערזאַץ, קאַשטאַן־מעל און קאַרטאָפל־מעל. סיי ווי סיי האָט מען אַ סך פון דעם ברויט נישט געטאָרט עסן: עס האָט געברענט אין מאָגן, אונטערן האַרץ, עס האָט געמאַכט אַ לויזן מאָגן, עס האָט קאַליע געמאַכט די געדערים. דאָס נישט אַרויסגעבן קיין שפּייז־צוטייל בעת די אויסזידלונגען, איז געווען מיט אַן אויסרע־כענונג: נישט אַלע אסורים האָבן זיך צוגעשטעלט. אַ סך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און די משפּחות האָבן זיך מיט זיי געטיילט מיטן ביסן. ווייל ווי נאָר עס איז ווער אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער ליסטע אַרויסגעשיקט צו ווערן, האָט דער „קייסער" פאַרבלאָקירט די שפּייז־קאַרטן און מען האָט באַלד געלאָזט וויסן אין די קאָאָפּעראַ־טיוון, ווו ער האָט אָפּגענומען די שפּייז, אַז זיינע קאַרטן זיינען אומגילטיק. די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן זיינען געווען געצוווּנגען אַלצדינג פון זיך אויסצופאַרקויפן און צאָלן געוואַלטיקע פרייזן פאַר אַ ביסעלע שפּייז, קוים דאָס לעבן זיך צו דערהאַלטן. דעריבער האָט דער „קייסער" נישט אַרויסגעגעבן קיין שום שפּייז־צוטייל, כדי זיי זאָלן זיין געצוווּנגען זיך צו צושטעלן. דער „קייסער" האָט אויך גע־לאָזט אויסקלעפּן פּלאַקאַטן אין אַלע דריי לשונות: דייטש, פּויליש און ייִדיש (אַזוי ווי ייִדיש שרייבט מען פון רעכטס איז אויסגעקומען

יידיש אויפן ערשטן אָרט) ווו ער האָט מודיע געווען: „בעקאַנטמאַ־כונג! דערמיט מאַך איך באַקאַנט אַלע מיינע יודן פון מיין געטאָ, אַז קיינער פון מיינע יודן איז נישט דערלויבט אין ערגעץ צו נאַכטיקן אויסער דאָ ווו ער איז איינגעמאָלדן. איך מאַך פאַראַנטוואָרטלעך אַלע מיינע הויז־וועכטער און אַלע מיינע יודן אין מיין געטאָ, ביי וועמען אין הויז איך וועל טרעפן איבערנעכטיקן אַזאַ איינעם, וואָס איז דאָרט נישט איינגעמאָלדן, דעם וועל איך אַרויסשיקן פון מיין געטאָ מיט זיין גאַנצער משפחה, צוזאַמען מיט די ווידערשפעניקע, וואָס שטעלן זיך אַקעגן מיינע פאַראָרדענונגען! אין מיין געטאָ מוז הערשן רו און אָרדענונג!" דער עלטסטער דער יודען פון ליצמאַנ־שטאַדט־געטאָ, מ. ח. רומקאָווסקי."

אָבער די יידן האָבן אים נישט געפאָלגט, זיי האָבן געהאָלפן די, וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן.

פון גרויסן הונגער און קעלט זיינען אַ סך מענטשן איבער נאַכט געשטאָרבן. די מתים האָבן אויסגעזען ווי געטריקנטע פיש. דער טיפוס האָט געפאַנעוועט כמעט אין יעדן הויז. דער „געזונטהייטס אַמט", אונטער דעם „קייסערס" אָנפירונג, האָט אויסגעקלעפּט אויף די טירן פון די שטובן, ווו עס זיינען געלעגן די קראַנקע, רויטע פלאַקאַטן מיט שוואַרצער דייטשער שריפט:

„אַכטונג, אַנשטעקנדע קראַנקהייט!" דער „קייסער" האָט גע־שאַפן אַ ספּעציעלע פּאָליציי מיטן נאָמען: „סאַניטאַר־פּאָליציי"... זיי האָבן געטראָגן די זעלבע היטלען, וואָס זיין פּאָליציי, נאָר די באַנד אויפן לינקן אָרעם איז געווען האַלב געל און האַלב ווייס, מיט אַן אויפשריפט אין דייטש: „סאַניטאַר־פּאָליציי". ביי יעדער טיר, ווו עס האָט געהאַנגען אַזאַ פּלאַקאַט, האָט אַ די פּאָליציי געהיט טאָג און נאַכט. קיינער האָט נישט געטאָרט אַריינגיין און נישט אַרויסגיין, ביז עס איז אָנגעקומען אַ וואָגן און מען האָט די איינ־ווינער פון די שטובן אַרויסגעשיקט פון געטאָ־אומצוברענגען.

אויבן אין הויכן הויז איבער דער קאָאָפּעראַטיוו, ווו עס האָבן זיך געשטיקט אין ענגשאַפט די אַריינגעשיקטע דייטשע יידן, האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט דער טיפוס, האָט די „סאַניטאַר־פּאָליציי" אַזוי לאַנג געהיט, ביז מען האָט אויך זיי אַרויסגעשיקט פון געטאָ אומצובררענגען. שפּעטער, ווען מען האָט זיך שוין נישט גענויטיקט אין דער „סאַניטאַר־פּאָליציי", האָבן די דייטשן אויך זיי אַרויסגע־שיקט מיטן אויסרייד, אַז זיי זיינען אויך אָנגעשטעקט מיט טיפוס. האָט בלושטיין געהאַט צו היטן דאָס גאַנצע הויז, ביז עס איז אויס־געליידיקט געוואָרן פון מענטשן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שניידער־רעסאָרט.

ציגיינער־לאגער

שוין חדשים, ווי אין די נעכט ווערט בלושטיין אויפגעריסן פון שלאָף צוליב די יאָמערלעכע געוואַלד־געשרייען פון געפּייניקטע מענטשן, וואָס קומען פון „ציגיינער־לאַגער", וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון בלושטיינס שטוב.

באַלד נאָך סוכות איז דער „קייסער" רומקאָווסקי אָנגעקומען אויף זיין דראָשקע אויף דער דוואָרסקע גאַס, נישט ווייט פון דער דירה, וווּ בלושטיין האָט געוווינט. דערנאָך זיינען געקומען אויף אויטאָמאָבילן עטלעכע געשטאַפּאָ־לייט. זיי האָבן באַטראַכט די אַרו־מיקע געסלעך און האָבן באַשלאָסן צונעמען נאָר איין בלאָק מיט הויכע גרויסע הייזער, וואָס שטייען נעבן געטאָ־צוים.

באַלד האָט דער „קייסער" באַפוילן, אַז אַלע יידן מוזן אין משך פון עטלעכע טעג פאַרלאָזן דעם דאָזיקן שטח. די יידן האָבן זיך באַלד אַרויסגעצויגן און צוזאַמענגעקוועטשט צווישן קרובים און באַקאַנטע. בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען גייט מאַכן אַ „ציגיינער־לאַגער", די דייטשן וועלן דאָ אַריינשיקן אַלע ציגיינער פון גאַנץ פוילן.

יידן האָבן צווישן זיך גערעדט: „ציגיינער זיינען אַ גרויסע סכנה פאַר אונדז. זיי וועלן אונדז באַגזלענען, באַגנבענען. זיי וועלן אונדז דאָס צוגעטיילטע פּיצעלע ברויט פון מויל אַרויסרייסן." יידן האָבן דערזען, אַז מען נעמט אַרום דעם שטח מיט אַ טאָפּלטן צוים פון שטעכלדראָט, און הארט נעבן ערשטן צוים האָט מען אַרום און אַרום אויסגעגראָבן אַ טיפן ראָוו און אַריינגעלאָזט וואַסער, אַזוי, אַז דער לאַגער איז געשטאַנען ווי אויף אַן אינדזל. צווישןביידע צוימען זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן וואַך־בודקעס מיט רויטע און ווייסע פּאַסן. און אויף איין טראָטואַר־פּראָנט אויף דער בזשעזשינער גאַס, וווּ מען האָט נישט געקענט אויף דער גיך מאַכן דעם ראָוו מיט וואַסער, האָט מען פון איין צוים צום צווייטן געדיכט געפלאָכטן מיט שטעכל־דראָט. ווען אַ קאַץ וואָלט דאָ געפּרוווט דורכלויפן, וואָלט זי צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך אַז די יידן האָבן דאָס דערזען האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן גאָר אַנדערע דיבורים. זיי האָבן רחמנות געקריגן אויף די ציגיינער. מען האָט געשמועסט: אַז דאָס וועט זיין אַן אָפּ־געשניטן לענדעלע אַזוי ווי די געטאָ: זיי וועלן האָבן אַן אייגענעם שפּיטאָל, אייגענע אַמטן און אַן אייגענעם בית־עולם.

דעם גאַנצן לאַגער האָבן יידן געמוזט פּאַרטיק מאַכן אונטערן אויפזיכט פון „קייסערס" ווירטשאַפטס־אַמט. איינמאָל אין מיטן טאָג האָט די „געשטאַפּאָ" געברענגט אַ צאָל ציגיינער אין דעם לאַגער

אַריין. זיי זיינען געשטאַנען אויבן ביי די פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין געטאָ אַריין מיט פאַרחידושטע ברוינע פּנימער און פעך־שוואַרצע אויגן. ווען בלושטיין האָט דאָס געזען האָט ער אויסגעשריגן: „טאַקע אמתע ציגיינער! עס איז נישט קיין ליגן!" און באַלד האָט זיך די ידיעה וועגן די ציגיינער פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געטאָ.

דער לאַגער האָט פאַרנומען אַ שטח פון עטלעכע הונדערט מעטער די לענג און עטלעכע הונדערט מעטער די ברייט. די פּאָר הייזער האָבן געהאַט צו פינף שטאָק. צווישן די ביידע צוימען האָבן זיך געדרייט באַהעלמטע סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן.

באַלד איז דער לאַגער איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט איבער צען טויזנט נפשות, צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען סלאַוון און יידן; פרויען מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, מיט קליינע קינדער ביי די זייטן. די געטאָ־יידן, וואָס האָבן כסדר געהונגערט, האָבן געמוזט צושטעלן שפּייז פאַר דעם לאַגער. די שטובן זיינען געווען אינגאַנצן אויסגעליידיקט: אָן אַ טיש, אָן אַ שטול, אָן אַ בעט, אָן שעניקעס (שטרוי־זעק), אָן שטרוי. די דייטשן האָבן אויסגעהאַקט די שויבן, אַרויסגעריסן די טירן און פענצטער, צעוואָרפן די אויוונס. עס איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעכער ווינטער: שטאַרקע פרעסט, שנייען און זאַווירוכעס. דער ווינט האָט געבלאָזן אין די אָפענע אומבאַהייצטע שטובן. אין מיטן נאַכט האָט זיך דערטראָגן צו בלושטיינען, ווי צו אַלע שכנים, דאָס פייפן פון אַ פייפערל פון געשטאַפּאָ־פייניקער און די יאָמערלעכע געוואַלד־געשרייען פון די געפּייניקטע. מען האָט דאָרט די מענטשן געהאַנגען לעבעדיקערהייט אויף האקעס, ווי מען הענגט אויף געשאָכטענע עופות אָדער זייטלעך פלייש. מען האָט דאָרטן געהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. יעדע נאַכט זיינען די דייטשן געקומען, אָפּגעפרעסענע און באַזויפענע, און זיך פאַרווײַלט מיט פאַרפייניקן די מענטשן מיט אַלע מיתות־משונות. זיי האָבן נישט גערעדט, נאָר געפייפט אָדער געשאָסן מיטן רעוואָלווער, וואָס זיי האָבן קיינמאָל פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט.

יעדן פאַרנאַכט איז אַ גרויסער ראָלוואָגן פון געטאָ אַריינגעפאָרן אין ציגיינער־לאַגער. אויף אים האָט מען אָנגעלאָדן צענדליקער הרוגים און האַלב־לעבעדיקע. די געשטאַפּאָ איז מיטגעפאָרן אויפן יידישן בית־עולם, און אין דער פינצטער האָט מען געמוזט די טויטע און אויך די וואָס האָבן נאָך געלעבט, אַריינוואַרפן אין גריבער און פאַרשיטן.

דער ציגיינער־לאַגער האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז עס איז אויסגעבראָכן דער פלעקן־טיפוס און די עפּידעמיע האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן איבער די דראָטן צו די דייטשן. האָבן זיי באַפוילן,

אַז יידישע דאָקטוירים פון געטאָ זאָלן היילן די קראַנקע אין לאַגער. די יידישע דאָקטוירים האָבן זיך מוסר נפש געווען: זיי האָבן גע־אַרבעט טאָג און נאַכט, נאָר וואָס האָבן זיי געקענט העלפן אין די שרעקלעכע באַדינגונגען? איין דאָקטאָר האָט זיך אָנגעשטעקט און איז געפאַלן אַ קרבן. דערנאָך זיינען די דייטשן געפאַלן אויף אַ פּלאַן: זיי האָבן אין איין נאַכט אַלע אסורים פון דעם ציגיינער־לאַגער ערגעץ אַרויסגעפירט און זיי אומגעבראַכט.

שפּעטער ווען מען האָט די געטאָ־יידן איבערגעגעבן דעם לאַגער אויסצורייניקן, צו צוגרייטן פאַר אַ רעסאָרט, האָט מען דערציילט, אַז די אַרבעטער האָבן דאָרטן געפונען סימנים פון יידישקייט: מזוזה־לעך, מגן־דודלעך, אַ לעגיטימאַציע פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון ווין, וכדומה.

פון פלעק־טיפוס, וואָס האָט זיך אויך איבערגעטראָגן אין געטאָ, איז אויך געשטאָרבן פישביין. אים האָט כמעט די גאַנצע געטאָ באַ־וויינט. מיט זיין טויט האָט בלושטיין פאַרלוירן זיין פּראָטעקציע. פישביינס אָרט האָט פאַרנומען אַ רשע מרושע, וואָס האָט די וועכטער און די הויזוועכטער אָנגעטאָן געברענטע צרות. געהייסן האָט ער גוטערמאַן, פונקט פאַרקערט, וואָס ער איז געווען. בלושטיין האָט געבעטן אויף זיין טויט און אויף דעם טויט פון זיינע מיטאַרבעטער.

אויף דעם אָרט פון „ציגיינער־לאַגער" האָט דער „קייסער" געעפנט אַ „שטרוי־רעסאָרט" ווו יידן האָבן פון שטרוי געפלאָכטן דיקע און גרויסע שיך אָנצוטאָן אויף די שטיוול פאַר די דייטשע „זיגער" אויפן מזרח־פראָנט. די דייטשן האָבן זיך געניטיקט אין די שטרוי־שיך, זיי האָבן פאַרלאַנגט וואָס מער פּראָדוקציע. זיי האָבן אַריינגעשיקט שטרוי און שטריק מיט נאָדלען צו נייען. און יידישע פרויען האָבן געפלאָכטן די שטרוי, גענייט אויף אַ פרימיטיוון אופן די שיך און געהונגערט. טאָג־טעגלעך זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן טויזנטער פאַר שטרוי־שיך, פון וועלכע די דייטשע אונטערנעמער האָבן פאַרדינט אוצרות.

דער „שטרוי־רעסאָרט" האָט פּראָדוצירט גאַנצע טעג און נעכט און דעם „קייסערס" האַרץ איז געוואַקסן פון נחת: „יאָ, איבער אַזאַ מלוכה, וואָס גיט אַרויס פּראָדוקציע, וועלן די דייטשן מיך לאָזן קיניגן — האָט ער צו זיך גערעדט — אין פיר יאָר אַרום וועט מיין געטאָ גיין ווי אַ זשייגערל. און אַז היטלער וועט זשיגן, וועט ער יידן אָפּגעבן ארץ־ישראל און מיך וועט ער מאַכן פאַר קיישער. ארץ־ישראל איז פון שטענדיק אָן מיין חלום, און דאָרט וועל איך קיניגן."

* * *

פרילינג צייט, ווען די זון האָט צעשמאָלצן דעם שניי און אויפ־

געטייעט די ערד, זיינען געהאנגען אויף די ווענט צווייערליי פלא־
קאטן מיט דעם „קייסער“ רומקאָווסקיס אונטערשריפט. איין פלאקאט:
„יידן זאָלן נישט גרינגשעצן זייערע פאַראָרדענונגען. זאָלן געהאַרכזאַם
זיין. זאָלן זיך צושטעלן צו דער געהעריקער צייט אַרויסצופאָרן פון
געטאָ“, און דער צווייטער פלאַקאַט האָט מודיע געווען „אַז דער
„קייסער“ פאַרקויפט צו זיינע יידן דורך זיין „אַגראָנאָם־אָפּטייל“
„דזשיאלקעס“ (שטיקלעך ערד).

לויטן געזעץ וואָס דער „קייסער“ מיט זיינע מענטשן האָבן
אויסגעאַרבעט אויפן פּאַפּיר, האָט יעדער ייד רעכט געהאַט צו דינגען
איבערן זומער דרייסיק קוואַדראַט מעטער באָדן. אָבער רומקאָווסקיס
מענטשן האָבן צווישן זיך איינגעטיילט דעם גאַנצן באָדן און זיי
האָבן אַרויפגעצווינגען אויף זייערע אַרבעטער אַז זיי זאָלן פאַר זיי
אומזיסט באַאַרבעטן די גרויסע פעלדער. און די פעלדער זיינען טאַקע
געראָטן מיט כל טוב.

כדי יידן זאָלן באַקומען השק אַרויסצופאָרן פון געטאָ, האָט
רומקאָווסקי געלאָזט כשרן אַן אויוון צו באַקן מצות; און יעדער,
וואָס האָט זיך צוגעשטעלט צום זאַמלפּונקט, האָט באַקומען אַ פּאָר־
ציק מצות. טייל יידן האָבן אין דעם געזען אַ גוטן סימן: „ווען מען
וואָלט אונדז געשיקט צום טויט וואָלט ער דאָך אונדז נישט מיט־
געגעבן קיין מצות“ — האָבן יידן געטייטשט. און טויט אויסגע־
הונגערטע האָט די מצה געלאָקט — זי איז געוואָרן אַ פּאַרפיר־ליכטל.
טייל יידן האָבן די מצות מיטגעפירט כדי זאָלן דאַרטן ווו זיי וועלן
אָנקומען נישט דאַרפן עסן קיין חמץ אין פסח.

אין יענע טעג האָט מען אויפן וועג צו „מאַרישין־ראַדאָגאָשטש“
געזען זיך ציען צו די טויט־וואַגאָנען: באָבעס, זיידעס, טאַטעס,
מאַמעס מיט קינדערלעך אויף די הענט, מיט קינדער ביי די הענט
און סתם יונגע, געזונטע מענטשן, אַלע מיט געלע לאַטעס מיט פּעק־
לעך און פּלעצאַקעס. הונדערטער רייען האָבן זיך געצויגן אויף זייער
לעצטן מאַרש, געהיט פון רומקאָווסקיס פּאָליציי. און אויף די מאַ־
רישינער־פעלדער האָבן דעם „קייסערס“ אויסדערוויילטע מיט זייע־
רע שקלאַפן־ברידער, באַאַרבעט גרויסע שטחים פעלדער.

אַרום דעם „קייסערס“ ווינטער רעזידענץ

בלושטיין איז איבערגעשיקט געוואָרן צו היטן דאָס פעלד אַרום
דעם „קייסערס“ ווינטער־רעזידענץ. אין הויף האָט זיך געפונען דער
„זאַטלער־רעסאָרט“, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט פאַר די דייטשן
זאַטלען. אויפן הויף איז געווען אַ גרויסער גאָרטן, ווו עס האָבן

געוואקסן ירקות. דאַ האָבן זיך אויך געפונען מאַגאַזינען, שאַפעס און אַ שטאַל פאַר דעם „קייסערס" פערד, קי און ציגן.

אויף צו צעאַקערן דאָס פעלד האָבן די דייטשן אויסגעבאָרגט דעם „קייסער" אַן אַקעראייזן און אַ פאָר פעטסטע פערד. געטריבן די פערד און געאַקערט האָט אַ ייד אַ זקן, וואָס האָט גוט געקענט די מלאכה. דער פאַרוואַלטער, וואַליער, האָט ער געהייסן, האָט אים אונטערגעטריבן. פון דעם ייד האָט זיך געגאָסן שווייס. ער האָט אים פאַר זיין פליסיקער און שווערער מלאכה צוגעגעבן אַ זופּ. אויף אַ האַלבן פעלד האָט מען פאַרזעצט קאַרטאָפל. דער „קייסער" האָט אַריינבאַקומען די רויטע אַמעריקאַנער קאַרטאָפל, וואָס ווערן פרי צייטיק, און אַ האַלב פעלד האָט מען פאַרזעצט מיט קנאָבל.

דער אויפזעער איבער די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען בלויז פרויען, צוגעשיקטע פון אַרבעטס־אַמט, איז געווען איינער דוואָרעצקי, אַ פויערן־יונג, אַ געזונטער און קרעפטיקער. ער האָט געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען און שלאָגן די פרויען. דאָס געוויין פון די געשלאָגענע פרויען האָט אין בלושטיינען דערוועקט גרויס רחמנות. האָט ער דערציילט וואַליערן ווי אוממענטשלעך דוואָרעצקי באַגייט זיך מיט די פרויען. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיי מיט דעם העלפן, אָבער וואַליער האָט צוליב דעם געוואָרפן אַ חשד אויף בלושטיינען, וואָס פאַרקוקט ניט און פאַרשווייגט ניט אַזעלכע זאַכן און דאָס שטיקל נעבעכדיקע ברויט, וואָס מען האָט באַקומען, האָבן די פרויען זיך מיטגעברענגט צו דער אַרבעט כדי מיטאָגצייט זאָלן זיי קענען עס עסן מיט אַ קנאָבעלע. ביים אַריינזעצן האָבן טייל פון זיי עטלעכע קנאָבעלעך נישט טיף אַריינגעזעצט, און געמאַכט לעבן דעם אַ סימן, אַז ווען זיי וועלן גיין אויף מיטאָג, זאָלן זיי קענען מיטנעמען מיט זיך די קנאָבעלעך. קנאָבל דערכאַפּט דאָס הארץ, און קנאָבל דערהרגעט די מיקראָבן. דער פאַרוואַלטער וואַליער, איז אָבער געקראָכן אין דרויסן אונטערן פלויט און דורך די שפּאַרעס — נאָכגעשפּיאָנירט, וואָס די פרויען טוען און ער האָט געזען אַלץ געזען. האָט ער נישט דערלאָזט אויפעסן דעם פרעזעס'עם אַ קנאָבעלע און די פרויען באַשטראָפט פאַר אַזאַ „פאַרברעך". וואַליער האָט נאָך געהאַט טענות צו בלושטיינען פאַרוואָס ער מאַכט זיך נישט זעענדיק אַזעלכע „פאַרברעכנס" און דער עיקר, פאַרוואָס זיינען די אַרבעטער מיט אים גאַנצע „שמעלקעס".

* * *

אַרום דעם „זאַטלער־רעסאָרט" האָבן זיך געפונען שאַפעס, ווו די דייטשן האָבן אַריינגעוואָרפן די מלבושים און וועש פון די אויסגעקוילעטע יידן אין די געטאָס אַרום לאָדזש. רומקאָווסקי האָט אויך

געוואָלט קיניגן איבער אַלע געטאָס אַרום לאָדזש. די לאָדזשער געטאָ האָבן די דייטשן טאַקע אָנגערופן: „האויפּט-יודען-שטאַט.

נעבן די שאַפעס האָבן זיך געצויגן די עלעקטרישע דראָטן צום „קייסערס“ ווינטער-היים. דריי פּאָליאַקן האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביי די דראָטן, איינער אויבן אויפן סלופּ, דער צווייטער — אונטן, און דער דריטער — אַן אינספּעקטאָר. זיי איז נישט דערלויבט געווען צו ריידן מיט די יידן. אָבער דער אינספּעקטאָר האָט געהאַלטן אין איין חוזקן: „אייך, יידן, איז גוט! איר האָט אַ קייסער!“ עס איז אָנגעקומען אַ יינגל מיט אַ שיין שעכטעלע. האָט ער אים אָפּגע־שטעלט, צוגענומען דאָס שעכטל, און עס אויפגעעפנט.

„וווּ גייסטו?“ — האָט ער אים געפרעגט.

„צום הערן פּרעזעס“ — האָט אים דאָס יינגל געענטפערט.

„אהאַ, צום קייסער!“ — ער האָט אַרויסגענומען פון שעכטל אַ בינטל רויטע ראש-חודש-רעטעכלעך. דאָס האָט פאַר בלושטיינען אויפגעבליצט ווי אַ זאַך עפּעס נישט פון דער וועלט: „יאָ, ביכורים! אַז יידן האָבן אַ „קייסער“, ברענגט מען אים די ערשטע צייטיקע גרינסן און פּירות“ — האָט ער אין זיך איראָניזירט.

„איר זעט! — שרייט דער פּאָליאַק — וואָס ער ברענגט! וואָס מען שיקט פאַר אייער „קייסער“! אים פעלט גאָר נישט! עסט עס בעסער אַליין אויף! זייט נישט קיין נאַראָנים, זשידקעס!“

די „ביכורים“ האָבן רומקאָווסקין זיינע מענטשן פון מאַרישין געשיקט. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן, מחמת פאַר רעדן מיט נישט קיין ייד איז געקומען טויט-שטראָף. דער פּאָליאַק האָט געזען די שרעק ביי די יידן, האָט ער אַרויסגענומען איין רעטעכל און עס אָפּגעגעבן דעם יינגל: „נאַ, עס!“ דאָס יינגל האָט געציטערט, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. ענדלעך האָט דער אינ־ספּעקטאָר צוגעמאַכט דאָס שעכטעלע און אים צוריקגעגעבן. דאָס יינגל האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און איז אַוועק מיט די „ביכורים“ צום „קייסערס“ פּאַלאַץ.

בלושטיין האָט יעדן טאָג אַהיימגעטראָגן אַ ביסל גראָז פון פעלד אָפּצוקאָכן אַ זופּ. ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעקאָכט דאָס גראָז מיט טיי-זאָדע, אָפּגעזייעט, דערנאָך אָפּגעקאָכט מיט אַנדער וואַסער און געגעסן. וואָס מער ער האָט געגעסן דאָס גראָז אַלץ שוואַכער איז ער געוואָרן. זיין הויט האָט אויסגעזען ווי טויט-גראָז. אַנדערע זיינען אויך געקומען רייסן גראָז — האָט מען זיי פאַרטריבן. בלו־שטיין האָט געקענט נעמען וויפיל ער האָט נאָר געוואָלט. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז ער וועט פון דעם שטאַרבן, האָט ער אַוועק־געוואָרפן דאָס דאָזיקע „גליק“.

איינמאָל האָט בלושטיין ווידער געהערט געוואַלד־געשרייען פון די פרויען אין גאָרטן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דוואָרעצקי האָט ווידער וועמען פון זיי געשלאָגן. האָט בלושטיין זיי געוואָלט העלפן, און ער האָט עס דערציילט דעם פאַרוואַלטער, וואָליערן. צומאָרגנס האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיין ביוראָ, אַז ער ווערט איבערגע־טראָגן אויף אַ צווייטער „פּלאַצוווקע".

בלושטיין האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען דעם פאַר־וואַלטערס שטיקל אַרבעט. ער האָט פון דעם געהאַט גרויס עגמת נפש, ווייל זומער איז בעסער צו זיין אויף דער לופט; און ווען דאָס פעלד וועט אויפגיין — וואָלט ער אויך געקענט עפּעס כאַפּן אין מויל אַריין. אָבער דאָ דאַרף מען האָבן אַזאַ מענטש, וואָס הערט נישט, זעט נישט, פילט נישט און רעאַגירט נישט. און בלושטיין איז גע־וואָרן איבערגעטראָגן אויף אַ נייעם פּאָסטן אין „כעמישע אָפּפאַל־פערוווערטונג".

פאַרנאַכט, איז דער חבר זיידע געקומען צו בלושטיינען און זיי זיינען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. בלושטיין האָט זיך פאַר אים פאַר־קלאָגט, וואָס מען האָט אים שוין ווידער געטוישט די פּלאַצוווקע. זיידע האָט אים געטרייסט און דערמוטיקט. אויפן וועגן האָבן זיי געזען זיצן אויף דער ערד ביי דער תפיסה „טשאַרניעצקיעגאָ" לאַנגע רייען יידן פון מערב־אייראָפּע, מיט זייערע פּעק, פּלעצאַקעס, וואַ־ליזקעס און גרויסע קופערטן. זיי האָבן באַקומען איינלאַדונגען אַרויס־צופאָרן אויף „אַרבעט" פון געטאָ. האָבן זיי זיך צוגעשטעלט צו דער געהעריקער צייט. זיי האָבן געזאָגט: „ערגער ווי אין לאָדזשער גע־טאָ קען שוין נישט זיין". און זיי האָבן אויסגערעכנט אויף די פינגער וויפיל ברויט און פוטער, מאַרגאַרין, פלייש, גרינצייג און קאַרטאָפל זיי וועלן אַלץ באַקומען אויסערן געטאָ פאַר די מלבושים, שיך, וועש און ווערטפולע זאַכן, וואָס זיי פירן מיט. די נאַיווע מענטשן האָבן גע־בעך געגלויבט, אַז מען שיקט זיי אויף אַרבעט. זיי זיינען אָבער גע־שיקט געוואָרן קיין אוישוויץ פאַרברענט צו ווערן.

האָט זיך זיידע אָנגערופן: „זעסטו בלושטיין, די „יעקעס", אַ סך פון זיי האַלטן נאָך אין איין שרייען: „מיר זיינען נישט קיין יודען! — די אָסט־יודען זיינען יודען! מיר זיינען דייטשן!" זיי גלויבן נאָך אַלץ אין דער דייטשער־קולטור, אין דער דייטשער־ציוויליזאַציע און טעכניק. ווזהין זיינען זיי דערגאַנגען מיט זייער „קולטור"? צו מאָרדן אומשולדיקע־מענטשן, זקנים, פרויען און קינ־דער. מיט דער לעצטער־טעכניק־דערפינדן פון דייטשישן־„געניאַלן"־גייסט — אין גאַז־קאַמערן! זיי פליען שוין אין די הימלען אָבער

זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אויף דער ערד אין די בלוטדורשטיקסטע-חיות".

„דאָס איז אַלץ דערפֿאַר — האָט אים בלושטיין געענטפֿערט — ווייל זייער ציוויליזאַציע, זייער וויסנשאַפֿט איז נישט פֿאַראייניקט מיט דער יידישער פֿילאָזאָפֿיע. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „יעדער מענטש דאַרף וויסן, אַז ער קומט פֿון דער ערד און זיין סוף וועט זיין אין דער ערד און, אַז ער איז געגליכן צו אַ צעבראָכענעם שאַרבן, אַזוי ווי פֿאַרטריקנט גראָז, אַזוי ווי אַ שאָטן פֿון אַ פֿאַרבייגייענדיקן וואָלקן און אַזוי ווי אַ ווינט, וואָס ווייעט אַ דורך, אַזוי ווי שטויב וואָס פֿליט אַוועק". ווען מען זאָל אָט די יידישע פֿילאָזאָפֿיע לערנען מיט יעדן מענטש און יעדער מענטש זאָל זיך דאָס איינחזרן יעדן טאָג, וואָלט יעדער צעפֿרידן געווען מיט דעם, וואָס ער האָט און קיינער וואָלט נישט געוואָלט האָבן צופֿיל און ס'וואָלטן נישט געווען קיין מלחמות, קיין גניבות, קיין גזילות און מען וואָלט נישט געמאָרדעט און עס וואָלט געווען אַ גן-עדן אויף דער וועלט..."

„וועט די וויסענשאַפֿט און טעכניק — האָט זיידע אויסגעשריגן — נישט גיין פֿאַראייניקט מיט עטישע חכמה, איז די וועלט באַנקראָט! מיט אַלע זייערע דענקער און וויסנשאַפֿטלער קענען זיי חלילה אומברענגען די וועלט! אָבער איך גלויב אַלץ, אַז די מענטשהייט וועט זיך באַזינען און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן! אָבער דערווייל שלעפּט מען דאָס יידישע פֿאָלק קיין אוישוויץ! אָבער די וועלט וועט דאָך אויסגעלייזט ווערן!"

„פֿאַרפֿאַלן, זיידע — האָט בלושטיין אים געענטפֿערט — מיר לעבן שוין אין אַזאַ וועלט פֿיר טויזנט יאָר און מיר וועלן ווייטער לעבן און, מיר וועלן ווידער שאַפֿן פֿאַר דער מענטשהייט. בדמיך חיי! אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן! סוף כל סוף וועט די מענטשהייט מוזן אָננעמען אונדזער פֿילאָזאָפֿיע און דעמאָלט וועט משיח האָבן געקומען. אָבער דערווייל איז בדמיך חיי!"

נאָכוואָרט פון מחבר

ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן די נאָוועלע „דער „קייסער" אין געטאָ", האָב איך געמיינט, אַז דאָס וועט זיין אַ בוך פון אַ צוויי הונדערט זייטן. אָבער די נאָוועלע איז אויסגעוואַקסן צו אַריבער פינף הונדערט זייטן. צוליב דעם יקרות פון פּאַפּיר און דרוק בין איך געצווונגען אַרויסצוגעבן די נאָוועלע אין צוויי ביכער. ווען איך וואָלט נישט אַזוי געטאָן איז, ווער ווייס צי די נאָוועלע וואָלט אַמאָל געקענט דערשיינען. מיטן פּאַרקויפן דעם ערשטן טייל וועט באַלד קענען אַריין אין דרוק דער צווייטער טייל. אָבער דער ערשטער טייל איז אייגנטלעך אַ גאַנץ בוך פאַר זיך אַליין.

איך האָב מיך באַמיט מיט אַלע כוחות אַרויסצוברענגען דעם אמת פון דעם לעבן אין דער לאָדזשער-געטאָ: די ליידן, פּיין, פאַר־צווייפלונג — בטחון און הומאָר פון אירע גוטע און שיינע זייטן און פון שיינע העלדן, ביז פאַררעטער, וואָס האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון אונטער די נאַציס. פון אַ קינד — ביז אַ זקנה, פון אַ זונה — ביז אַ צדיקת, פון רשעים — ביז צדיקים, פון אונטער־וועלט — ביז אידעאַליסטן, קינסטלער און פּאַרטיי-טוער.

די לאָדזשער געטאָ וויל מען פאַרשעמען ווייל דאָרטן איז נישט פאָרגעקומען קיין אויפשטאַנד ווי למשל אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס, האָב איך מיך באַמיט צו דערציילן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען. אָבער אין לאָדזשער געטאָ זיינען פאָרגעקומען פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס און פּערמאַנענטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קאַמפן. קאַמף פאַר קולטור און בילדונג און קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט.

איך האָב מיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון דעם היינטיקן קאַזיאָ־נעם פאַלשן איינשטעל פון די מכלומרשטע אוהבי ישראל, וואָס זיי באַמיען זיך צו פאַראייביקן דעם גרעסטן חורבן פון יידישן פאָלק אין אַ פאַלש ליכט. איך האָב זיך געלערנט פון אונדזערע אַלטע הייליקע ספרים: ירמיהו האָט נישט מורא געהאַט צו דערציילן אין איכה, אַז אַ מאַמע האָט נעבעך צוליב הונגער — אין חורבן ירושלים —געשאָכטן איר קינד, עס אָפּגעבראָטן און געגעסן. און יידן האָבן איכה פאַרהייליקט און מען לייענט זי יעדן תשעה-באב אין מקום קדוש. (יוזעפיוס פלאַוויוס דערציילט אויך דעם דאָזיקן פאַקט אין זיין „די גרויסע יידישע מלחמות").

און נישט נאָר אין ירמיהו, אויך אין אַנדערע שטעלן אין תנ"ך ווערן אויך דערציילט נישט קיין שיינע מעשים פון יידן, דאָך איז דער תנ"ך פאַרהייליקט, ווייל אַזוי איז דער מענטש און דער ספר דאַרף שילדערן דעם מענטש מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות — אַרויסברענגען דעם אמת. אַזוי האָב איך געפּרוווט טאָן, ווי אַ יידישער

שרייבער לעבנדיק אין מיטן דעם חורבן. מענדעלע מוכר ספרים, האָט אויך דערציילט דעם אמת וועגן די „טרייטל בעל טאַקסעס", א. א.

איך האָב „דער „קייסער" אין געטאָ" געשריבן אָן שום אָרנאַ־מענטיק, אָן שום באַפּוצונגען „דברים כהוויתם", פּונקט ווי מיין „אַ **קאַץ אין געטאָ". אָט וואָס ש. ניגער האָט געשריבן אין „טאָג":**

„...ירחמיאל בריקס „אַ קאַץ אין געטאָ" קען מען לייענען אי ווי אַ דערציילונג און ווי אַ כראָניק. דאָס איז — דערהויפּט פאַר אַ יונגן שרייבער — אַ מדרגה. מען דאַרף קענען דערציילן אַ מעשה, וואָס זאָל זיין אַזוי אמתדיק ווי אַ כראָניק, אָדער אָנשרייבן אַ כראָ־ניק, וואָס זאָל זיין אַזוי גאַנץ און געשלאָסן, ווי אַ קינסטלערישע דערציילונג. ירחמיאל בריקס האָט באַוויזן אָנצושרייבן אָט די אמתע מעשה, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ בייזן חלום אָדער אַ גראָטעסקער אויסטראַכטעניש; ער האָט באַוויזן „אויסצוטראַכטן" אָט די ווילדע געשיכטע וואָס איז אָן אמת..."

און „דער „קייסער" אין געטאָ" איז אויך: „אַ מעשה, וואָס איז **אַ כראָניק און אַ כראָניק וואָס איז אַ מעשה".**

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו די חשובע קאָלעגן י. באַשעוויס, יעקב גלאַטשטיין, פּעסיע כהנא, מרדכי יאָפע, אהרן צייטלין, פאַר זייער באַקענען זיך מיט דעם מאַנוסקריפּט און פאַר זייער דערמוטיקונג. איך פיל אַ ספּעציעלן חוב צו מיין פריינד דעם חשובן דיכטער און עסייאיסט און ערלעכן מענטש ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט זיך באַקענט מיט דעם ווערק ווען עס איז נאָך געווען אין פראַגמענטאַרישן צושטאַנד און ער האָט מיך דערמוטיקט און געגעבן גוטע עצות. אַצינד האָט ער נאָכאַמאָל געלייענט דאָס ווערק איידער ס'איז געווען געדרוקט. ער האָט אָוועקגעגעבן אַ סך צייט און דאָס ווערק האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט. דאָס וואָס אַזאַ ליטע־ראַטור־קענער איז אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט פון דעם ווערק באַווייזט, אַז מיינע צען יאָר אַרבעט זיינען נישט אַוועק לאיבוד...

איך בין אויך דאַנקבאַר מיינע לייענער, די וואָס האָבן אין פאָרויס אַבאָנירט דאָס דאָזיקע בוך און מיט דעם האָבן זיי צוגעהאָלפן, אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען.

איך האָף אַז דער לייענער און דער ליטעראַטור קריטיקער וועלן — מיט ניט קיין קלענערע באַגייסטערונג אויפנעמען מיין „דער „קייסער" אין געטאָ" ווי זיי האָבן אויפגענומען מיין ערשט בוך נאָוועלן „אויף קידוש השם", „אַ קאַץ אין געטאָ" און „בערעלע אין געטאָ", וואָס זיינען דערשינען אין יידיש־קודש אין פיר אויפלאַגעס און זיינען אויך דערשינען אין ענגליש. זאָל מיין ניי ווערק מיך ווידער צונויפברענגען מיטן לייענער.

ניו יאָרק, תשרי תשכ"א, 9טער אָקטאָבער 1960 **ירחמיאל בריקס**

אינהאַלט:

	זייט
אויטענטישע בילדער פון לאָדזשער געטאָ	
ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן מחבר	I
די „קאַץ" און דער „קייסער" (עסיי) פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי	V
יידן, אין געטאָ אַריין!	7
מען כאַפּט אויף אַרבעט	11
דעם „קייסערס" ערשטע טעג אין זיין „מלוכה"	16
דער „קייסער" פּאַרט	21
דעם „קייסערס" משרתים	23
דער חבר זיידע	27
די פּאַרטיי קיכן	37
אינדערפרי אין געסל	43
„זאַשילקאָווצעס" פון „ביינער־מאַרקן"	52
ברויט	55
ווינטער־ראַציע	61
בלושטיין זוכט אַרבעט	64
די חברטע רעגינע	72
די פּראָוואָקאַציע	77
אַ קינד	79
די דעמאָנסטראַציע	90
דער „קייסער" גיט אַרויס באַפעלן	98
„טשאַרניעצקיעגאָ"	102
די „קריפּאָ"	109
דאָס שאַפן האָלץ מאַטעריאַל	121
אַ בקשה וועגן אַרבעט	125
אין דער שניידער קיך	126
אַ פּאָסטן	137
אויף דער פּלאַצוווקע	154
די שכנים פון דער פּלאַצוווקע	156
פּאַרנאַכט	171
דער הויף	172
ביינאַכט אויפן הויף	176
אַ קינדער שפּיל אין געטאָ	193
אַ קראַנקן־טאַלאָן	197
דאָס „גליק" מיט קאַרטאָפל	201
אַ שאַנק אין געטאָ	202
באַשטראָפט	210
קאַרטאָפל	212
די ערשטע אויסזידלונג	215
אַ פריילעכמאַכער אין געטאָ	217
אַ צוזאַמענטרעף	220
אין פייפער געסל	230
שבת אין חסידים שטיבל	233
אַרום דעם „קייסערס" ווינטער רעזידענץ	241
נאָכוואָרט	246